This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

3

1980

היימלאַנד

לייענט אינעם נום. 4
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

צום 110־טן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין

לידער פון סאָוועטישע ייִדישע דיכטער וועגן לענינען

מ. לעוו. דער מישפּעט נאָכן אורטייל (ראָמאַן, פאָרזעצונג)
י. ראבין. ראָזע קאַדיש און איר זון (ראָמאַן)

דערציילונגען פון וו. יעריאָמענקאָ, ב. מאָגיל־נער

לידער פון כ. ביידער, א. ווערגעליס, ל. ווי־שעסלאווסקי

כ. מעלאמוד. דער שרייבער און זיינע העלדן (ליטעראַרישער פּאָרטרעט פון נאָטע לוריע)

■

ביילאַגע: בראָכע און אהרן בורשטיין. דאָס ערשטע פעלד

סאָוועטיש היימלאַנד

▪

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

▪

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

▪

דערשײַנט פון 1961

▪

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

מאַרט

1980

אינהאַלט

צום 110־טן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין

יא. גאָרעליק. אלפאָלקישע ליבע (לויט די בריוו צו לענינען) 3
וו. יאקימענקאָ, יע. קאמינסקאיא. איינער פון די ערשטע. 5
ווערק פון אויסלענדישע שרײַבער. ד. סעלצער (פּשאַ) זילבערנע סאזשלקעס; לידער פון ע. רימער (בוענאָס־איירעס), ס. ליפּצין (ניו־יאָרק), ד. טייטלבוים (פּאריזש), כ. שווארץ (לאָס־אנדזשעלעס), ל. מילער (פּאריזש). 10
מישע לעוו. דער מישפּעט נאָכן אורטייל (ראָמאַן) . 40
מישע מאָגילעוויטש. אף דער לאָנקע פון מײַן הארץ (לידער) 72
דאָוויד דראגונסקי. עלף זײַנען מיר געווען; דאָס אייביקע פײַער (דערציילונגען) 75
אווראָם גאָנטאר. פונעם בוך „אין לאנד פון זי־קאָרן״ (לידער) 94
פובליציסטיק. גענריקאס זימאנאס. דער אנטי־ייִדישער טאָך פון דער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פון ציוניזם 98
מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. פּאטריציא באַטיסטא. אורוגווײַ — א קיניגרײַך פון טעראָר . . 111
ליטעראַרישע געדענק־דאטעס. שלוימע מיכאָעלס (1890—1948); ייִצכאָק־יויעל לינעצקי (1839—1915); נאָכעם שטיף (1879—1933) 117
טאטיאנא זנאמענסקאיא. די פּאראדאָקסן אין דער שאפונג פונעם שרײַבער סאָל בעלאָו. 129
רעצענזיע. ר. בראָדסקי, יו. שולמײַסטער. צי איז דאָס אן אויסגעבעסערטע אופלאגע? 139
געלייענט אין דער צײַטונג „פּראווּדא״. וויקטאָר טעלפּוגאָוו. א וועלט|א גרויסע און א ראכוועס־דיקע (נאָטיצן וועגן ארן ווערגעליסעס פּאָעזיע) . . 143
בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען. צאלעל בליץ. וווּהין גייט דער זשורנאל „ייִדישע קולטור?״; ש. בוים. וועמען געפעלן זייערע רעכילעס און ליגנס. 145
אונדזערע אינטערוויוען. ייִדישע שפּראך אין די שולן פון בירא־בידזשאַן. 150
כראָניק 151, 153
אונדזער רעפּליק. אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו. די „דאמע פון בראָדוויי״ גריבלט זיך מיטן גראָבן פינגער. 152
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. מאריִא טשעגאָדאַיעווא. וועגן ה. אינגערס שאפונג. 154
לייבווילסקער. א ביכער־אויסשטעלונג אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק. 157
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור 159
פאר די, וואָס לערנען ייִדיש. 160
רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרײַבמאַן

אַלפֿאָלקישע ליבע

לויט די בריוו צו לענינען

אין די איצט שוין ווײַטע פון אונדז יאָרן נאָך דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, ווען די יונגע סאָוועטן־רעפּובליק איז ארויס א זיגערן פונעם בירגערקריג און איז צוגעטראָטן צו אופשטעלן די פֿאָלקסווירטשאַפט, פלעגט וו. אי. לענין אָפט ארויסטרעטן מיט רעדעס אויף מאסן־מיטינגען. די, וועמען עס האָט אָפּגעגליקט אים צו זען און הערן, וועלן קיינמאָל ניט פארגעסן די וואַרעמקייט פון זײַנע אויגן, זײַן קלוגשאַפט און האַרציקייט. א טיפן שפּור האָט ער איבער־געלאָזט אין זיקאָרן, אינעם באַוווסטזײַן, אין די נעשאָמעס. ווער פון לענינס מיטצײַטלער עס האָט אים ניט געזען, האָט זיך געסטאַרעט כאָטש אָנשרײַבן אים א בריוו.

בלעטערנדיק אַצינד די רויטאַרמייִשע בריוו צו לענינען, צונויפגעזאַמלטע אינעם בוך „דעם פירער, פרײַנט, קעמפער", וועלכער איז דערשינען אינעם פארלאַג פון דעם שוץ־מיניס־טעריום אין 1970, קאָן מען זען, ווי יעדע שורע איז דורכגעדרונגען מיט א געפיל פון גרויסער דאַנקבאַרקייט צום גרינדער פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מעלוכע.

די בריוו זײַנען דערשיטערנדיקע מענטשלעכע דאָקומענטן. זיי דערציילן וועגן דער צײַט, ווען עס האָט געלעבט און געשאַפן דער גרויסער לענין, זיי מאָלן זײַן אומפארגעסלעך גע־שטאַלט. די בריוו באַווײַזן, ווי ענג עס איז געווען געקניפּט און געבונדן דאָס פאָלק און זײַן פירער, מיט וואָס פאַר א ליבע זיי זײַנען געווען פארייניקט.

אָט זײַנען עטלעכע אויסצוגן פון בריוו און טעלעגראַמעס, אַדרעסירטע לענינען:

„די פײַערלעכע זיצונג פון די רויטאַרמייער דעם 11 יאַנוואַר האַיאָר, געווידמעט דעם יאָרצײַט פונעם הערויִשן אומקום פונעם דיוויזיע־קאָמאַנדיר קיקווידזע, האָט באַשטימט פאַ־רעכענען דעם פאָרזיצער פונעם ראַט פון פאָלקסקאָמיסאַרן, דעם כאַווער לענין אלס ערן־שי־סער אין די רייען פון דער דיוויזיע. איך בעט די האַסקאָמע פונעם כאַווער לענין, קעדיי באַ־שטעטיקן די דאָזיקע באַשטימונג מיט א באַפעל. מעדוועדאָווסקי".

דעם 18 אויגוסט 1921 באַפולמעכטיקט די ערשטע אומפאַרטייִשע רויטאַרמייער־קאָנפע־רענץ אין טאַמבאָווער גובערניע דעם פרעזידיום איבערצושיקן א טעלעגראַמע לענינען:

„מיר, רויטאַרמייער, וועלכע האָבן געמאַכט א סאָף מיט די עסערישע באַנדעס, זײַנען איבערצײַגט, אַז מיר וועלן אויך מאַכן א סאָף מיט דער צערוינירטערווירטשאַפט. מיר גלייבן אײַך, טײַערער פירער, מיר זײַנען באַוואָרנט, אַז איר פירט אונדז אויפן וועג, וואָס וועט ברענ־גען אַלע אַרבעטנדיקע צו א גליקלעך לעבן. מיר וועלן אויספילן אַלץ, וואָס עס פאָדערט פון אונדז די רעפּובליק. א טויט דעם קאַפּיטאַליזם! זאָל לעבן די ערשטע אין דער וועלט אַרבע־טער־פויערישע סאָוועטנמאַכט!"

די פּאָליט־פאַרוואַלטונג פונעם באַלטישן פלאָט שיקט לענינען אַזא טעלעגראַמע:

„טײַערער איליטש! מיר זײַנען שטאַרק צופרידן, וואָס דײַן געזונט־צושטאַנד פאַרבעסערט זיך, מיט אומגעדולד וואַרטן מיר אויף דער רעגע, ווען דו וועסט ווידער זיך שטעלן צום רו־דער..."

אונטערגעשריבן: סמירנאָוו און בעלסקי.

„מיר, די רויטע פּאַטאָגערן פונעם מײַרעוו־פראָנט, — לייענען מיר אין אַן אַנדער טע־לעגראַמע צו לענינען, — באַגריסן אײַך הייס מיטן געבורטסטאָג און ווינטשן אײַך וואָס גיכער באַזיגן אײַער קרענק און זיך אומקערן צום רודער פון דער רעוואָלוציע — אײַנשליסן זיך אין דער פּרוכטבאַרער אַרבעט צום גליק פון אַלע אונטערדריקטע אויף דער ערד". די טע־לעגראַמע איז דאַטירט מיטן 23 אַפּרעל 1923.

„מיר זײַנען שטענדיק גרייט לויט אײַער ערשטן רוף אויסצופילן אונדזער רעוואָליוציאָנערן כויוו. פּאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ פון דער אכטער כאַרקאָווער שיסער־בריגאַדע גענדלער”.

לענינען האָבן געשריבן מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. רירנדיקע טעלעגראַמעס זײַנען אָנגעקומען פון סיביר, פון טולע, פון מאָסקווע, פון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַינע, פון סעוואַסטאָפּאָל און דושאַנבע, פון סעמיפּאַלאַטינסק און קאַווקאַז — פון אומעטום, פון אַלע ווינקעלעך פון דער סאָוועטישער ערד.

די אָנפירער פון די טאַשקענטער מוסולמענישע פּעכאָטע־קורסן נאַגײַבאַקאָוו און אַמערכאַנאָוו שרײַבן לענינען, אַז דער כויוו פון די מוסולמענישע קאָמאַנדיר־קורסן וועט אויסגעפילט ווערן. די קאָמאַנדירן, וועלכע לערנען זיך איצט אַף אָט די קורסן, וועלן טאָן אַלץ, כּדי אָפּוועקן דעם מיזרעך צו דער פרײַהייט און אַראָפּוואַרפן פון אים דעם שווערן יאָך פון עם קאַפּיטאַל.

העכער פיר הונדערט פּופציק בריוו שליסט אין זיך אײַן די זאַמלונג „דעם פירער, פרײַנט, קעמפער”. דאָס איז בלויז א קליינער טייל פון די בריוו און טעלעגראַמעס, וועלכע די רויט־אַרמייער און קאָמאַנדירן האָבן געשיקט צו לענינען אין די יאָרן 1918—1924.

אופריכטיק און טיף, פּראָסט און רירנדיק איז אויסגעדריקט די אַלפאָלקישע ליבע צו לענינען אין אָט די דאָזיקע בריוו און טעלעגראַמעס. לענין לעבט אין די הערצער פון מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן, עס ווערט ניט פאַרלאָשן אָט דאָס אייביקע פײַער פון ליבע און טרײַשאַפט צום לעניניזם.

לענין איז געווען דער ערשטער אין דער געשיכטע מעלוכע־טוער, וועמען דאָס פאָלק האָט אומבאַגרענעצט געגלייבט, מיט וועמען דאָס פאָלק איז געווען ענג פאַרבונדן.

יאַקאָוו גאָרעליק

וו. סעראָוו. יעדיִעס פון דאָרף

איינער פון די ערשטע

מיט גרויס אומגעדולד האָבן די באָלשעוויקעס פון כערסאָן ארויסגעקוקט, אז ליפשיץ זאָל זיך אומקערן פון פעטראָגראַד, וווּהין ער איז געשיקט געוואָרן אלס דעלעגאַט אַף דער דריטער אלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די פראָפּאַריינען.

אין איינעם א יוןֿ־טאָג איז וועניאמין וועניאמינאָוויטש מיט גיכע טריט אַרײַן אין דער שטוב, ווו עס האָבן זיך צונויפגעזאמלט זײַנע כערסאָנער פאַרטיי־כאַווײרים, געגריסט זיך און געבליבן שטיין באַם טיש. זײַנע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד.

די כאַווײרים האָבן אים פאַרשאָטן מיט פראַגן:

— האָסט אים געזען?

— וואָס פאַר א נײַס האָסטו געבראַכט פון פעטראָגראַד?

— באַלד, באַלד, כאַווײרים, באַלד וועל איך אײַך דערציילן וועגן אַלץ.

בליצשנעל, פונקט ווי דאָרט אַף דער קאָנפערענץ אין פעטראָגראַד, האָט אין זיקאָרן באַ אים אופגעלעבט יענע גליקלעכע אומפאַרגעסלעכע צײַט פונעם אָנהייב יאָרהונדערט, ווען ער, א צוואַנציקיאָריקער באָכער, איז אומלעגאַל ארויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, קעדיי צו זײַן באַנאַנד מיט לענינען. וולאַדימיר איליטש האָט אים אײַנגעשלאָסן אין דער ארבעטס־גרופּע פון די איסקראָווצעס. ער פלעגט באַזוכן דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן קרײַז, וואָס לענין האָט געפירט. אונטער לענינס האַזשגאָכע האָט ער דערלערנט די יעסוידעס פונעם מאַרקסיזם.

איצט האָט זיך אים געוואָלט געפינען אויסערסט פײַערלעכע ווערטער, קעדיי צו דערציילן די כאַווײרים וועגן דער באַגעגעניש און וועגן די שטאַרקע געפילן, וואָס ברויזן אין אים.

— לענין שיקט אַלע כערסאָנער א גרוס און ווינטשט אונדז דערפאָלג אינעם ווײַטערדיקן קאַמף.

— זאָג נאָר, וועניאמינאָוויטש, און וולאַדימיר איליטש האָט דיך דערקענט? — האָט געפרעגט איוואַן פּיאָדאָראָוויטש סאָראָקין, דער ערשטער פאָרזיצער פונעם כערסאָנער ראַט פון ארבעטער־דעפּוטאַטן.

— דערקענט, גלײַך דערקענט... ער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט דער לאַגע באַ אונדז און אויך אין ניקאָלײַעוו, אין אָדעס. ער איז געווען צופרידן מיט דער גענויער אינפאָרמאציע, וואָס איך האָב אים איבערגעגעבן, און ער האָט געגעבן א וויכטיקע אייצע, ריכטיקער צו זאָגן, אז דאָס איז ניט קיין אייצע, נאָר א פאָדערונג פון דער פאַרטיי... — ליפשיץ האָט געמאַכט א פּאַוזע. — איר פאַרשטייט, כאַווײרים, מיר דערלאָזן אָן ערנסטן פעלער, זייער אָן ערנסטן. אין אַפּרעל האָבן מיר געשאַפן א שטאָטישע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַן אי באָלשעוויקעס, אי מענשעוויקעס. לענין איז ניט צופרידן, וואָס מיר, באָלשעוויקעס, האָבן זיך נאָך ביז איצט ניט אָפּגעגרענעצט פון זיי. ער האָט אונדז פאָרגעלייגט דרינגענדיק גיין אַף א שפּאַלטונג און שאַפן אָן אייגענע, א זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. לאָמיר, כאַווײרים, באַהאַנדלען, וויאַזוי דאָס צו טאָן.

דער געשפּרעך האָט זיך געצויגן עטלעכע שאָ. לענינס פאָדערונג איז אויסגעפילט געוואָרן. דעם 24 סענטיאַבער 1917 איז פאָרגעקומען די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די כערסאָנער באָלשעוויקעס. אַף דער פאַרזאַמלונג זײַנען בײַגעווען מער ווי 50 פאַרטיי־מיטגלידער. אין באַשטאַנד פונעם שטאָטישן קאָמיטעט זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן די כ׳כ וו. וו. ליפשיץ, אי. פּ. סאָראָקין, מ. מ. זשיוואָטאָווסקי און אַנדערע. פאָרזיצער פון קאָמיטעט איז געוואָרן וו. וו. ליפשיץ.

פון דעמלט אָן האָט די כערסאָנער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע געהאַט א קלאָרע פּאָליטישע ליניע, אָן איינהײַטלעכע מיינונג באַם לייזן וויכטיקע פראַגן. שפּעטער האָט וו. וו. ליפשיץ אָנגעשריבן אין זײַנע דערינערונגען:

„פאַר א קורץ שטיקל צײַט האָבן מיר דעראָבערט אַן אוטאָריטעט בא די ארבעטער און סאָלדאַטן, און די צאָל מיטגלידער פון דער פּאַרטיי האָט דערגרייכט צו 100—110. די מענ־שעוויסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן אײַנפּאַלן, און זי האָט פאַרלאָרן איר באַדײַטונג”.[1]

מיר לייענען די שורעס פון איינער אַן אַנקעטע, וועלכע ווערט פאַרהיט אין ארכיוו (די מערהײַט דאָקומענטן, וואָס האָבן געגעבן א מעגלעכקײַט אָנצושרײַבן אָט די פאַרצייכענונג, געפינען זיך אין צענטראַלן מעלוכישן ארכיוו פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אין צענ־טראַלן ארכיוו פון דער פאָלקסווירטשאַפט און אין ארכיוו פונעם כערסאָנער געגנטלעכן קאָ־מיטעט).

„יאָר פון געבוירן — 1882. אָרט פון געבוירן — אָדעס, כערסאָנער גובערניע. ארײַנגע־טראָטן אין דער פּאַרטיי אין 1901...”

דאָס זײַנען יעדיעס וועגן וו. וו. ליפשיצן.

וועניאַמין וועניאַמינאָוויטש האָט געהערט צו דער רומפולער לענינישער גוואַרדיע, צו די ערשטע, וועגן וועלכע לענין האָט געשריבן: „...מיר גייען אין אַן ענג הײַפל מיט א שטײַלן און שווערן וועג, פעסט אָנגענומען זיך פאַר די הענט. מיר זײַנען ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט סאָנים, און עס קומט אונדז קימאַט שטענדיק אויס צו גיין אונטער זייער פײַער. מיר האָבן זיך פאַררייניקט לויט א פרײַוויליק אָנגענומענעם באַשלוס, טאַקע צוליב דעם, אַז מיר זאָלן קעמפן מיט די סאָנים”...[2]

ער איז אַלט געווען סאַכאַקל זעכצן יאָר, ווען ער איז ארײַנגעטראָטן אין רעוואָליוציאָ־נערן קאַמף. צו יענער צײַט האָט ער נאָרוואָס פאַרענדיקט די אָדעסער האַנטווערקער־שול. ס׳האָט זיך פאַרהיט א דאָסיע פונעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט מיטן נומער 2044 „וועגן אויס־זוכן פערזענלעכקײַטן לויט איניאָנים פון פּאָליטישן כאַראַקטער, בא וועלכע עס דאַרף גע־מאַכט ווערן אַן אונטערזוכונג, און זיי דאַרפן אומבאַדינגט ארעסטירט ווערן”. אין דאָסיע זײַנען פאַראַן 43 בלעטער, זי איז פאַרפירט געוואָרן אין 1898. די ערשטע פאַמיליע אין צעטל איז — ליפשיץ, וועניאַמין וועניאַמינאָוויטש. דערבײַ איז פאַראַן א רעזאָליוציע: „אײַנשטעלן א באַזונדערן אופזיכט פון דער פּאָליציי. געבן צו וויסן וועגן אים דעם שעף פון דער זשאַנ־דאַרמעריע פון דער שטאָט אָדעס און דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט”.[3]

ניט קוקנדיק אָף דעם, וואָס ליפשיץ האָט זיך גאַנץ געניט גענוצט מיט די מיטלען פון קאָנספּיראַציע, איז ער דאָך ארעסטירט געוואָרן. די ערשטע זעקס כאָדאָשים הינטער די גראַ־טעס האָבן זיך געצויגן זייער לאַנג, נאָר איינצײַטיק זײַנען זיי געווען פאַרן יונגן רעוואָליו־ציִאָנער א שול פון פּאָליטישער דערציִונג. די כאַווײרים אָף דער פרײַ פלעגן אויסזוכן א מעגלעכקײַט איבערצוגעבן אים ליטעראַטור. וועניאַמין האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דורכ־געטראַכט דעם שלאַכט־וועג, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט, און אין האַרצן האָט זיך מיט ברייטע פליגל געשלאָגן די פרייד: אין לעבן האָט ער איין ציל, דעם ציל וועט ער דינען מיט זעלבסטאָפּפערונג, ביזן לעצטן אָטעם, ער וועט אים אָפּגעבן אַלע זײַנע קויכעס, זײַן גאַנץ לעבן.

די צאַרישע סאַטראַפּן, זעענדיק, ווי יונג ער איז, און מיינענדיק, אַז ער איז אויך אַזוי אומדערפאַרן, און אַז די טורמע האָט אים „אויסגעניכטערט”, האָבן באַפרײַט ליפשיצן און ארויסגעשיקט אים קיין ניקאָפּאָל אונטערן אופזיכט פון דער פּאָליציי. דעם יונגן רעוואָליו־ציִאָנער האָט אָבער געצויגן אַהין, ווו ס׳איז געווען לענין, ווו עס פלעגט ארויסגיין די „איס־קראַ”. ער קומט אָן אומלעגאַל קיין לאָנדאָן. דאָ געפינט ער זיך אין דער סוויווע פון לענינען, לערנט זיך בא אים, נעמט אָנטייל אין ארויסגעבן די „איסקראַ”, דערנאָך פאָרט ער אריבער קיין פּאַריזש.

לעבנדיק אין אויסלאַנד, פלעגט ליפשיץ ניט איבערײַסן די פאַרבינדונג מיט דער היים. וועגן דעם זאָגן איידעס זײַנע בריוו.

אין מאַרט 1903 שרײַבט ער קיין אָדעס: „אין א וואָך־אַנדערהאַלבן ארום קומט אָן פון לאָנדאָן קיין אָדעס א כאַווער. איך האָב אים געגעבן דײַן אדרעס. צי אים ארײַן אין דער ארבעט, באַקען אים מיט מענטשן פון דער ארבעטער־מאַסע. ער איז זייער א פײַקער און וועט אַנטפּלעקן זײַן ווערט. געלט אָף דער אַבאָנירונג שיק צו לויטן אדרעס. קאַליע”.

קאַליע, ניקאָלײַ — דאָס זײַנען געווען ליפשיצעס קאָנספּיראַטיווע נעמען. ווײַטער לייע־נען מיר אינעם בריוו: „כ׳האָב געקראָגן נײַע כאַווײרים. איך ארבעט אָנגעשטרענגט”.[4]

---

1 פּאַרטאַרכיוו פונעם כערסאָנער געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון אוקראַיִנע.
2 וו. אי. לענין. ב. 6, ז. 9.
3 צענטראַלער מעלוכישער ארכיוו פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.
4 דאָרטן.

נאום ווענימינאָוויטש, וו. וו. ליפשיצעס זון, דערציילט, אַז דאָס לערנען זיך אין לענינס פּראָפּאַגאַנדיסטישן קרײַז, די אַרבעט אונטער לענינס דירעקטער אָנפירונג האָט בײַ זײַן פאָטער געלאָזט אַ טיפן שפּור. שווער איז געווען פאַר אים דאָס צעשיידן זיך מיט לענינען. עס איז אים אָבער פאָרגעשטאַנען אויסצופילן אין רוסלאַנד ערנסטע אויפגאַבן פונעם אויסלענדישן באָלשעוויסטישן צענטער, אָנטיילנעמען אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט אין פּעטערבורג.

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1904. געדיכטע וואָלקנס האָבן זיך געקליבן איבער רוסלאַנד. אַלע האָבן פאַרשטאַנען: אײַנגיכן וועט זיך אָנהייבן אַ שטורעם.

לענינס שאָליעך ווערט אין פּעטערבורג קאָאָפּטירט אין באַשטאַנד פון דעם שטאָט־קאָמיטעט פון רסדאַפּ. אונטערן פּסעוודאָנים לעוו לוואָוויטש אַרבעט ער אַלס פּאַראַנטוואָרטלעכער אָרגאַניזאַטאָר פונעם שטאָטישן, און דערנאָך פון דעם נעווסקער ראַיאָן. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין צוגרייטן די אַרויסטרעטונגען פון די אַרבעטנדיקע אין יאַנואַר 1905. אין „בלוטיקן זונטיק" איז ער אַרעסטירט געוואָרן, און אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט מען פאַרפירט אַ נײַעם איניען: „וועגן דעם שטאָט־אײַנוווינער ווענימין ליפּשיץ, ער איז אויך קוגיײַעוו, וועלכער ווערט באַשולדיקט אין אַ מעלוכע־פאַרברעכן"[1].

אין פאַרשיידענע דאָקומענטן פון אָט דעם איניען זײַנען פאַראַן ידיעות וועגן וו. וו. ליפשיצעס רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. מע רופט אים דאָרט אָן „דער הויפּט־אַגיטאַטאָר פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי"[2]. דער שעף פון דעם פּעטערבורגער פּאָליציי־אָפּטייל האָט מודיע געווען וועגן די קאָנטאַקטן פון ליפשיצן מיט אַ סאַך אָנגעזעענע טוער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע.

אינטערעסאַנט איז דער בריוו, וועלכן ס'האָט געשיקט איינער אַ באָלשעוויק פון קאַסטראָמא קיין לײַפּציק. ער שרײַבט וועגן די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן וועגן ליפשיצן אין צוזאַמענהאַנג מיטן בלוטיקן זונטיק: „לעוו ניקאָלײַעוויסקי — ווענימין ליפשיץ — איז דערהאַרגעט געוואָרן אין פּיטער. זײַן פּאָרטרעט איז בײַ נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָווונאַ"[3].

צום גליק, זײַנען די קלאַנגען וועגן זײַן אומקום געווען פעלערהאַפטע. בייסן נײַעם אַרעסט האָט מען אים דערמאָנט אַלע זײַנע „פאַרברעכנס". אין דער צײַגעניש, וואָס עס האָט אונטערגעשריבן דער עלטערער געהילף פון דער פּעטערבורגער זשאַנדאַרמעריע, איז געזאָגט געוואָרן: „אין העלפט נאָיאַבער 1904 זײַנען באַקומען געוואָרן ידיעות, אַז אין דער אָרטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַוויזן איינער „לעוו", אַן אָנגעפאַרענער, אַן אומלעגאַלער, וועלכער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע, ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכער און ענערגישער אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָר פון די אַרבעטער. אין פּאַספּאָרט איז ער פאַרשריבן אַפן נאָמען פון אַ פויער פון מאָגיליאָווער גובערניע מיכאַיל קוגיײַעוו, און ער האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אָנגעזעענע טוער פון דער רסדאַפּ. קוגיײַעוו, וואָס איז געקומען קיין סאַנקט־פּעטערבורג מיטן ציל אונטערצוהאַלטן די מערהײַט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן אין אַלע אַרבעטער־ראַיאָנען און אײַנאָרדענען אַגיטאַציע־פאַרזאַמלונגען... קוגיײַעוו איז געבראַכט געוואָרן צו אַן אויספרעג דעם 25 יאַנואַר 1905 בײַ דער סאַנקט־פּעטערבורגער זשאַנדאַרם־פאַרוואַלטונג... ליפשיץ איז אויך פריִער געבראַכט געוואָרן צו אַן אויספרעג לויטן איניען „וועגן דעם אָדעסער קאָמיטעט פון רסדאַפּ"[4]. אין דעם זעלבן איניען זײַנען פאַראַן אויך אַנדערע דאָקומענטן, וואָס גיבן די מעגלעכקייט צו אורטיילן, ווי סקרופּוליאָז די זשאַנדאַרמען האָבן געפירט די אויספאָרשונג, וויאַזוי זיי האָבן זיך געסטאַרעט נאָכצושפּירן נאָך יעדן טריט ליפשיצעס.

שפּעטער פאַלט ער נאָכאַמאָל אַרײַן אין טורמע, דאָס מאָל שוין אין פּעטערבורג. מע האָט אים אָפּגעפירט מיטן עטאַפּ קיין אָדעס און דאָרט אײַנגעזעצט אין טפיסע. אין אַ קורצער צײַט אַרום גיט זיך אים אײַן אַרויסצוכאַפּן זיך פון געפענקעניש. נאָר בלײַבן אין אָט דער שטאָט טאָר ער ניט, און ער פאָרט אוועק, לויט דער אייצע פון ס. אי. גוריעוו, דעם סעקרעטאַר פונעם אָדעסער קאָמיטעט פון רסדאַפּ, קיין כערסאָן, מיטן ציל צו העלפן דאָרט פאַרברייטערן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, פאַרשטאַרקן די פּאַרטיייִשע אַרבעט.

אויספילן אַזאַ פליכט איז געווען ניט גרינג, נאָר ליפשיץ איז, ניט קוקנדיק אַף זײַנע 23 יאָר, געווען אַ געניטער אָרגאַניזאַטאָר. געקומען קיין כערסאָן, האָט ער גלײַך אָפּגעשאַצט די לאַגע. די שטאָט איז אַ סאָכריש־הענדלערישע, און דער פּראָלעטאַריאַט איז קליין אין צאָל. דאָס האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. ער האָט זיך באַקענט מיט די אַרבעטער, מיט דער רעוואָלוציִ־

[1] דאָרטן; [2] דאָרטן; [3] דאָרטן; [4] דאָרטן.

ציאָנער־געשטימטער אינטעליגענץ. מאַרקסיסטישע קרײַזלעך עקזיסטירן דאָ נאָך פֿונעם סאָף פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, ס׳זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק מענטשן, וועלכע פֿאַרהאַסן דעם ווילקיר פֿונעם צאַריזם.

ליפֿשיץ האָט אָנגעהויבן זײַן טעטיקייט פֿון אָרגאַניזירן אַ טיפּאָגראַפֿיע אין דער שטוב פֿונעם שנײַדער מיכאל קאַפּילאָוו. אינצווייען פֿלעגן זיי גאַנצע נעכט שרײַבן און אויסזעצן די טעקסטן פֿון פֿלוגבלעטלעך, פּראָקלאַמאַציעס און זיי דרוקן. אינדערפֿרי זײַנען זיי געוויינ־לעך מיט דער שווערער מאַסע אוועק אין די אַרבעטער־פֿאַרשטעט. די פֿאַרגעשריטענע אַר־בעטער פֿלעגן זיי העלפֿן פֿאַרשפּרייטן די רעוואָליוציאָנערע אויפֿרופֿן. די פֿלוגבלעטלעך האָט מען אַריבערגעוואָרפֿן איבער די פּלויטן, געבראַכט זיי אַף דער אַרבעט, אָנגעקלעפּט אַף די ווענט. פֿון אויגוסט ביז דעקאַבער, ווי עס שרײַבט אין זײַנע דערינערונגען ליפֿשיץ, זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אַכט פֿלוגבלעטלעך פֿון פֿאַרשיידענעם אינהאַלט. אייניקע זײַנען געווען געווידמעט דעם לויפֿנדיקן מאָמענט, אַנדערע האָבן געטראָגן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַק־טער און פֿלעגן אַרויסגעלאָזט ווערן אין דער פֿאָרם פֿון בריוו צו די אַרבעטער. אָט זײַנען, לעמאָשל, די נעמען פֿון אייניקע פֿלוגבלעטלעך: „וואָס איז אַזוינס סאָציאַל־דעמאָקראַטיע?", „וועגן צוגאָב־ווערט", „וועגן אַרבעטס־טאָג".

באָלשעוויסטישע ליטעראַטור איז אין יענער צײַט געווען ווייניק, וויסן באַ די אַרבע־טער — קנאַפּ, און דעריבער פֿלעגן די פֿלוגבלעטלעך זײַן דער קוואַל פֿון אויפֿקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע, זייער ראָליע אין אָרגאַניזירן דעם פּאָליטישן קאַמף איז ניט איבערצושאַצן. אַרום ליפֿשיצן האָבן זיך אָנגעהויבן קלײַבן די רעוואָליוציאָנער־געשטימטע כערסאָנער. מיטגעהאָלפֿן האָבן די אויפֿגעקומענע אין די אַרבעטער־ראַיאָנען פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרײַזלעך. מיט די קרײַזלעך האָבן אָנגעפֿירט ליפֿשיץ און דובאָוו („גרישע") — אַ באָלשעוויק, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון ניקאָלײַעוו קיין כערסאָן אונטערן אויפֿזיכט פֿון דער פּאָליציי. עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ פֿאַרבינדונג מיט די אַרבעטער פֿון די זאַוואָדן.

אין כערסאָן פֿלעגן פֿאַרקומען מאַסאָווקעס מיטן אָנטייל פֿון הונדערטער מענטשן. מע פֿלעגט זיך זאַמלען הינטער דער שטאָט אין „קאַזיאָנע סאַד". מיט פֿאַרטראָגן אַף די מאַסאָוו־קעס פֿלעגן אַרויסטרעטן ליפֿשיץ וו., דער כערסאָנער טוישעוו, דער פּראָפֿעסיאָנעלער רע־וואָליוציאָנער מיראָן קאָנסטאַנטינאָוויטש וולאַדימיראָוו (שיינפֿינקל), וואָס איז שפּעטער גע־ווען אַ מיטגליד פֿון דער ערשטער סאָוועטישער רעגירונג פֿון אוקראַיִנע און אַ פֿאַרשטייער פֿונעם אָדעסער קאָמיטעט פֿון רסדאַפּ.

אין יענע יאָרן איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין כערסאָן, ווי אין אַנדערע שטעט, געווען אַ פֿאַראייניקטע — אין איר באַשטאַנד זײַנען אַרײַן סײַ די באָלשעוויקעס, סײַ די מענשעוויקעס. די באָלשעוויקעס איז אויסגעקומען צו פֿירן אַ קאַמף פֿאַר דער ווירקונג אַף די מאַסן.

די אָקטיאַבער־טעג פֿון 1905 זײַנען דאָ, ווי אין אַ סך ראַיאָנען פֿון רוסלאַנד, געווען זייער אומרויִקע. אַפֿן פֿאַלשן צאַרישן מאַניפֿעסט האָבן די כערסאָנער אַרבעטנדיקע געענט־פֿערט מיט אַ שטורמישער דעמאָנסטראַציע. די דעמאָנסטראַנטן זײַנען דורכגעגאַנגען דורך דער צענטראַלער גאַס, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין האַפֿן, זײַנען צוגעגאַנגען צום געהילץ־זאַוואָד. 400 אַרבעטער פֿונעם זאַוואָד האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט די דעמאָנסטראַנטן. וו. ליפֿ־שיץ האָט זיך אויפֿגעהויבן אַף דער אימפּראָוויזירטער טריבונע און זיך געווענדט צו זיי מיט אַ רעדע. ער האָט געזאָגט, אַז דער מאַניפֿעסט איז אַ פּוסט פּאַפּיר, די אַרבעטער טאָרן ניט גלייבן דער „גוטסקייט" פֿונעם קייסער, נאָר פֿאַרזעצן דעם קאַמף. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געענטפֿערט מיט אויסרופֿן: „נידער מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשונג!", „זאָל לעבן די פֿרײַהייט!". דער רעדנער האָט ניט באַוויזן ענדיקן זײַן אַרויסטרעטונג, ווי פֿון הינטערן ראָג האָבן זיך אַ שאָט געטאָן שוואַרצמייעניקעס. מיט ווילדע געשרייען האָבן זיך די באַנדיטן גע־וואָרפֿן אַף די דעמאָנסטראַנטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי האָט זיך ניט געשטעלט אַף דער זײַט פֿון די אַרבעטנדיקע. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רעפּרעסיעס. ליפֿשיץ און אייניקע זײַנע כאַווײרים האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן כערסאָן. ער איז אוועקגעפֿאָרן קיין איזאָווקע (איצט—דאָ־נעצק), נאָר אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום האָט מען אים דאָרט אַרעסטירט פֿאַר פֿירן רע־וואָליוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע.

ווידער — אין טפּיסע. ווידער — אַ קליין פֿאַרגראַטעוועט שטיקל הימל. דער קערפּער — אין געפֿענקעניש, נאָר דאָס האַרץ, די נשמה, דער געדאַנק — אַף דער פֿרײַ, מיט די כאַ־ווײרים, אין קאַמף.

אין טפּיסע ווערט וועניאַמין וועניאַמינאָוויטש קראַנק אַף טיף. אַ שטאַרבנדיקן גיט מען אים אָפּ זײַנע אייגענע. „ער וועט זיך שוין ניט אויסדרייען" — האָבן געטײַנעט די טורמע־

אופזעער, נאָך די געטרײַע מוטער און די געטרײַע שטאָט כערסאָן האָבן אים געמאַכט פון טויט לעבעדיק...

ליפשיץ איז געזונט געוואָרן. און ס'איז אויך געווען צוגעגרייט פאַר אים די טפּיסע. ווי־דער — אונטערן אויפזיכט פון דער פּאָליציי, און אַזוי ביז פעווראַל 1917.

וו. וו. ליפשיצעס מיטקעמפער דערציילן: כערסאָן האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ דעלעגאַט אַף דער ערשטער אַלרוסלענדישער באַראַטונג פון די ראַטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. די וואַלן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענעם קאַמף מיט די מענשעוויקעס, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן דער קאַנדידאַטור פון איוואַן פיאָדאָראָוויטש סאָראָקין, דעם פאָרזיצער פונעם כערסאָנער ראַט. ראַשיק איז געווען דער איבעררײַס פאַר דער אָפּשטי־מונג. אין די צימערן, אין די קאָרידאָרן זײַנען פאָרגעקומען באַראַטונגען פון די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פאַרטייען און אַפילע פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. נאָך דער גרעסטער טייל אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג זײַנען געווען אַרבעטער, וואָס האָבן געקענט און גע־שעצט סאָראָקינען. זיי טאַקע האָט וו. וו. ליפשיץ צוגעפּגענומען. אַנטשולדיקנדיק זיך, האָט ער זיך געשטעלט אַף אַ שרײַבטיש און זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע מיט אַ רעדע. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פריידיקער — סאָראָקין איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט.

אין שטאָט זײַנען צו יענער צײַט שוין געווען מער ווי צען פּראָפאַריינען מיט צען טויזנט מיטגלידער: אַ פאַריין פון מעטאַליסטן, אַ פאַריין פון בויערס, לערערס, דרוקערס, פּאַרמאַ־צעווטן אדג. ס'איז נייטיק געווען פאַרייניקן זייער טעטיקײַט, אויסאַרבעטן אַן אַלגעמיינע ריכטונג. דעם 14 מײַ 1917 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון די אָנפירנדיקע קאָ־מיטעטן. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אַלשטאָטישע ביוראָ פון די פּראָפאַריינען בעראָש מיט וועניאַמין וועניאַמינאָוויטש ליפשיצן. די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען דעם סטאַטוט און די רעזאָלוציע, וואָס עס האָבן פאָרגעלייגט די באָלשעוויקעס.

אָקטיאַבער 1917. אַף אַ מיטינג ווילט מען אויס דעלעגאַטן אַפן צווייטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן. וו. ליפשיץ לייענט דעם אָנזאָג די דעלעגאַטן צו שטימען פאַר איבערגעבן די גאַנצע מאַכט אין די הענט פון די ראַטן. מיט אַן אַבסאָליוטער מערהײַט ווערט דער אָנזאָג באַשטעטיקט, און אַלס דעלעגאַטן ווילט מען אויס יענע, וועמען די באָלשעוויקעס האָבן פאָרגעלייגט.

ווען די דעלעגאַטן פונעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך אומגעקערט קיין כערסאָן, איז ווידער פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען אַן עמעסער טריומף פון דער לעניני־שער פּאַרטיי.

אין דער רעזאָלוציע האָבן די אָנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג אַרויסגעזאָגט זייער שטיצע דעם פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט, עס זײַנען אונטערגעהאַלטן געוואָרן די דעקרעטן, וועלכע דער צווייטער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן האָט אָנגענומען. הייס איז באַגריסט געוואָרן דער ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן מיט וו. אי. לענינען בעראָש.

אין דעקאַבער 1917 איז וו. וו. ליפשיץ אַרויסגעפאָרן קיין קיִעוו אַפן אַלוקראַיִנישן צו־זאַמענפאָר פון די ראַטן, וווהין ער איז דעלעגירט געוואָרן פונעם כערסאָנער ראַט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. דאָרט ווערט ער באַשטעטיקט אַלס פאַרטרעטער פונעם פאָלקסקאָמיסאַר פון אינדוסטריע און האַנדל אין דער ערשטער רעגירונג פון דער סאָוועטי־שער אוקראַיִנע. אין אַ קורצער צײַט אַרום ווערט ער אָפּגערופן אַף אַרבעט קיין מאָסקווע, אין טשעקאַ.

אין די יאָרן פונעם בירגערקריג שיקט די פּאַרטיי וו. וו. ליפשיצן אַפן מײַרעוודיקן פראָנט, דערנאָך אַפן טורקעסטאַנישן פראָנט אַלס שעף פון דער מיליטעריש־דיפּלאָמאַטישער פאַרוואַל־טונג און אַפן קאַווקאַזער פראָנט אַלס באַפולמעכטיקטן פון דעם רעוואָליוציאָנערן מיליטערישן ראַט. שפּעטער אַרבעט ער עטלעכע יאָר אין טורקעסטאַן אינעם ראַט פון דער פאָלקסווירט־שאַפט און אַף פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע באַציִרקן אין מאָסקווע.

געשטאָרבן איז וו. וו. ליפשיץ אין 1936 אין עלטער פון 54 יאָר. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קוורע אין מאָסקווע אַפן נאָוואָדעוויטשער בעסאָלמען.

וועראַ יאַקימענקאָ, זשורנאַליסט.

יעווגעניאַ קאַמינסקאַיאַ, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם פּאַרטאַרכיוו פון דעם כערסאָנער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

ווערק פון אויסלענדישע שרייבער

דאַוויד סעלצער

זילבערנע סאַזשלקעס

דאָקומענטאַלע דערציילונג וועגן דעם, וויאַזוי די קינדער פון סטאַלינגראַד האָבן אָנגערעגט הערצער פון פיל מענטשן אויסער די גרענעצן פונעם אייגענעם לאַנד.

אַרייַנפיר

די געשיכטע פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע איז רייַך ניט בלויז מיט העלדנטאַטן פון סאָלדאַטן און אָפיצערן, באַגאַנגענע אָף די שלאַכט־פעלדער, זי ווייסט אויך וועגן מעסירעסנעפעשדיקע אופטועו פון די סאָוועטישע מענטשן — מיליטערישע און ציווילע — אינעם קאַמף פאַר ראַטעווען דאָס לעבן פון קינדער, וועמען עס האָבן געדראָעט די פאַשיסטישע באַרבאַרן.

אין יול 1941 האָבן קיין סטאַלינגראַד אָנגעהויבן אָנקומען עשעלאָנען מיט יעסוימים פון די צייַטווייַליק אָקופּירטע אוקראַיִנע און ווייַסרוסלאַנד.

די קינדער האָבן איבערגעלעבט מילכאָמע־שוידערן. אָף זייער גורל איז אויסגעפאַלן אַזוינס, וועגן וואָס עס האָט ניט געוווּסט קיין איין דאָר פריִער. ס'איז ביז גאָר נייטיק געווען אומקערן די קינדהייַט צו די דאָזיקע ייִנגעלעך און מיידעלעך, וועלכע האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי די אָקופּאַנטן האָבן געהאַרגעט זייערע מאַמעס, לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן אין גריבער מענטשן. פאַר די פּאַרטייִשע, סאָוועטישע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס פון דער שטאָט און פון דער געגנט, פאַר די מיטאַרבעטער פון דער פאָלקס־בילדונג, פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכקייַט איז געשטאַנען די אופגאַבע — ניט בלויז אייַנאָרדענען די קינדער, צוגרייטן געבייַדעס און אַלדאָס איבעריקע. דאָס וויכטיקסטע אין דעם פראַט איז געווען צוקלייַבן פּילבאַרע, אופמערקזאַמע, עמעס טאַלאַנטירטע פּעדאַגאָגן, וועלכע וועלן זיך קענען ספּראַווען מיט דער אויסערסט שווערער אופגאַבע: אין אַ געוויסער מאָס פאַרבייַטן די יעסוימים זייערע עלטערן, אין קינדערהיימען שאַפן באַדינגונגען, אַז די קינדער זאָלן זיך פילן היימיש, זיי זאָלן ניט געדענקען זייערע צאָרעס.

צו יענער צייַט זייַנען קיין סטאַלינגראַד פון אוקראַיִנע און ווייַסרוסלאַנד עוואַקויִרט געוואָרן 76 קינדערהיימען — 12 טויזנט קינדער. פאַר זיי האָט מען אויסגעטיילט געבייַדעס, אין וועלכע עס האָבן זיך פריִער געפונען פּאַרטייִשע, סאָוועטישע, געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. שפּעטער איבער די קינדערהיימען האָבן גענומען די סטאַלינגראַדער אונטערנעמונגען: דער טראַקטאָרן־זאַוואָד „רויטער אָקטיאַבער‟, דער שיפבוי־זאַוואָד א. אַנד. די קאָלווירטן און סאָווירטן האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן בא די קינדערהיימען קליינע געהילפס־ווירטשאַפטן.

אין יול 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די גרעסטע אין דער געשיכטע סטאַלינגראַדער שלאַכט. מע האָט געדאַרפט אָנעמען די דרינגענדיקסטע מיטלען, קעדיי אַרויסכאַפּן פון אונטערן פייַער די קינדער און ראַטעווען זיי. די דאָזיקע אופגאַבע איז אויסגעפילט געוואָרן. אַלע קינדער ביז איינעם האָט מען בעשאָלעם אַרויסגעפירט אָף מיזרעך, אין די געגנטן פון דאָרעם־אוראַל.

ס'האָט זיך געענדיקט די סטאַלינגראַדער שלאַכט. אָפן אַדרעס פונעם געגנטלעכן אָפּטייל פון פאָלקס־בילדונג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פיל און פיל בריוו פון קינדער און פון מיטאַרבעטער פון קינדערהיימען, עוואַקויִרטע פון סטאַלינגראַד. אין די אָנצאָליקע בריוו האָבן

דאָוויד און איטע סעלצער

די קינדער און אויך זייערע דערציִער געבעטן, אַז מע זאָל זיי אומקערן אין דער העלדישער שטאָט, וועלכע איז זיי געוואָרן אייגן און טײַער. ס'איז אויסגעקומען אַלעמען ברענגען צו פירן צוריק, כאָטש דאָרט, ווו זיי זײַנען געווען, האָט די מילכאָמע ניט געלאָזט קיין רוּ‏ִנען און מע האָט פאַר זיי געשאַפן בעסערע באַדינגונגען. אין דער צײַט, ווען אַף די שלאַכט־פעלדער האָבן געדונערט פאַרביטערטע, אַנטשיידנדע שלאַכטן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג געשאַפן אַ נעץ פון ספּעציִעלע קינדערהיימען פאַר יעסוימים פון די פאַרטיידיקער פון סטאַלינגראַד.

וועגן די קינדער האָבן געזאָרגט ניט בלויז די מענטשן, וואָס זײַנען לויט דער אַרבעט זייערע מעכוּיעוו געווען עס צו טאָן, די זאָרג וועגן קינדער האָט אַף זיך גענומען דאָס גאַנצע פאָלק. אַ באַזונדערע הילף אין דער אָרגאַניזאַציע פון די קינדערהיימען האָבן אַרויסגעוויזן די שלאַכטלײַט פון דער סאָוועטישער אַרמיי. עס דערמאָנט זיך מיר איינער אַ טאָג. אינעם קאַבינעט פון דעם פאַרוואַלטער פון געגנטלעכן אָפּטייל פון פאָלקס־בילדונג קומט אַרײַן דער מאַיאָר סוּוואָראָוו. ער איז אויך אַזוי קליינוווּקסיק, ווי דער באַרימטער פאָלקנפירער, וועלכער האָט געהאַט די זעלבע פאַמיליע, ווי ער. דער אַרײַנגעקומענער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דעם סטאַלינגראַדער מעכאַניזירטן טאַנקען־קאָרפּוס, וועלכער האָט צעקלאַפּט דעם פאַשיסטישן פעלדמאַרשאַל מאַנשטיין. ער לייגט אַוועק אַפן טיש אַ פּעקל געלט: „הער, איך האָב דאָ געבראַכט אַ ביסל מעזומענס, שווער איז דאָ באַ אײַך...” און דאָס „ביסל” האָט באַטראָפן אַ מיליאָן רובל! לויט דער איניציִאַטיוו פון די קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן פונעם קאָרפּוס האָבן זיי צונויפגעזאַמלט דאָס געלט און געבעטן איבערגעפירן עס אַפן כעזשבן פונעם דובאָווסקער קינדערהיים. קאָלזמאַן דער קאָרפּוס האָט געפירט שלאַכטן אין סטאַלינגראַד, האָבן זײַנע פאָרשטייער פיר מאָל באַזוכט דובאָווקע און אַלע מאָל, ניט מיט ליידיקע הענט. פאַר דעם געלט, וואָס עס האָבן צונויפגעזאַמלט די סאָלדאַטן און אָפיצערן, האָט מען אינעם פאַרסאָרפּעטן, כאָרעוו־געוואָרענעם סטאַלינגראַד אויסגעבויט די ערשטע, נאָך די שלאַכטן, מיטלשול. אַזעלכע בײַשפּילן קאָן מען ברענגען פיל.

ווי נאָר סטאַלינגראַד איז באַפרײַט געוואָרן, האָבן די רעעוואַקויִרטע מישפּאָכעס אָנגעהויבן נעמען פון די קינדערהײַזער יעסוימים אין זייערע מישפּאָכעס. הערכער צען טויזנט קינדער זײַנען אַרײַן ווי זין און טעכטער אין זייערע נײַע פאַמיליעס. קיין סטאַלינגראַד האָבן געאײַלט וואַגאָנען נאָך וואַגאָנען מיט מאַטאָנעס פון אַלע ווינקעלעך פונעם ראַטנפאַרבאַנד. מע האָט געשיקט בוי־מאַטעריאַלן, מאַלבושים, שוכוואַרג, ביכער, שפּילעכלעך.

די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אויך געהאָלפן די פאַריאַסעמטע קינדער פון סטאַלינגראַד. אַ גרויסע אַרבעט אין דעם פּראַט האָט דורכגעפירט אין מאָסקווע דער ייִדישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט. די הילף פון די אַמעריקאַנער פרײַנט האָט געהאַט אַ פּאָליטישע באַדײַטונג.

דעם 16 מײַ 1943 יאָר איז אָנגעקומען אַ ידיִעה וועגן דעם, אַז ווײַט פון אונדזער שטאָט, אַף יענער זײַט אָקעאַן, ווילן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „אַמבידזשאַן” נעמען אַף זיך די זאָרג וועגן 500 קינדער פון שלאַכטלײַט, וואָס האָבן פאַרטיידיקט סטאַלינגראַד. די דאָזיקע ידיִעה איז באַוווּסט געוואָרן דער גאַנצער שטאָט.

אינגיכן האָבן אין סטאַלינגראַד אָנגעהויבן אָנקומען מאַלבושים, שיך, שפּײַז־פּראָדוקטן. די ווערט פון דער דאָזיקער הילף שטײַגט אַף אַ סאַך איבער איר קאָסט. זי איז אַ סימבאָל פון אינטערנאַציִאָנאַליזם, פון פעלקער־פרײַנטשאַפט.

די אָנגעווייטעקטע, פילבאַרע הערצער פון די קינדער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין די סטאַלינגראַדער קינדערהיימען, האָבן ניט געקענט ניט ענטפערן אַף דער ביז גאָר רירנדיקער זאָרג. די קינדער האָבן געמאָלט בילדער, אויסגעהעפט אַף צײַג, געשריבן לידער און דערציילונגען און, צונויפקלײַבנדיק דעם דאָזיקן אוצער, געשיקט קיין אַמעריקע.

אין סאַף פון די פּערציקער יאָרן האָט אין פּשאַ זיך צעפּלאַקערט דער אַזויגערופענער „קאַלטער קריג״. אין דעם גאַנצן פּעריאָד פון מאַקאַרטיזם האָט דער אויטאָר פונעם מאַנוס־קריפּט, וועלכן מיר לייגן דאָ פאָר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, דער יידישער שרייבער פון אַמעריקע דאַוויד סעלצער געהיט די קינדערשע מאַטאַנעס און שפּעטער זיי געבראַכט אַלס גאָב דעם סטאַלינגראַדער קאַנטקענטעניש־מוזיי.

אין דער זעלבער צייט, ווען די פּראָגרעסיווע קרייזן פון פּשאַ, דערין די יידישע געזעלשאַפט „אַמבידזשאַן״, האָבן זיך באַמיט העלפן די פאַריאָסעמטע קינדער, האָבן די רעאַקציאָנערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויך דעמלט, אַזוי ווי שפּעטער, זיך באַמיט שטערן דער דורכפירונג פון די ביידע גרויסע מעלוכעס. ד. סעלצערס דאָקומענטאַלע דערציילונג איז אַ ווירדיקער ענטפער דעם ציוניזם.

דער קורס, וועלכן פּסער און פּשאַ האָבן גענומען, קעדיי נאָרמאַליזירן די באַציונגען, איז אין העסקעם מיטן טרוים פון אַלע פרידנסליבנדיקע מענטשן.

ניקאָליי אַגרינסקי,
געוועזענער פּאַרוואַלטער מיטן סטאַלינגראַדער געגנטלעכן אָפּטייל פון פאָלקס־בילדונג

פונעם מעכאַבער

צוואַנציק יאָר האָבן מיר, איך און מיין פרוי, געהיט באַ זיך אין דער היים אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע די מאַטעריאַלן פון דער אויסשטעלונג, עקספּאָנאַטן, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן מיט די הענט פון סטאַלינגראַדער קינדער־יעסוימים. מיר האָבן געהיט אָט דעם אַנשוילעכן אויסדרוק פון פעלקער־פריינטשאַפט, ניט געקוקט אַפן „קאַלטן קריג״ און דער אַנטיסאָוועטישער היסטעריע, וועלכע האָבן געהערשט באַ אונדז אין לאַנד. ניט לאַנג צוריק האָבן מיר די דאָזיקע דאָקומענטן פון אַ היסטאָרישער עפּאָכע אָפּגעפירט קיין וואָלגאָגראַד און געשענקט זיי דעם דאָרטיקן קאַנטקענטעניש־מוזיי.

וועגן דעם, ווי אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן, בייסן אָנגריף פונעם פאַשיזם, האָבן די פּראָגרעסיווע קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זיך פאַראייניקט, קעדיי באַהילפיק זיין דעם קעמפנדיקן סאָוועטישן פאָלק, וועגן די שווערינקייטן פון קאַמף אין אונדזערע טעג מיט די קעגנער פון אַנטשפּאַנונג, פון אַנגעשטרענגטקייט, באַזונדערס מיט די ציוניסטן, וויל איך דערציילן דעם ברייטן קרייז לייענער.

אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן האָב איך און מיין פרוי פיר מאָל באַזוכט די העלדישע שטאָט וואָלגאָגראַד. מיר האָבן ליב באַקומען די שטאָט פאַר איר מוט, פאַר איר אויסערגעוויינטלעכער שיינקייט, פאַר דער עכטער, טיפער מענטשלעכקייט פון אירע איינוווינער, פאַר די טייערע סטאַלינגראַדער קינדער.

איידער אָנהייבן מיינע נאָטיצן, וואָלט איך וועלן זיך ווענדן צו די לייענער און דערציילן וועגן דעם, וואָס עס האָט געצוווּנגען מיך, שוין אַ באַיאָרטן מענטשן, זיך נעמען פאַר דער פּען און אין פיל צענדליקער יאָרן אַרום נאָך די באַשריבענע געשעענישן אָנשטרענגען דעם זיכּאָרן און זיך פּרוּוון ווי ווייט מעגלעך גענויער און פולער אויפשטעלן די געשיכטע וועגן דער בעטעס פריינטלעכער הילף פון דער אַמעריקאַנער יידישער אָרגאַניזאַציע „אַמבידזשאַן״ די סטאַלינגראַדער קינדערהיימען.

דערין זיינען פאַראַן עטלעכע סיבעס. איינע פון זיי וועט קלאָר ווערן פון י. ברייני־נס בריוו, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאַנוואַר 1940 אין דער צייטונג „ניילעבן״ אונטערן קעפּל: „האָב ניט מוירע״. אָט איז דער בריוו:

„מיין זון, אַ שילער פון דער מיטעלער שול, קלאָגט זיך, אַז ער איז באַאומרויִקט און שאַקירט דערמיט, וואָס אויסדריקנדיק זיין סימפּאַטיע צום ראַטנפאַרבאַנד בייס אַ באַגעגעניש מיט דערוואַקסענע, באַקומט ער אָפּט אַלס ענטפער אַ שלאַל באַליידיקונגען. ער פרעגט: „פאַרוואָס איז עס אַזוי?״ איך ענטפער אים:

— ווען דו טרעפסט זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער סינע פון פיינט פונעם ראַטנפאַרבאַנד, סטאַרע זיך פאַרשטיין דעם עצעם, פאַרוואָס עס קומט פאָר, ווו עס איז דער קוואַל, פון וועלכן עס טוט אַ פלייץ דער סינע־שטראָם. אויב דו רעדסט מיט אַן עמעסן קאַפּיטאַליסט, וועלכער ציטערט איימעס־מאָוועס, אַז די רויטע ווילן באַ אים אָפּנעמען זיינע קאַפּיטאַלן, וועלכע ער האָט פאַרדינט מיט „ביטערן שוויס״, נעם אויף זיין טיראַדע וועגן די „שפּיצלעך פון מאָסקווע״ ווי אַ פּאַטאָלאָגישע רעאַקציע, וועלכע קיינער איז ניט אימשטאַנד צו ענדערן.

אויב אַ מאַנצבל צי אַ פרוי, ווערנדיק רויט, ווי אַ צוויק, פון קאַס, ווען אַ געשריי טאָן, ווי עס געשעט לעצטנס ניט זעלטן: „איך געפעלט ניט אַמעריקע? פאַרוואָס זשע קלײַבט איר זיך ניט אַריבער צו די סאָוועטן?" — אויב דו ווערסט אַזוינס דערהערן, רעאַגיר פּראָסט מיט אַ שמייכל, מיט אַ הייב פון די אַקסל אָף אַזעלכע רייד, ענלעכע אָף רייד פון אַ פּאַפּוגײַ.

אויב אַ מענטש, וואָס גלייבט אופריכטיק, אַז אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן זין שטייט דער קאַפּיטאַליזם אָף אַ העכערן שטאַפּל, אויב ער וויל פאַרמינערן אָדער אונטערײַסן דײַן גלויבן אין אַ יושערדיקער וועלט, אין אַ בעסערער צוקונפט, האָב ניט מורע צו אַמפּערן זיך מיט אים. אַרגומענטירנדיק, קאָן, אָן סאָפּעק, אַזאַ מענטש אָנקומען צו פאַרשיידענע מאָטיוון, ערלעכע און פאַלשע, שטויסנדיק דיך קעגן די קויכעס, וואָס ווילן ענדערן, מאַכן שענער און בעסער דאָס לעבן אָף דער ערד. דער דאָזיקער רעאַקציאָנער, וועלכן דו ווערסט, פאַרשטייט זיך, ניט קענען איבערצײַגן אין זײַן ניט־גערעכטיקײַט, דאַרף דערפילן, אַז דו ביסט אַ ווירדיקער מיטגליד פון אונדזער הײַנטצײַטיקן דאָר און רעכנסט ניט, אַז אונדזער וועלט קאָן מען ניט ענדערן צוגונסטן דער מענטשהײַט, דו האַלטסט ניט, אַז זי איז די בעסטע, וועלכע קאָן געמאָלט זײַן. אַזויאַרום, ווײַז אַרויס אַ פעסטן ווידערשטאַנד.

איינצײַטיק דערמיט היט זיך אָבער פאַרן אַזוינעם ליבעראַל, פאַר יענעם, וואָס איז ניט קעגן אַ יושערדיקער צוקונפט, נאָר עס שרעקן אים וועלכע־ניט־איז סאָציאַלע און פּאָליטישע ענדערונגען און ער וויל רויִק עסן זײַן געשמאַקן און פעטן ביסן. ס'וואָלט געווען נאַיוו זיך פּרווון דערווײַזן אים, אַז ער דענקט פּעלערהאַפּט, אָף וויפל אַליין באַ זיך ווייסט ער, אַז ער פאַלסיפיצירט פאַקטן, קעדיי באַרויִקן דעם אייגענעם געוויסן.

ס'איז אָבער פאַראַן נאָך אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס באַאומרויִקט מיך ניט ווייניקער, ווי דיך — דאָס זײַנען ייִדן, וועלכע דערקלערן, אַז די ערשטע און די גרעסטע זאָרג זייערע איז בלויז דאָס, וואָס עס לײַדן ייִדן. אַזאַ איינער פּראָטעסטירט קעגן דעם באַרבאַרישן פאַרפאָלגן זײַנע ברידער און שוועסטער אין נאַציסטישן דײַטשלאַנד, באַדויערנדיק דעם גוירל פון די ייִדן, אומגעבראַכטע מיט די פאַשיסטישע הענט. אָבער איינצײַטיק קאָן דער דאָזיקער מענטש מיט פינע אָף די ליפּן באַשולדיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד, איגנאָרירנדיק דעם פאַקט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געראַטעוועט פון אומקום העכער 30 פּראָצ. פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון דער וועלט, ער ווערט אויעקמאַכן מיט דער האַנט דעם אומבאַשטרײַטבאַרן פאַקט, אַז ייִדן פון מײַרעוו־אוקראַינע און מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד, נאָך דעם, ווי די געגנטן זײַנען פאַרייניקט געוואָרן מיטן ראַטנפאַרבאַנד, האָבן באַקומען די האָפענונג צו לעבן. וואָס דו זאָלסט אַזאַ מענטשן ניט זאָגן, וועט אים ניט באַפרידיקן, ווײַל זײַן מויעך, זײַן באַוווסטזײַן זײַנען פאַרזאַמט מיט נאַציאָנאַליזם. בלויז די צוקונפט וועט אים אויסהיילן".

איך ווייס ניט, צי ס'איז דאָ אַ נויטווענדיקײַט קאָמענטירן דעם דאָזיקן אַלטן בריוו, וועלכער קלינגט אין אונדזערע טעג שאַרף, בעפּיירעש אַקטועל, עפּשער אַפילע אַקטועלער, איידער אין יענע ווײַטע יאָרן. עס ווילט זיך מיר באַווײַזן די עכטע באַציִונג פון די ייִדן אין אַמעריקע צום ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער הילף, וואָס זיי האָבן געגעבן די סטאַלינגראַדער קינדער.

די צווייטע סיבע איז גיכער אַ פּערזענלעכע. און דעריבער בין איך געצוווּנגען עטלעכע ווערטער זאָגן וועגן זיך.

מײַן מישפּאָכע האָט געמוזט פאַרלאָזן בעסאַראַביע אין 1920, ראַטעווענדיק זיך פונעם אומראַכמאָנעסדיקן טעראָר מיצאַד די רומענער באַאַרן און זייער אָקופּאַציע־אַרמיי. צו יענער צײַט האָב איך זיך געלערנט אין דריטן קלאַס גימנאַזיע. אַ כאַדאָשים זעקס ביזן פאָרן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך מוז באַהערשן די מעלאָכע פון אַ זעצער, קעדיי איך זאָל אָנקומען אַרבעטן אין דער דרוקערײַ באַ מײַן פעטער מאָריס סעלצער, וועלכער לעבט אין אַמעריקע. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

וועגן דעם, וויאַזוי ס'האָט געווירקט אָף מײַן באַוווסטזײַן די אַרבעט אין דעם פעטערס דרוקערײַ, וועל איך שפּעטער זאָגן. איצט וויל איך אונטערשטרײַכן, אַז כ'האָב קיינמאָל, אָף קיין איין רעגע, ניט פאַרגעסן מײַן היימלאַנד — סײַ אַדאַנק מײַנע קינדערשע דערינערונגען, וועלכע זײַנען, ווי עס איז גוט באַוווסט, די סאַמע ליכטיקע, סײַ אַדאַנק די שטענדיקע רייד וועגן אונדזערע היימישע קאַנטן, וואָס כ'פלעג הערן פון מײַנע עלטערן און פון די לאַנדסלײַט, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך באַגעגענען. דער געפיל פון גוואַלדיקער ליבע צום היימלאַנד האָט מיט גאָר אַ באַזונדערן קויעך זיך דערוועקט בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען מיר, אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, האָבן נאָכגעפאָלגט דעם מעסירעסנעפעשדיקן קאַמף פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פונעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק. ווי אַ פויגל־יויצע פון די דאָזיקע געפילן איז געווען מײַן אַקטיווער אָנטייל אין קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס, וועמענס באַרוף

עס איז געווען העלפן די סאָוועטישע מענטשן, דערין מײַן ארבעט אין דער אָרגאניזאציע „אמבידזשאָן", וואָס האָט געהאָלפן די קינדער פון סטאלינגראד. איך האָב פארשטאנען, געווינלעך, און איך פארשטיי אויך איצט, אז אונדזער מאטעריעלע הילף קאָן מען ניט פארגלײַכן, אפילע אומגעפער, מיט אלעם שווערן, וואָס עס איז אויסגעשטאנען דער מענטש אין ראטנפארבאנד, קעדיי צו ראטעווען פון אומקום די גאָרע וועלט. נאָר מיר האָבן געטאָן דאָס, וואָס מיר זײַנען בעקויעך געווען צו טאָן.

ווי א סימען פון ליבע און דאנקבארקײַט מיטן ווײַטן היימלאנד, שרײַב איך אָט די דערינערונגען. איך בעט מײַנע לייענער ניט האָבן קיין פאריבל אף מיר, וואָס די דערינערונגען זײַנען ניט געשריבן מיט א הויכן ליטעראַרישן סטיל — דאָס זײַנען פּאָשעטע גוויִעס־איידעס פון אן אָנטיילנעמער פון די באשריבענע געשעענישן, צי ווי מע זאָגט בא אײַך — פון א באל־ניסאָיען, פון א דערפארענעם מענטשן.

אין די דאָזיקע נאָטיצן האָב איך ארײַנגעלייגט מײַן עכטע ליבע, מײַן גרויסע דאנקבארקײַט די דעמלטיקע סטאלינגראדער יעסוימים. זיי האָבן נאָך טיפער דערוועקט אין מײַן הארצן די בענקשאפט נאָכן אלטן היימלאנד, געצוווּנגען מיך מיט א נײַער קראפט דערפילן אין זיך דעם געפיל פון מענטשנווירדע, דערפילן, אז איך בין א קעמפער, איינער פון די, וואָס וויל ניט פשאָרע מאכן און וועט טאקע קיינמאָל ניט פשאָרע מאכן ניט מיטן פאשיזם און ניט מיט דער סאָציאלער אומגערעכטיקײַט.

מיט א ציטער אין הארצן גיב איך איבער די דערמאָנונגען אין אײַערע הענט, סאָוועטישע לייענער מײַנע.

1. א ביסל געשיכטע

פון פוסטקײַט אנטשטייט גאָרניט. אלץ איז צווישן זיך געקניפּט און געבונדן, כאָטש די פארבינדונג איז אָפט אן אומזעבארע. אָט פארוואָס איך הייב אָן מײַנע נאָטיצן פונעם אמאָל, וועלכער איז אײַך, בעלי־סאָפּעק, גוט באקאנט, אָבער וועלכער האָט געהאט א באזונדערע ווערט פאר מיר און געצוווּנגען מיך אקטיוו מיטארבעטן אין די ייִדישע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס.

כ'האָב שוין דערמאָנט, אז אָנקומענדיק קיין אמעריקע, האָב איך זיך געשטעלט ארבעטן אין דרוקערײַ. איך האָב געטרוימט ווערן א זעצער און א מעטראנפּאזש. אין דרוקערײַ האָב איך באהערשט פיל מעלאָכעס: סײַ אָנגענומען מאטעריאלן, סײַ געאַרבעט אפן שטעמפּל־ווארשטאט, סײַ אלס קוריער פאנאנדערגעטראָגן די גראנקעס אין די רעדאקציעס. ווארטנדיק, ביז די קאָרעקטאָרן וועלן אויסלייענען די גראנקעס, פלעג איך פארפירן א רייד מיט די מיטארבעטער פון די רעדאקציעס. זיי פלעגן מיר דערציילן א סאך באלערנוודיקע געשיכטעס. מיט אייניקע זשורנאליסטן האָב איך זיך באפרײַנדעט. א גרויסע ווירקונג האָט געהאט אף מיר אין יענע יאָרן ראָבערט כאלאָועל. אף דער וואנט לעבן זײַן טיש איז געהאנגען דזשאָן רידס פּאָרטרעט, וועלכן ער אליין האָט אָנגעמאָלט. ראָבערט כאלאָועל האָט מיר א סאך דערציילט וועגן דזשאָן רידן און געגעבן איבערלייענען דעם בוך „צען טעג, וועלכע האָבן אופגערודערט די וועלט". פונעם דאָזיקן בוך האָב איך זיך א סאך דערוווּסט וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. פון די פיל ווײַטערדיקע געשפּרעכן מיט ראָבערטן האָב איך פארשטאנען די ווירקונג, וועלכע די רעוואָליוציע אין רוסלאנד האָט געהאט אף אמעריקע.

איינע פון די ערשטע בראָשורן, וועלכע האָט געהאט א האשפּאָע אף די פּראָגרעסיווע ארבעטער פון אמעריקע, איז געווען וו. אי. לענינס „א בריוו צו די אמעריקאנער ארבעטער", וועלכע דזשאָן ריד און סען קאטאיאמא האָבן ארויסגעגעבן אין דעקאבער 1918 בא די אמעריקאנער זשורנאלן „קלאסנקאמף" (ניו־יאָרק) און „רעוואָליוציאָנערע טקופע" (באָסטאָן).

לענין האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אין דער מאָביליזאציע פון די אמעריקאנער רעוואָליוציאָנערע קויכעס, ווי א פּויעל־יויצע דערפון — אינעם אופקום פון דער אמעריקאנער קאָמפּארטיי.

דאָקטער גארדי פ. אואָרד, איינער פון די גרינדער פונעם קאָמיטעט „אמעריקאנער פרײַנט פונעם ראטנפארבאנד", האָט די דאָזיקע האנאָכע גוט און בוילעט אויסגעדריקט אין זײַן רעדע אפן מעמאָריאלן מאסן־מיטינג, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן לעקאָוועד וו. אי. לענינען אין ניו־יאָרק, אינעם מעדיסאָן סקווער גארדען דעם 15 יאנוואר 1945 יאָר. ער האָט געזאָגט:

„לענין געהער ניט בלויז די קאָמוניסטן, און ניט בלויז דעם ראטנפארבאנד. זײַן באַדײַטונג איז אין מילי־מיליאָסן מאָל א גרעסערע... ער באגײַסטערט, ער קעמפט און ארבעט

צוזאַמען מיט יענע מענער און פֿרויען, וואָס זוכן כאַוועראַשאַפֿט און נאַבעלע וועגן פֿאַרן לעבן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט".

די ערשטע שוואַלב, ווי מע זאָגט, דער ערשטער סימן פֿון פֿריינטשאַפֿט מיצאַד די אַמע־ריקאַנער אַרבעטער צום ראַטנפֿאַרבאַנד אָנבאַלאַנגט צום 1922 יאָר. אַ גרופּע אַמעריקאַנער מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט „פֿריינט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד" איז געקומען קיין רוסלאַנד און געבראַכט צו פֿירן טראַקטאָרס פֿאַרן ראַטווירט אַף לעניגס נאָמען אין אַ דערפֿל פֿון פּערמער געגנט. די אַמעריקאַנער זיינען געקומען צו באַווייזן די האָרעפּאַשניקעס פֿון דער ווירטשאַפֿט, וויאַזוי מע אַרבעט אַף די מאַשינען. דאָס פֿעלד לעבן בערעזע־וועלדל, ווו מע האָט אַוועקגעשטעלט די געצעלטן, דעם גאַראַזש, די שטאַל, רופֿן נאָך אַדהײַנטיקן די טוישווים פֿונעם דערפֿל „אַמעריקאַנער פֿעלד".

וו. אי. לענין האָט געשיקט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַפֿן אַדרעס פֿון דער געזעל־שאַפֿט „פֿריינט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד" אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט באַדאַנקט פֿאַר דער מאַטאָנע:

„טייערע כאַווײרים!

איך האָב ערשט דורכגעקאָנטראָלירט מיט אַ ספּעציעלער אָנפֿראַגע אין פּערמער גוביס־פּירקאָם יענע אויסערסט אָנגענעמע ידיעס, וועלכע זיינען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין אונדזערע צייטונגען, וועגן דער אַרבעט פֿון די מיטגלידער פֿון אייער געזעלשאַפֿט, בעראָש מיט גאַראַלד וואַרע, מיטן טראַקטאָר־אָטריאַד פֿון פּערמער געגנט אינעם סאָווירט „טאָיקינאָ".

ניט געקוקט אַף די ריזיקע שוועריקייטן, באַזונדערס איבער דער גוואַלדיקער דערווײַ־טערדיקייט פֿון דעם דאָזיקן אַרבעטס־אָרט פֿונעם צענטער, ווי אין צוזאַמענהאַנג מיט קאָל־טשאַקס רויִנירונגען בייסן בירגערקריג, האָט איר דערגרייכט דערפֿאָלגן, וועלכע מע קאָן אַנערקענען אַלס פּולקאָם אויסשליסלעכע.

איך אייל אויסדריקן אייך מײַן טיפֿע אַנערקענונג מיט אַ באַקאָשע צו פּובליקירן אינעם אָרגאַן פֿון אייער געזעלשאַפֿט, ווי אויך, אויב ס'איז מעגלעך, אין דער אַלגעמיינער פּרעסע פֿון די צאָפֿן־אַמעריקאַנער פֿאַראייניקטע שטאַטן".

דער דאָזיקער בריוו, וואָס איז טיילווײַז דאָ ציטירט, איז געווען געדרוקט אין דער צייטונג „פּראַוודאַ" פֿאַרן 24 אָקטיאַבער 1922. עטוואָס שפּעטער האָט דער בריוו זיך באַוויזן אין דער ניו־יאָרקער צייטונג „וואָרלד". לענין האָט געוואָלט, די אַמעריקאַנער זאָלן וויסן, אַז די 50.000 דאָלאַרן, וועלכע זיי האָבן איבערגעגעבן אין פֿאָנד פֿון הילף דעם ראַטנפֿאַר־באַנד, זיינען ניט געגאַנגען לעיבעד.

אין 15 יאָר אַרום, אין נאָיאַבער 1937, האָט „אַמבידזשאַן" פֿאַרעפֿנטלעכט אַ לייטאַרטיקל אינעם כוידעשלעכן זשורנאַל „דאָס נייע לעבן":

„די אַמעריקאַנער פֿערמע, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד אין 1922, איז אין פֿולן בלי.

דער ראַטווירט אַף וו. אי. לענינס נאָמען פֿאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט הען אין פּראַט פֿון הויכע גערעטענישן, הען אין פּראַט פֿון אויסגעצייכנטע האָרעפּאַשניקעס, אַדאַנק וועלכע דער ראַטווירט אַרבעט אַזוי גוט.

פֿאַר דער אויסגעצייכנטער מי זיינען פֿיל סטאַכאַנאָווצעס פֿונעם ראַטווירט באַלוינט מיט אָרדענס. זייערע נעמען ווייסט מען ווייט אויסער די גרענעצן פֿונעם דאָרף טאָיקינאָ.

מיטן אָנטייל פֿון אַ קליינער גרופּע אַמעריקאַנער אַרבעטער איז צוריק מיט 15 יאָר אינעם געוועזענעם גוט פֿון דער פֿרינצעסן אָבאַלענסקאַיאַ אָרגאַניזירט געוואָרן די ווירטשאַפֿט. געטרײַע הענט פֿון אַרבעטס־מענטשן האָבן אופֿגעהויבן דעם ראַטווירט אַף דער הייך פֿון אַ „מיליאָנער".

באַ הײַנטיקן טאָג מיִען זיך אין דער באַלעבאַטישקייט באַ 900 מענטשן: רוסן, דײַטשן, אוקראַיִנער, ווייסרוסן און אַנדערע. די האַכנאָסע פֿונעם קאָלווירט האָט זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 150 טויזנט רובל ביז 2,5 מיליאָן. דער ראַטווירט פֿאַרמאָגט 2.500 אַקרען ערד, 100 פֿערד, 500 ציכט־פֿי, 1200 כאַזירים, עטלעכע הונדערט שאָף, אַ בינענציכטלערײַ. אַדאַנק דעם אַלע־מען איז דער ראַטווירט איינער פֿון די פֿאָרגעשריטענע אין דער געגנט.

אַרום דעם ראַטווירט איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער יישעוו מיט צווייִשטאָקיקע שטיבער. אינעם יישעוו איז פֿאַראַן אַ גרויסער גרינער סקווער, אַ קלוב, גערצמע נייע שולן".

אין יענע ווייטע צוואַנציקער יאָרן איז דער אופֿטו פֿון די אַמעריקאַנער אַרבעטער געווען באַזונדערס וויכטיק, ווייל ער האָט אויסגעדריקט געפֿילן פֿון פֿריינטשאַפֿט צום ראַטנפֿאַר־באַנד. אַזעלכע מײַסים האָבן געצוווּנגען די רעגירונג פֿון אַמעריקע אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, אַז ס'איז געקומען די צייט אַנערקענען דאָס לאַנד פֿון די ראַטן.

פאַרשטייט זיך, דעמלט נאָך אַ קליין ייִנגל, האָב איך וועגן די וועלט־געשעענישן געוווּסט ווייניק. איך האָב געהאַט מײַנע זאָרגן, מײַן לעבן, מײַנע לערער. די ערשטע לערער מײַנע, ריכטיקער — דערציִער זײַנען געווען די באַוווּסטע פּובליציסטן אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג און מוישע אַלגין, דער איבערזעצער פון דזשאָן רידס בוך „צען טעג, וואָס האָבן אופגעטרע־ דערט די וועלט״. מײַנע לערער האָבן מיך געבראַכט צו פירן אין די רייען פון דער אַמעריקאַ־ נער אַרבעטער־באַוועגונג. כ׳בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ליגע פון יונגע אַרבעטער, שפּע־ טער — פון דער ליגע פון קאָמוניסטישער יוגנט, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּשאַ און אַ מיטגליד פונעם בעסאַראַבער פּאַטראָנאַט. כ׳האָב געלייענט דעם זשורנ־ נאַל „רויטע בעסאַראַביע״, וועלכן מיר פלעגן באַקומען פון די בעסאַראַבער געזעלשאַפטן אין פּאַריזש. אין יאָרן אַרום בין איך אַרײַנגעטראָטן אינעם צווישנפעלקערלעכן אַרבעטער־אָרדען, געוואָרן אַ מיטגליד פון זײַן בעסאַראַבער אָפּטייל.

ווען אין יון 1940 איז בעסאַראַביע, נאָך 22 יאָר פאַשיסטיש־בויאַרישער אונטערדריקונג, באַפרײַט געוואָרן און די רויטע אַרמיי האָט באַטראָטן די ערדן פונעם שמאַכטנדיקן קאַנט, און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די מאָלדאַווישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק, האָט אַ גוואַל־ דיקער ענטוזיאַזם אַרומגעכאַפּט אַלע בעסאַראַבער, וואָס האָבן געלעבט אין אויסלאַנד. די בע־ סאַראַבער לאַנדשאַפטן און געזעלשאַפטן האָבן פײַערלעך אָפּגעמערקט עס. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פעדעראַציע פון בעסאַראַבער געזעלשאַפטן. דעם 11 יאַנואַר 1941 איז אין „מאַנ־ העטן־סענטער״ פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן ס׳זײַנען געווען דעלעגאַטן פון 38 בעסאַראַבער געזעלשאַפטן און פראַפאַריינען־גרופּן. נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט אונדזער יאָמטעוו. אײַנגיכן איז דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

2. די מילכאָמע

אַ געפיל פון צאָרן און האַס צו די היטלעריסטן האָט אַרומגעכאַפּט דאָס אַרבעטער־פאָלק פון אַמעריקע. אָט וואָס עס האָט געשריבן אין זײַן ווענדונג דער נאַציאָנאַלער אויספירקאָם פון איינער פון די גרעסטע פּראָגרעסיווע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע „אינטערנאַציאָ־ נאַלער אַרבעטער־אָרדען״:

„עס בושוועט די מילכאָמע אין אייראָפּע, און די מענטשהייט געפינט זיך אין אַ געפאַר. היטלער האָט אָנגעהויבן די מילכאָמע, אָנגעפאַלן אויף די פרייַהייטסליבנדיקע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד און אַזויאַרום דערוויזן, אַז שאָלעם אויף דער וועלט איז אוממעגלעך, קאָלזמאַן עס וועט ניט פאַרניכטעט ווערן דער דײַטשישער פאַשיזם. מיט זײַן זינלאָזן און ראַצכישן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָט היטלער ניט בלויז באַשטעטיקט זײַן שוואַכקײַט און די אויסגאַנגסלאָזע לאַגע פון די נאַציסטן אין דײַטשלאַנד, נאָר אויך פאַרגיכערט זײַן אייגענע מאַפּאָלע און אוּמקום.

מיט זײַן אָנפאַל אויפן איינציקן לאַנד, ווו עס עקזיסטירן ניט קיין נאַציאָנאַלע פאָרורטיילן און דיסקרימינאַציע, אויפן איינציקן לאַנד, וואָס האָט פאַרווירקלעכט אין לעבן די אידעאַלן פון פרײַנטשאַפט און ברידערשאַפט אָן אונטערשייד פון ראַסע און נאַציאָנאַליטעט, האָט דאָס פאַ־ שיסטישע דײַטשלאַנד אופגעדעקט די געפאַר, וועלכע דראָעט דער גאַנצער מענטשהייט, אויב דער דײַטשישער פאַשיזם וואָלט געזיגט.

דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדען״ רופט אַלע זײַנע מיטגלידער, אַלע אַמעריקאַ־ נער בירגער העלפן די פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין זייער העלדישן קאַמף מיטן היט־ לעריזם.

דער זיג איבערן דײַטשישן פאַשיזם איז נייטיק צוליב דער געפאַרלאָזיקײַט פון פּשאַ, צו־ ליב דעם שאָלעם באַ אונדז אין לאַנד, צוליב דעם, אַז אונדזערע לעבנס זאָלן פאַרהיט זײַן און אונדזערע שטרעבונגען זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן״.

די ווענדונג פונעם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדען״ האָבן פּובליקירט אויף זייערע שפּראַכן אַלע נאַציאָנאַלע סעקציעס: די רוסיש־אַמעריקאַנישע, ייִדיש־אַמעריקאַנישע, אוקראַי־ ניש־אַמעריקאַנישע, סערביש־אַמעריקאַנישע, שפּאַניש־אַמעריקאַנישע, איטאַליעניש־אַמעריקאַ־ נישע אאַ.

אין די צײַטונגען זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אופרופן און אַרויסטרעטונגען פון אָנגע־ זעענע מענטשן פון אַמעריקע. אייניקע אופרופן וויל איך דאָ ברענגען:

טעאָדאָר דרײַזער:

„איצט האָט די גרעסטע באַדײַטונג פאַר דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע, אַז רוסלאַנד זאָל

באזיגן היטלערן. דער קאמף, וועלכן דער ראטנפארבאנד פירט, איז א קאמף פון עכטע דעמאָ־קראטן. רוסלאנד האָט שוין געטאָן צוליב דעם פראָסטן מענטשן מערער, איידער וועלכעס־ניט־איז לאנד אין דער וועלט־געשיכטע״.

אלבערט ריס וויליאמס:

„דער ווידערשטאנד, וועלכן עס ווײַזט ארויס דער ראטנפארבאנד היטלערן נאָך דעם, ווי פיל פעלקער האָבן פאר אים קאפיטולירט, די אנטשלאָסנקײַט פון 150 פעלקער און נאציאָנאַ־ליטעטן פונעם ראטנפארבאנד — צעקלאַפּן די פרעכע נאציסטן, וואָס פּרעטענדירן אַף ראסן־געגעמאָניע און אַף וועלט־הערשאַפט, די געוואגטקײַט פון דער רויטער ארמיי, וועלכע טראָגט אַף זיך דעם אַל פונעם קאמף מיט די פאשיסטישע ארמייען, — דאָס אלץ האָט אופגעברויזט און אופגערודערט די פעלקער פון אמעריקע, דערמונטערט און פאראייניקט אלע קויכעס, וועלכע קעמפן פאר דעמאָקראטיע און סאָציאַלער גערעכטיקײַט. פארקויפטע פשאַרעמאכערס אגיטירן פאר קאפיטוליאציע, פאר שאָלעם מיטן נאציזם. העלדישע, פאכמענערישע־געניטע סאָוועטישע קאוואלעריסטן, פליער, טאנקיסטן, פעכאָטינער קעמפן אַף דער גאנצער פראָנט־ליניע פונעם טײַך פרוט ביז דער באלטיק. שוין איצט דערציילט מען וועגן זייערע העלדנטאטן אין וועלדער, אין שאכטעס, אַף זאוואָדן און פאבריקן, לעגגויס דעם גאנצן פראָנט. זיי האָבן באגײַסטערט און אופגעהויבן מיליאָנען צו געבן א פײַערלעכע שוווּע אונטערצוהאלטן און טרײַ זײַן דעם אלפאָלקישן איניען.

אין דער סאָלידאריטעט פון אלע ערלעכע מענטשן אַף דער ערד איז פארלייגט די פאַר־האַנאַכע פונעם ענדגילטיקן זיג איבערן פאשיזם״.

ליאָן פויכטוואנגער:

„פארבלענדטע מיט דער קלוימערשטער גרויסקײַט, האָבן די נאציסטן אופגעהויבן א האנט אַף זײַן קעגנער, וועלכער איז פיל שטארקער פון זיי. מאכמעס זײַן זאך איז א גערעכטע. מיט די נאציסטן וועט זײַן פארענדיקט. פאר אונדז, דאָ, אין פשא, האָט די מילכאָמע, צום גליק, א דערקענטעניש־ווערט. היטלערס פרײַנט, סאָנים פונעם ראטנפארבאנד, האָבן געפּרוּווט צווינגען אמעריקע גלייבן, אז די סאָוועטישע מענטשן און די נאציסטן זײַנען געקנאָטן פון איין טייג און פארפאַלגן איינע און די זעלבע צילן. איצט גלייבט קיינער ניט אזעלכע „אינפאָרמאטאָרן״. אָפּט דערגייט צו די אמעריקאנער ניט אזוי גיך דער זין, דער באטײַט פון סיטואציעס, פון דעם, וויאזוי מע טראכט אין מאָסקווע. אָבער פון דער אנדערער זײַט, ווי נאָר די אמעריקאנער בא־מען זיך ענערגיש פאר אן איניען, דערפירן זיי אים ביזן סאָף, און ווען צו זיי וועט דערגיין די סיטואציע אין אלע דעטאלן, וועלן זיי נאָך ענערגישער, נאָך עפעקטיווער העלפן פארניכטן די נאציסטישע פעסט. גרויסע אויספּרוּוון און גרויסע פארלוסטן וועלן זײַן אין דער מילכאָמע. אָבער די, וואָס קענען די סאָוועטישע מענטשן, זײַנען זיכער, אז אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, איינעם מיט די צווײַ גרויסע אנגלאָסאקסאָנישע נאציעס, וועלן זיי אַף אייביק אנטשעדיקן די נאציסטן״.

די אויבנגעבראכטע און אנדערע ארויסזאָגונגען זײַנען באגלייט געוואָרן מיט פּראקטישע מײַסים. אין אמעריקע איז אופגעקומען א קאָמיטעט צו העלפן די פעלקער פון פססר — „ראשין װאָר רעליף״. דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זײַן טעטיקײַט אין 1941 און האָט געשטעלט פאר זיך א גאנץ באשיידענעם ציל — צונויפזאמלען 6 מיליאָן דאָלער, נאָר צום סאָף 1944 האָט ער שוין געגעבן בא 50 מיליאָן דאָלער מיט מעזומען געלט און מיט מאטאָנעס.

א ווּנדערלעך זײַטל אין דער געשיכטע פון הילף דעם ראטנפארבאנד האָבן ארײַנגעשריבן די אמעריקאנער פּרויען. זייער אָרגאניזאציע האָבן זיי דיכטעריש אָנגערופן: „אויסהעפטונגען אין קאמף מיט היטלערן״. „שטריקט, נייט, העפט אויס, מיידלעך, ביז היטלער וועט באקומען די מאפּאָלע!״ — דאָס זײַנען ווערטער פון זייערער א ליד.

אין 1942 איז געגרינדעט געוואָרן דער ייִדישער ראט „ראשין װאָר רעליף״ (אין דעם ראט בין איך געווען איינער פון די דעלעגאטן פון דער בעסאראבער פעדעראציע, וועלכע האָט זיך פארפליכטעט געבן הילף דער רויטער ארמיי).

קיין אמעריקע זײַנען אין 1943 געקומען צו פאָרן פאָרשטייער פונעם ייִדישן אנטיפאשיס־טישן קאָמיטעט, אָנגעזעענע טוער פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור — שלוימע מיכאָעלס און איציק פעפער. א ווּכטיקע ראָליע האָט אָפּגעשפּילט דער וויזיט זייערער אין הינזיכט פון נאָך מער מאָבילעזירן די פאָלקסמאסן פון אמעריקע אינעם קאמף מיטן היטלעריזם.

דער זיג פון דער רויטער ארמיי אין סטאלינגראד אין פעווראל 1943 האָט אופגעטויכט א נײַע כוואליע הייסע געפילן אין אמעריקע צו דעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק.

אזא איז געווען די לאגע צו יענער צײַט, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן די קינדער פון סטאלינגראד.

3. קינדער פון סטאַלינגראַד

די זיגערישע רויטע אַרמיי האָט געראַטעוועט פון דעם סטאַלינגראַדער פײַער פיל הונדערטער קינדער יעסוימים. ווען מע האָט וועגן דעם זיך דערוווּסט אין אויסלאַנד, האָבן די אַמעריקאַנער ניט געקאָנט בלײַבן באַ דער זײַט. ס'האָט אויסגעזען אַזוי, ווי עס וואָלט פונעם סטאַלינגראַדער פײַער זיך צעפלאַקערט באַם „פּעטער אַמבידזשאַן" דער געפיל פון פרײַנטשאַפט און ליבע צו די סטאַלינגראַדער קינדער.

די ייִדישע אָרגאַניזאַציע „אַמבידזשאַן" האָט ביז יענער צײַט שוין געשיקט הילף אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, אַפן סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך. איצט האָבן זיך גענייטיקט אין הילף די פיר טויזנט יעסוימים, וועלכע די רויטע אַרמיי האָט געראַטעוועט פון אומקום אין סטאַלינגראַד.

ווען דער אומדערמידלעכער וויצע־פּרעזידענט פון „אַמבידזשאַן" י. בודיש האָט באַקומען די מיטיילונג וועגן טויזנטער געראַטעוועטע סטאַלינגראַדער קינדער, וועגן דעם קינדערהויז „זילבערנע סאַזשלקעס", האָט ער אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס — קומען צוהילף די יעסוימים. עס האָבן אים אונטערגעהאַלטן טויזנטער מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס גאַנצע לאַנד האָט אונטערגעכאַפּט דעם רוף. פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ פּראָגראַם לעטויוועס די קינדער. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער „רוסישער קאָמיטעט", וועלכער האָט פאַראייניקט אַלע סלאַווישע גרופּן צוזאַמען מיט „אַמבידזשאַן".

די נײַע פאַרברייטערטע און פאַרפעסטיקטע אָרגאַניזאַציע „אַמבידזשאַן" האָט יערלעך געפײַערט דעם זיג פון סטאַלינגראַד און געשיקט די סטאַלינגראַדער קינדער שפּײַז־פּראָדוקטן, מאַלבושים, שוכוואַרג, מעדיצינישע אויסשטאַטונג. אָנהייבנדיק פונעם 1943 ביזן 1949 יאָר זײַנען געשיקט געוואָרן מאַטאָנעס אַף 2 מיליאָן דאָלער.

בלויז פאַר דעם קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס" האָט ביז דעקאַבער 1943 „אַמבידזשאַן" געשיקט 1335 מאַנטלען און ווינטערדיקע קאָמבינעזאָנען, 1946 וואָלענע קורטקעס, 900 פעלצלעך, 2223 סוויטערס, 361 העמדלעך, 1136 פּאָר הויזן, 568 קליידלעך, אַ גרויסע צאָל גאַרניטערס, שיך, קאָלדרעס, מעדיקאַמענטן, מעדיצינישע אויסשטאַטונג, שפּילעכלעך, מוזיקאַלע אינסטרומענטן, ניי־מאַשינען, לערן־מאַכשירים און אַפילע אַ באַוועגלעכע עלעקטראָסטאַנציע.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין אַנטוויקלט אונדזער טעטיקייט, ווען פון אַלע שטעט פון אַמעריקע האָט אָנגעהויבן קומען די מאַטעריעלע הילף. און צום אָנהייב איז אונדז, די אַקטיוויסטן פון „אַמבידזשאַן", אויסגעקומען היפּש אַ האָרעווע טאָן, איבערהויפּט אין געביט פון פּראָפּאַגאַנדע. מע האָט געדאַרפט באַקאַנען די ברייטע געזעלשאַפטלעכקייט פון פּשאַ מיט דער טראַגישער לאַגע פון די סטאַלינגראַדער קינדער.

אין נאָיאַבער כוידעש פונעם 1943 יאָר האָט דער „ביולעטען פון אַמבידזשאַן" דערהאַלטן אַ דערציילונג וועגן זעקס סטאַלינגראַדער קינדער. די דערציילונג האָט אָנגעשריבן די קאָרעספּאָנדענטקע פון דער „אוטשיטעלסקאַיאַ גאַזעטאַ" („לערער־צײַטונג") זאָיע מאַטוסעוויטש. מיר האָבן איבערגעדרוקט די דערציילונג און זי פאַרשפּרייט אין אַלע שטעט פון אַמעריקע. אָט אַזעלכע זײַנען די גויראָלעס פון סטאַלינגראַדער קינדער. גלײַכגילטיק לייענען די דערציילונג איז געווען אוממעגלעך. פון די שורעס איז דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן, טרערן האָבן זיך געגאָסן פון די אויגן.

מאַרוסיאַ סטעפּאַנאָוואַ, 11 יאָר. דעם פאָטער האָבן געהאַרגעט די נאַציסטן בײַם דער אַרומרינגלונג פון סטאַלינגראַד. איר 13־יאָריק ברודערל אַבראַשע האָט געפּרוּווט פאַרטיידיקן דעם טאַטן, האָבן די נאַציסטן איבערגעבראָכן דעם קינד די הענט און דערנאָך אים צעשטאָכן. מאַרוסיעס מוטער האָט זיך אָנגענומען פאַרן זון, געבעטן לאָזן אים לעבן, האָט מען זי קאַלטבלוטיק דערשאָסן. פון דער גאַנצער מישפּאָכע סטעפּאַנאָווס זײַנען לעבעדיק געבליבן מאַרוסיע און איר אַכטיאָריק ברודערל זשעניע. אַ גאַנצן ווינטער האָבן זיי געלעבט אין אַ קעלער פון אַ צערוינירט הויז. זייער איינציקע שפּײַז איז געווען די, וואָס זיי פלעגן אונטערקלײַבן אַפן מיסטקאַסטן לעבן אַ דײַטשישער פעלד־קיך. אין קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס" קען מען אָפּט זען באַנאַכט אַזאַ בילד: אַף די שפּיץ פינגער גאַנוועט זיך מאַרוסיע דורכן קאָרידאָר צום צימער, ווו עס שלאָפט זשעניע. באַנאַכט דערלויבט מען ניט די קינדער אַרומגיין איבער די קאָרידאָרן, נאָר מאַרוסיען דערלויבט מען עס. זי נעמט דעם שלאָפנדיקן זשעניען אַף די הענט, באַלייגט אים באַ זיך אין בעט און זינגט אים שטיל־שטיל אַ וויגליד...

נינאַ גוסעלניקאָוואַ, 10 יאָר. אירע עלטערן זײַנען אומגעקומען אַף די באַריקאַדן, וועלכע די סטאַלינגראַדער טוישווים האָבן אויפגעשטעלט אַף די גאַסן, קעדיי פאַרשפּאַרן דעם וועג

פאַר די נאַציסטישע האָרדעס. ווען זי און איר פּיאָריק ברודערל וואָווע זײַנען פאַריאַסעמט געוואָרן, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער פון אַ כאַרעוו־געוואָרענעם הויז. זיי פלעגן גיין צו די נאַציסטישע פעלד־קיכן קלײַבן אַף מיסטקאַסטנס די אָפּפאַלן. איינמאָל האָט אַ פאַשיסטישער אָפיצער זיי געכאַפּט. ער האָט געשריגן צו וואָווען: „ביסט קויטיק און פאַרלײַזיקט, דו ביסט אַ שרעקלעכע געפאַר פאַר דער אַרמיי פונעם דריטן רײַך", און ער האָט אוועקגעשלעפּט ערגעץ דאָס קינד. נינע האָט לאַנג געזוכט וואָווען. אין עטלעכע שאָ אַרום האָט זי אים געפונען. ער איז געווען טויט. זײַן שאַרבן איז געווען דורכגעלעכערט.

די ברידער פּעטראָוו — קאָליע, מישע, וואַליע. דעם עלטערן איז 9 יאָר, דעם קלענסטן — דרײַ. זייער פּאָטער האָט געקעמפט אין דער רויטער אַרמיי. אינעם ערשטן טאָג פונעם פאַשיסטישן אָנגריף אַף סטאַלינגראַד האָט אַ נאַציסטישע באָמבע אונטערגעצונדן זייער שטוב און געהאַרגעט די מוטער. דורך רויך און פײַער זײַנען די קינדער אַרויסגעלאָפן אין גאַס. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געוואָלט, איז דערלויפן ביז צו דער וואָלגע. אין וועג האָבן זיי פאַרלוירן וואַליען. ווען זיי זײַנען אײַנצווייען געקומען צו לויפן צום ברעג, איז שוין די וואָלגע אויך געווען אין פײַער. הויכע פלאַם־זײַלן האָבן זיך אויפגעהויבן איבערן טײַך, אין וועלכן ס'זײַנען געפלאָסן שטראָמען נאַפט, אויסגעגאָסענע פון דערטרונקענע טאַנקערס. אויסגעמאַטערטע, דערשראָקענע, אָן קויכעס, האָבן די קינדער זיך באַהאַלטן אין אַ קעלער. דאָרט האָט זיי געפונען דער לערער סעראַפים סווירידאָוו. מיט ניסים האָט ער אויך אָפּגעזוכט וואַליען, וועלכער האָט געבלאָנקעט באַם ברעג טײַך. איצט זײַנען זיי אַלע אינדרײַען אינעם קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס". פון אָנהייב איז באַרוזיקן זיי געווען זייער שווער: טאָגטעגלעך בייסן זון־פאַרגאַנג, דערזעענדיק די העלע שקיִע, פלעגן זיי אָנהייבן שרײַען. איינגיכן האָבן די דערציִער פאַרשטאַנען, אַז דער רויטער הימל און די פאַרגייענדיקע זון דערמאָנט זיי די ברענענדיקע וואָלגע און רופט אַרויס שוידערלעכע דערמאָנונגען. דעמלט האָט מען זיי איבערגעפירט אין דעם מיזרעכדיקן טייל פון דער געבײַדע.

דער גוירל פון די און אויך פון אַנדערע קינדער האָט טיף געריירט די אַמעריקאַנער. פון אַלע עקן לאַנד האָט מען אָנגעהויבן שיקן אַפן אַדרעס פון „אַמבידזשאַן" און דירעקט אינעם ראַטנפאַרבאַנד בריוו, געלט, פּעקלעך.

אָט איז אַ טיפּישע טעלעגראַמע פון יענער צײַט:

„דאָ איז בײַגעלייגט אַ טשעק אַף 5 דאָלער פאַרן אַמבידזשאַנער קאָמיטעט. דאָס געלט שיקן די קינדער פון דער רעליגיעזער שול באַם טעמפּל איזראַעל אין ניו־ראָשעל אַלס מאַטאָנע די סטאַלינגראַדער קינדער. איך וויל אײַך געבן צו וויסן, אַז די ניו־ראָשעלער קינדער האָבן אַרײַנגעטראָגן דאָס געלט פונעם אייגענעם פּאָנד פון סאָציִאַלער באַדינונג און געבעטן מיך איבערגעבן עס. אויך אַף ווײַטער וועלן זיי, לויט זייערע מעגלעכקײַטן, ברענגען אַ צושטײַער לעטויוועס די סטאַלינגראַדער קינדער.

מיט אַכטונג. ברעגמאַן. דירעקטאָר".

אין אַפּרעל כוידעש פונעם 1943 יאָר האָט די אָנפירונג פון „אַמבידזשאַן" זיך געווענדט צו דער סאָוועטישער רעגירונג מיט אַ ביטע, זי זאָל דערלויבן דער אָרגאַניזאַציע נעמען שעפטום איבער די יעסוימים פון סטאַלינגראַד און מאַטעריעל זיך זאָרגן וועגן זיי. אין אַ כוידעש אַרום איז באַקומען געוואָרן די האַסקאָמע. דעם 26 מײַ 1943 יאָר איז אין דער צײַטונג „סטאַלינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל וועגן אונדזער שעפטום.

מיר, די אַקטיווע טוער פונעם „אַמבידזשאַן", האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וועכעזשבן, וואָס פאַר אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט מיר נעמען אַף זיך. מיר האָבן שוין, עמעס, געהאַט אַ דערפאַרונג פון מאַטעריעלן שעפטום איבער פיר טויזנט מילכאָמע־יעסוימים, געבראַכטע אַפן ווײַטן מיזרעך פון די בײַפּראַנט־יִישווים. די שלאַכטן אָבער אַרום סטאַלינגראַד האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג אַף דער גאַנצער וועלט, און דאָס האָט צוגעגעבן אויך אונדזער אַרבעט אַ באַזונדערס גרויסע באַדײַטונג.

פיל סלאַווישע גרופּן האָבן געהאָלפן „אַמבידזשאַן" אין זײַן אַרבעט. די רוסיש־אַמעריקאַנישע סעקציע פונעם געוועזענעם אינטערנאַציִאָנאַלן אַרבעטער־אָרדען האָט געשאַפן אַ רוסישן קאָמיטעט אין „אַמבידזשאַן", וועלכער האָט דורכגעפירט פײַערונגען לעקאָוועד דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי אין סטאַלינגראַד.

„אַמבידזשאַן" האָט אָרגאַניזירט אַ קינדער־קלוב — „דער סטאַלינגראַדער קלוב זילבערנע סאַזשלקעס אין אַמעריקע". דער יונגער אַקטיאָר ס. כאַמאַיער איז געווען פּרעזידענט פונעם קלוב, און עס האָבן אים מיטגעהאָלפן אין זײַן אַרבעט זײַנע כאַווײרים, די אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל אַפן בראָדוויי „דער מאָרגנדיקער טאָג פון דער וועלט".

דער ערשטער גרויסער ספּעקטאַקל לעטוויוועס דער הילף די סטאַלינגראַדער קינדער איז פֿאַרגעקומען אין ניו־יאָרק דעם 17 סענטיאַבער 1943 יאָר. דאָס איז געווען אין דער זעלבער צײַט, ווען צו אונדז זײַנען געקומען צוגאַסט די פֿאָרשטייער פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט שלוימע מיכאָעלס און איציק פֿעפֿער.

מיכאָעלס האָט זיך געווענדט צו די אַמעריקאַנער קינדער מיט אַ ריירנדיקער רעדע:

„קינדער, איך האָב אײַך געבראַכט אַ גרוס פֿון זיך זעלבסט און פֿון די קינדער פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, וועלכע הייסן באַ אונדז מיט אַזעלכע פֿאַרשיידענע נעמען — וואַסיע און וואַניע, מוישעלע און שלוימעלע און אַנדערע — קינדער פֿון פֿיל נאַציאָנאַליטעטן. באַ אונדז אין לאַנד לעבן מענטשן פֿון 172 פֿעלקער און פֿעלקערשאַפֿטן, און אַלע האָבן קינדער. די קינדער, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ריידן אָף פֿאַרשיידענע לעשוינעס. אָבער באַ אַלעמען איז פֿאַראַן איין שפּראַך, וואָס העלפֿט זיי פֿאַרשטיין איינע די אַנדערע, דאָס איז די שפּראַך פֿון אונדזער גאַנצן ראַטנלאַנד — די שפּראַך פֿון פֿרײַנטשאַפֿט און ליבע פֿון די אַלע 172 נאַציאָנאַליטעטן. אָף דער שפּראַך באַגריסן זיי אײַך, קינדער פֿון אַמעריקע”.

מיט עטלעכע טעג פֿאַרן ספּעקטאַקל, נעמלעך דעם 10 סענטיאַבער 1943 יאָר, האָט אונדזער קאָמיטעט אָפּגעשיקט אַ בריוו די קינדער פֿון סטאַלינגראַד:

„יונגע פֿרײַנט, טײַערע, ליבע!

פֿון דער ווײַטער אַמעריקע, וואָס ליגט לעייווער דעם גרויסן אָקעאַן, שיקן מיר אײַך די באַשיידענע מאַטאָנעס, און איינעם מיט די מאַטאָנעס שיקן מיר אײַך אונדזער ליבע, אונדזערע טרײַסטע געפֿילן. איר זײַנט אונדז לײַבלעך־נאָענט, ווי לײַבלעך־נאָענט עס זײַנען אונדז די אייגענע קינדער. מיר ווייסן, אַז בלויז אַדאַנק דעם העלדישן קידעשהאַשעם, אַדאַנק דעם שטאַרקן גלויבן אין דער ווײַטזיכטיקייט פֿון אײַער גרויסער נאַציע וועט איר, און מיר דאָ אין פּשאַ, אין דער גאָרער וועלט זײַן געראַטעוועט פֿון די נאַציסטישע רעדיפֿעס.

מיר זײַנען אַנציקט פֿונעם העלדנמוט פֿון דער סאָוועטישער יוגנט, און באַזונדערס באַגײַסטערט אונדז אײַער מוט און אויסגעהאַלטנקייט, יונגע טוישווים פֿון סטאַלינגראַד. מיר האָבן געזען פֿילמען וועגן סטאַלינגראַד, געזען די שטאָט אַזאַ, ווי זי איז געווען ביז דער פֿאַשיסטישער אַגרעסיע. מיר האָבן אויך געזען פֿילמען וועגן סטאַלינגראַד, שוין אַ כאָרעוו געוואָרענעם, געזען דעם גרויסן אומגליק, וועלכן די אַכזאָריעסדיקע סאָנים פֿון דער מענטשהײַט האָבן פֿאַרשאַפֿט די מענטשן, דער שטאָט, דער ערד, דעם לעבן. מיט אַ געפֿיל פֿון דער גרעסטער אַנציקונג און טיפֿסטן אָפּשײַ האָבן מיר געלייענט וועגן דעם העלדישן קאַמף פֿון אײַער רומפֿולער רויטער אַרמיי און פֿון די סטאַלינגראַדער טוישווים — פֿרויען און קינדער, וועגן דעם אומגעוואַקלטן גלויבן אינעם זיג איבער די היטלערישע האָרדעס, וואָס איז, בעלי־ספֿאָפֿעק, דער אָנהייב פֿון אונדזער אַלגעמיינעם און ענדגילטיקן זיג.

מיר ווייסן, אַז איר זײַנט געגאַנגען אין פֿײַער ניט בלויז צוליב די אייגענע היימען אײַערע, נאָר אויך צוליב אונדזער לאַנד, צוליב ראַטעווען אויך אונדזערע קינדער. מיר פֿאַרשטייען, אַז קיין שום באַמיִונגען אונדזערע וועלן אַפֿילע אין דער קלענסטער מאָס ניט אימשטאַנד זײַן צו דעקן דעם כױוו פֿאַר אײַערע קאָרבאָנעס.

דאָס שעפֿטום איבערן קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס” נעמען מיר אָף ווי דעם גרעסטן קאָוועד, ווי דעם העכסטן לויז, מיט וועלכן מע האָט אונדז באַשאָנקען. מיר שיקן אײַך באַשיידענע מאַטאָנעס פֿון די אַמעריקאַנער קינדער און זייערע עלטערן.

שרײַבט אונדז, ביטע, מיר וואָלטן וועלן פֿאַרייניקן צו אײַערע קויכעס — אונדזערע און העלפֿן אײַך אויפֿשטעלן אײַער הויז, אײַער שטאָט, אײַער לאַנד, ווײַל מיר האָבן געטיילט מיט אײַך אונדזער פֿרייד אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער אַלגעמיינעם זיג, דעם זיג, צוליב וועלכן איר האָט אַזויפֿיל געטאָן.

אונדזערע קינדער, די אַמעריקאַנער קינדער, האָבן אין זייערע בריוו אויסגעדריקט די ליבע צו אײַך, וועלכע פֿילט אָן זייערע הערצער. מיר שיקן אײַך איבער אייניקע פֿון די דאָזיקע קינדערשע בריוו. נאָר אָנגעשריבן זײַנען פֿיל מערער בריוו. די קינדער אונדזערע ווייסן, ווי געוואַגט איר זײַנט, וואָס פֿאַר אַ העלדישע, שרעקלאָזע און אומדערמידלעכע יונגע קעמפֿער פֿאַר דער פֿרײַהײַט איר זײַנט.

די קינדער בעטן, איר זאָלט זיי אויך שיקן בריוו און פֿאָטאָגראַפֿיעס. זיי ווילן זען דאָס הויז, וווּ איר לעבט, זיי ווילן זען אײַך, זיי ווילן וויסן, מיט וואָס איר זײַנט באַשעפֿטיקט, זען אײַך בייס אײַער אַרבעט. זיי וועלן אײַך מיט פֿאַרגעניגן ענטפֿערן אָף אַלע אײַערע פֿראַגן, סײַ וועגן זייער לעבן, סײַ וועגן זייער אַרבעט.

מיר האָפֿן, אַז וווּ־ניט־איז, נאָך דעם, ווי ס'וועט ענדגילטיק באַזיגט ווערן דער העסלעכער סוינע פֿון דער מענטשהײַט, וועלן אייניקע פֿון אונדז האָבן די מעגלעכקײַט זיך טרעפֿן

און פערזענלעך זיך באקענען מיט אײַך. אלע מיר ווילן אײַך אלעמען שטארק ארומנעמען, ווי די סאמע ליבע, נאָענטע און טײַערע מענטשן.

מיר זײַנען מער ווי זיכער, אז די סטאלינגראדער העלדישע אופטוען וועלן באגײַסטערן די קינפטיקע דורעס.

מיט גרויס ליבע און אנציקונג, אײַערע שעפן פונעם אמבידזשאנער קאָמיטעט".

צום בריוו פונעם קאָמיטעט זײַנען געווען בײַגעלייגט בריוו פון די אמעריקאנער קינדער. אף יעדן קאָנווערט — א קורצער אדרעס: סטאלינגראד.

איך ברענג דאָ אייניקע פון זיי:

„טײַערע פרײַנט! מײַן טאטע דינט אין פלאָט, ער העלפט דײַן לאנד און מײַן לאנד צו זיגן אין דער מילכאָמע. איך וווין אין אמעריקע, אָבער נאָך דער מילכאָמע וועל איך קומען קיין רוסלאנד און וועל שוין בלײַבן לעבן בא אײַך. איך האָב זייער ליב רוסלאנד. כ'בין איצט אלט 8 יאָר, וווין אין קעמפ וואלענד. איך האָף, אז דײַן לאנד וועט אויסשפילן די מילכאָמע.

אופריכטיק דײַן פרײַנט פעטי רעבסאָן".

„טײַערער פרײַנט, ווי לעבט זיך דיר? איך האָף, אז דו באקומסט די מאטאָנעס, וועלכע מיר, אמעריקאנער, האָבן געקויפט פונדײַנעטוועגן. מײַן טאטע, א געבוירענער אין רוסלאנד, האָט מיר א סאך דערציילט וועגן דעם לאנד, און איך קלײַב זיך קומען צו אײַך, קעדיי מיט די אייגענע אויגן דערזען דאָס שיינע און גרויסע פאָטערלאנד. איך שטאָלציר, וואָס מיר האָבן זיך פארייניקט אין קאמף קעגן נאציזם מיט א לאנד, ווו עס לעבן אזעלכע שרעקלאָזע און שטארקע מענטשן.

מיט אומגעדולד דערוואַרט איך די מעגלעכקײַט דערזען רוסלאנד.

דײַן אמעריקאנער כאַווערטע מיריאם".

„מײַן טײַערער רוסישער פרײַנט! מיר, ייִנגעלעך און מיידעלעך פון דעם קעמפ ווינדער־לענד, וויסן, וואָס עס איז אזוינס א מילכאָמע, ווי שרעקלעך ס'איז, ווען דער סוינע רײַסט זיך ארײַן אין דײַן לאנד. מיר ווילן העלפן צעקלאַפן די פאשיסטן. צוליב דעם קויפן מיר מיליטערישע פאָסט־מארקעס און אָבליגאציעס פון דער מיליטערישער האלוואָע.

מיר האָפן, אז די מילכאָמע וועט זיך גיך ענדיקן. מיר גלייבן, אז איר וועט האָבן די מעג־לעכקײַט אויסצובויען, אָנשטאָט די רויִנירטע היימען, אנדערע — שיינע און גרויסע, און איר וועט קענען לעבן פרײַ, ווען עס וועט ווידער זײַן שאָלעם אף דער וועלט.

דעם בריוו שרײַבט

דאָריס לי גרינבערג, זיבן מיט א האלבן יאָר אלט".

„טײַערער פרײַנט! מײַן טאטע דינט אין פלאָט, און מײַן מאמע הארעוועט, ניט זשאלע־וועדיק די קויכעס, קעדיי העלפן די רוסישע קינדער.

פעטי".

„טײַערער פרײַנט! ס'איז בעפיירעש א גוטער אײַנפאל — אָנשרײַבן דיר א בריוו. איך בין אלט 14 יאָר. איצט געפין איך זיך אין א זומער־לאגער. מײַן טאטע איז אין ארמיי, אין דער אוויִאציע. דאָ אין לאגער העלפן מיר אויך, מיט וואָס מיר קענען, דעם קאמף קעגן נא־ציזם. מיר פארנעמען זיך מיט לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט. פאראן בא אונדז אפילע א ספעציִעלע ליד, וועלכע מיר זינגען, ווען די ארבעט איז אין פולן ברען. איך ענדיק מײַן בריוו, האָפנדיק, אז אלץ וועט בא אײַך זײַן גוט.

נענסי עלסוואָרט".

„איך בין אן אמעריקאנער מיידעלע פון ברוקלין, אין ניו־יאָרק. מײַן טאטע איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאנד און געלעבט דאָרט בא 20 יאָר. ער איז געווען א סאָלדאט אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, דערנאָך איז ער ארײַנגעפאלן אין געפענקעניש צו די דײַטשן און ביזן סאָף פון דער מילכאָמע געבליבן א קריגסגעפאנגענער. ער האָט געוווינט אין ווײַסרוס־לאנד, נאָר איך געדענק ניט, אין וועלכער שטאָט. די מילכאָמע וועט זיך גיך ענדיקן, דעריבער פאַל איך בא זיך ניט אראָפּ. אין די צײַטונגען זײַנען אלע טאָג פאראן גוטע נײַס, און אלע אין אמעריקע האלטן, אז אײַערע מענטשן און אײַערע סאָלדאטן זײַנען די געוואגטסטע אין דער וועלט, און זיי קאָנען אופטאָן אזוינס, וואָס קיינער קאָן עס ניט.

ריטע קאָגאן".

איינס פון די וויכטיקסטע מאָסמיטלען, וועלכע „אמבידזשאָן" האָט פאָרגענומען לעטוי־וועס די סטאלינגראדער קינדער, איז געווען דער קאָנצערט אין קארנעגי האָל דעם 28 דעקא־בער 1943. די פראָגראם האָט געפירט פּאָל פּאָרטער. די אָנטיילנעמער זײַנען געווען: דער זינגער פּאָל ראָבסאָן, דער מוזיקער טשארלז קינגפאָרד, דער פּיִאניסט טשארלז כייווד, דער ארטיסט זירא מאָסטעל אאא. א גרופע פון 70 קינדער האָט אויסגעפילט א באלעט „דער צוי־

אין יענעם יאָר איז די הילף צוניץ געקומען די סטאַלינגראַדער קינדער

אמעריקאנער פרויען גרייטן די מאַטאַנעס

סטאַלינגראַד, 1943



געמעלן פון סטאלינגראדער קינדער



בער־פאַנטאָן פון סטאַלינגראַד", וועלכן עס האָט געשטעלט די פּאָפּולערע טענצערין אידיט סיגאַל.

דער אַמבאַסאַדאָר פון פּססר אין אַמעריקע האָט געשיקט אַ באַגריסונג צו די אָרגאַניזאַטאָרן, אָנטיילנעמער און צושויער פונעם קאָנצערט:

„טײַערע פרײַנט! מיך האָט געוואַלדיק דערפרייט די ידיעה, וואָס אין „קאַרנעגי האָל" האָט דער „אַמבידזשאַן" אָרגאַניזירט אַ פײַערלעכן אָוונט, געווידמעט די סטאַלינגראַדער קינדער. איך ווינטש אײַך דורכפירן דעם אָוונט מיט גרויס דערפאָלג, און כ'באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט אויסצודריקן אַלע מיטגלידער פון „אַמבידזשאַן" און זײַנע פרײַנט מײַן דאַנקבאַרקײַט פאַר דער ברידערלעכער הילף, וועלכע אײַער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעוויזן און ווײַזט אַרויס דעם העלדישן סאָוועטישן פאָלק, דער רויטער אַרמיי און די קינדער פון מײַן היימלאַנד.

די רויטע אַרמיי האָט דערלאַנגט צעשמעטערנדיקע קלעפּ אונדזער אַלגעמיינעם סוינע, נאָר אונדזער לאַנד און דאָס סאָוועטישע פאָלק האָבן דערבײַ געליטן געוואַלדיק גרויסע פאַרלוסטן.

אײַער מאַמאַשעסדיקע הילף דעם קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס" אין סטאַלינגראַד איז פּראַכטפול. אײַער הילף באַקומען די טײַערסטע, די נייטיקסטע מענטשן — די רויטע אַרמיי און אונדזערע קינדער, די קינדער פון סטאַלינגראַד, וועמענס טאַטעס און מאַמעס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס, פאַרטיידיקנדיק דאָס היימלאַנד.

קיין שום ווערטער זײַנען ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן דאָס גליק פון די קליינע טוישוים פון דער גרויסער שטאָט, ווען אינעם היסטאָרישן שלאַכט, אײַנבערעכנדיק די כּײַ־ישבלוטדאָרשטיקע היטלערישע כאַיאָלעס, האָט די רויטע אַרמיי אומגעקערט די שטאָט צום לעבן און דערמיט אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט העלפן מאָראַליש און מאַטעריעל די יעסוימים, זיי זאָלן קאָנען זיך שטעלן אויף די פיס, זיך אָנעמען מיט קויעך און וואַקסן אין דער וועלט פון שאָלעם.

מיט פרייד האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמיטעט „אַמבידזשאַן" האָבן די שילער פון אײַער גרויסער מעדינע אָרגאַניזירט אַ קינדער־קלוב אין ניו־יאָרק און אָנגערופן אים „זילבערנע סאַזשלקעס", קעדיי געניער און מערער זיך דערוויסן וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע קינדער.

די יעסוימים פונעם קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס" ווייסן גוט, וואָס עס באַטײַט פרײַנטשאַפט צווישן אונדזערע פעלקער.

איך בעט איבערגעבן אַלע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט „אַמבידזשאַן", אַלע יונגע פרײַנט פונעם קלוב „זילבערנע סאַזשלקעס" מײַן האַרציקן דאַנק און די בעסטע ווונטשן".

די ניו־יאָרקער טעגלעכע צײַטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט אַ מיטיילונג וועגן דער פײַערונג אין קאַרנעגי האָל און הויך אָפּגעשאַצט פאָל ראָבסאָנס געזאַנג, דעם באַלעט „דער צויבער־פאַנטאָן פון סטאַלינגראַד", די פּרעמיערע פון דער קאַנטאַטע „אַ גוטער ענטפער — סטאַלינגראַד" פונעם קאָמפּאָזיטאָר טשאַרלז קינג פאָרד.

אינעם לייטאַרטיקל פון דער רוסישער צײַטונג אין ניו־יאָרק „די רוסישע שטים" פאַרן 30 דעקאַבער 1943 יאָר איז אונטערן קעפּל „וואַסיען פון סקיפּי" געזאָגט געוואָרן:

„דינסטיק דעם 28 דעקאַבער איז אין קאַרנעגי האָל פאָרגעקומען אַ פײַערלעכער אָוונט, געווידמעט די קינדער פון סטאַלינגראַד. די פײַערונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פונעם אַמבידזשאַנער קאָמיטעט, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די היסכײַוועס צו זאָרגן וועגן 500 קינדער — יעסוימים, וואָס געפינען זיך אינעם קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס" לעבן סטאַלינגראַד. דער אָוונט אין קאַרנעגי האָל איז דורכגעגאַנגען גלענצנד, און דאָס וועט בעלי־סאָפעק מיטהעלפן, אַז עס זאָל זיך נאָך מער פאַרשטאַרקן די פרײַנטשאַפט פון די אַמעריקאַנער און סאָוועטישע קינדער. סטאַלינגראַד איז געוואָרן דער סימבאָל פונעם קינפטיקן זיג פון דער פאָרגעשריטענער מענטשהײַט איבערן ברוטאַלן סוינע — דעם פײַנט פון די פרײַהײַטסליבנדיקע מענטשן, דעם היטלעריזם. דער פײַערלעכער אָוונט אין קאַרנעגי האָל, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אונטערן לאָזונג „סאַליוט די קינדער פון סטאַלינגראַד!", איז נאָך איין סימען, אַז וואָס ווײַטער, ווערט אַלץ שטאַרקער און פעסטער די פרײַנטשאַפט פון די פעלקער — דעם אַמעריקאַנישן און סאָוועטישן. דער דאָזיקער סימבאָל האָט באַקומען דעם רירנדיקסטן און בוילעטסטן אויסדרוק אין דער רעגע, ווען אַפּן יאָמטעוו אין קאַרנעגי האָל האָט דער פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער יוגנט סקיפּי כאַמײַער אונטערגעטראָגן דעם אַמבאַסאַדאָר פון פּססר אַ זייגער — אַלס מאַטאָנע דעם סאָוועטישן העלדישן פּאַרטיזאַן וואַסיען — אַ ייִנגעלע פון 12 יאָר, וועמען די רעגירונג פון פּססר האָט צוויי מאָל באַלוינט מיט לעניןאָרדענס. נעמענדיק די מאַטאָנע „וואַסיען פון סקיפּי" האָט דער אַמבאַסאַדאָר פאַרזיכערט, אַז

די קינדער פון העכער 170 פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, אין פרײַנטשאַפט פאַרברידערטע, וועלן אָפּשאַצן די מאַטאָנע, וועלכע האָט אַ וויכטיקע סימבאָלישע באַדײַטונג.

די אַמעריקאַנער פּראָגרעסיטענע געזעלשאַפטלעכקײַט האַלט, אַז די איניציאַטיוו פון דערנעענטערן די אַמעריקאַנער יוגנט מיט דער סאָוועטישער, געדענקענדיק דערבײַ, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָליע עס שפּילט דאָ דער אַמבידזשאַנער קאָמיטעט, דאַרף אויף ווײַטער פאַרברייטערט ווערן. אינעם באַוווסטזײַן פון די קינדער דאַרף זיך שטאַרקן דער גלויבן, אַז זייער פרײַנטשאַפט וועט ברענגען אַ גרויסע נוץ, אַרײַנטראָגן אַ ווירדיקן צושטײַער אויך אויף ווײַטער, אינעם נאָכמילכאָמע־פּעריאָד, אין דער צוזאַמענאַרבעט פון צוויי גרעסטע הײַנטצײַטיקע מעלוכעס — פּשאַ און פססר".

אויפן מיטינג איז אַרויסגעטראָטן אויך סקיפּי כאָמײַער. ער האָט געזאָגט:

— זינט כ׳בין געוואָרן פּרעזידענט פונעם קינדער־קאָמיטעט באַם קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס" אין סטאַלינגראַד, פיל איך, אַז איך קען פּערזענלעך אַלע יענע קינדער. 500 זײַנען זיי, דער קלענסטער איז אינגאַנצן אַלט פיר יאָר — דעם עלטסטן איז איצט פערצן. 500 ייִנגעלעך און מיידעלעך זײַנען זייער ענלעך אויף אונדז. אָבער דער כילעק איז אַ גרויסער: זיי האָבן איבערגעלעבט די גרעסטע און שרעקלעכסטע שלאַכטן פון דער מילכאָמע — דעם סטאַלינגראַדער שלאַכט, אין וועלכן עס זײַנען אומגעקומען און האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן זייערע טאַטעס און מאַמעס, כדי אָפּשטעלן די היטלערן. ווען איך האָב איבערגעלייענט וועגן דעם קינדערהיים, וואָס מע האָט עס אָנגערופן „זילבערנע סאַזשלקעס" אין אָנדענק פון שיינע סאַזשלקעס, וווּ ביז דער מילכאָמע האָבן די קינדער זיך געבאָדן, געלאַכט, געזונגען, — האָב איך אָנגעשריבן בריוו אייניקע מײַנע פרײַנט אין האָליוווד. אין די בריוו האָב איך דערציילט וועגן דעם קינדערהיים און וועגן דעם גוירל פון די דערצויגלינגען פון די „זילבערנע סאַזשלקעס". מיר אַלע ווילן העלפן די קינדער. צוליב דעם האָבן מיר אָרגאַניזירט אַן אַמעריקאַנער קינדער־קאָמיטעט, מיר פילן, אַז אַזויאַרום קענען מיר אויך עפּעס אָפּטאָן, כדי פאַרגיכערן היטלערס מאַפּאָלע.

דעם 1 פעוורואַל 1944 יאָר איז אויפן בראָדוויי דעמאָנסטרירט געוואָרן דער ערשטער סאָוועטישער פילם, דובלירט אויף ענגליש. דער פילם האָט געהייסן: „ניט פאַראַן קיין גרעסערע ליבע" — וועגן דעם גוירל פון סאָוועטישע פרויען און קינדער בײַ דער מילכאָמע מיט די נאַציסטן.

אייניצײַטיק איז אויך געוויזן געוואָרן אַ דאָקומענטאַלער פילם „אַ בריוו פון סטאַלינגראַד" — וועגן דער אַרבעט פונעם „אַמבידזשאַן" און וועגן דעם לעבן אינעם קינדערהיים „זילבערנע סאַזשלקעס".

אין מײַ 1946 יאָר האָט דער „אַמבידזשאַן" קאָמאַנדירט ב. גאָלדבערגן, דעם זשורנאַליסט און מיטגליד פונעם אויספירקאָם פון „אַמבידזשאַן", קיין סטאַלינגראַד. ער איז געווען צוגאַסט בײַ די קינדער אין די „זילבערנע סאַזשלקעס", וועלכע האָבן צוגעגרייט אַלבאָמען מיט זייערע געמעלן און אויסהעפטונגען — אַ מאַטאָנע דעם „אַמבידזשאַן" אין ניו־יאָרק. די אָנפירער פון דער שטאָט האָבן אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקײַט דעם „אַמבידזשאַן".

דאָס זײַנען געווען יאָרן, ווען די אַמעריקאַניש־סאָוועטישע פרײַנטשאַפט האָט זיך באַזירט אויפן געמיינזאַמען קאַמף קעגן דעם פאַשיזם, און די הילף, וואָס „אַמבידזשאַן" האָט געגעבן די סטאַלינגראַדער יעסוימים, איז געווען אַ רינגעלע אין דער דאָזיקער פרײַנטשאַפט.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז אַפילו אין יענע יאָרן האָבן זיך ניט געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט באָטל מאַכן אונדזער פרײַנטשאַפט. געווען זײַנען עס ייִדן און ניט־ייִדן. אָבער עפנטלעך אַרויסטרעטן האָבן זיי ניט געוואַגט.

איך וויל ברענגען נאָך עטלעכע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו יענע אומפאַרגעסלעכע יאָרן. פריִער פון אַלץ — אַ בריוו פון די סאָוועטישע קינדער:

„טײַערע פרײַנט אונדזערע אין אַמעריקע, דעם בריוו שרײַבן אײַך די קינדער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע וווינען אויפן ברעג פון דעם גרויסן רוסישן טײַך וואָלגע — די קינדער פון דער העלדישער שטאָט סטאַלינגראַד.

טײַערע פרײַנט, אונדזערע טאַטעס זײַנען אומגעקומען, פאַרטיידיקנדיק אונדזער היימלאַנד, אונדזערע מאַמעס זײַנען אומגעקומען אונטערן האָגל פון די פאַשיסטישע באָמבאַרדירונגען. נאָר עלנט זײַנען מיר ניט געבליבן. מיר פילן די וואַרעמקײַט און די זאָרג פון אונדזער גרויסן היימלאַנד. אין אונדזער קינדערהיים זײַנען די צימערן און זאַלן גערּאַמע און ליכטיקע. אין אונדזער לעבן איז פאַראַן אַ סאַך פרייד און גליק. מיט מוטערלעכער ליבע באַציִען זיך צו אונדז די לערער און דערציִער — זיי זײַנען אונדזערע מאַמעס. מיר וויסן אַ סאַך פריילעכע לידער. מיר זינגען, בײַס מיר שפּילן זיך און ווען מיר גייען שפּאַצירן. אייניקע פון אונדז,

קינדער פון שול־עלטער, לערנען זיך אין די שולן. אלע אונדזערע קינדער לערנען זיך גוט. ערשט ניט לאנג צוריק זײַנען באַ אונדז געווען פרײלעכע און אינטערעסאַנטע קאַניקולן. מיר האָבן זיך געגליטשט אף שליטלעך, אף ליזשעס. אז מיר וועלן אויסוואַקסן, וועלן פיל פון אונדז זיך אויסלערנען אף אינזשעניערן, לערער, אגראָנאָמען.

טײַערע פרײַנט, קעדײַ איר זאָלט האָבן א מעגלעכקײַט בעסער, גענויער זיך באַקענען מיט אונדזער לעבן, שיקן מיר אײַך אונדזערע דערצײלונגען, געמעלן, פאָטאָגראַפיעס. מיר ווינטשן אײַך אלעמען גליק אין לעבן. גיט איבער אונדזער גרוס די אמעריקאנער שילער.

קינדער פון דובאָוועקער קינדערהיים".

פונקט אין אָט דער דאָזיקער צײַט האָבן די אמעריקאנער קינדער אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין זײערע שטעט קלובן „די זילבערנע סאַזשלקע". אין 40 שטאַטן פון אמעריקע זײַנען געשאַפן געוואָרן אזעלכע קלובן.

אין מײַ 1946 יאָר האָט „אמבידזשאַן" דורכגעפירט א באַגעגעניש מיט איליא ערענבורגן און קאָנסטאַנטין סימאָנאָוון. אין האָטעל „קאָמאַנדאָר" האָט זיך פאַרזאַמלט זײער א גרויסער אוילעם. די געסט זײַנען אָרויסגעטראָטן מיט באַגײַסטערטע רעדעס.

„אמבידזשאַן" צוזאַמען מיט שרײַבער, קינסטלער, געלערנטע איז אויך געווען אײנער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם מאַסן־מיטינג אין ניו־יאָרק, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען. דער אוילעם האָט הארציק באַגריסט איליא ערענבורגן, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוון, דעם גענעראַל־מאַיאָר מיכאַיל גאַלאַקטיאָנאָוון.

דער באַוווּסטער ייִדישער שרײַבער שאָלעם אַש האָט געהאַלטן א רעדע, וועלכע האָט טיף גערירט די בײַוווּנזנדע. ער האָט געזאָגט:

— אף מײַן גורל איז אויסגעפאַלן דער גרויסער קאָוועד, אין נאָמען פון די ייִדישע שרײַבער, קינסטלער און געלערנטע באַגריסן אײַך, ווירדיקע פאָרשטײער פון דער סאָוועטישער קולטור. באַגריסנדיק אײַך, באַגריסן מיר די פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע זײַנען מאַקריוו געווען מיט אלץ, קעדײַ דערראַטעװען פאַר אײַך און פאַר אונדז די פרײַהײַט. מיר דריקן אויס אונדזער אנציקונג פאַר זײערע מעסירעסנעפעשדיקע, אויסערגעוויינלעכע העלדנטאַטן די באַפרײַער — אײַערע און אונדזערע, דער העלדישער רויטער ארמײ.

אונדזערע פעלקער ווילן אופריכטיק אונטערהאַלטן און וואָס ווײַטער פאַרשטאַרקן די פרײַנטשאַפט, וועלכע האָט פאַרבונדן אונדזערע לענדער אינעם קאַמף בײַסן קריג. מיר זעען אין דער פרײַנטשאַפט דעם אויסדרוק פון שאָלעם און די פאַרהאַנאַכעס פאַר פרײַנטלעכע באַציִונגען צווישן מענטשן פון גאָר דער וועלט.

אונדזער פרײַנטשאַפט האָט געבראַכט א גרויסע נוץ. מיר זײַנען טיף דאַנקבאַר אײַך פאַר אלץ, וואָס איר האָט געטאָן צוליב אלע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, דערין אויך צוליבן ייִדישן פאָלק אין דער צײַט פון די גרעסטע אויספּרוּוון. דער געפיל פון גערעכטיקײַט, וואָס איז פאַר אײַך אזוי אײגנטימלעך און כאַראַקטעריסטיש, האָט פאַרניכטעט ביז לעצט, ווי מיט א בעזעם אויסגעקערט די זוימען פון אנטיסעמיטיזם, וועלכע עס האָט אזוי ניט געקאַרגט און געזײט דער צאַריזם צווישן די פעלקער פון רוסלאַנד. איר האָט פּראָקלאַמירט דעם אנטיסעמיטיזם אלס א שווערן פאַרברעכן קעגן דער מענטשהײַט, און איר האַלט זיך פעסט באַם דאָזיקן פרינציפּ. איר האָט ארויסגעוויזן מיטלײַד און הומאַניזם צו די ייִדן אין דער צײַט פון די שווערסטע אויספּרוּוון פאַרן לאַנד. איר האָט געראַטעוועט גרויסע מאַסן מענטשן פון מײַן פאָלק, פאַרהיט זײ דאָס לעבן פונקט אזוי, ווי איר האָט געראַטעוועט די גאַנצע וועלט אײַנגעם גענומען.

דאָס ייִדישע פאָלק וועט קײנמאָל ניט פאַרגעסן די אכזאָריעסן פון אויסראָטונג, די לײדן און באַלײדיקונגען, מיט וועלכע עס האָט געהאַגלט אף זײערע קעפּ דער סוינע. זײ וועלן אָבער אויך קײנמאָל ניט פאַרגעסן די הענט, וואָס האָבן זײ געבראַכט די רעפוּע, וואָס האָבן זײ אויסגעהײלט. זײ וועלן געדענקען אלדאָס גוטע, וואָס עס האָט זײ געגעבן דאָס סאָוועטישע פאָלק אין דער פינצטערער שאָ פון זײַן געשיכטע. גאָט זאָל אײַך בענטשן, מענטשן פון סאָוועטישן רוסלאַנד!

אין א סאַך יאָרן ארום זײַנען די געשעענישן פון יענער צײַט באַשריבן געוואָרן אין אן אַרטיקל פונעם סאָוועטישן זשורנאַליסט וויקטאָר סאַפּאָוו, וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט דער זשורנאַל פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט אין וואַשינגטאָן „סאָוויעט לײַף". האַגאַם פיל פּראָטים פונעם אַרטיקל כאַזערן איבער דאָס, וואָס כ'האָב שוין דאָ באַשריבן, דאָך געפין איך פאַר נײטיק עס צו ברענגען.

„איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען נאָך דער מאַפּאַלע פון די פאַשיסטישע אַרמייען אויף דער וואָלגע איז געווען — געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און באַזאָרגן די פאַריאָסעמטע קינדער.

אין הײַזער, וועלכע זײַנען גאַנץ געבליבן נאָכן כורבן, האָט מען אָרגאַניזירט שולן־אינטערנאַטן. די ערשטע איז געעפנט געוואָרן אין די אָרטשעדינסקער וועלדער. דאָס איז געווען „די זילבערנע סאַזשלקע".

דער זיג פונעם סאָוועטישן מיליטער הינטער סטאַלינגראַד האָט באַגײַסטערט די מענטשן איבער גאָר דער וועלט.

סאָלידאַריטעט־קאַמפּאַניעס, געווידמעטע סטאַלינגראַד, זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין פיל שטעט און שטאַטן פון אַמעריקע. גראָד דעמלט האָבן די טוישווים פון דער סטאַלינגראַדער געגנט זיך דערוווּסט, אַז „אַמבידזשאַן", אַ ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע, האָט באַשטימט נעמען שעפטום אויף קינדערהיימען פון זייער געגנט. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרפּליכטעט באַזאָרגן 500 קינדער מיט שוכווארג, מאַלבושים, שפּײַז־פּראָדוקטן, רעפואס, מיט לערן־מאַכשירים.

לויט דער באַקאָשע פון „אַמבידזשאַן" האָט דער סטאַלינגראַדער געגנטלעכער סאָוועט אויסגעטיילט דרײַ קינדערהיימען — דעם דובאָווסקער, ניזשניטשירסקער און אָרטשעדינסקער. פונדאַנען ציט דעם שוירעש די לאַנגדויערנדיקע פרײַנטשאַפט.

אין די געשאַפענע באַדינגונגען האָבן די קינדער זיך געלערנט, געאַרבעט, פאַרשריבן דאָס, וואָס זיי האָבן געדענקט פון די מילכאָמע־טעג, געמאָלט און געשניצט. נאַטירלעך, אַז אַלץ, וואָס די קינדער האָבן געשאַפן, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון דער פאַרגאַנגענער מילכאָמע. אויף איינעם פון זײַנע געמעלן האָט טאָליע אָנגעמאָלט אַ שיף. די שיף האָט ער אָנגערופן „ניצאָכן", דעם געמעל האָט ער אונטערגעשריבן: „מאַנצבלען קערן זיך אום פון פראָנט. די טאַטעס זײַנען אויפן וועג צו זייערע היימען"... די טאַטעס און מאַמעס פון פיל סטאַלינגראַדער קינדער האָבן זיך ניט אומגעקערט.

איך האָב געשמועסט מיט פיל פון די געוועזענע דערציִגלינגען פונעם קינדערהיים „די זילבערנע סאַזשלקעס" — איצט סטאַלינגראַדער טוישווים.

דער אינזשעניער אָלעג קראַסאָווין דערמאָנט זיך: „מיך האָט מען געבראַכט אינעם קינדערהיים אין יול 1943. אין ערעך 500 קינדער זײַנען מיר געווען — רוסן, אוקראַיִנער, ייִדן, פּאָליאַקן, גרוזינער, ליטווינער. אונדז אַלעמען האָט פאַרייניקט איין אומגליק: אונדזערע טאַטעס זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן אויף דער מילכאָמע. דער קינדערהיים האָט אין אונדזערע הערצער אַנטוויקלט די נאָבעלע געפילן פון פרײַנטשאַפט און קאָלעקטיוויזם".

אָלעג נאַזאַראָוו, אַן אינזשעניער־מעליִאָראַטאָר, לעבט הינטער סטאַלינגראַד. מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט אָלעג אָנגעשריבן אַ בריוו צו די אַמעריקאַנער פרײַנט, וועלכע האָבן געהאַלטן שעפטום איבער די סטאַלינגראַדער קינדער. אָט איז דער בריוו: „מיר האָבן געוווינט אין די רויִנען פון אַ צעשעדיקט הויז, ווען די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן מיט אַ באַזונדערער אַכזאָריעסדיקײַט באָמבירן סטאַלינגראַד. מיר זײַנען געצוווּנגען געווען פאַרלאָזן אונדזער באַהעלטעניש און זיך אײַנאָרדענען אין אַ שטוב, וואָס איז געווען נאָך מער צערויִנירט, ווי אונדזערע, — אין אונדזער נײַעם מאָקעם איז ניט געווען קיין פענצטער און ס'האָט געפעלט אַ וואַנט; עס איז אָבער געווען דאָ זיכערער אין קעלער. איך האָב זיך באַהאַלטן אינאיינעם מיט דער מאַמען, מיטן טאַטן, מיט אַ קליין שוועסטערל, מיטן זיידן און מיט דער באָבען. ווען מיר זײַנען געלאָפן אויפן נײַעם אָרט, איז די מאַמע פאַרווּנדעט געוואָרן, און אינגיכן איז זי געשטאָרבן. איך בין געשטאַנען לעבן איר, ווען זי האָט געגויסעסט. דער טאַטע איז אוועק מיט דער רויטער אַרמיי, און איך מיט מײַן שוועסטערל זײַנען געבליבן מיט דער באָבען. דער זיידע פלעגט אַלע טאָג גיין צום צעבאָמבירטן עלעוואַטאָר. ער פלעגט דאָרט צווישן די רויִנען צונויפקלײַבן קערנער. מיר פלעגן זיי צעדרויבלען מיט אַ שטיין, און די באָבע האָט געבאַקן ברויטעלעך פון דער מעל. דערנאָך, ווען ס'איז שוין ניט געבליבן בײַ אונדז מער קיין קערנער, זײַנען דער זיידע מיט דער באָבען געשטאָרבן פון הונגער. עפּעס אַ פרוי האָט אוועקגעפירט מײַן שוועסטערל, און אַ מאַנצבל האָט מיך גענומען און געבראַכט צו פירן אין אַ שטוב, ווו עס זײַנען געווען אַ סאַך קינדער..."

וויקטאָר לאַמאַקין, אויך אַן אינזשעניער, האָט מיר דערציילט:

„נינע און איך זײַנען, ווײַזט אויס, די איינציקע פּאָר, די איינציקע מאַן־און־ווײַב צווישן אַלע דערציִגלינגען פון „די זילבערנע סאַזשלקעס". מיר האָבן כאַסענע געהאַט, ווען איך האָב שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן דעם טעכניקום און נינע האָט זיך געלערנט אין אַ מוזיק־שול בײַ דער סאַראַטאָווער קאָנסערוואַטאָריע. איך בין דעמלט אַלט געווען איינאונצוואַנציק [sic: 20] יאָר, און נינע — 17. די דערציִער האָבן זיך געפרווט אונדז אָפּריידן. וואָס איז די אײַלעניש, — האָבן

זיי געטײַנעט,— איר זײַט ניט באַזאָרגט, איר האָט נאָך ניט קיין מעגלעכקײַט צו פירן אַ זעלבשטענדיק פאַמיליען־לעבן...נאָר מיר האָבן באַשטימט, אַז אַלדאָס נייטיקע וועט זײַן מיט דער צײַט. און אַזוי איז טאַקע געשען. מיר האָבן איצט אַ פּראַכטפולע דירע, אַן אויטאָמאָביל. בינע האָט געבוירן צוויי קינדער, וועלכע מיר האָבן שטאַרק ליב, און איך דאַרף זיך מודה זײַן, מיר באַלוווען זיי היפּשלעך. אַלע ליידן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, זײַנען נאָך פריש אין אונדזער זיקאָרן. קיינעם ווינטש איך ניט דורכגיין דורך יענע שוידערן, וואָס מיר זײַנען זיי אַדורך. ביידע אונדזערע קינדער לערנען זיך שפּילן, און מיר האַלטן אַפילו, אַז אונדזער זעקסיאָריקער פּאַוליק איז אַ פידלער־ווירטואָז".

וואַלטער טאַרגאַשאָוו איז דירעקטאָר פונעם זאַוואָד „מעטאַליסט", וואַלערי אַנושקין — אַן אוויאַ־קאָנסטרוקטאָר, לעוו קיוזאָוו — אַ פּאָעט און אַ זשורנאַליסט, ליובע דודניק — אַ ביאָלאָג.

אין די וואָלגאָגראַדער מוזייען זײַנען פאַרהיט פּיל רעליקוויעס — איידעס פון דער סאָוועטיש־אַמעריקאַנער פרײַנטשאַפט. דער מיליטערישער מוזיי פון דער שטאָט פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל דאָקומענטן פון יענער צײַט.

צווישן די עקספּאָזיציעס פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט די ווענדונג פונעם פּרעזידענט פון פּשאַ פראַנקלין ד. רוזוועלט אין צוזאַמענהאַנג מיטן זיג פון דער רויטער אַרמיי הינטער סטאַלינגראַד:

„אין נאָמען פון די פעלקער פון די אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן שיק איך די דאָזיקע באַגריסונג דער שטאָט סטאַלינגראַד אַלס אַ סימען דערפון, ווי אַזוי עס האָבן אונדז אַנציקט די העלדישע פאַרטיידיקער אירע, וועמענס געוואַגטקײַט, אויסגעהאַלטנקײַט, איבערגעגעבנקײַט בײַס דער באַלאַגערונג, וואָס האָט געדויערט פונעם 13 סענטיאַבער 1942 ביזן 31 יאַנוואַר 1943, וועט אייביק באַגײַסטערן די הערצער פון אַלע פרײַהייטליבנדיקע מענטשן. דער זיג פון די העלדישע שלאַכטלײַט האָט אָפּגעשטעלט דעם פּאַשיסטישן אָנגריף און באַצייכנט דעם קערפּונקט אינעם קריג פון די פאַראייניקטע נאַציעס קעגן די קויכעס פונעם אַגרעסאָר.

פראַנקלין רוזוועלט.

וואַשינגטאָן, 1944, מײַ 17".

אַף איין סטענד מיט רוזוועלטס באַגריסונג ווערט דעמאָנסטרירט אַ פינגערל, וואָס עס האָט צוגעשיקט קיין סטאַלינגראַד אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט. די פאַמיליע פונעם סאָלדאַט איז קראַמער.

אינעם בריוו, וועלכן ער האָט בײַגעלייגט צו דער מאַטאָנע, שרײַבט ער: „מײַן פרוי האָט מיר געגעבן דאָס דאָזיקע פינגערל, ווען איך בין אין 1942 אָפּגעפאָרן אַפן פראָנט, קעדיי קעמפן אין די רייען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. איך וויל שענקען דאָס פינגערל די טוישווים פון סטאַלינגראַד אַלס צייכן פון מײַן גרויסער דאַנקבאַרקײַט די פאַרטיידיקער פון דער פעסטונג אַף דער וואָלגע, ווײַל אַדאַנק זייער אָפּפערדיקן קאַמף זײַנען לעבן געבליבן פּיל יונגע אַמעריקאַנער".

דער מוזיי היט אָפּ פּיל ווערטפולע עקספּאָנאַטן: אַ פּאָעמע, וועלכע הייסט „סטאַלינגראַד". די פּאָעמע האָט אָנגעשריבן מאַרלין לאַונעלען פון טשיקאַגאָ; באַגריסונגס־ווינטשעוואַניעס די קינדער פון סטאַלינגראַד, וועלכע עס האָבן געכאַסמעט 312 אַמעריקאַנער קינדער; אַ מיניאַטיור פּעקל בוימוואָל פון וויקסבורג אַף דעם טײַך מיסיסיפּי; אַן אַפישע, ווו עס ווערט געמאָלדן וועגן דער פּרעמיערע פונעם אַמעריקאַנער פילם „דאָס ייִנגל פון סטאַלינגראַד". אַ באַר אין געגנטלעכן קאַנטקענטעניש־מוזיי זײַנען אויך פאַראַן פּיל סוווענירן פון פּשאַ. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט די קאָלעקציע פון אַרבעטן, געמאַכטע מיט קינדערשע הענט, וועלכע עס האָט געשענקט „דער פּעטער אַמבידזשאַן". דעם דאָזיקן נאָמען ווייסט דאָך יעדערער, ווײַל ער אַסאָצייִרט זיך מיט פרײַנטשאַפט.

ס'זײַנען דורכגעגאַנגען נאָך דער מילכאָמע געצײלטע עטלעכע יאָר. אַמעריקע האָט פאַרפלייצט די טרויעריק־באַרימטע כוואַליע פון מאַקאַרטיזם מיט איר אַנטיסאָוועטישער און אַנטי־קאָמוניסטישער היסטעריע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צײַט פונעם קאַלטן קריג.

4. שווערע יאָרן

אין 1947, ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן טרומענס דאָקטרין, האָט זיך אָנגעהויבן דער אַנטיקאָמוניסטישער קרייץ־צוג. אין געביט פון דער אויסערן־פּאָליטיק האָט טרומענס דאָקטרין געבראַכט אַף דער וועלט „דעם מאַרשאַל־פּלאַן", דעם צאָפן־אַטלאַנטישן פּאַקט און אַנדערע אַטריבוטן פון אַגרעסיע און אַנטיקאָמוניזם.

אין פשא גופא האָט זיך אופגעהויבן א כוואַליע פון רעפּרעסיעס, וואָרענונגען, באַגרענע־צונגען. צום ערשטן האָבן געליטן די דעמאָקראַטישע רעכט פון די אמעריקאַנער בירגער. איבערהויפּט איז דאָס פּייַער געריכטעט געוואָרן קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער דאָ־זיקער פּעריאָד פון רעפּרעסיעס און רעאַקציע האָט געהאַט דעם אָנבליק און באַקומען דעם נאָמען פון א מענטשן, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, וואָס האָט געפירט צו פאַשיזם, — דעם סענאַטאָר מאַקאַרטי. דאָס האָט ער אַרופגעצווינגען אויפן לאַנד די אַנטיקאָמוניסטישע היסטעריע, דעם „געיעג אף מאַכשייפעס", דעם גענצן פון טאַפּט—האַרטלי, די אַטאָמשפּיאָנען פונעם קאַלטן קריג. דער טעראָר אף נעגערן האָט אין יענעם פּעריאָד אָנגענומען שרעקלעכע פאַרמען.

די סיבע צום מאַקאַרטיזם איז געוואַקסן. אין פיל שטעט פון אמעריקע זייַנען דורכגעפירט געוואָרן מאַניפעסטאַציעס אונטערן לאָזונג: „מאַקאַרטי דאַרף זיך פאַרנעמען פונדאַנען". די אומגעבונג אין דער וועלט, די פרידנס־פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דער קאַמף פון די אמעריקאַנער מאַסן האָבן ביסלעכווייַז בייַגעקומען דעם מאַקאַרטיזם. דער פינצטערער סענאַ־טאָר האָט שוין ניט געקאָנט אופהייבן דעם קאָפּ. דאָס איז געווען א גרויסער זיג פונעם פאָלק, אָבער ס'איז ניט געקומען קיין סאָף צו די פּאָליטישע רעפּרעסיעס.

די צווייטע רעאַקציאָנערע גרופּירונג אין לאַנד איז געווען די ציוניסטישע. די אָנפירונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון אויסגעשפּראָכענע רעאַקציאָנערן, וועלכע זייַנען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַטישער פּאַרטייען. די פּאָליטיקער פונעם מאַקאַרטיסטישן לאַגער אין פאַרשיידענע ראַיאָנען, איבערהויפּט אין ניו־יאָרק, האָבן זיך דערשלאָגן, אז די ציוניסטן זאָלן זיי פּאָליטיש אונטערהאַלטן. די ציוניסטי־שע אָנפירונג איז געניייגט געווען צעבלאָזן די פּאָליטיק פון קאַלטן קריג, אָפּנאַרנדיק דאָס ייִדישע פאָלק.

אין די יאָרן פון מאַקאַרטיזם האָבן אַקטיוויזירט זייער טעטיקייט אויך אַנדערע רעאַקציאָ־נערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס.

אין שפּיץ פון דער דאָזיקער סוויווע זייַנען געשטאַנען רייַכע ייִדישע ביזנעסמענער. זיי זייַנען געווען ענג פאַרבונדן מיט די סאַמע רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין די אמעריקאַנער מאָ־נאָפּאָליעס, מיט וועמענס עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן זיי האָבן זיך סאָלידאַריזירט אין פולן זין, ווערנדיק זייער אַגענטור אינעם ייִדישן ייִשעוו.

די באַזע פאַר אָט די אַלע טוערכצן איז געווען דער „אמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט". אַדאַנק דעם, וואָס די דירעקטאָרן פון א רייַ קאָרפּאָראַציעס, פירמעס און אַנשטאַלטן זייַנען געווען פאַרבונדן צווישן זיך, האָבן זיי געהאַט א מעגלעכקייַט קאָנטראָלירן אַזעלכע אָרגאַני־זאַציעס, ווי די „אַנטי־דעפאַרמיישן־ליג", דער אמעריקאַנער ראַט וועגן פּראַגן פון יודאַיזם, „בני בריט", „יונייַטעד דזשוּיש אפּיל" און אַנד.

די ייִדישע רעאַקציע האָט אייַנגעשטעלט א פעסטן קאָנטאַקט מיטן „אמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט" און מיטן „ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט". דעם „ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט" האָט, ווי באַוווּסט, געשאַפן און געכאַוועט, צווישן אַנדערע רעאַקציאָנערע טוער, דאַוויד דובינסקי, דער שעף פון דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קליקע, וועמענס ווירקונג עס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט ווייַט אויסער די גרענעצן פונעם ייִדישן ייִשעוו — אין די העכסטע עשע־לאָנען פון די רעאַקציאָנערע פּראָפאַריינען פונעם לאַנד.

כאָטש דער „אמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט" האָט ניט אייַנגעשלאָסן אין זיך קיין איין פּראָפאַריין־טוער אין זייַן אויספירקאָם, האָט ער געהאַט זייַן אייגענעם „אַרבעטער"־פראָנט — דעם „ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט". די לידערס פון אָט דער אָרגאַניזאַציע זייַנען געווען פאַר־ברענטע סאָנים פון אַלעס פּראָגרעסיוון אינעם ייִדישן און ביכלאַל אמעריקאַנער לעבן און, פאַרשטייט זיך, געשוווירענע אַנטיקאָמוניסטן און אַנטיסאָוועטיסטן.

פאַרשטייט זיך, עס זייַנען געווען אָרגאַניזאַציעס און באַזונדערע געוואָגטע מענטשן, וועלכע זייַנען דרייסט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מאַקאַרטיזם און קעגן דעם קאַלטן קריג. אין סענטיאַבער 1948 האָט דער נאַציאָנאַלער ראַט פון אמעריקאַניש־סאָוועטישער פרייַנטשאַפט געמאָלדן:

„אין דער צייַט, ווען אונדזער רעגירונג פירט דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן א דירעקטע שייַכעס צום גורל פונעם אמעריקאַנער פאָלק און צום שאָלעם אין דער וועלט, שאַפן אונדזערע פעדעראַלע מאַכט־אָרגאַנען, די קאָמיטעטן פון קאָנגרעס און די אַרטיקע פּרעסע אַן אַטמאָספער פון סינע צום ראַטנפאַרבאַנד, אויסנוצנדיק מעטאָדן, וואָס זעען אויס ווי ספּעציעל אויסגערעכנטע, אז עס זאָלן אונטערגעריסן ווערן די אונטערהאַנדלונגען.

עס באומרויִקט אונדז דער ענגער קאָנטאַקט און די מיטאַרבעט פון אונדזער רעגירונג מיט פאַרשיידענע אַנטיסאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס.

זײַנערצײַט איז צווישן פּשאַ און פּססר געווען אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, אין וועלכן ס'איז פאַרשריבן, אַז ביידע לענדער וועלן ניט דערלאָזן אויף זייער טעריטאָריע קיין גרופּן, וועמענס טעטיקייט איז געווענדט קעגן די אינטערעסן פון איינעם פון די צוויי לענדער; ניט דערלויבן צו פאָרמירן זיך און זײַן טעטיק אויף דער לאַנד־טעריטאָריע מיצאַד אַזאַ אָרגאַניזאַציע אָדער גרופּע, וועמענס ציל עס איז ענדערן, אָנווענדנדיק קויעך, די פּאָליטישע און סאָציאַלע סיסטעם פונעם צווייטן לאַנד". אַזוי איז פאַרשריבן געווען אינעם אָפּמאַך. און ניט געקוקט אויף דעם, זײַנען די פאַרייניקטע שטאַטן לאַנג געווען אַ מאָקעם, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַנטיסאָוועטישע מאָנאַרכיסטישע, פאַשיסטישע גרופּן און זייער גלײַכן. אין שײַכעס מיט דעם דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אינעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד עקזיסטירט ניט קיין איין אָרגאַניזאַציע, וועמענס טעטיקײַט עס זאָל זײַן געצילט קעגן די אינטערעסן פון פּשאַ.

איינער פון די רעאַליסטיש דענקענדיקע טוער אויף דער יידישער גאַס פון אַמעריקע, דער פּרעזידענט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס ד"ר סטעפאַן ווײַז האָט דערקלערט:

„צווישן אונדזערע צוויי מעכטיקסטע מעלוכעס טאָר זיך ניט צעפלאַקערן קיין מילכאָמע. קיינער האָט קיין רעכט ניט פאַרוואַנדלען די ערד אין אַ שלאַכט־פעלד. דער העכסטער פּאַטריאָטיזם — לאָיאַלקײַט אין באַצוג צו דער גאַנצער מענטשהײַט — דאַרף פאַרנעמען דאָס וויכטיקסטע אָרט אין דער צײַט פון דער אַנוואַקסנדיקער געפאַר. אויב עס דאַכט זיך עמעצן אויס, אַז די מאָסמיטלען, וועלכע איך לייג פאָר, זײַנען אויסערגעוויינלעך שווערע, זײַנען זיי דאָך אין פיל מאָל גרינגער, אויב פאַרגלײַכן זיי מיטן ליקווידירן דעם קאַטאַסטראָפישן קורבן, וועלכן עס וועט ברענגען אַ מילכאָמע. אויב עס רעכנט זיך, אַז ס'איז ניט פּאַטריאָטיש צו באַשטיין אויף דעם, מע זאָל אויסזוכן אַנדערע, גינסטיקערע וועגן, איידער אַ מילכאָמע, בין איך גרייט, מע זאָל מיך באַשולדיקן אין ניט־פּאַטריאָטיזם. מײַן לאַנד און דער ראַטנפאַרבאַנד זײַנען קלוג און דערפאַרן, און זיי זײַנען פייִיק געפינען אַן אַנדער וועג אויף צו לייזן פאַרשיידענע מאַכלויקעסן — ניט קיין מילכאָמע. איך פאַרליר ניט די האָפענונג, איך הער ניט אויף טפילע טאָן, אַז די כאַכמע פון די גרויסע נאַציעס פון מיזרעך און פון מײַרעוו זאָל ניט דערלאָזן דעם גרעסטן אומגליק פון אַלע אומגליקן, דאָס טראַגישסטע פון אַלע טראַגעדיעס — די מילכאָמע צווישן אונדזער לאַנד און דעם ראַטנפאַרבאַנד. אין דער טעטיקײַט פון ניט דערלאָזן קיין מילכאָמע דאַרפן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אַלע רעליגיִעזע קעהילעס און געזעלשאַפטן פון דער וועלט, ווי ניט פּאָפּולער די דאָזיקע טעטיקײַט זאָל זײַן אין די אויגן פון יענע, וועמער עס האַלט, אַז אינעם קויעך ליגט דער גאַנצער עמעס, וועלכע אַנערקענען ניט און פאַרשטייען ניט קיין אַנדער עמעס. די דריטע וועלט־מילכאָמע וואָלט געווען אַ סאַך ערגער, איידער פּראָסט נאָך אַ מילכאָמע. דאָס וואָלט געווען אַ פּאַראַט בענעגייע דער ציוויליזאַציע, בענעגייע אַלע גײַסטיקע ווערטן".

נאָך לאַנג ביזן מאַקאַרטיזם און דעם קאַלטן קריג האָט אונדזער אַרבעט לעטוווּעס „אַמבּידזשאַן" און די קינדער פון סטאַלינגראַד זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקער אָפּאָזיציע מיצאַד די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין דער אָנפירונג פון דער יידישער קעהילע, מיצאַד געוויסע יידישע פראָפאַריין־אָנפירער, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און ציִוניסטישע גרופּן. פאַרביסענע קעגנער אונדזערע זײַנען געווען די לידערס פונעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, די רעדאַקטאָרן פונעם גאָלן „פאָרווערטס".

נאָר אין יענע צײַטן האָבן די רעאַקציאָנערן ניט געוואַגט אָפן אונדז טעראָריזירן. זיי האָבן אָנגעהויבן זייער אָנגריף אין די יאָרן פונעם „געיעג נאָך מאַכשייפעס".

דער רענעגאַט פון דער לינקער באַוועגונג, דער דריטראַנגיקער, אומבאַהאָלפענער אין פּראָפּעסיאָנעלן זין זשורנאַליסט שימען וועבער איז געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם „פאָרווערטס". אַריבערלויפנדיק צום קעגנזעצלעכן צאַד, האָט ער אויסגעלייגט אָפן טיש פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער אַנטיקאָמוניסטישער בלאַט עטלעכע אַרטיקלען אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל: „אַראָפּרײַסן דעם שלייער", — „דער עמעסער פּאָנעם פון די סיבּוועסיווע קאָמוניסטן אין דער אָנפירונג פון דער בעסאַראַבער פעדעראַציע" (אין דער אָנפירונג פון אָט דער לאַנדסמאַנשאַפט זײַנען געשטאַנען לינקע געזעלשאַפטלעכע טוער).

איידער די מאַקולאַטור האָט זיך באַוויזן אין „פאָרווערטס", האָט דער רעדאַקטאָר אַרויסגערופן דעם פאָרזיצער פון דער בעסאַראַבער פעדעראַציע סאָל סערוויצן און באַוויזן אים דעם מאַנוסקריפּט. סאָל סערוויצן האָט אָפּגערודערט און דערצאָרנט דער פּראָוואָקאַציאָנעלער און רעכילעסדיקער מאַטעריאַל, און ער האָט געוואָרנט, אַז אויב די אַרטיקלען וועלן זײַן פאַרעפנטלעכט, וועט ער, באַשולדיקנדיק דעם „פאָרווערטס" אין רעכילעס, צווינגען די רעדאַק־

טאָרן פון דער צײַטונג זיך שטעלן פאַרן ערן־מישפּט פון דער ייִדישער קעהילע. די פּרינ־ציפּיעלע פּאָזיציע, וועלכע סערוויץ האָט פאַרנומען, האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעכילעס־דיקע אַרטיקלען האָבן ניט דערזען די ליכטיקע שײַן.

אין 1950 האָט דער אַמט לויט אימיגראַציע און נאַטוראַליזאַציע פונעם יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט פון פּשא אָנגעהויבן אַ „ספּראַווע" וועגן דעפּאָרטאַציע קעגן אַנדריי דמיטרישינען, אַן אַמעריקאַנער בירגער פון אוקראַיִנישן אָפּשטאַם, וועלכער האָט צו יענער צײַט געוווינט אין פּשא 35 יאָר. ס'האָט שאָקירט דער פאַקט, וואָס דער הויפּט־איידעס פון דער פּראָקוראַטור, ווי ס'האָט זיך אויסגעקלאָרט, איז געווען דער „עקספּערט" פונעם ציִוניסטיש־סאָציאַליסטישן „פאָרווערטס", דער זעלבער שימען וועבער, וועלכן די ייִדישע מאַסן האָבן אָנגערופן שימען מאָסער. ער האָט געגעבן פאַלשע באַווײַזן קעגן דמיטרישינען און איבער־הויפּט קעגן דער ייִדישער סעקציע פונעם צווישנפעלקערלעכן אַרבעטער־אָרדען.

איבער אַלע סעקטאָרן פונעם ייִדישן ישעוו אין פּשא האָט זיך דורכגעטראָגן אַ כוואַליע פּראָטעסטן קעגן דער נידערטרעכטיקער, פּראָוואָקאַציאָנעלער ראָליע פון איינעם פון די צײַ־טונגס־רעדאַקטאָרן. ביז אהער האָבן נאָך קיינמאָל די רעכטע צײַטונגען סײַ אין אייראָפּע, סײַ אין פּשא ניט געדינט עפנטלעך דער פּאָליציי, ניט מיטגעהאָלפן איר אַזוי ניט פאַרשטעלט אין דער פאַרפאָלגונג פון די לינקע קויכעס אין דער ייִדישער געזעלשאַפט.

שימען וועבער — דער מאָסער, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט געדינט אינעם אינפאָר־מאַציע־צענטער. אָבער די פּראָטעסטן האָבן ניט געהאָלפן, שימען מאָסער איז איניגיכן גע־וואָרן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס". פאַרקערט, עס זײַנען געצוווּנגען געווען אופהערן זייער טעטיקײַט אַ סאַך פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, דערין דער צווישנפעלקערלע־כער אַרבעטער־אָרדען, „אַמבידזשאַן" און די בעסאַראַבער פעדעראַציע. מיר האָבן אָבער פאַר־געזעצט אונדזער אַרבעט לטויוועס דער אַמעריקאַניש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט — אָפן איי־גענעם באַראָט, יעדערער באַזונדער. דער בעסטער באַווײַז דערפון איז די אויסשטעלונג פון די אַרבעטן פון די סטאַלינגראַדער קינדער, וואָס איז גרעאַטעוועט און פאַרהיט געוואָרן. כ'וויל איינקורצן דערציילן די דאָזיקע געשיכטע.

ווען אייניקע קאָמיטעטן, אַרײַנגערעכנט „אַמבידזשאַן", זײַנען געצוווּנגען געווען צו פאַרמאַכן זיך, איז אין 1949 אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלער יאַריד מיט אַן אאוקציאָן, קעדיי אויספאַרקויפן דעם אינווענטאַר פון די אָפיסן. דאָס אויסגעלייזטע געלט איבערשיקן די סאָוועטישע קינדער.

איך און מײַן פרוי זײַנען געשיקט געוואָרן אויפן יאַריד אַלס פאַרטרעטער פון דער בעסאַ־ראַבער־מאָלדאַווער געזעלשאַפט.

דער זאַל, אין וועלכן ס'איז געגאַנגען דער האַנדל, איז געווען באַפּוצט מיט פּלאַקאַטן, די ווענט — באַהאַנגען מיט רוסישע אויסהעפטונגען, אויף די טישן זײַנען געווען אַרויסגעשטעלט סקולפּטורן, אַנטיקלעך פון האָלץ־שניצערײַ, געפעס פון פאַיאַנס. אין ווינקל פונעם זאַל איז געשטאַנען אַ קעסטל פון קאַרטאָן, אין וועלכן עס זײַנען געלעגן רוסישע זשורנאַלן, ביכער, בראָשורן. ווען דער פּאַרזיצער פונעם יאַריד האָט געעפנט דעם אאוקציאָן און געפרעגט, ווער עס וועט אָנהייבן פון דער גרעסערער סומע, האָב איך דערלאַנגט אונדזער וועקסל אויף עט־לעכע הונדערט דאָלער פאַרן קאַרטאָנענעם קעסטל מיט די רוסישע ביכער, זשורנאַלן און בראָשורן. מע האָט אויף מיר געקוקט מיט עמעסן כידעש — וואָס האָב איך עס אײַנגעהאַנדלט? עס פאַרקויפן זיך אַ סאַך בעסערע און שענערע זאַכן...

אָבער מײַן גוירל האָט מיך געפירט דורך סוידעספולע און ריכטיקע וועגן. ווען מיר האָבן געבראַכט צו פירן דאָס קעסטל אינעם אַנשטאַלט פון אונדזער פעדעראַציע און איך האָב אָנ־געהויבן פאַנאַנדערשענקען די ביכער מיט די בראָשורן, האָב איך אויפן דעק פונעם קעסטל דערזען געמעלן, וועלכע עס האָבן געמאָלט די סטאַלינגראַדער קינדער, אַלבאָמען מיט זייערע לידער, דערציילונגען, פאָטאָגראַפיעס און אפילע אויסהעפטונגען.

מע דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער צײַט, בייס מע האָט אַמשטאַרקסטן פאַרפאָלגט די קאָמוניסטן און אַלע אָרגאַניזאַציעס. גראָד דעמלט זײַנען מיר געצוווּנגען געווען צו ליקווידירן אונדזער בעסאַראַביש־מאָלדאַווישן פאַרבאַנד. פאַרשטייט זיך, אין אַזאַ אַטמאָספער איז געווען געפערלעך צו היטן בא זיך די קינדערשע אַרבעטן. פאַרעטער און שפּיאָנען זײַנען געווען אין יעדער אָרגאַניזאַציע, מענטשן האָט מען אַרעסטירט און גע־וואָרפן אין טפיסע פאַר קאָנטאַקטן מיט קאָמוניסטן און מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. מיר אָבער האָבן ריזיקירט. מײַן פרוי און איך האָבן באַהאַלטן די קינדערשע אַרבעטן אין טשעמאָדאַנען און די טשעמאָדאַנען באַהאַלטן אין דער היים, אין שאַפעס. אין מעשעך פון 20 יאָר האָט די סטאַלינגראַדער אויסשטעלונג גערעגט מײַן מויעך און מײַן האַרץ.

אלס פּראָגרעסיווער מענטש, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די אויסשטעלונג פֿון סטאַלינגראַדער קינדערשע אַרבעטן וועט נאָך אָפּשפּילן איר ראָליע. אַלס דיכטער און זשורנאַליסט, בין איך געבליבן באַגײַסטערט אַנצושרײַבן אַ בוך וועגן די קינדער. כ׳מוז דערציילן דער וועלט וועגן דעם, וואָס דאָס סאָוועטישע לעבן האָט געבראַכט פֿאַר יענע 35 יעסוימים, וועלכע האָבן געשיקט זייערע אַרבעטן קיין אַמעריקע אויף דער אויסשטעלונג. ווי־אַזוי לעבן זיי איצט? וואָס טוען זיי? וואָס פֿאַר אַן אָרט פֿאַרנעמען זיי אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זייער לאַנד? וואָס געדענקען זיי וועגן יענע שווערע יאָרן פֿון די סטאַלינגראַדער שלאַכטן? צי געדענקען זיי, אַגעוו, דעם „פּעטער אַמבידזשאַן"?

איך און מײַן פֿרוי האָבן פּעסט באַשטימט, אַז מיר וועלן בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט צופֿאָרן קיין וואָלגאָגראַד, קעדיי אומקערן די אויסשטעלונג אין איר געבורט־שטאָט און אַרומנעמען די טײַערע קינדער, איבער וועלכע מיר האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן געהאַלטן שפּעטום.

5. דרײַ רײַזעס קיין וואָלגאָגראַד

ווי־אַזוי זאָל איך דערציילן וועגן אונדזערע דרײַ רײַזעס קיין וואָלגאָגראַד? מיט וועלכע ווערטער איבערגעבן דעם געפֿיל פֿון אומרו און פֿון פֿרייד, ווען מיר זײַנען געקומען אויף דער סאָוועטישער ערד, ווען מיר האָבן דערזען די שטאָט אויף דער וואָלגע און זיך באַגעגנט מיט שיינע און שטאַרקע מענטשן, וועגן וועלכע מיר האָבן אַמאָל, אין זייערע קינדער־יאָרן, געזאָרגט?

איך בין גליקלעך, וואָס די באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען. די באַגעגעניש האָט מיך געוואַלדיק אויפֿגערעגט, און דעריבער איז מיר ניט לײַכט צו שרײַבן דאָס קאַפּיטל. בעסער וועל איך זיך באַנוצן מיט מײַנע טאָגביכער.

אין אַפּרעל 1965 יאָר איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע 64־טאָגיקע רײַזע קיין אייראָפּע און אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, אַזוי צו זאָגן „קאַלטשיראַל טור", אַ קולטור־רײַזע. די שטאָט וואָלגאָגראַד איז געווען איינע פֿון די 8 שטעט, וועלכע מיר האָבן באַזוכט אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

גרייטנדיק זיך אין וועג, האָב איך געשיקט אַ בריוו דעם דירעקטאָר פֿונעם וואָלגאָגראַדער קאַנטקעגנטעניש־מוזיי. איך האָב אים געשריבן, אַז איך וויל אומקערן דעם מוזיי די קינדערשע געמעלן און אַרבעטן, וועלכע איך האָב אַמאָל געקויפֿט אויף אַן אָקציאָן און לאַנג זיי געהיט און אויסבאַהאַלטן. איך האָב אויך געבעטן, אויב עס איז מעגלעך, פֿאַרשטייט זיך, אָרגאַניזירן אַ באַגעגעניש מיט די אַמאָליקע דערצויגלינגען פֿונעם קינדערהיים.

פֿונדעסטוועגן האָבן מיר דעמלט די קינדערשע אַרבעטן מיט זיך ניט מיטגענומען, ווײַל פֿון אַלץ דערפֿאַר, וואָס מיר זײַנען ניט געווען זיכער, צי מע האָט באַקומען אונדזער בריוו און צי מע וועט אונדז, אַזוי־אַרום, באַגעגענען.

אונדזער בריוו האָט מען באַקומען, און די מיטאַרבעטער פֿונעם מוזיי, בעראָש מיטן דירעקטאָר באָריס גריגאָריעוויטש וואָיעוואָדין, האָבן אונדז פֿרײַנטלעך באַגעגנט אינעם אַעראָפּאָרט דעם 3 מײַ 1965 יאָר, ווי נאָר מיר זײַנען אַראָפּ פֿונעם טראַפּ. איך דאַרף זיך מודיע זײַן, אַז מיר האָבן ניט געוואַרט אויף אַזאַ פֿײַערלעכער, האַרציקער באַגעגעניש.

אויף מאָרגן גאַנצפֿרי האָט אינעם מוזיי אופֿגענומען אונדזער טוריסטן־גרופּע דער דירעקטאָר. אין זײַן באַגריסונג האָט ער גערעדט וועגן שאָלעם און וועגן דער פֿרײַנטשאַפֿט צווישן פֿעלקער. איך האָב געענטפֿערט אינעם זעלבן נוסעך, און מיר האָבן געטרונקען לעכאַיִם פֿאַר ווײַטערדיקע פֿרײַנטלעכע באַציִונגען צווישן אונדזערע לענדער.

דער דירעקטאָר האָט באַדויערט, וואָס ער האָט אונדז ניט געקענט באַצײַטנס ענטפֿערן און וואָס מיר האָבן איבער דעם ניט געבראַכט די קינדערשע אַרבעטן. ער האָט געזאָגט, אַז ווי נאָר זיי האָבן באַקומען אונדזער בריוו, האָבן די מיטאַרבעטער פֿונעם מוזיי אָנגעהויבן זאַמלען אינפֿאָרמאַציע וועגן דער אַרבעט פֿון „אַמבידזשאַן" לטובֿת די יעסוימים פֿון סטאַלינגראַד מיט 23 יאָר צוריק. צוליב דעם האָבן זיי זיך דורכגעקוקט די היגע צײַטונגען, סײַ אַרויסבאַקומען יעדיעס אין אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו דער דאָזיקער אַרבעט.

— און איצט, — האָט ער געמאָלדן, — וועל איך אײַך פֿאַרזענלעך באַקאַנען מיט צוויי אַמאָליקע דערצויגלינגען פֿון יענע קינדערהיימען, מיט יענע, וואָס געדענקען גוט דעם „פּעטער אַמבידזשאַן".

דאָס איז געווען אזוי אומגעריכט, אז עס האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן: אזויפיל צײַט איז אדורך, קימאַט א פערטל יאָרהונדערט! נאָר אָט זײַנען צוויי פון אָט די קינדער — ראַיאַ מיטראָשקינאַ און אָלעג קראַסאָווין! מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר געהערט, וואָס עס דערציילט אונדז די 28־יאָריקע ראַיאַ, וועגן איר שווערן גורל, וועגן דעם לעבן אין קינדער־היים.

— איך בין אַלט געווען קנאַפּע זעקס יאָר, ווען מע האָט מיך אַהין געבראַכט, — דערמאָנט זי זיך, — מע האָט מיך אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן אין פרישע קליידער, געגעבן מיר שיך און א וואַרעם מאַנטל, א היטל און הענטשקעס. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז געהאָלפן אָב־צוטאָן אונדז, יעסוימים פון דער מילכאָמע, האָבן פרײַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד אין ווײַטע לענדער, ווו די פלאַמען פונעם קריג האָבן ניט געווילדעוועט, און אַזעלכע פרײַנט זײַנען גע־ווען די טוער פון „אַמבידזשאַן" און פון אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. די ווערטער האָבן אונדז טיף גערירט. אָבער שטעלט זיך פאָר אונדזער פרייד, ווען עס האָט זיך פונעם ווײַטערדיקן געשפּרעך אויסגעקלאָרט, אז ראַיאַ מיטראָשקינאַ איז דער אויטאָר פון איינעם פון די געמעלן, וועלכע איז עקספּאָנירט געוואָרן זײַנערצײַט אין ניו־יאָרק. איר געמעל הייסט: „א וואַזע מיט קווייטן". ווי וווּנדערלעך שיין און ווי כידעשדיק עס איז דאָס לעבן.

דערנאָך האָט גערעדט א שיינער, ברייטפּלייציקער יונגערמאַן פון א יאָר דרײַסיק. זײַנע העל־בלויע אויגן האָבן מילד געשמייכלט, זײַנע בלאָנדע האָר האָבן עטוואָס פאַרדעקט דעם הויכן שטערן. גאָר אומדערוואַרט פאַר אונדז האָט דער געוועזענער דערציִגלינג פונעם קינ־דערהיים אָלעג קראַסאָווין זיך געווענדט צו אונדז אַף ענגליש:

— איך האָב אָנגעהויבן דערלערנען אײַער שפּראַך, נאָך זײַענדיק אין קינדערהיים, — האָט ער געזאָגט. — כ'בין גליקלעך, וואָס איך קאָן אײַך באַגריסן אַף ענגליש. איך בין געווען אַף צוויי יאָר עלטער פון ראַיסאַ מיטראָשקינאַ, ווען די רויטאַרמייער האָבן מיך געפונען צווישן די כורוועס פון סטאַלינגראַד און געבראַכט קיין דובאָווקע, אינעם קינדערהיים. איך האָב שטענדיק געטרוימט זיך באַגעגענען מיט די אַמעריקאַנער פרײַנט, די אַקטיוויסטן פון „אַמביד־זשאַן", וועלכע האָבן געהאָלפן די סטאַלינגראַדער קינדער. נאָך דער מילכאָמע האָט מען מיך געשיקט זיך לערנען אינעם מעכאַנישן טעכניקום באַם טראַקטאָר־זאַוואָד, און אינגיכן בין איך געוואָרן א מעכאַניקער, א מײַסטער. איך האָב כאַסענע געהאַט און האָב איצט צוויי קינדער. מיר ווױנען אין א גרויסן מויער, בישכיינעס מיטן מוזיי, אַפן לענין־פּראָספּעקט.

אָלעג קראַסאָווין האָט אײַנגעלאַדן מיך און מײַן פרוי צו זיך אַהיים. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די וואַרעמקײַט, די האַרציקײַט, מיט וועלכער מע האָט אונדז אויפגענומען אין אָט דער שטוב. נאָר לאָמיר זיך אומקערן צוריק אין מוזיי. איך האָב, נאַטירלעך, זיך אינטע־רעסירט מיט דעם ווײַטערדיקן גורל פון די קינדער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער אויסשטעלונג, און נאָך האָב איך געהאַט א באַקאַשע — צונויפקלײַבן דערינערונגען און אַנ־דערע מאַטעריאַלן וועגן יענער צײַט צוליב מײַן קינפטיקן בוך.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן אַף מײַן ביטע וולאַדיסלאַוו איוואַנאָוויטש מאַמאַנטאָוו — דער אַרכעאָלאָג פונעם מוזיי, גערופן האָט מען אים דאָ היימיש — וולאַדעק. מיר האָבן מיט אים עטלעכע מאָל געשמועסט וועגן זאַמלען די נייטיקע פאַר מיר מאַטעריאַלן. אין משך פון די לעצטע נײַן יאָר האָבן מיר זיך איבערגעשריבן. אין אונדזערע בריוו האָבן מיר געגנוי באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע.

אַלץ, וואָס האָט אַן אָנהייב, מוז האָבן א סאָף. ס'איז געקומען דער טאָג, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט וואָלגאָגראַד — ס'האָבן געוואַרט אַף אונדז אַנדערע שטעט. אוועקפאָרנדיק, האָבן מיר געפילט, אז מיר לאָזן איבער אין דער שיינער און העלדישער שטאָט פיל פרײַנט, און דערפון איז אונדז געווען פריידיק אַף דער נעשאָמע.

אין פינף יאָר אַרום, אין יול 1970, זײַנען מיר ווידער געקומען צו פלִיִען קיין וואָלגאָ־גראַד. עס האָבן אונדז באַגעגנט אָלעג קראַסאָווין און וולאַדיסלאַוו מאַמאַנטאָוו.

אַפן אַנדערן טאָג איז אין מוזיי פאָרגעקומען א כאַווערישער שמועס.

דער נײַער דירעקטאָר פונעם מוזיי אַנטאָנינאַ ראַגאַטקינאַ און אַלע מיטאַרבעטער האָבן מיט פרייד און מיט באַגײַסטערונג באַטראַכט די קינדערשע אַרבעטן פון סטאַלינגראַד, וועלכע מיר האָבן איצטיקס מאָל געבראַכט צו פירן, — פינף אַלבאָמען מיט פאָטאָגראַפיעס, לידער, דערציילונגען, געמעלן און אויסהעפטונגען.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט א הויך קאָל:

— דאָס זײַנען דאָך מײַנע קיניגלעך, מײַנע קראָליקעס!

אָלעג קראסאווין האָט דערקענט זײַן קינדערש געמעל, אונטער וועלכן עס איז אַף רוסיש און אַף ענגליש געווען אָנגעשריבן זײַן פאמיליע און אָנגעוויזן דער עלטער — 13 יאָר. אין פינף און צוואנציק יאָר ארום האָט אָלעג אומגעריכט זיך באגעגנט מיט זײַן קינדהײַט...

אנטאָנינא ראָגאטקינא האָט אונדז מיטגעטיילט, אז די קינדערשע ארבעטן וועלן פון איצט אָן זײַן עקספּאָנאטן אַף דער אויסשטעלונג אינעם קאנטקענטעניש־מוזיי. די אויסשטעלונג וועט געעפנט ווערן אין אָקטיאבער כוידעש פונעם איצטיקן, 1970־טן יאָר. פאראנטוואָרטלעך פאר צוגרייטן די אויסשטעלונג איז באשטימט געוואָרן וולאדיסלאוו מאמאָנטאָוו. מע האָט אונדז פארבעטן אין איינעם פון די מוזיי־זאלן און באוויזן די ווענט, אַף וועלכע עס וועט זיך געפינען די עקספּאָזיציע.

וולאדיסלאוו מאמאָנטאָוו האָט פאָרגעלייגט אָרגאניזירן א מין געזעלשאפט, אין וועלכער עס זאָלן ארײַן די געוועזענע דערצויגלינגען פון די סטאלינגראדער קינדערהיימען.

און ווידער פירן מיר געשפּרעכן, און עס קומען אויף געדאנקען וועגן מײַן קינפּטיקן בוך. מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אונדזערע פרײַנט אין וואָלגאָגראד מיט א געפיל פון פרייד און אומעט, אָבער מיט דער האָפענונג ווידער צו קומען אהער, מיטארבעטן מיט אונדזערע סאָוועטישע פרײַנט לעטוויוועס דער פרײַנטשאפט צווישן אונדזערע לענדער.

ס׳זײַנען דורכגעגאנגען נאָך פיר יאָר, און אָט זײַנען מיר נאָכאמאָל אין וואָלגאָגראד, און ווידער האָבן אין אעראָפּאָרט אונדז באגעגנט אונדזערע קרויווים — אָלעג קראסאווין און וולאדיסלאוו מאמאָנטאָוו. דער קאנטקענטעניש־מוזיי האָט אונדז געהאָלפן טרעפן זיך מיט די געוועזענע דערצויגלינגען פון די קינדערהיימען. די מיטארבעטער פון דער צײַטונג „וואָלגאָגראדסקאיא פראוודא“, דער אָרטיקער ביכער־פארלאג, דער שרײַבער־פאריין האָבן זיך אינטערעסירט מיט מײַן קינפּטיקן בוך, זיך נאָכגעפרעגט גענוי, וויאזוי עס גייט די ארבעט, עפּשער פעלן מיר אויס מאטעריאלן, עפּשער נייטיק איך זיך אין שפּעדרישער הילף.

און מאטעריאלן פאר דעם בוך האָבן זיך אלץ געמערט און געמערט. נאָטיצן און פארצייכענונגען זײַנען פולער געוואָרן מיט דעטאלן, עס האָבן אופגעלעבט דערינערונגען.

עפּשער האָט מען נאָך געדארפט א טראכט טאָן, מערער אָן ארבעט טאָן, נאָר ווי מע זאָגט בא אײַך אין רוסלאנד: מע קען ניט ארומכאפּן מיטאמאָל דאָס אומגעהייער גרויסע. די געשיכטע פון „אמבידזשאן“, די סטאלינגראדער קינדערהיימען, פּונקט ווי די אמעריקאניש־סאָוועטישע פרײַנטשאפט, וועלכע האָט זיך אַף שטענדיק פארהיט אין די הערצער פון די פּאָשטע מענטשן אין פּשא, כאָטש עס האָבן זיך קעגנגעשטעלט די רעאקציאָנערן און סאָנים, — דאָס אלץ איז א גרויסע, א רעגוונגספולע, א טיפע דערשײַנונג. איך מיט מײַנע שוואכע קוייכעס בין ניט אימשטאנד זיך אונטערנעמען פולשטענדיק, פונעם אָנהייב ביזן סאָף, באשרײַבן און פארייביקן זי אַף די זײַטלעך פון מײַן בוך.

טאקע דעריבער האָב איך באשטימט מער ניט ווארטן און ניט אָפּלייגן די ארבעט אַף שפּעטער. איך האָב אָנגעשריבן וועגן אלץ, וואָס איך ווייס, וועגן אלץ, פון וואָס איך בין געווען אן איידעס.

אלע וואָלגאָגראדער פרײַנט בין איך דאנקבאר פאר דער הילף, וואָס זיי האָבן מיר ארויסגעוויזן באם זאמלען מאטעריאלן צוליב דער דאָקומענטאלער דערציילונג „זילבערנע סאזשלקעס“.

זאָל מײַן באשיידענע ארבעט זײַן א גוטער צושטײַער, א פעסטער ציגל אינעם פרײַנטשאפט־ביניען, וועלכן אונדזערע פעלקער בויען און וועלן אויסבויען אַף דאָר־דוירעס.

דאָס קאָל פון גוטן ווילן

עסטער רימער
בוענאָס־אײַרעס

לעבן

לעבן! לעבן! לעבן!
שרײַען אַלע געוועבן.
אַזוי ווילד,
אַזוי מילד,
אַזוי קינדעריש צעשפּילט.
וויפל צאַפּלדיקע שרעקן,
ערעוו ליכטיקער אַנטפּלעקונג.
און איך זאַמל אַלץ אין גאַרבן,
שענק דעם לעבן, שענק דעם האַרבן.
עס איז גוט אַזוי דערפילן:

ווידער, ווידער קומט דער פרילינג.
עס איז גוט אַנטקעגנקומען
יעדן נײַעם פולן זומער,
אַלדאָס שײַנע ניט פאַרשווײַגן,
ווי אַ סאָסנע קאָנען שטײַגן,
און דערגרייכן
אַלע הייכן,
אײַנגעפּרילינגטע אין גלייבן,
און צו זיי כ׳זאָל זיך דערהייבן...

גליקלעכע שפּירונג

אַזויפיל הויכקייט,
אַזויפיל רוים,
אַז איך זע מיך קוים,
קוים אַרויס.

ציטערט דאָס דינינקע גרעזעלע,
אָטעמט דער באַרג מיט גוורע,
וואַלקנט זיך דער הימל
פון זײַן יעדן אָטעם.

און איך — אין מיר זינגט
מײַן בלוט אַ ליד, —
אַ ליד צום באַרג, צום הימל.
גאַרנישט איז פאַרפעלדזיקט
אין מיר,
אַלץ אַזוי דין,
אַלץ איז שפּירונג,
גליקלעכע שפּירונג,
גליקלעכע שטוינונג.
איך קאָן אַלץ אַזוי ווייך
אַרײַנעמען אין זיך.

■ ■ ■

סעם ליפּצין
ניו־יאָרק

דאָס צעפּוילטע מוז פאַלן!

אַ געלע צעפּוילטע בלאַט,
אָן קאָליר און אָן טאַם,
האָט זיך אָפּגעריסן פון איר שטאַם
און געלאָזט זיך לויפן מיטן ווינט

איבער גאס און שאָסיי נאָר פלוצלינג בא א ראַג
מיט א געשריי: האָט דער ווינט געגעבן א פאַרטראַג
איר זעט, ווי איך פלי און שטײַג! — דאָס בלעטל, וואָס געטאָן עס האָט א פאַל
נאָך העכער פון מײַן צווײַג און זיך צוגעקײַקלט צו א שטאָל.
און העכער פון מײַן בוים. דער עראָפּלאַן, די באַן און דער ווינט
ענדלעך האָב איך רוים. זײַנען ווײַטער געפלויגן געשווינד,
עס יאָגן באַן, עראָפּלאַן און ווינט, און דאָס בלעטל, געל און פאַרוויסט,
און איך, פלינק, געשווינד, האָט זיך באַגראָבן אין מיסט...
לויף פאָרויס און לאָך זיך אויס...

געקראָגן יערושעס

פון איין זיידן האָב איך א יערושע — זײַן נאָמען.
פון דעם צווייטן — צו לערנען וואָס מער.
פון דער מאַמען — איר פאָלקסטימלעך מאַמע־לאָשן
און פון דעם טאַטן — זײַן נאָדל און שער.

פון איין פעטער א יערושע — ספאָרים,
פון א צווייטן — ווי צו לעבן פאַר א נוץ.
פון א דריטן — זײַנע הענט די האָרעפּאַשנע,
און פון א פערטן — זײַן כוש פאַר א וויץ.

פון ערלעכע אָנפירער כ׳האָב א יערושע,
וויאַזוי צו דינען מײַן פאָלק און מײַן קלאַס.
כ׳בין שטענדיק פול מיט מוט און ביטאָכן
און פאַרלאַך יעדן ווייטעק מיט שפּאַס...

פון די פאָלקס־העלדן האָב איך געלערנט
צו ברעכן צאַמען פון שרעק און פון בריט,
פאַרגעדענקט האָב איך גוט זייער לערע און אָנזאָג:
דער, וואָס ארבעט, איז בארעכטיקט צום ברויט.

פון דערפאַרונג האָב איך אזא מין יערושע:
ווען מע גייט צוזאַמען, איז זיכער דער גאַנג:
מיט אזא יערושע מעג קאָן זיך באַשיצן
קעגן אָנפאַל פון א גיפטיקער שלאַנג.

אזוי לעב איך אַף פעסטע יערושעס,
מיך אַרט ניט די גרויקײַט פון האָר.
איך וואַרט אַף דער באַבעס יערושע —
צו דערלעבן, ווי זי, הונדערט יאָר!

■ ■ ■

דאָרע טייטלבוים
פּאַריז

ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעבן!

עס קריכט דער וואָלף־קאָלאָס ווידער פון נאָרע אַרויס,
זיכער דורך די גאַסן פון דער וועלט, ווי דורך וועלדער פינצטערע, טיפע
ער גייט

צו די נעסטן פון פארליבטע, צו די וואָרצלען פון טרוימען,
צו די דאמבעס פון לעבן.
און אויגן זײַנע, ווי שפּיגלען גלעזערנע, טוכלע,
אויף דנאָ פון שווארצאפּלען
עס ליגט נאָך אין פראָסטיקן פּינקל מײַן מאמעס דערוואָרגענער יאָמער,
דער רויך פון מײַן טאטנס פארסארפּעט געביין,
די אַטעמס פארגליווערטע, לעצטע פון טויט־עשעלאָנען,
וואָס האָבן בא אים אונטער וויִעס, ווי אין א מאָרג, זיך באזעצט דאָרט,
באהאלטן ער זאָל זיך פאר קיינעם אין ערגעץ ניט קאָנען
און שווימען אין בליק זײַנס ווי א זייכער פון שיפן פארברענטע צום פּאָרט.

עס קריכט דער וואָלף־קאָלאָס ווידער פון נאָרע ארויס.
מיט רידלען, מיט שפּאדלעס, מיט ווייטעק צעמישטן אין סלויען,
מיט זוימען בארויבטע, מיט גסיסעס פון לאנגזאם פארפּײַניקטע פרויען,
דער האר פון אלע געגנעמס, דאָס אויג פון אלע געשפּענסטער
צו די שויבן מײַנע צעפּיבערטע נעכט מיט טריט מעטאלענע שארט זיך
און דעם שלאָף דעם געבאָרגטן יעדע נאכט ער דערשטעכט,
ווען אויף קינדערלעך מײַנע פון גריבער פארשנייטע קוים כ׳האָב דערוואָרט זיך,
ווען מיט שאָטנס, צום לעבן פארבענקטע, מײַן שטוב באוווינט איז געדיכט,
ווען דעם קלענסטן איך נעם צו דער ברוסט, דעם עלטסטן איך זעץ אויפן שויס,
די הענטלעך פארפרוירענע, צארטע, מיט לײַב מײַנס כ׳דערוואָרעם,
די שרעק שפּאַרט ארויס פון יעדן געזיכט,
די ווענט זי צעפּראַלט און די פענצטער רײַסט אויס.
א פארשטאַרטע אין ווייען דורך טונעלן נאכטיקע שטומע,
דעם האר פונעם געגנעם כ׳יאָג נאָך,
און ער אין הענט אויסגעשטרעקטע ווארפט א מאטבייע אַרײַן,
ווי א בעטלער א בלינדן, בארויבטן אינמיטן געוויררבל פון שטאָט,
אין לעכער פון אויגן, דער רויבער אליין מיט גראָשנס פון רויב
פאר שווײַגן באלוינט אים מיט גנאָד.

עס קריכט דער וואָלף־קאָלאָס ווידער פון נאָרע ארויס
מיט הונגער זײַן פרישן —
די טעג, ווי קינדערשע שארבנס, צו שפּאַלטן אפּסנײַ,
די זאנגען אויף פעלדער מיט ווינטן צו דרעשן אפּסנײַ,
די שטערן מיט שײַטערס פארלעשן אפּסנײַ,
מיט דראָטן פארצאמען מעסלעסן אפּסנײַ.
ער וויל דעם כעזשבן פארווישן
און וויל, אז מײַן פאָלק דאָס געקוילעטס,
די דוירעס מיט טעכטער און זין ניט געבוירענע
זאָל איך פארגעסן.
און די האנט די געכאסמעטע מײַנע מיט כעזשבן, פארקריצטן אין בלײַ,
ווו זאָל איך באהאלטן?

ווי פּייסעך צום סיידער דורך טויזנטער יאָרן,
אין יִדישע שטיבער,
ווי פלעשער פארמאכטע מע עפנט דעם צאָרן,
איין דאָר דעם צווייטן די קלאָלע גיט איבער,
קיינער עס ווערט ניט פארגעסן,
קיינער עס ווערט ניט אויף וועגן פון וואנדער פארלאָרן.
ווי מיט בראָך, געבענטשט איז מײַן פאָלק מיט זיכּאָרן, —
אזוי דעם טיש, פארשטויבטן פון צײַט, מיט מײַן האנט כ׳וועל פּאָרדעקן,
די פונקען פון פײַער אין לײַב אײַנגעברענט מיר,
ווי טאטעס דעם מאָרער אויף קינדערשע צונגען,
איך וועל אין די מײַלער פון ווינטן פארזייען,

זיי זאָלן מײַן טרויער־הויז זײַן.
יעדע נאַכט, יעדן טאָג, דאָר־אויס און דאָר־אײַן,
צינדן מײַן האַנט אַפּסניי וועט דעם צאָרן,
ער זאָל ברענען און ברענען און פאַרלאָשן ניט ווערן,
ווי אין מידבאַר מוישעס פלאַמיקער דאָרן.

■ ■ ■

כאַיִם שוואַרץ

לאָס־אַנדזשעלעס

דעם אַשמעדײַס געלעכטער

„די נייטראָן־באָמבע וועט פאַרניכטן מענטשן, ניט קיין געבײַדעס".
(פון די צײַטונגען)

ס'איז ניט געווען קיין דונער־קנאַל
אין מיטן העלן טאָג, —
דאָס האָט געקײַקלט זיך
דעם אַשמעדײַס געלעכטער...
האָט מענטש זיך יאָמערדיק צעקלאָגט,
ווי ס'וואָלט אַ כאַלעף אָף מײַן האַלדז
אַ הייב געטאָן דער שעכטער.

די שטאָט־געבײַדעס וועלן אויסשטרעקן,
ווי פריִער,
עטאַזשן הונדערטער צום הימל־בלאָ,
נאָר די, וואָס פלעגן לאַנג אין זיי
זיך אַמפּערן און כאָלעמען, זיך מיִען, —
אייביק וועלן אײַנשטומען אָט דאָ.

פאַריאָסעמטע זיי וועלן שטיין,
ווי מאָנומענטן שטיל און שטום:
די היים די לײדיקע, די קינדער־שול,
דער גאָרטן;
ס'וועט נאָר דער ווינט אליין מיט זײַן
געברום,
פאַרבלאָנדזשענדיק, אַרומשפּאַצירן דאָרטן.

עס וועלן עלנטע אַראָפּקוקן
די בילדער פון די ווענט,
און ביכער וועלן אײנזאַם טרוימען
אין די שראַנקען;
אומזיסט עס וועלן פידלען שוואַנגערן
מיט קלאַנגען, —
די סטרונעס וועלן טרויערן פאַרשעמט.

עס וועט די רויז אומזיסט אַרויסהויכן
איר זיסן אַראָמאַט,
ווען ס'וועט דער פרילינג קומען מיט זײַן קישעף;
און בענקען וועט אומזיסט דער שטיפערישער שניי
אין שוואַט



מישע לעוו

דער מישפּעט נאָכן אורטייל

ראָמאַן

צווי בריוו

אָנשטאָט אַן אַרײַנפיר

סאָף אַפּריל 1978 האָט אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי קימאַט נאָכאַנאַנד באַקומען צוויי בריוו פונעם געוועזענעם סאָביבאָרער קאַצעטניק בערעק, אָדער, ווי מע רופט אים איצט, בערנאַרד שלעזינגער, וועלכער וווינט די לעצטע יאָרן אין אַמסטערדאַם און פּראַקטיקירט דאָרט פּריוואַט אַלס דאָקטער־טעראַפּעווט.

„צו מײַן טײַערן פרײַנט אַלעקסאַנדער! ווידער האָב איך דיר אַ לאַנגע צײַט ניט געשריבן“, — האָט בערעק, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן זײַן ערשטן בריוו.

דאָ דארף באמערקט ווערן, אז ניט געקוקט דערויף, וואָס בערעק איז אף גאנצע צוואנציק יאָר ייִנגער פון פעטשערסקין און איז אלט געווען סאכאקל פערצן, דאָס פופצנטע, ווען סאשקאָ (אזוי האָט מען פעטשערסקין גערופן אין לאגער) האָט געגעבן דעם סיגנאל אופ־צוהייבן דעם אופשטאנד אין סאָביבאָר, ווענדט ער זיך צו פעטשערסקין אף „דו" ניט צופע־ליק. אזוי ווענדן זיך איינער צום אנדערן אלע לעבנגעבליבענע סאָביבאָרער אופשטענדלער.

„דו שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר, סאשקאָ, — האָט בערעק ווײַטער געשריבן, — וועגן וויפל זאכן איך וואָלט דיר באדארפט דערציילן, וועגן וויפל זיך אָן אייצע האלטן מיט דיר. אָבער אָנשרײַבן וועל איך דיר וועגן סאמע וויכטיקן: דאכט זיך, אז מיר זײַנען ארויף אף די שפורן פון וואגנערן. איך גלייב, אז איצט וועט די „כײַע פון סאָביבאָר" זיך ניט ארויסגליטשן פון אונדזערע הענט. ווי איך געדענק, האָב איך נאָך אין 1970, ווען איך בין געווען אין דיסעל־דאָרף אף פראָצעס שטאנגלס פראָצעס, דיר פון דאָרט געשריבן, אז אלעמאָל, ווען כ'פלעג דער־זען אין גערעכט־זאל דעם הענקערס פרוי — טערעזא שטאנגל, האָב איך געהאט דאָס געפיל, אז ערגעץ האָב איך זי שוין אמאָל געזען. נאָר ווען און ווו, — דאָס האָב איך זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס איז געווען ערגעץ אין דער פריִער קינדהײַט. ווי האָט עס אָבער געקאָנט זײַן? ווען איך האָב אין מײַן פוילישן שטעטעלע געשטעלט די ערשטע טריט, איז זי אין איר „עסטערײַך" שוין געווען א „הייראטספייִקע מעדכען". אין סאָביבאָר, ווידער, האָב איך זי אויך ניט געקאָנט זען, ווײַל ווען איך האָב אהין אָנגעטראָפן, איז שוין שטאנגל געווען ניט דער קאָמענדאנט פון סאָביבאָר, נאָר פון טרעבלינקע. און דאָך בין איך געווען איבערצײַגט, אז מײַן געפיל נארט מיך ניט אָפ, און כ'האָב דערציילט וועגן דעם וואָנדעלן. דיר זאָגט עפעס דער נאָמען? מיט אגיע וואָנדעלן האָב איך זיך באקאָנט שוין אפן פראָצעס. ער האָט מיר באוויזן זײַנע אן ארבעט וועגן אופשטײַג פון נעאָנאציזם אין מײַרעוו־דײַטשלאנד. צווישן אנדערן האָט ער דאָרט דערמאָנט אויך דעם סאָביבאָרער פראָ־צעס אין האגען. פארשטייסטו שוין, אז כ'האָב גלײַכגילטיק צום אויטאָר ניט געקאָנט בלײַבן. אגיע האָט, כוץ אלעמען, געהאט זײַנע אייגענע כעזשבוינעס מיטן אָבערשטורמפירער. ווען שטאנגל האָט לויט הימלערס אופטראג „געריייניקט" האָלאנד, האָט ער אגיעס פאָטער, א דאָר־פישן פריסטער, דעפאָרטירט קיין דאכאו, און מער האָט אים שוין דער זון ניט געזען.

אגיע האָט, נאטירלעך, מיר מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן. ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס מע זאָגט געוויינלעך אין אזעלכע פאלן:

— אויב איר האָט זי ווירקלעך געהאט אמאָל געזען, וועט איר פריִער אָדער שפעטער זיך דערמאָנען ווען און ווו, — און צוגעגעבן: — מיך אינטערעסירט פראַו שטאנגל צוליב אנ־דערע מאָטיוון.

צוליב וואָסערע מאָטיוון, האָט ער ניט געפונען פאר נייטיק מיר צו זאָגן, און איך האָב ניט געפרעגט. מיר האָט זיך דאן אפילע כאָלעמען ניט געקאָנט, אז דער שליסל פונעם הויז, ווו עס באהאלט זיך אויס איצט אָדער וועט אין עטלעכע יאָר ארום זיך אויסבאהאלטן איי־נער פון די סאמע גרויזאמע סאָביבאָרער מערדער, וואגנער, געפינט זיך אין טערעזא שטאנגלס הענט. בוכשטעבלעך.

פונעם פראָצעס האָבן מיר זיך מיט אגיע וואָנדעלן אומגעקערט קיין אמסטערדאם צוזא־מען און אונדזער באקאָנטשאפט שוין ניט איבערגעריסן. ער איז געוואָרן מײַן פאציִענט, ווײַל, צום באדויערן, לײַדט ער פון א הארץ־פעלער. אָבער טראָץ געוויסע פאָרשטעלונגען וועגן הארץ־קראנקע, איז ער זייער א באוועגלעכער מענטש. פאָרט א סאך ארום. מיר דאכט, ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין גרויסן פראָצעס פון די נאציסטן. אין אמסטערדאם פארמאָגט וואָנדעל א גרויסע בוכהאנדלונג. דאָס שטערט אים ניט, גיכער פארקערט, עס העלפט אים פון צײַט צו צײַט ארויסטרעטן אין דער פרעסע מיט וויכטיקע מאטעריאלן קעגן די נעאָנא־ציסטן. בא וואָנדעלן קאָן מען געפינען אינפאָרמאציע וועגן הונדערטער קריגספארברעכער, סײַ פארמישפטעטע, סײַ אזעלכע, וועמען ס'איז דערווײַל געלונגען אויסצומײַדן די שטראָף.

נאָכן גערעכט האָט די פאמיליע שטאנגל מיך אופגעהערט צו אינטערעסירן. ערשט וואָנ־דעל האָט מיר איר דערמאָנט.

פאראכטאָגן איז עס געווען. וואָנדעל האָט אָנגעקלונגען, אז ער וויל מיך דרינגענדיק זען. אין א מינוט צוואנציק ארום איז ער שוין געזעסן בא מיר און אָן שום האקדאָמעס צו־געטראָטן גלײַך צום איניקער.

— בערנארד, — האָט ער געזאָגט, — מיר דאכט, איך ווייס, ווו איר האָט געזען טערעזא שטאָנגל.

ווײַזט אויס, אַלעקסאַנדער, ס׳עקזיסטירט, פונדעסטוועגן, צווישן מענטשן עפּעס א סוידעס־פולער איבערוף פון געדאַנקען. גלייב יאָ, גלייב ניט, ווי נאָר ער האָט עס געזאָגט, האָב איך זיך מיטאַמאָל דערמאָנט דאָס, וואָס כ׳האָב מיט אַכט יאָר צוריק זיך בעשום־אופן ניט געקאָנט דערמאָנען.

— איר האָט זי געזען, — האָט וואַנדעל פאַרגעזעצט, — אין סאַביבאָר.

— ניט זי, — האָב איך אים פאַריכט, — נאָר אירע א פאָטאָגראַפיע און א בילד.

— יאָ, יאָ! א בילד, — האָט וואַנדעל זיך דערפרייט, — דערציילט, דערציילט...

— אָבער מיך וווּנדערט...

— אײַך וווּנדערט, וואָס איך ווייס וועגן דעם בילד? איך וועל עס שוין דערקלערן. מײַנער א פרײַנט, וואָס האַלט א ביכער־קראָם אין סאַן־פּאַולו, האָט געזען בא טערעזאַ שטאַנגל אין שטוב אירס א בילד, און זי האָט פאַר אים זיך באַרימט, אַז דאָס האָט זי געמאָלט דער באַוווּסטער האָלענדישער קינסטלער מאַקס וואַן דאַם. פונדאַנען האָב איך געמאַכט דעם אויספיר, ווו איר האָט געקאָנט זען שטאַנגלס פרוי. איר פאַרשטייט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך...

אוודאי, סאַשקאַ, האָב איך פאַרשטאַנען, וועגן וואָס וואַנדעל רעדט. פאַרשטאַנען, צוליב וועלכע מאָטיוון ער האָט נאָך אין דיסעלדאָרף זיך פאַרינטערעסירט מיט טערעזאַ שטאַנגל, און כ׳האָב אים גענוי דערציילט דאָס, וואָס דו, אײַגנטלעך, ווייסט שוין פון לאַנג, וויאַזוי כ׳בין די לעצטע צוויי וואָכן פון וואַן דאַמס לעבן געווען מיט אים צוזאַמען און וויאַזוי איינמאָל איז צו אים געקומען וואַגנער מיט א פאָטאָ פון א פרוי.

— וואַגנער, — האָט וואַנדעל זיך אָנגעצונדן, — איך קוק די גאַנצע צײַט אַרויס, איר זאָלט דערמאָנען אָט דעם נאָמען.

האַקלאַל...

אַנטשולדיק, סאַשקאַ, איך מוז איבעררײַסן דעם בריוו. הײַנט איז זונטיק, און כ׳האָב געמיינט, מע וועט מיך לאָזן צורו. א דאָקטער אָבער איז קיינמאָל ניט בא זיך אין די הענט. כ׳ווייס ניט, צי וועל איך קאָנען הײַנט אָדער מאָרגן זיך צוזעצן צום שרײַבטיש, וועט דיר פייגעלע דערוויַיל אָפּשיקן דאָס אָנגעשריבענע. זי לאָזט דיר האַרציק גריסן.

דײַן אָף אייביק פאַרבליבענער פרײַנט בערעק.

16.4.78

אָט אַזוי ווי אומיסטן צוליב אָנצײַען די שפּאַנונג, זיך אָפּגעשטעלט אין סאַמע מיטן. ער וואָלט באַדאַרפט זײַן א שרײַבער, ניט קיין דאָקטער, — האָט פעטשערסקי מיט א טראָפּן פאַרדראָס א טראַכט געטאָן וועגן בערעקן. אָבער טאַקע נאָר מיט א טראָפּן. ער איז געווען דאַנקבאַר, וואָס בערעק האָט ניט פאַרהאַלטן דעם בריוו, ווײַל דאָס וויכטיקסטע איז געזאָגט געוואָרן. זיי — עמעצער אין בראַזיליע, אָדער וואַנדעל, אָדער בערעק, ריכטיקער, אַלע צוזאַמען זײַנען אַרויף אָף די שפּורן פון וואַגנערן. א ווערטעלע אויסצורעדן, פינף און דרײַסיק יאָר זוכט מען וואַגנערן! ער איז אַנטרונען געוואָרן. ער, און שטאַנגל, און באַוער, און באָלענדער, און פרענצעל, און וואָלף, און... ווי נאָר די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, זײַנען אַלע אַנטרונען געוואָרן. פאַרקראָכן אין די מײַזן־לעכער, ווי גלײַך זיי זײַנען גאָר אָף דער וועלט ניט געווען, און קיין סאַביבאָר איז ניט געווען, און ניט זיי האָבן פאַריאָגט אין די גאַז־קאַמערן א האַלבן מיליאָן מענטשן.

דעם ערשטן האָט מען אין 1949 געפונען דעם אָבערגאַזמײַסטער פון סאַביבאָר באַוערן. פּופּצן יאָר האָט געדויערט, ביז מע האָט געפונען באָלענדערן — דעם שעף פון דער „הימלשטראַסע", וועלכע האָט געפירט צו די גאַז־קאַמערן.

שטאַנגלען איז אויסגעקומען צו זוכן צוויי און צוואַנציק יאָר. פון אַלע סאַביבאָרער ראָצכים איז ער געווען דער שרעקלעכסטער. אינעם צעטל פון די נאַציסטישע הויפּט־פאַרברעכער, וועמען עס איז געלונגען אויסצומײַדן א שטראָף, איז זײַן נאָמען געשטאַנען דער דריטער. באָרמאַן — היטלערס פאַרטרעטער אין דער נאַציסטישער פּאַרטיי — דער ערשטער. מענ־

ווײַזט אויס, אַלעקסאַנדער, ס׳עקזיסטירט, פונדעסטוועגן, צווישן מענטשן עפּעס אַ סוידעס־פולער איבערוף פון געדאַנקען. גלייב יאָ, גלייב ניט, ווי נאָר ער האָט עס געזאָגט, האָב איך זיך מיטאַמאָל דערמאָנט דאָס, וואָס כ׳האָב מיט אַכט יאָר צוריק זיך בעשום־אופן ניט געקאָנט דערמאָנען.

— איר האָט זי געזען, — האָט וואַנדעל פאַרגעזעצט, — אין סאַביבאָר.

— ניט זי, — האָב איך אים פאַריכט, — נאָר אירע אַ פאָטאָגראַפיע און אַ בילד.

— יאָ, יאָ! אַ בילד, — האָט וואַנדעל זיך דערפרייט, — דערציילט, דערציילט...

— אָבער מיך וווּנדערט...

— איך וווּנדערט, וואָס איך ווייס וועגן דעם בילד? איך וועל עס שוין דערקלערן. מײַנער אַ פרײַנט, וואָס האַלט אַ ביכער־קראָם אין סאַן־פּאַולו, האָט געזען בײַ טערעזאַ שטאַנגל אין שטוב אירס אַ בילד, און זי האָט פאַר אים זיך באַרימט, אַז דאָס האָט זי געמאָלט דער באַוווּסטער האָלענדישער קינסטלער מאַקס וואַן דאַם. פונדאַנען האָב איך געמאַכט דעם אויספיר, ווו איר האָט געקאָנט זען שטאַנגלס פרוי. איר פאַרשטייט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך...

אוואַדע, סאַשקאַ, האָב איך פאַרשטאַנען, וועגן וואָס וואַנדעל רעדט. פאַרשטאַנען, צוליב וועלכע מאָטיוון ער האָט נאָך אין דיסעלדאָרף זיך פאַראינטערעסירט מיט טערעזאַ שטאַנגל, און כ׳האָב אים געניי דערציילט דאָס, וואָס דו, אײַגנטלעך, ווייסט שוין פון לאַנג, וויאַזוי כ׳בין די לעצטע צוויי וואָכן פון וואַן דאַמס לעבן געווען מיט אים צוזאַמען און וויאַזוי איינמאָל איז צו אים געקומען וואַגנער מיט אַ פּאַטאָ פון אַ פרוי.

— וואַגנער, — האָט וואַנדעל זיך אָנגעצונדן, — איך קוק די גאַנצע צײַט אַרויס, איר זאָלט דערמאָנען אָט דעם נאָמען.
האַקלאַל...

אַנטשולדיק, סאַשקאַ, איך מוז איבערײַסן דעם בריוו. הײַנט איז זונטיק, און כ׳האָב געמיינט, מע וועט מיך לאָזן צורו. אַ דאָקטער אָבער איז קיינמאָל ניט בײַ זיך אין די הענט. כ׳ווייס ניט, צי וועל איך קאָנען הײַנט אָדער מאָרגן זיך צוזעצן צום שרײַבטיש, וועט דיר פייגעלע דערווײַל אָפּשיקן דאָס אָנגעשריבענע. זי לאָזט דיר האַרציק גריסן.

דײַן אָף אייביק פאַרבליבענער פרײַנט בערעק.

16.4.78

אָט אַזוי ווי אומיסטן צוליב אָנצײַען די שפּאַנונג, זיך אָפּגעשטעלט אין סאַמע מיטן. ער וואָלט באַדאַרפט זײַן אַ שרײַבער, ניט קיין דאָקטער, — האָט פּעטשערסקי מיט אַ טראָפּן פאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן וועגן בערעקן. אָבער טאַקע נאָר מיט אַ טראָפּן. ער איז געווען דאַנקבאַר, וואָס בערעק האָט ניט פאַרהאַלטן דעם בריוו, ווײַל דאָס וויכטיקסטע איז געזאָגט געוואָרן. זיי — עמעצער אין בראַזיליע, אָדער וואַנדעל, אָדער בערעק, ריכטיקער, אַלע צוזאַמען זײַנען אַרויף אָף די שפּורן פון וואַגנערן, אַ ווערטעלע אויסצורייִדן, פינף און דרײַסיק יאָר זוכט מען וואַגנערן! ער איז אַנטרונען געוואָרן. ער, און שטאַנגל, און באַוער, און באַלענדער, און פרענצעל, און וואָלף, און... ווי נאָר די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, זײַנען אַלע אַנטרונען געוואָרן. פאַרקראָכן אין די מײַזן־לעכער, ווי גלײַך זיי זײַנען גאָר אָף דער וועלט ניט געווען, און קיין סאַביבאָר איז ניט געווען, און ניט זיי האָבן פאַריאָגט אין די גאַז־קאַמערן אַ האַלבן מיליאָן מענטשן.

דעם ערשטן האָט מען אין 1949 געפונען דעם אָבערגאַזמײַסטער פון סאַביבאָר באַוערן. פופצן יאָר האָט געדויערט, ביז מע האָט געפונען באָלענדערן — דעם שעף פון דער „הימלשטראַסע", וועלכע האָט געפירט צו די גאַז־קאַמערן.

שטאַנגלען איז אויסגעקומען צו זוכן צוויי און צוואַנציק יאָר. פון אַלע סאַביבאָרער ראָצכים איז ער געווען דער שרעקלעכסטער. אײנעם צעטל פון די נאַציסטישע הויפּט־פאַרברעכער, וועמען עס איז געלונגען אויסצומײַדן אַ שטראָף, איז זײַן נאָמען געשטאַנען דער דריטער. באָרמאַן — היטלערס פאַרטרעטער אין דער נאַציסטישער פּאַרטיי — דער ערשטער. מענ־

געלע — דער דאָקטער, וואָס האָט געמאַכט מערדערישע עקספּערימענטן איבער מענטשן, — דער צווייטער. און דער דריטער — פראַנץ פּאָול שטאַנגל.

א געבוירענער אין עסטרײַך, קומט ער אָן אומלעגאַל נאָך ביזן אַנשלוס אין עסעס און אין געסטאַפּאָ. דערנאָך נעמט ער א טיכטיקן אָנטייל אין דער אַקציע אייטאַנאַזיע. אייטאַנאַזיע — „גרינגער" טויט. צוערשט זײַנען צום „גרינגן" טויט געווען פאַרורטיילט די פּסיכיש-קראַנקע פונעם רײַך, שפּעטער די „ניטפּאָליטישע" אין די קאָנצענטראַציאָנס-לאַגערן. אין-דערעמעסן איז עס געווען א שול אַף צו באַהערשן די פּראָפעסיע פון מאַסן-מאָרד.

דעם 20 יאַנואַר 1942 האָט היטלער אַף דער קאָנפערענץ אין וואַנזעע באַשטעטיקט די דירעקטיוו וועגן דער „ענדלייזונג פון דער יידן-פראַגע". שטאַנגל איז צווישן די אָנפירער פון דער דאָזיקער שטרענג פאַרמאַסקירטער אָפּעראַציע — „ריינהאַרד-אָפּעראַציע", ווי זי איז אָנגערופן געוואָרן לויט דעם נאָמען פונעם הויפּט-פּאַרטעגער אין וואַנזעע ריינהאַרד היידריך.

צום סאָף פון דער מילכאָמע איז שטאַנגל דאָפּקע יאָ אַרײַנגעפאַלן אין טורמע. נאָר מע האָט אים געלאָזט אַנטלויפן, און ער האָט שוין דערנאָך געוווסט, ווי זיך אויסצובאַהאַלטן. פראָסט — נאָר אַף צו שטוינען. אונטער זײַן אייגענער פאַמיליע, בלויז עטוואָס געענדערט דעם נאָמען — אָנשטאָט פּאָול — פּאָלדי, קינדערש פאַרצויגן — האָט ער קנאַפּע צוואַנציק יאָר געאַרבעט אין סאַן-פּאַולו אינעם פיליאַל פון דער מײַרעוו-דײַטשישער פירמע „פאָלקסוואַגען" און באַקומען יעדן כוידעש 1200 אַמעריקאַנער דאָלאַר. ער וואָלט עפּשער אָפּגעאַרבעט נאָך צוואַנציק יאָר, ווען (אים זאָל פאַר 7 טויזנט דאָלאַר ניט געווען פאַרקויפן א געוועזענער געסטאַפּאָוועץ. אָט אַזוי.

וואַגנער, שטאַנגלס פאַרטרעטער אין סאָביבאָר און אין טרעבלינקע, איז ווי אין וואַסער אַרײַן. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פּיפיקער, ווי זײַן שעף. נאָר קוים האָט ברעק דערמאָנט זײַן נאָמען, הייסט עס, אַז דער שפּור איז א זיכערער. בלײַבט איבער וואַרטן אַף ברעקס בריוו.

וואַרטן איז אויסגעקומען ניט לאַנג. אַפן אַנדערן טאָג איז קיין ראַסטאָוו-אַפן-דאָן אָנגעקומען ברעקס צווייטער בריוו. ער איז געווען קורץ, ווי א טעלעגראַם.

ליבער אַלעקסאַנדער!

אויב ס'וועט זײַן די מינדסטע מעגלעכקײַט, וועל איך אָנשרײַבן פון בראַזיליע. מאָרגן פליִען מיר אַרויס אַהין.

דײַן ברעק

18.4.1978

פון בראַזיליע האָט ברעק ניט אָנגעשריבן. די ערשטע ידיִעס פון דאָרטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן פּעטשערסקיס אינטערעס, ווי אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט סאָביבאָר, האָט געבראַכט די פרעסע.

„איזוועסטיִא", 1 יוני 1978

ארעסטירט א פאשיסטישער הענקער

די צײַטונגען טיילן מיט, אַז אין בראַזיליע האָט מען אַרעסטירט דעם געוועזענעם עסעס-אָבערשאַרפירער ג. פ. וואַגנער. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע איז ער געווען פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט אין צוויי טויט-לאַגערן טרעבלינקע און סאָביבאָר, וועלכע די נאַציסטן האָבן געשאַפן אַף דער טעריטאָריע פון אָקופּירטן פּוילן.

„איזוועסטיִא", 3 יוני 1978

באָן. (טאַסס)

דער הענקער דאַרף באַקומען זײַן שטראָף

דער נאַציסטישער פאַרברעכער גוסטאַוו וואַגנער, וועמען די בראַזיליער פּאָליציי האָט אַרעסטירט אין סאַן-פּאַולו, האָט, בײַס ער איז געשטעלט געוואָרן אויג אַף אויג מיט איינעם פון די געוועזענע קאַצעטניקעס, אַנערקענט, אַז ער איז געווען דער פאַרטרעטער פונעם שעף אין די קאָנצלאַגערן טרעבלינקע און סאָביבאָר...

...די לענדער פון דאָרעם-אַמעריקע דינען נאָך אַלץ פאַר די דײַטשישע נאַציסטן אַלס א זיכערע נעסט. ווי עס מערקט אָפּ די צײַטונג „עסטאַדו די סאַן-פּאַולו", באַהאַלטן זיך אויס אַף

דעם קאָנטינגענט בײַ 5 טויזנט געוועזענע עסעס־לײַט און וואַכמאַנען פון די קאָנצלאַגערן. ס'איז געגוּנגען דערמאָנען, אַז וואַגנערס געוועזענער שעף, שטאַנגל, איז אַרעסטירט געוואָרן אין סאָן פּאַולו ערשט אין 1967 יאָר.

קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס.
בראַזיליע.

וויאַזוי איז וואַגנער געפונען געוואָרן?

ווער איז דער קאַצעטניק, וואָס האָט אים דערקענט?

פּעטשערסקי ווייסט: בערעק וועט, מיסטאָמע, ווי קעסיידער, בלײַבן אין שאָטן, און צום מישפּעט איז, מיסטאָמע, ווי קעסיידער, נאָך ווײַט.

ווידער אַ מישפּעט נאָכן אורטייל?...

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

בערעק און רינע

דער מאַמעס גלעט

היים!.. ווו איז בערעק שלעזינגער ניט אויסגעוועזן פאַר די העכער זעקס און דרײַסיק יאָר, זינט ער האָט זײַן טאַטנס שטוב פאַרלאָזט, נאָר קיין צווייטע היים איז פאַר אים אויף אָט דער ערד ניטאָ. זי איז אויף שטענדיק פאַרבליבן דאָרטן, ווו זײַן קינדער־וויגל איז געשטאַנען, אין יענעם פּוילישן שטעטעלע, וואָס איז לאַנג שוין אויף דער וועלט נישטאָ. דאָרטן פלעגט די מאַמע פאַראָשטשיגען ברויט אין דער באַק־דייזשע, אויסקאַטשען אַ בלעטל לאָקשן, באַקן קנישעס פון קעז, הרעטשענע פּידפּאַלקעס, פּרעגלען אין הויף אויף אַ טריניזשקע אײַנגעמאַכטס. דאָרטן, אינעם אַלקעראַל אַפן פאַרזשאַווערטן אײַזערנעם בעטל, וואָס האָט געסקריפּעט און איז אַרומגעפאָרן, פלעגט ער זיך אײַנגערן אין דער אַלטער צעריסענער קאָלדרע און שלאָפן בעסער פונעם קייסער.

פאַרבײַ די שטיבלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען האַרט איינס לעבן צווייטן, דורכן מאַרק, וואָס איז געווען פול מיט שטעלכלעך און טישלעך, האָט ער ליב געהאַט, קײַקלענדיק דאָס רייפל, ליופן צום טײַך, ווו מיידלעך פראַטשען גרעט. מיט אַזוינע שנעקעס, ווי ער אַליין, פלעגט ער אַ יאָר צוועלף־דרײַצן, איז געווען אַ מעכײַע צו שפּילן אין צורקע־פאַלקע, אין באַהעלטערלעך. קיין שענערס פון זייפנבלאָזן און אַרומלויפנדיקע זון־העזעלעך פון דעם אָנגעשטעלטן שפּיגעלע האָט ער, דאַכט זיך, דאָרטן ניט געזען, און דאָך איז עס געווען אַ שיינע, אַ גוטע, אַ נאַכעס־דיקע וועלט.

די מילכאָמע האָט מיטאַמאָל אַלץ צעשטערט. צו דער סאָוועטישער גרענעץ איז געווען שוין גאָר ניט אַזוי ווײַט, נאָר בערעקס טאַטע, נאָכעם דער פאַרבער, האָט ניט באַוויזן מיט זײַן מישפּאָכע צו אַנטלויפן פונעם דײַטש, און עפּשער האָט אים דער דײַטש גאָר ניט אַזוי שרעקלעך אויסגעזען, פּאַרט אַ קולטור־נאַציע...

דער כאַלעף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ניט מיטאַמאָל. צוערשט האָט מען נאָך געהאָפט, אַז מ'וועט בלײַבן גאַנץ מיטן לעבן. כאָטש פון דער ערשטער מינוט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן באַפעלן, איין גזיירע ערגער פון דער אַנדערער.

אַ באַפעל וועגן פאַרפליכטן אַלע ייִדן פונעם 1 דעקאַבער 1939 שטענדיק טראָגן אויף דער לינקער זײַט פון דער ברוסט און אינמיטן דער פּלייצע אַ געלן זעקסקאַנטיקן שטערן, ניט קלענער פון צען סאַנטימעטער; אַ באַפעל וועגן פאַרווערן ייִדן בײַטן זייער וווין־אָרט; גיין איבער די טראָטואַרן; באַנוצן זיך מיט וועלכן־ניט־איז טראַנספּאָרט, דערונטער מיט שליטנס און וואָגנס; באַזוכן אילויזיאָנען, ביבליאָטעקן, הייל־אַנשטאַלטן; באַזוכן יעשווידע שול; קוילען רינדער און אויפעס לויטן ייִדישן רעליגיעזן געזעץ; זײַן דאָקטוירים, דאַנטיסטן, פאַרמאַצעווטן, וועטערינאַרן, אַדוואָקאַטן, נאָטאַריוסן, אַגענטן, פאַרמיטלער. אַ באַפעל וועגן שאַפן אַ ייִדנראַט; אַ

באפעל וועגן שיקן יעדן טאָג ייִדן אין עלטער פון צוועלף ביז זעכציק יאָר אַף אַרבעט אין שטיין־קאַריער...

די באַפעלן האָבן געדראָעט מיט שטראָף, מיט שטרענגער שטראָף. וואָס ווײַטער, אַלץ מער האָט פון זיי געוויעט מיט טויט. נאָר דער טויט האָט שוין סײַווי געלויערט אַף יעדן איינעם, אומאָפּהענגיק דערפון, צי האָט מען יאָ, צי ניט אויוועקגעוועזן אַפּן באַפעל.

בערעקס עלטערער ברודער, מאָטל, איז שוין געווען אַ פּאַרדינער, געאַרבעט באַ אַ זייגערמאַכער און אַלע כּוידעש אַרײַנגעטראָגן, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן, „אַ לעבעדיקע זלאָטע״ אין שטוב. אַ קאַלע האָט ער געהאַט אַ שיינע און אַ גוטע, ווי ער וואָלט זי פון אַ קישעף־מײַסעלע אַרויסגעגאַנוועט. איז אָבער ליבע און מילכאָמע קיין פּאָר ניט. שפּאַצירן צום וואַלד האָט מאָטלען און זײַן קאַלע זיך פאַרוואָלט שאַבעס באַטאָג. קיין דײַטשן זײַנען נאָך דעמלט אין שטעטל ניט אַרײַנגעשטאַנען. פון דער העלער הויט האָט אָנגעטראָגן אַ פּאַטרול אַף מאָטאָציקלען. זיבן טעג איז מען דערנאָך אין צוויי שכיינעסדיקע שטיבער געזעסן שיווע.

אַזוי איז געשען, אַז די ערשטע מערדערישע „אַקציע״ האָט פריִער פאַר אַלעמען אין שטעטל געטראָפן אין דעם שטילן נאָכעם דעם פאַרבער, וואָס האָט געפּאַרבט טירן און פענצטער, דילן און דעכער און געהאָפט, אַז מיטן לעבן וועט מען גאַנץ בלײַבן.

נאָכדעם זײַנען די „אַקציעס״ געוואָרן אַלץ אָפטער. און יעדעס מאָל זײַנען אַלץ מער הארוגים געבליבן אין די הײַזער און אַף די גאַסן. און ווען ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן וועט מען אַלע ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך פאַרטרײַבן אין אַ געטאָ אין איינער פון די גרעסערע שטעט באַ דער אײַזנבאַן — אין לובלין צי אין כעלם, — האָט שוין אין שטעטל קיינער, און אויך בערעקס טאַטע, פּונקט ווי אַלע, ניט געצווייפלט, אַז ס׳גייט אין לעבן און טויט. און גאָט ווייסט, צי מע קאָן זיך נאָך ראַטעווען.

יענעם פאַרנאַכט, ווען דער טאַטע איז געקומען מיט דער ידיִע וועגן דער געטאָ, האָט ער אויסגעזען, ווי מע וואָלט נאָרוואָס אַף אים אַ כּליופּע געטאָן און עמער וואַסער. ער האָט זיך אַרײַנגעשאַרט מיט אַ זײַט דורך דער טיר, און זײַנע אויגן האָט געצאַפּלט אַ געשריי, נאָר ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אוי, פּעסיע, אַ בראָך צו אונדז. מיר שטייען פאַר אַ גרויסער סאַקאָנע.

פאַר וואָס פאַר אַ סאַקאָנע מ׳איז ניט געשטאַנען, האָט די מאַמע שטענדיק אַרויסגעקוקט אַף נאָך אַ גרעסערער. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און גענומען אויספרעגן, וואָס איז געשען, נאָר באַם טאַטן זײַנען ניט געגאַנגען קיין רייד פּונעם מויל. ער האָט פאַרקוועטשט די ברייט צעקודלטע באָרד אין די הענט, דער אָראָפּגעלאָזטער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער.

— וואָס שווײַגסטו? — איז די מאַמע צו אים צוגעשטאַנען. און ווען ער האָט איר אָנגעזאָגט די ביטערע בסורע, האָט זי גראָד דאָס מאָל, ווען מע האָט געקענט דערוואַרטן אַ געשריי, וואָס לעכערט דעם מויעך, שטיל, קוים צו הערן, געזאָגט:

— ווי איז מיר, אַבי דו האָסט געמיינט, מ׳עט אונדז לאָזן לעבן. ס׳איז געקומען אונדזער סאָף, נאָכעם, ווי איז מיר. בערעקן לאָמיר כאָטש פרוּוון ראַטעווען. אין דאָרף, אין וואַלד, לאָמיר... — און זיך צעוויינט.

באַנאַכט האָט בערעק דערפילט אַף זײַן באַק דער מאַמעס גלעט. מיסטאָמע וואָלט ער נאָך לאַנג ניט געעפנט די אויגן. זאָל זי. נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך אין אַלץ דערמאָנט. די מאַמע האָט אים שטיל געוועקט:

— שטיי אויף, זונעניו, שוין צײַט! מיר זאָל זײַן פאַר דיר... — נאָך אַ גלעט, דאָס מאָל איבערן שטערן. — שטיי אויף און גיי, מיר זאָל זײַן פאַר דיר, גיי...

דער טאַטע, דער זיידע, די באָבע זײַנען געשטאַנען באַ אַ זײַט, פאַרומערט געשוויגן, נאָר צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „יאָ, יאָ, גיי!״. די צוויי שוועסטערלעך, ייִנגערע פון בערעקן, זײַנען געלעגן אַרומגענומען אַף דער קאַנאַפּע. צי זײַנען זיי געשלאָפן, צי ניין, דאָס וועט שוין בערעקן קיינער ניט דערציילן.

„גיי!״ — האָט בערעק אַזוי ווי זיך אַליין באַפוילן און גענומען זיך אָנטאָן.

שוין באַ דער טיר האָט ער ווידער דערהערט דער מאַמעס „מיר פאַר דיר״, און דער טאַטע האָט עפּעס ווי אַ מורמל געטאָן:

— גיי, און זאָל זײַן מיט האַצלאָכע...

צום ערשטן מאָל פאַר זײַן לעבן איז בערעק אַזוי טיף אין דער נאַכט אַרויס פון שטעטל. די לעוואָנע — אַ גרויסער קאָפּ מיט אַ קרום מויל — האָט אויך ערגעץ געשפּאַנט צווישן די וואָלקנס. האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט איר. דערווײַל האָט זי אים געפירט מיטן באַקאַנטן וועג צום טײַך, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעטרונקען פאַרן זומער מיט רעגנס, אַז עס איז אים

ענג געוואָרן אין זײַן געלעגער, און ער האָט פּאַרפּלייצט די ברעגן. בערעק האָט געקוקט, ווי די לעוואָנע באָדט זיך אינעם שטילן וואַסער, וואָס ער פּלעגט אַזוי ליב האָבן צו בויטען מיט אַ שטעקן אַהין און אַהער, און מיטאַמאָל, ווען זי האָט אַ קערעווע געטאָן צו די וואַסער־גראָזן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז די לעוואָנע איז פּונקט ווי זײַן טאַטע אײַנגאַנצן גראָו. ווער ווייסט, עפּשער אויך פאַר דער צײַט גראָו געוואָרן. ווער ווייסט, מיסטאָמע האָט היטלער אויך עפּעס קעגן איר. געוויס אַזוי. אָט באַלײַכט זי דאָך אים, דעם קליינעם נאַוונאַדניק מיט די צווי איבערגעוואָרפענע איבערן אַקסל קלומעקלעך, דעם וועג, איז ווי וואָגט זי?

ערגעץ נאָענט האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. אַ שטיק פּײַער טוט אָף אַ רעגע זיך אַ שפּיגל אין וואַסער, יאָגט אין הימל אַרײַן, גלײַך צו דער לעוואָנע. נאָר זע נאָר זע: ער, בערעק, איז פון שרעק אומגעפאַלן אָפן זאַמד, און די לעוואָנע שווימט זיך ווײַטער צווישן די כמאַרעס, ווי זי וואָלט זיך געררייצט מיטן ראַקעטע־פײַער, וואָס פּלאַצט און צעפאַלט זיך אָף שטיקלעך. בערעקן ווילט זיך אויסשרײַען:

„היי, דו, בלײַענער פויגל, פּאַלסטו? פּאַל, פּאַל, ווער פאַרלאָשן!"

בערעק וואָלט עפּשער נאָך לאַנג געלעגן באַם ברעג טײַך, פון וועלכן ס'ציט מיט פײַכ־טער וואַרעמקײַט, ווען צו אים וואָלט זיך ניט דערטראָגן אַ פּליעסקענדיקער געקלאַפּ פון וועסלעס. דער טײַך קאָן זיך דערלויבן דאָס פאַרגעניגן און זיך דרעמלען, ווי פריִער, און ער מוז אוועק וואָס ווײַטער פון מענטשן, פון דער היים, פון דער געפאַר, וואָס לאָקערט אָף יעדן טריט און שריט.

ס'זאָל זײַן באַטאָג, וואָלט ער מיסטאָמע פאַר אַ שאָ צווי זיך דערקליבן מיטן ברייטן אײַנגעטראָמבעוועטן וועג ביז צום גרויסן וואַלד, ווו דער טאַטע האָט אים געייצעט איבער־צוזײַן דעם ערשטן טאָג. איז אָבער איצט באַנאַכט, מע דאַרף זײַן געהיט מיט יעדן שפּאַן, און די לעוואָנע האָט אויך פּלוצעם ניט געסטײַעט. אין איר שיסט דאָך מער קיינער ניט, וואָס זשע האָט זי זיך מיטאַמאָל באַהאַלטן? צי די וואָלקנס האָבן זי פאַרכאַפּט אין געפענקעניש? פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען אַזויפיל? און אַלץ אַזעלכע גרויסע און שוואַרצע...

אַז בערעק מאָלט וואָלקנס, — און מאָלן לאָז אים נאָר, וועט ער גאַנצע טעג, — לייגן זיי זיך אויס באַ אים אָפן פּאַפּיר דינע, ליכטיקע און אַזעלכע לײַכטע, אַז זאָל, דאַכט זיך, אַ בלאָז טאָן דאָס קלענסטע ווינטל, וועלן זיי זיך צעפליִען אין אַלע עקן הימל. צי האָט די מאַמע אַרײַנגעלייגט אין קלומעקל זײַנע בלײַקעס? אַליין געדאַרפט אַרײַנלייגן. כאָטש ווו און ווען וועט ער איצט מאָלן? רינעס בילד, וואָס ער האָט אָנגעמאָלט, נאָך איידער די דײַטשן זײַנען אַרײַן, געדאַרפט געווען מיטנעמען מיט זיך. זי האָט זיך באַקומען באַ אים, ווי אַ לעבעדיקע. רינע איז זײַן שוועסטערקינד, נאָר גראָד דאָס האָט גאָרניט צו זאָגן. ניט דערפאַר האָט ער זי ליב צו מאָלן. צום אַלעם ערשטן איז זי אין איין עלטער מיט אים. נאָר דאָס איז אויך ניט וויכטיק. רינע איז פאַר אים.... ווער רינע איז פאַר אים, וועט ער פאַר זיך אַליין ניט אַרויסברענגען, און אַפילע די אייגענע געדאַנקען זאָגן: שאַ! אָט מאָלן זי — דאָס וואָלט ער געקאָנט אַפילע, ווען ער זעט זי ניט, אַפילע באַנאַכט, ווען דער לאָמפּ וואָלט ניט געברענט און קיין שטערן וואָלט ניט אַרײַנגעקוקט אין שויב. ער זעט זי קעסיידער. אַ דינינקע, אַ שלאַנקע. דאָס מאַטע פּאָנעם צאַרט און פול מיט כיין. די לאַנגע ווײַעס לאָזן זיך אַראָפּ, ווי פּאַרהענגלעך, איבער די אויגן. די ליפּן צונויפגעצויגן, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַ פײַף טאָן (דאָס קען זי אויך). דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך אים נאָך קיינמאָל ניט אײַנגעגעבן אָנצו־מאָלן, דאָס איז איר גוטסקײַט. ס'איז דערפאַר, ווײַל איר גוטסקײַט באַהאַלט זיך אויס אין די פּיצינקע גריבעלעך אָף די באַקן. זייער זעלטן, נאָר עס מאַכט זיך, די גריבעלעך ווערן פוסט, איר גוטסקײַט אַנטלויפט ערגעץ אין אַ זײַט. דעמלט, ווייסט ער שוין, איז בעסער אָפּטרעטן איר דעם וועג. נאָר צוליב וואָס דאַרף ער עס דערמאָנען? שולדיק איז דאָך שטענדיק ער, און ניט רינע. צום לעצטן מאָל איז עס געשען, ווען זי איז געקומען לײַען באַ דער מאַמען אַ לעפעלע זאַלץ. אַלץ האָט אָף איר געזונגען און געשײַנט. דער קאָפּ אויסגעצוואָגן, די צעפּ פאַרפלאָכטן מיט ווײַסע סטענגעס. בערעק האָט געמיינט אַ ציי טאָן באַ אַ סטענגע, און שוין. גיי ווייס, אַז די סטענגע וועט זיך צעבינדן און דער לאַנגער צאָפּ וועט זיך צעפלעכטן. וואָס זשע איז דער כידעש, אַז באַ רינען האָט געפלאַצט דאָס געדולד און די גוטסקײַט איז אַנטרו־נען? מיילע, נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָבן זיי זיך איבערגעבעטן. לאַנג אין קאַס קאָן רינע ניט זײַן. ווי נאָר די גריבעלעך ווערן ווידער פול (קלאָר, אַז קיינער, אויסער אים, זעט עס ניט), אַזוי איז אויס מיטן באַרויגעז.

צי ווייסט רינע, אַז ער גייט אַצינד איינער אַליין צום וואַלד? אוי, וואָלט זי זיך איבער־געשראָקן, ווען זי דערוויסט זיך עס. אים אַליין נעמט אָן אַ פּאַכעד, אַז ער טוט אַ קלער וועגן דעם. גוט, וואָס עס טראַכט זיך גאָר וועגן דער לעוואָנע, וועגן די כמאַרעס, דעם טײַך.

צי דאָס איז אויך פון שרעק? קיינער הערט אים ניט אונטער, האָט ער זיך ניט וואָס צו שע־מען: אוואדע פון שרעק. נו, און פון רינען פאַרוואָס טראַכט ער? א שיינער פאַרגלײַך. ס'איז פּאַשעט ביטאָ ווער ס'זאָל לאַכן... פאַר אויס א וועלט, איז רינע דאָך איינע אזא...

איז ווי זשע האָט ער געקאָנט שטילערהייט אוועק און זי ניט מיטנעמען מיט זיך? די מאַמע האָט געזאָגט, מע וועט זי ניט אָפּלאָזן מיט אים. איר טאַטע וועט זיך אָן אייצע געבן, ער האָט ווו זי אויסצובאהאלטן. אָבער ווי גייט מען עס אוועק אָן א „זײַ־געזונט"? אין שטוב האָט ער מיט אלעמען זיך צעקושט. ווען ער געזעגנט זיך מיט איר, וואָלט ער זי אויך א קוש געטאָן. אין אזא פאַל מעג מען. ס'איז דאָך ניט ווי דעמלט, ווען זי איז צו אים צוגעלאָפן אין קווייטלדיקן סאַראַפאַנדל. די זון האָט געפּאַליעט, און רינע האָט, צי פון קעלט, צי פון זײַן קוק, צוגעדעקט מיט צוויי גרויסע בלעטער פון סאָנישניקעס די נאַקעטע אַקסל. אײַ, ווי אים האָט זיך געוואָלט דעמלט אַראָפּנעמען די בלעטער, זי א כאַפּ טאָן בא די הענט און... נאָר וואָס איז דאָ צו ברײַען? קיין לײַטיש ייִנגל וואָלט קיינמאָל אפילו ניט געטראַכט וועגן אזעלכע זאַכן.

רינען וועט מען פאַרטרײַבן איז געטאָ, און ער וועט זיך שפּאַצירן אָף דער פרײַ. ווי געפעלט עס אײַך? שיין, ניטאָ וואָס צו זאָגן! מאָטל האָט מיט זיך פאַרשטעלט זײַן קאַלע, מענטשן האָבן געזען. און ער, מאָטלס ברודער... איז עפּשער זיך אומקערן? יאָ צי ניין?

די שרעק, וואָס לאָזט אים אָף קיין רגע ניט אָפּ, איז פאַרן „יאָ". פאַרן „ניין", ווייסט ער, זײַנען טאַטע־מאַמע, די באָבע מיטן זיידן. אוואדע איז די מאַמע גערעכט: ווער וואָלט זי, רינען, מיט אים, דעם „גרויסן פאַרטיידיקער", אָפּגעלאָזט... און אז מאָטל האָט פאַרשטעלט זײַן קאַלע, זײַנען זיי דען ביידע ניט אומגעקומען?

עס הייבט שוין אָן טאָגן. איז גיכער, גיכער אין וואַלד אַרײַן!

א בײַכיקן קוסט האָט ער אין דער האַלב־פינצטערניש אָנגענומען פאַר עפּעס א מעשונע־דיקער כײַע. האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אָן א זײַט און זיך פאַרטײַעט הינטער א בוים. ביזוואַנען די פיס האָבן געשפּאַנט, איז אים מיסטאָמע געוווען וואַרעם, קאָן זײַן אפילו הייס. ער האָט וועגן דעם ניט געקלערט. איצט האָט אונטער דעם רעקל זיך פאַרקליבן א פײַכטע קעלט, וואָס לאָזט ניט אײַנשטיין אָף קיין אָרט, טרײַבט אלץ טיפער אין וואַלד אַרײַן. דאָס דאַרף ער דאָך, בערעק.

דער וואַלד האָט זיך נאָך ניט צעשיידט מיטן שלאָף. קאָן זײַן, אז אָט דער בערעזע אינעם ווײַסן העמד, וועלכע שטייט באַנאַנד מיט א גאַדלעסדיקן צעפּאַטלטן דעמב, כאַלעמט זיך איצט א גוטער כאַלעם. ניין, ווײַזט אויס, ניט קיין גוטער. זי ציטערט. ס'איז איר קאַלט, צי זי האָט אויך פאַר עמעצן מוירע?

אויסגעטראָטענע סטעזשקעס זײַנען איצט ניט פאַר בערעקן. ער גייט צווישן די ביימער, איבער געדיכטע גראָזן, איבער מאָכיקע הרודעס ערד. ער וועט זיך ניט אָפּשטעלן דאָרט, ווו עס זײַנען נאָך עמעצן פאַרבליבן האַלאָוועשקעס פון א שײַטער. ער זוכט א פאַרבאָרגן אָרט. ער גייט ריכטיק: אָף מיזרעך. אזוי האָט אים דער טאַטע אָנגעזאָגט, זאָל ער גיין. אָט שלאָגן זיך דורך פונקט אים אנטקעגן די ערשטע זונען־שטראַלן. מאָטל האָט אים אמאָל געזאָגט: „ווען דו ביסט ניט אזא פוילעאַק און שטייסט אוף פרי־פרי, וואָלסטו זיך געטראָפן מיט א וואונדער, וואָס הייסט זון־אופגאַנג". אוי, מאָטל, מאָטל, פאַרוואָס זעסטו ניט, ווי פרי איך בין הײַנט אופגעשטאַנען?

אָט האָט זיך די זון באַוויזן. דערוויַיל וואַרעמט זי, ווי א שטיפמאַמע, נאָר אונטער אירע שטראַלן האָבן שוין אופגעלעבט די קרוינען פון די ביימער. די טראָפּנדלעך טוי אָפן גראָז און אָף די בלעטער שעמערירן, כאַטש מאָך פון זיי בײַטשן קאָרעלן.

די זון הייבט זיך אוף העכער, העכער, און אלץ אין וואַלד האָט זיך געענדערט, זיך איבערגעקליידט, טאַקע ווי א וואונדער וואָלט געשען. נאָר מיט אים, מיט בערעקן, האָט דער־ווײַל קיין שום וואונדער ניט געטראָפן. דערווײַל דאַרף ער אָפּזוכן א גוטע באַהעלטעניש.

אין וואַלד

אָף איבערזײַן דעם טאָג האָט בערעק זיך פאַרקליבן אין א געדיכט פאַרוואַקסן אָרט און זיך דאָרט אײַנגעמאָסטעט, ווי א פויגל אין א נעסט. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט, נאָר גלײַך אנשלאָפן ווערן האָט ער מוירע געהאַט. ווער ווייסט, וואָס דאָ טוט זיך אַרום אים. מע דאַרף צוווארטן א ביסל, אַרומקוקן זיך. ער האָט זיך גענומען צעביַנדן די קלומעקלעך. וואָס האָט אים דאָרט די מאַמע מיטגעגעבן? אינעם קלענערן קלומעקל ליגט דאָס גאַרניטערל, פון וועלכן

ער איז שוין היפש אויסגעוואַקסן, ווײַל מע האָט עס אים געמאַכט נאָך פּאַראַיאָרן אַף פּיי־סעך, אַן אונטערשט העמדל, אַ לײַבל, פאַרמערעזשעטע אין די עלנבויגן, אַן אייבערשט העמדל, אַ לײַוונטענער האַנטעך, אַ פּאָר וואָלענע פאַרלאַטעטע זאָקן (אין זיי איז דער טאַטע געזעסן שיווע נאָך מאַטלען), אַ וואָרעם שאַרפּיקל, אַ לאַנג דין שטריקל, גאָט וויסט, צוליב וואָס ער דאַרף עס, און די סאַנדאַלן, וואָס מע האָט אים געקויפט אַ וואָך, איידער די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין שטעטל. אַפן סאַמע דנאָ ליגט נאָך עפּעס אין אַ שמאַטקעלע אײַנגעוויקלט. האַ, האַ! אַ נאָדל, אַרײַנגעשטעקט אין אַ קלעצעלע שוואַרצע בײַוול, עטלעכע קנעפּלעך, אַ שטיקל טרייפע זייף, אַ פלעשעלע מיט יאָד און אַ באַנקעלע מיט שמירעכץ פאַר דער הויט, טאָמער, כאַלילע...

אײנעם צווייטן קלומעקל, וואָס איז געווען אַף אַ סאַך גרעסער, ווי דאָס ערשטע, זײַנען געלעגן באַ אַנדערהאַלבן לעבלעך קאָרנברויט, אַ טאָרבעלע מיט שוואַרצע סוכאַרעס, ניט ווייניקער פון פינף צענדליק קאַרטאָפליעס, עטלעכע מערן, צווי האַרטע אייער, אַ גרויסע פּאַרקאָרקעוועטע פלאַש מיט וואַסער און ווידער אין אַ באַזונדער שמאַטקעלע אײַנגעוויקלט צווי פּעקעלעך שוועבעלעך. דאָס קעשענע־מעסערל, וואָס בערעק האָט געמיינט, אַז ער האָט עס שוין פון לאַנג פאַרלאָרן, איז אויך געלעגן דאָ. נאָך איז דאָ געווען אַ לעפל, עטלעכע ציגעלעך צוקער און אַ שקאַרמיצל מיט זאַלץ.

אוי, די מאַמע! לאַנג לעבן זאָל זי! באַ רינען איז אויך אַ גוטע מאַמע, נאָר פאָרט ניט אַזאַ, ווי באַ אים. דער טאַטע זאָל אפילע געווען שרײַען, שלאָגן, וואָלט בערעק אים ניט געפאָלגט און ניט אוועק אליין אין וואַלד, און די מאַמע האָט אים אײַנגערעדט. גענוג, זי זאָל זאָגן „מיר זאָל זײַן פאַר דיר״, און ער איז גרייט צו טאָן אַלצדינג, וואָס זי הייסט. וואָס וועט איצטער זײַן מיט איר? מיטן טאַטן? מיט די שוועסטערלעך? מיט רינען? עפשער פאָרט זיך אומקערן אַף צוריק?..

וויפל איז ער געשלאָפן? ווױהין האָט זיך אהינגעטאָן די מידקײַט? די ערשטע רעגעס, ביזוואַנען דער שלאָף איז נאָך ניט אײַנגאַנצן אַנטרונען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער פּילט אין אַלע אייוורים אַזאַ לײַכטקײַט, אַז כאָטש הייב זיך אוף און לאָז זיך גלײַך אין וועג. די זון האָט געהאַלטן באַם פאַרגיין. איצט זײַנען אירע שטראַלן געווען לענגער און באַלויכטן ניט די קרוינען פון די ביימער, נאָר די שטאַמען.

די נאַכט אין וואַלד גרײַפט אָן פון דער ערד און עפּשער אפילע פון דער טיף, ווו די וואָרצלען געפינען זיך. דער הימל האָט זיך נאָך געלויכטן, און דער וואַלד איז שוין געווען אײַנגאַנצן שוואַרץ. איז ווױהין זאָל ער זיך לאָזן גיין? צוריק אהיים טאָר מען ניט. טאַקע צוליב דער מאַמען, זי האָט אים פאַרשווירן, ער זאָל ניט וואַגן זיך אומקערן.

בערעק טראַכט, און די פּינצטערניש ווערט אַלץ געדיכטער. ווען ער שטייט אַף אָן אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וואָלט ער זי ניט געזען. נײַן, הײַנט וועט ער זײַן וואַלד־נעסט ניט פאַרלאָזן. דערפאַר מאָרגן...

אים איז געווען קאַלט, נאָך אָנציענדן אַ שײַטער האָט ער מוירע געהאַט. אפילע אַ גלײַ־וואָרעם אַף אַ צעפּוילטן פּניאַק איז ער גרייט געווען צעטרעטן, פאַרלעשן. ווי הונגעריקע וועלף, וואָס טשאַטעוועון עמעצן צו צערײַסן און אָנפרעסן זיך, האָבן אין באַנאַכטיקן הימל געגנישטערט דײַטשישע אַעראָפּלאַנען. זייער הודען האָט פון אַלע זײַטן זיך געקײַקלט איבערן וואַלד. ער האָט אַרופגעצויגן אַף זיך דאָס לײַבל, זיך אײַנגעדעקט מיטן רעקל און געבליבן ליגן האַלב־וואַכעדיק, האַלב־דרעמלענדיק.

נאָך פינף טעג און פינף נעכט האָט בערעק ניט פאַרלאָזט דעם וואַלד. פון די צווי קלו־מעקלעך איז געוואָרן איינס. דאָס, וואָס ס'איז געווען מיטן עסנוואַרג, האָט זיך אויסגעליידיקט. זעכצן רויע קאַרטאָפליעס האָט ער נאָך פאַרמאָגט. האָט ער זיי צעטיילט אַף פיר גלײַכע כאַ־לאָקים, — ניט לויט דער צאָל, פאַרשטייט זיך, ווײַל עס טרעפן דאָך גרעסערע און קלענערע קאַרטאָפליעס, נאָר אַן ערעך לויט דער וואָג, און פאַרשאָטן מיט ערד, קעדיי זיי זאָלן אים ניט קריכן אין די אויגן, ניט רייצן דעם הונגער. אַף פיר מעסלעס, האָט ער אויסגערעכנט, מוז עס אים סטײַען. עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נעמען אין מויל אַרײַן, צעקײַען, אײַנ־שלינגען, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט אויסזוכן צווישן גראָז.

ער האָט אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד. צוערשט גאָר נאָענט לעבן זײַן באַהעלטעניש, דערנאָך זיך אײַנגעשטעלט אָפּגיין אַלץ ווײַטער. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די כײַעלעך, וואָס לעבן אין וואַלד, צו די געוויקסן. מעקאַנע געווען די אינזעקטן, וואָס זייער קאַליר גיסט זיך צונויף מיט דעם, וואָס רינגלט זיי אַרום. ווען ער זאָל קענען זיך אַזוי פאַרמאַסקירן, וואָלט ער זיך גאָר אפילע באַהאַלטן ניט באַדאַרפט.

דערווײַל האָט ער נאָך נישט שטאַרק געליטן ניט פון הונגער, ניט פון קעלט. די סאָפּ־זומערדיקע נעכט זײַנען געווען וואַרעמע. שלעכט איז געווען, וואָס אין פלאַש איז מער קיין וואַסער ניט פאַרבליבן. פון דאָרשט, האָט זיך אים געדאַכט, וועט ער אומקומען. נאָר אים האָט אָפּגעגליקט. אפֿן פערטן טאָג האָט ער אַנגעטראָפֿן אויף אַן אַלטן בוים, וואָס דער ווינט האָט אַרויסגעריסן פון דער ערד. אפֿן דנאָ פון דער טיפֿער גרוב, פון וועלכער ס'האָבן אַרויס־געסטאַרטשעט די וואָרצלען, האָט ער דערזען אַ קליינע קאַליוזשע מיט וואַסער און אָנגע־נומען אַ פולע פלאַש.

ס'איז געווען נאָך האַלבן טאָג. צום ערשטן מאָל האָט בערעק זיך פאַרקליבן אַזוי ווײַט פון זײַן באַהעלטעניש. ער האָט געוווּסט: פריִער צי שפּעטער מיט אַ טאָג, נאָר ער וועט מוזן אַרויסקומען צו מענטשן. האָט ער געזוכט אַ וועג צו אַ דאָרף, און נאָך בעסער צו אַ כוטאָר. דער באַפֿעל, אַז יעדערער, וואָס וועט אויסבאַהאַלטן ייִדן און קריגסגעפאַנגענע, וועט שטרענג באַשטראָפֿט ווערן, האָט ער אַליין מיט זײַנע אויגן געלייענט, און דאָך געהאָפֿט (און דאָס איז געווען די האָפֿענונג פון טאַטע־מאַמע), אַז ס'וועט זיך געפֿינען אַ מענטש, וואָס וועט ראַכ־מאָנעס האָבן אויף אים.

ווי ער וואָלט אים אָפּגעדאַנקט! געאַרבעט איבער די קויכעס. באַטאָג, אַשטייגער, געפּאַ־שעט די בעהיימעס, באַנאַכט די פערד. מיט די באַלעכײַים וואָלט אים געווען היימלעך. און אָפּגעהיט וואָלט ער זיי, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. אַלץ וואָלט אים געווען ליב, אַבי נאָר האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און כאָטש מיט עפּעס־וואָס קאָנען שטילן דעם הונגער.

בערעק באַמערקט מיטאַמאָל, אַז דער וואַלד ווערט וואָס ווײַטער, אַלץ שיטערער. גייט ער נאָך מער געהיט, מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק און אַן אויסגעצויגענעם האַלדז, ווי בא אַ כײַע אָדער אַ רויבפויגל. ער האָט מוירע הויך אַן אָטעם טאָן. בא אַ בוים שטעלט ער זיך אָפּ, הערט זיך אײַן, און ערשט דערנאָך לאָזט ער זיך צו אַ צווייטן. ווידער געשטאַנען, צו־געהערט זיך, — און צו אַ דריטן. אַזוי וועט ער ווײַט ניט אַוועקגיין, בא אַזאַ סאַקאָנע אָבער טאָר מען דאָך ניט אַנדערש. נאָר אָט זעט זיך שוין אָן ניט ווײַט אַ פעלד. אויב ער האָט קיין טאָעס ניט, הוידען זיך דאָרט סאָנישניקעס. אוודאי וואָלטן עטלעכע רײַפע טשיפּיקעס אים זייער גוט צוניץ געקומען. וועט ער זיך סטאַרען פאַרגעדענקען דאָס אָרט, דעם וועג. אויף הײַנט איז גענוג. די זון זעצט זיך. מע דאַרף זיך אומקערן. דעם געפערלעכן גאַנג אַהער וועט ער אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל.

וואָס נעענטער בערעק קומט צו צו זײַן באַהעלטעניש, אַלץ שטילער ווערט זײַן אומרו. פאַר די עטלעכע טעג האָט ער זיך צוגעוווינט צו זײַן „הייל", טאַקע שיר ניט ווי צו אַן אייגן ווינקל... הײַנט גאַנצפרי, ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט, איז ער געלעגן אַ לענגערע צײַט אויף דער זײַט און זיך קיין ריר ניט געטאָן. פאַרבײַ אים איז עטלעכע מאָל דורכגעלאָפֿן הין און צוריק אַ וואַלד־מײַזל.

גאָר אַ קליין קעפּעלע באַם מײַזעלע, נאָר ווי ס'טויגט זיך אויס, דאָס כײַעלע. אין וואַלד וועט עס שוין יאַקאָס דורכקומען בעסער, איידער בערעק. ער האָט ניט באַוויזן אַ פּינטל טאָן מיט אַן אויג, און גלײַך איז עס ניט געסטײַעט. אָט, ווען ער וואָלט געקאָנט דורכמאַכן אַזאַ מין קונץ!.. נאָר צוליב דעם דאַרף מען דאָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואַלד־מײַזל. אויב שוין יאָ פאַרוואַנדלט ווערן, איז שוין גלײַכער אין אַ וואָלף. דאַן וואָלט ער די מערדער, די פאַ־שיסטן, אויף שטיקער צעריסן.

— אָט אַזוי! — שנײַדט ער די לופט מיטן דינעם צווײַגל, וואָס ער האַלט אין דער האַנט. — אָט אַזוי! ס'זאָל פון אײַך קיין זייכער ניט בלײַבן! אַ־אַ! ס'געפעלט אײַך ניט? איר זײַט טויזנט מאָל ערגער פון וועלף. אַ וואָלף פאַרצוקט אַ רינד, ווײַל ער איז הונגעריק, אָבער ער וועט אויסגיין פון הונגער, נאָר קיין וועלפעלע ניט אָנרירן. מיטן לעבן וועט ער ריזיקירן, קעדיי עס צו ראַטעווען, און איר פאַרצוקט מענטשן, אַלט און יונג, אומזיסט און אומנישט, איז נאָט אײַך! — און דאָס צווײַגל קנאַקט, קנאַקט...

נאָר צוליב וואָס דאַרף ער עס פאַרוואַנדלט ווערן גאָר אין אַ וואָלף? אָט, ווען ער זאָל קאָנען אַריבער די גרענעץ און אָנקומען אין דער רויטער אַרמיי, וואָלט ער זיך צערעכנט מיט די מערדער. מאָטל האָט וועגן דעם געטרוימט טאָג און נאַכט. מאָטל איז טויט און ער, בערעק, לעבט. וועט ער אַהין גיין. ווער אָבער וועט אים דעם וועג ווײַזן?

דאָס צווייטע קלומעקל פעלט אים שטאַרק. נאָר נישקאָשע. ער וועט אָנרײַסן סאָנישני־קעס און אויסדרעשן פון זיי די קערלעך, אָנפילן די פלאַש מיט וואַסער. זאַלץ און שוועבע־לעך האָט ער נאָך. ער וועט זיך אומקערן אַהער מיט די רוסישע סאָלדאַטן און ראַטעווען אַלעמען, וועמען מע האָט פאַרשפּאַרט אין געטאָ. דעם קאָמאַנדיר וועט ער פאַרבעטן אַהער,

צו דער „הייל“, און מיט א שמייכל (אוואדע וועט זיך אים דאן וועלן שמייכלען) זאָגן: „איר זעט, אָט דאָ האָב איך זיך באהאלטן...“

בערעק האָט א קוק געטאָן אף זייַן באהעלטעניש און זי ניט דערקענט. ס׳איז גאָרניט געווען די „הייל“, וועלכע ער האָט מיט עטלעכע שאָ צוריק פארלאָזט. ס׳איז שוין ביכלאל ניט געווען קיין הייל. דער „דאך“, וועלכן ער האָט אזוי זאָרגזאם אויסגעלייגט פון צווייַגן און פארשאָטן מיט מאָך, איז געווען צעוואָרפן. דאָס געלעגער, וואָס ער האָט אויסגעבעט פון איבערגעטריקנטע בלעטער, — אופגעדעקט פאר דער גאנצער וועלט. ווי נאָר ער האָט עס דערזען, אזוי גלייַך האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אין א זייַט פון דעם אָרט, פאר וועלכן ער האָט ביז דעם זיך געהאלטן, ווי א געראטעוועטער פון א דערטרונקענער שיף. קלערן איז קיין צייַט ניט געווען. די פיס אליין האָבן זיך געטאָן זייערס. וואָס דען? ווארטן, ביז יענער, וואָס איז דאָ געווען, זאָל אים אָנכאפן פארן קאָלנער? די צווייַגן האָבן אראָפּגעריסן דאָס היטל, צעבלוטיקט דאָס פּאָנעם, נאָר בערעק, ווי ער וואָלט שוין געהערט די אָניאָגנדיקע טריט, די געשרייען „האלט אים!“, האָט ניט געוואגט אפילע אויסדרייען דעם קאָפּ אף צוריק. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך, ווייַל פלוצעם האָט, ווי א בליץ, זיך דורכגעטראָגן דער געדאנק: „נו, און די קארטאָפּל, די פלאש מיט וואסער?“ אפילע ווען ס׳זאָל געווען ברענען, האָט ער זיי ניט געטאָרט איבערלאָזן. נאָר עפשער איז ביכלאל אומזיסט די שרעק? וויפל מאָל האָט ער פארטאָג געהערט א צעצויגענעם הענער־קריי, דאָס מעקען פון בעהיימעס, דאָס בילן פון הינט. נאָכן פעלד מיט די סאָנישניקעס הייבט זיך גלייַך אָן א דאָרף. וואָס האָט עס פאר א ווערט בא א הונט פאָרנעמען אהער א שפאציר. א הונט דאָרף מען ניט לערנען, ווי אראַינפויזען אין אזא „הייל“, ווי בערעקס.

און עפשער איז גאָר בא אים געווען צוגאסט א וואלד־כייַע, א שטעכלער אָדער א האָז? קיין אנדערע כייַעס האָט ער דערווייַל ניט באמערקט. און עפשער א גרויסער פויגל? ניין. דער פילין טוט זייַן שווארצע ארבעט בלויז באנאכט. באטאָג פארטייַעט ער זיך. די סאָראָקעס, וואָס פּאשען זיך דאָ מישפּאָכעסווייַז, ווערן אליין דערציטערט פאר א שאָרך פון א פאלנדיקן בלאט. און ווי וואָלט עס בא א שטעכלער צי בא א האָז געקלעקט קויעך? עפּעס איז עס ניט אזוי.

ס׳ווילט זיך אים ניט גלייבן, בערעקן, אז זייַן באהעלטעניש האָט אופגעדעקט א מענטש. און ווי, אויב דער הונט איז געקומען אהער מיט זייַן באלעבאָס? איז ווער איז ער, דער מענטש — א גוטער, א שלעכטער? ער וועט נאָכאמאָל קומען אהער? צי מיינט מען ניט אָנפאלן אף אים, ווען ער וועט אייַנשלאָפן? וואָס זשע זאָל ער טאָן, בערעק? די נאכט וועט ער איבערזייַן אָט דאָ, אף דעם אָרט, ווו ער האָט זיך אצינד אָפּגעשטעלט. פארטאָג, ווען יעדער קלאנג לאָזט זיך הערן ווייַט, וועט ער זיך אויך פונעם אָרט ניט רירן. דערנאָך וועט ער עטלעכע שאָ נאָכשפּירן נאָך זייַן „הייל“, און אויב קיינער וועט אהין מער ניט קומען, וועט ער צונעמען זייַן פארמעגן און אוועק, וווהין די אויגן טראָגן.

אזוי האָט ער געטאָן. די קארטאָפּל זייַנען געווען דאָרט, ווו ער האָט זיי פארשטעקט. אָבער די פלאש, ער האָט ניט אין זינען געהאט זי צו באהאלטן, האָט ניט געסטייַעט. אָט האָסטו דיר א שטעכלער. א מענטש איז דאָ געווען! ווער זשע איז ער? א גוטער צי א שלעכטער? א גוטער וואָלט בא אים דעם לעצטן טראָפּן וואסער ניט צוגענומען. קיין שלעכטער אויך ניט. ער וואָלט דאָך אים דערמיט נאָר געוואָרנט: „אנטלויף פונדאנען! וואָס גיכער, וועט זייַן פאר דיר בעסער“. א מענטש איז דאָ געווען, ווייַזט אויס, פון די, אף וועלכע מע זאָגט „ניט דאָס, ניט יענץ“. אזוינע גייט גאָרנישט ניט אָן. ווייניק, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען עמעצנס וואסער, האָט ער נאָך פארכאפּט מיט זיך די פלאש. איי, עמעצער קאָן אומקומען פון דאָרשט, — איז עס דאָך עמעצער, ניט ער.

נאָך צוויי טעג האָט בערעק ארומגעבלאָנקעט צווישן דיביימער. די פארבליבענע קארטאָפּל האָט ער אָפּגעבראָטן, און ווי ער האָט ניט געפּרוווט שפּאָרן, האָט עס זיך אים ניט אייַנגעגעבן. געליטן האָט ער פון דאָרשט. די טראָפּנס טוי, וואָס ער האָט אפגיך, ביז די זון האָט זיי ניט אויסגעטריקנט, געלעקט פון די גראָזן און בלעטער, האָבן צום גאָרגל ניט דערגרייכט. די איבערגעטריקנטע צונג, וואָס ער האָט געפּרוווט ארויסשטעקן, ווי א לעפּעלע, האָט, ווייַזט אויס, אליין די טראָפּנס אייַנגעזאפּט. ער מוז אוועק פונדאנען. נאָר פריִער דאָרף ער זיך כאָטש איין מאָל אָנטרינקען, אָנעסן צו זאט...

די ערשטע באַגעגעניש

די זונרויזן האָבן נאָך ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו טיילן. אונטערן געלן צווייט האָבן דער־ווײַל ארויסגעשפּראָצט ווײַסע זעקעלעך אָן א סימען פון זאַפט. גיי וואַרט, ביז עס וועלן געבוירן ווערן קערנדלעך. דערפאַר, ווי לאַנג די רייען סאָנישניקעס האָבן זיך געצויגן, האָבן זיי אים צוגעדעקט פון א זײַטיק אויג. דערנאָך האָבן זיי אים איבערגעגעבן אונטער דער שוץ פונעם געדיכטן שטויב, וואָס ס'האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א טשערעדע בעהיימעס, אומקערנדיק זיך פון פּאַשע.

אַף א בערגל באַם צווינטער האָט א טעלעצע אָפּגענאַרט דעם פּאַסטעך: אָפּגעשטאַנען קלוימערשט אַף א ווײַלע, א קראַץ טאָן מיט די הערנער א זײַט, און אונטערן זעלבן צודעק פון שטויב זיך א נעם טאָן אַף רעכטס צום בעסוילעם. ווי דער טאָג אַף פּאַשע וואָלט איר געווען ווייניק, האָט זי מיט גרינעם שוים אַף די ליפּן זשעדנע געריסן דאָס גראָז אונטערן פּאַרקן. דער טעלעצע האָט געדראָעט א שנײַד מיט דער בײַטש. און בערעקן, אויב דער פּאַסטעך וועט אים דערזען? פאַר די עטלעכע מינוט, ביז דער פּאַסטעך האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'פעלט אים א טעלעצע, האָט בערעק באַוויזן זיך באַהאַלטן צווישן די קוואָרים.

דער פּאַסטעך, אַן אַלטער פּויער, האָט געפײַערט, די בײַטש האָט אָן אופהער געקנאַלט אינדערלופטן. קלאָלעס און זידלווערטער האָבן זיך באַ אים, ווי אַף בוימל, געפּרעגלט הויך און פעט. נאָר קיין בייזקײַט אין דעם פײַערן האָט בערעק ניט דערפילט. מעגלעך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך פּאַשעט דערפרייט מיט א מענטשלעך קאָל. זיבן טעג, א וואָך א גאַנצע, האָט ער שוין קיין מענטשן ניט געהערט, און אַליין קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ס'איז שווער צו זאָגן פאַרוואָס, נאָר בערעק האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און ארויסגעשטאַמלט: „דזען דאָברע, דזיאַדקו". דער „דזיאַדקו", וואָס וועדליק ער איז געווען אַלט, האָט באַ אים דער געהער שוין געקענט זײַן אָפּגעשוואַכט, האָט עס דערהערט. א ווײַלע איז ער געשטאַנען, געקוקט אַף בערעקן מיט ארויסגעסטאַרטשעטע אויגן, און מיטאַמאָל אַזאַ קנאַק געטאָן מיט דער לאַנגער בײַטש, אַז די טויטע אין די קוואָרים האָבן באַדאַרפט דעם קנאַל דערהערן. האַסטיק, ניט לויט זײַן עלטער, האָט ער זיך געטאָן א קערעווע אויס, ווידער צעשניטן מיט דער בײַטש די לופט אַפּצווייען און אוועק. אַנטקעגן די קלאָלעס, וואָס ער האָט איצט ארויסגעשריגן פון זיך, האָבן יענע, מיט וועלכע ער האָט געבענטשט די טעלעצע, אויסגעזעזן ווי פאַר דער צײַט געבוירענע זיבעלעך.

אָט האָסטו דיר די ערשטע באַגעגעניש מיט א מענטשן פון א דאָרף. דער טאַטע האָט עס גאָר אַנדערש אויסגעשטעלט, און דער זיידע האָט נאָך דערבײַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָפּגענאַרט. צום ערשטן מאָל, זינט בערעק איז אַליין, נעמט אים אָן א פאַרדראָס אָפּן טאַטן, אָפּן זיידן. אָבער באַלד באַטראַכט ער זיך. וואָס האָט ער צו זיי? אָפּשיקנדיק אים פון דער שטוב, האָבן זיי דאָך געמוזט אַף עפּעס האָפן, אַף א וווּנדער, אַף א נעס, אַף א באַגעגעניש מיט א גוטן מענטשן... זיי האָבן אים דאָך געוואָלט פּרוּוון ראַטעווען און ניט שיקן צום טויט אין די הענט אַרײַן. איצט ווייסט בערעק, אַז דער טויט קאָן יעדער רעגע אים א רוף טאָן: „קום מיט מירו". אָט דער זעלבער אַלטער, וואָס זידלט זיך און שילט זיך, וועט דאָך געוויס אָנזאָגן דעם סאָלטיס, אַז עפּעס א פאַרדעכטיקער פאַרשוין באַהאַלט זיך אויס אָפּן צווינטער... בעסער שטאַרבן אין וואַלד פון הונגער, פון דאָרשט, נאָר צו קיין מענטשן וועט ער ניט גיין... אויס מיט די נאַרישע טרוימען, מיט די באַבעמײַסעס! ס'וועט נאָך זײַן גוט, אויב מע וועט הײַנט נאָך אים ניט קומען, וועט ער באַנאַכט אויסזוכן א גאָרטן און איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָנעסן. ער וועט זיך פאַרקלײַבן אין א קעלער און זיך אָנטרינקען מיט מילך. די מאַמע וואָלט אוודאי געזאָגט: „מע טאָר ניט, קינד מײַנס, ס'איז א זינד". מע טאָר טאַקע ניט, ס'איז א זינד, נאָר וואָס זשע, מאַמע, בלײַבט מיר צו טאָן? מער וועט מיר, מיסטאָמע, שוין קיינמאָל ניט אויסקומען זינדיקן. זאָל דער מאַלכאַמאָוועס נאָך א ביסעלע צוואַרטן. א קראַנקן גיט מען דאָך אײַן די רפואה ביז דער לעצטער רעגע, אפילו ווען מע ווייסט שוין, אַז ס'וועט אים שוין גרינגער ניט ווערן. עמעס, מאַמעז כ'וויס, דו וואָלסט מיר זיכער געענטפערט, ווי קעסיידער: „אוי, ווי ביטער ס'איז דער עמעס, זונעניו". איז זײַ ניט באַרויגעז, וואָס כ'וויל א קאַפּעלע פאַרזיסן דעם ביטערן עמעס.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, און די הינט אין דאָרף, ווי זיי וואָלטן דערפילט, אַז ערגעץ נאָענט באַהאַלט זיך אויס א פרעמדער, האָבן זיך צעבילט אַף ניט אײַנצושטילן זיי. גיי פאַרקלײַב זיך אין א גאָרטן, אין א קעלער... עס זיך אָן און טרינק זיך אָן... דעם הונט וועט נאָך קומען צו הילף זײַן באַלעבאָס, וועמען דו האָסט געוואָלט באַרויבן. ער מעג דאָך אוודאי טאָן מיט דיר, וואָס זײַן האַרץ גלוסט...

— כלאַפּטשע, פּאַקאַזשסיע, גדזיע יעסטעס[1],— דערהערט בערעק נאָענט לעם זיך דעם פאַסטעכס קאָל,— גדזיע יעסטעס, גלופּטשע[2].

בערעקס ערשטער געדאַנק איז געווען זיך לאָזן לויפן, און זאָל דער אַלטער פּרוּוון אים דעריאָגן. נאָר עפּעס אַזויפיל ווייכקייט און הארציקייט האָט אַפּגעקלונגען אין דעם אַלטנס שטים, דער „גלופּטשע" האָט בערעקן אַזוי דערמאָנט דער מאַמעס אָפטן זאָג: „ביסט דאָך, נאַ־רעלע, אַ קלוגער", אַז ער איז געבליבן ליגן אַפן אָרט, זיך פאַרטײַעט און געשוויגן. דער פּאַסטעך האָט גענומען ריידן צו זיך אַליין:

— נו, יאָ, אַוואַדע האָב איך אים נאָך מער אָנגעשראָקן, איז ער אַוועק. איבערלאָזן אים דאָס טעפּל? איז װער ווייסט, צי ער וועט זיך אומקערן... און אַז מ׳וועט דערזען דאָס טעפּל, וועט מען זיך נאָך אָנשטויסן, ווער ס׳איז דאָ געווען. ברענגען אַלץ אַהיים, וועט יאַדוויגע ווי־דער וואָרטשען,— און דער אַלטער האָט זיך געשמאַק אויסגעזידלט און אַ שפּײַ געטאָן.

— דזיאַדקו, איר זײַט אַליין? — האָט בערעק ווי ניט מיט זײַן קאָל זיך אײַנגעשטעלט צו פרעגן.

— דזעצקאָ מאָיע[3], אַליין. ווי דען אַנדערש? אינצווייען אַזאַ אַרבעט טוט מען ניט. ס׳הייסט, ווער זאָגט, אַז כ׳טו עפּעס... כ׳טו גאָרניט. אַלטע לײַט טראָגן די אויגן אין די קעשענעס און די פיס אין די הענט. דאָס גיי איך מיר מײַן וועג, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל אָפּרוען.

— און דאָס טעפּל?

— דאָס טעפּל, אויב דו וועסט אַף מיר אַ געשריי טאָן „גיב אָפּ!", וועל איך עס דיר אָפּ־געבן. נאָר גוט וואָלט געווען, זאָלסט עס מיר אַלציינס אומקערן. באַ יאַדוויגען האָט אָנגעריסן אַ בלאַטער אַף דעם פוס, אַניט וואָלט זי באַ מיר ניט געפּועלט, כ׳זאָל נאָך אַ טאָג אַרומלויפן זיך ווידער לאָזן אין וועג.

— וויאַזוי מעג איך אײַך, זיידע, שרײַען?

— וויאַזוי? ווײַניק האָט מען אײַערע שוין אומגעבראַכט, און דו פרעגסט נאָך אַלץ „ווי־אַזוי?". מיילע,— האָט דער אַלטער אַ טיפן קרעכץ געטאָן,— דו, גלופּטשע, וועסט נאָך גענוג זיך אָנשרײַען. נאָר זײַער קליינינקע און גאָר אַלטע לאָזן אַרויס די נעשאָמע אָן אַ פּיפּס. מאַטקאַ באָסקאַ, זײַ מיר מויכל, דעם זינדיקן. אין דײַן נאָמען האָט מיך יאַדוויגע געטריבן אַהער, איז דערבאַרעם זיך און דערלאָז ניט, אַז די שוואַבן זאָלן מיך קאַטעווען, ווי יוזעפן. יוזעף האָט דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, איז פאַרוואָס קומט אים ליגן אָט דאָ?.. דערבאַרעם זיך און באַהיט אונדז פון אַלדאָסבייז, מאַטקאַ באָסקאַ...

— זיידע, אויב איר האָט אַ ביסעלע וואַסער, גיט מיר זיך אָנטרינקען. איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן, זיידע...

— וואָס זשע, גלופּטשע, שווײַגסטו? מיט דער מאַטקאַ באָסקאַ קאָן איך אַזוי ריידן ביז טאָג, קיין וואַסער האָב איך ניט, נאַ דיר אַ קריגל מיט פּרישער מילך, נאָר כאַפּ זיך ניט צו, טאָרסט ניט. ברויט, קעז און קאַשע וועל איך דיר מיטגעבן אין וועג...

— כ׳האָב ניט וווּהין צו גיין, זיידעניו.

— אַניט ווייס איך ניט? ווען ביסטו אַרויס פונעם שטעטל?

— שוין לאַנג, זיידעניו, זיבן טעג בין איך אָפּגעווען אין וואַלד. מער קאָן איך ניט.

— אַז דו קאָנסט ניט, דאָס ווייס איך אויך. ווו ביסטו געווען אין וואַלד? אינעם יעגער־שטיבל?

— ניין. כ׳ווייס ניט, ווו ס׳איז.

— פונוואַנען זאָלסטו וויסן? אַהין איז ניט גרינג צו טרעפן. אַמאָל איז דאָרט דער וואַלד געווען גאָר געדיכט, קימאַט ניט אַדורכצוגיין. ס׳איז אַ פאַרלאָזט יעגער־שטיבל. מיר איז אויסגעקומען דאָרט זײַן ניט ווײַט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עמעצער האָט זיך פאַרקליבן אַהין. מיסטאָמע, אַזאַ, ווי דו. האָב קיין מוירע ניט. אויסער מיר, ווייסט דערווײַל קיינער ניט וועגן דעם. אין יענעם יעגער־שטיבל האָט אַמאָל דעם פאַרעצס טאָכטער זיך אופגעהאַנגען, און ער האָט פאַרבאָטן גיין אַהין. איך בין אַ פּאַסטעך, איך מעג.

— איך האָב אויך דאָס מײַסעלע וועגן פאַרעצס טאָכטער געהערט.

— געהערט?.. עס פּאַוואָליע. וואַרג זיך ניט. איך בין געווען ניט אַף קיין סאַך עלטער פון דיר, ווען כ׳האָב דעם שטריק, אַף וועלכן די פאַניענקע איז געהאַנגען, איבערגעשניטן און אַראָפּגענומען דעם שלייף פון איר האַלדז, און דו זאָגסט — אַ מײַסעלע... ווי רופט מען דיך?

— בערעק.

[1] ווו ביסטו, יינגל?; [2] ווו ביסטו, נאַרעלע?; [3] קינד מײַנס (פּויליש).

— בערעק? אַ גוטער נאָמען. „בערעקס בערגל“ געפינט זיך דאָ ניט ווײַט פון אונדז, אונטער קאָצק. געהערט אַמאָל? דער יידישער פּאָלקאָווניק איז דאָרט באַגראָבן. אַ לידל איז דאָ: “Zginal Berec pod Kockiem. . .”[1]. געהערט? און וועמעס ביסטו? נאָכעם דעם פאַרבערס? עפּעס האָב איך דײַן טאַטן ניט געקענט. אָט יאַנקל עמערמאַן דעם רימער, אים האָב איך גוט געקענט. באַ אונדז אין דאָרף האָבן אַלע נאָר באַ אים באַשטעלט געשפּאַן — שלייעס, ווישקעס, צײַמלעך. ווילסטו, איז מיט מעשענע בליאַשקעס, ווילסטו, איז מיט ווײַסע בענדלעך, ווילסטו, איז אַפילע מיט גלעקלעך. אַפילע אָט די בײַטש, וואָס כ׳לאָז פון דער האַנט ניט אַרויס, איז אויך זײַנע. צוואַנציק ווערסט זיך דורכגעפאָרן און באַ אים געקויפט. אַלץ, וואָס ער האָט געמאַכט, איז אַף אייביק. עמעס, דינגען זיך מיט אים האָט מען באַדאַרפט שטאַרק. ווי אַנ־דערש? פון דעם האָט ער דאָך געלעבט. אַז מיר פאַרקויפן עפּעס אין מאַרק, ווילן מיר דאָך אויך באַקומען פאַר דעם וואָס טײַערער. אַנדערע באַלמעלאָכעס גאַנוועגען לעדער, און יאַנקל — ביזן לעצטן שטיקעלע פלעגט ער אַלץ אומקערן, אויב ער האָט עפּעס געמאַכט פון דײַן לע־דער. ניט פּאַשעט אַזוי אומקערן, נאָר מאַכן דיר אַ רימען, אַ בײַטל, גלאַט אַ שפּילכל. „נעם, מאַציי, — פלעגט ער זאָגן, — באַ דיר אין דער ווירטשאַפט וועט עס צוניץ קומען“. איך בין אים פאַרבליבן שולדיק צוויי פוד קאָרן און אַ זאַק קאַרטאָפל. אויס יאַנקל, ניטאָ מער...

— מע האָט אים פאַרטריבן אין געטאָ?

— וואָס פאַר אַ געטאָ? געהאַרגעט האָט מען אים. יענע וואָך. יאָ, יענע וואָך. וואָס האָבן מיר הײַנט? דאָנערשטיק, און דאָס איז געוועזן שאַבעס. פון אונדזער דאָרף האָט מען באַפוילן שיקן אין שטאָט צען וועגענער. מײַן שאָכן איז אויך דאָרט געוועזן, האָט ער אַליין געזען, ווי מע האָט יאַנקלען מיטן ווײַב און מיט די קינדער געהאַרגעט. פון אַ קעלער האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט און אַפן מאַרק דערשאָסן.

— און רינע, רינען, זײַן יינגסטע טאָכטער...

— מיסטאַמע אויך. דער שאָכן זאָגט, אַז מע האָט זייער אַ סאַך אויסגעהאַרגעט. עטלעכע אַלטע לײַט האָבן זיך פאַרשלאָסן אין קלויז און געדאַוונט, האָט מען זיי לעבעדיקערהייט פאַר־ברענט. דו עס פּאַוואָלינקע, עס... ווילסט שוין מער ניט?

— און וואָס איז מיט מײַן טאַטן, ווייסט איר ניט?

— ניין. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דײַן טאַטן האָב איך עפּעס ניט געקענט. ניין. איך ווייס ניט. אַ טאָרבעלע האָסטו? מאָלאָדיעץ! גיב, וועל איך מײַנס אויסליידיקן. און איצט, בערעק, גיי. וואָס שטייסטו?

— וווהין, זיידע מאַציי, זאָל איך גיין?

— אַזאַ אייצע, מיין איך, וועט דיר קיינער ניט געבן. וועגן יעגער־שטיבל האָב איך דיר גלאַט אַזוי דערציילט. און צי דו גייסט אַהין — דאָס טאָר איך ניט וויסן. אַ ביסל קאָן איך דיך באַגלייטן. אין אַזאַ שפּעטער שאָ שיקערן זיי, די באַנדיטן. פאַריינס וועל איך דיר באַווײַזן מײַן קוקורוזע־פעלד. אַזוי האָט מיר יאַדוויגע געהייסן. די פּשעניטשקעס זײַנען נאָך זייער גרינע, נאָר אַ ביסעלע מילך פאַרמאָגן זיי שוין. אויב דיר וועט אויסקומען ערגעץ דאָ שטילן דעם הונגער, וועל איך פון דעם אָרעמער ניט ווערן, און סײַווי וועסטו דאָך באַ מיר קיין דערלויבעניש ניט בעטן. קום, בערעק.

— זיידע, און אויב גיין אַף מיזרעך...

— אַף מיזרעך צי אַף מײַרעוו, דאָס איז שוין אַלציינס. ווײַט וועסטו ניט אוועקגיין. אומע־טום איז מיט זיי פול. מע זאָגט גאָר, אַז וואָס ווײַטער אַף מיזרעך, איז אַצינד ערגער אויס־באַהאַלטן זיך. אַ ביסל קאָן מען נאָך עפּשער אין וואַלד. קיין אַנדער אָרט ווייס איך ניט. קום!

— זיידע...

— וואָס „זיידע“? גיי מיר נאָך. יוזעף האָט מיך אויך גערופן זיידע, כאָטש ער איז מיר אויך קיין אייניקל ניט געוועזן. דרײַ וואָכן האָט ער באַ זיך אין שטוב אויסבאַהאַלטן זײַנעם אַ כאַווער, וואָס האָט געדינט מיט אים צוזאַמען אין אַרמיי. איז אָבער דאָ אַ גזשעגאָזש נאַרו־שעוויטש, וואָס איז נאָך צוריק מיט צען יאָר שוין געוועזן אַ היטלעריסט, צי אין דער פּויליש־שער פאַשיסטן־ליגע, איז ער געוועזן, צי ערגעץ אַנדערש, נאָר ערגעץ איז ער געוועזן באַ זיי. האָט ער זיי ביידן אויסגעגעבן, אי יוזעפן, אי זײַן כאַווער. אייערנעכטן האָבן מיר יוזעפן באַגראָבן. לעבן זײַן קייווער האָב איך דיך געטראָפן. קאָן איך דיך נעמען צו זיך אָדער שיקן צו עמעצן? די אַלטיטשקע מײַנע, יאַדוויגע, וועט בעטן גאָט פאַר דיר. שטענדיק בעט זי פאַר עמעצן. נאָר עפּעס געדענק איך ניט, ס׳זאָל עמעצן העלפן. גאָט ווייסט, צי וועלן מיר מיט איר שטאַרבן מיטן אייגענעם טויט. איצט שטאַרבט מען ניט פון אַלטקײַט.

---

[1] אומגעקומען איז בערעק אונטער קאָצק... (פּויליש).

— זיידע, ווער, מיינט איר, האָט זיך פֿאַרקליבן אינעם יעגער־שטיבל? אפֿשר וועט ער מיך אויסגעבן?

— ווער, ווייס איך ניט. נאָר די, וואָס גיבן אויס, דאַרפֿן זיך ניט אויסבאַהאַלטן. פֿאַר זיי זײַנען אַלע וועגן אָפֿן. לאָמיר דיר בעסער אויסמאָלן, ווו דאָס שטיבל געפֿינט זיך. ס'איז ווײַט־לעך, און באַנאַכט וועסטו אַהין ניט טרעפֿן. הער מיט ביידע אויערן און סטאַרע זיך פֿאַרגע־דענקען, וואָס איך רעד צו דיר... צוערשט דאַרפֿסטו אַרויס צום אויסגעטריקנטן זומפּ...

לויפֿנדיק, וווהין די אויגן טראָגן...

— ווידער האָט ער זיך געלאָזט וואָס טיפֿער אין וואַלד. אַז ער האָט מער שוין ניט געקאָנט גיין, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, זיך צונויפֿגעקנוילט און אַנשלאָפֿן געוואָרן. פֿאַרטאָג איז ער געווען אַזוי פֿאַרקאָטשעניִעט, אַז ווען ער וואָלט געמעגט צעלייגן אַ שײַטער, וואָלט ער געגלעט, געשלונגען דאָס פֿײַער.

גרינגער און גיכער, ווי ער האָט געמיינט, האָט ער געטראָפֿן צום קימאַט אויסגעטריקנטן זומפּ. און אָט איז דאָס בערגל, פֿאַרוואַקסן מיט אַלכע און לאָזע, פֿונוואַנען מע קאָן נאָכשפּירן נאָכן שטיבל מיטן שפּיציקן דאַך, וואָס דער פֿאַסטעך האָט אים מיט קאַרגע ווערטער אויס־געמאָלט. פֿונדערווײַטן זעט עס אויס, ווי אַ סקירדע היי. אַ גאַנצן טאָג איז קיינער פֿון דאָרטן ניט אַרויס און אַהין ניט אַרײַן. ס'האָט אים שוין עפּעס ווי באַנק געטאָן, וואָס דאָרט איז, ווײַזט אויס, קיינער ניטאָ. בערעק האָט נאָך באַ זיך ניט געפֿויעלט צוגיין צום שטיבל, ווען ס'האָט געגומען מאַראַקען אַ רעגנדל און אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעבריגעזט. ס'האָט מיטאַמאָל זיך אופֿגעהויבן אַ ווינט, די צווײַגן האָבן מיט צאָרן זיך צעשאָקלט איבער בערעקן, ווי גלײַך ער וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק. עפּשער איז עס טאַקע אַזוי. ער איז שולדיק, וואָס ער לאָזט זיך ניט אומברענגען. מיט וואָס איז ער בעסער פֿון די, וואָס מע האָט שוין אומגעבראַכט?

בערעק האָט מיט קויעך אַ ריס געטאָן די טיר פֿונעם שטיבל און, ניט צומאַכנדיק זי, שטיין געבליבן באַם אַרײַנגאַנג. דאָס קליינע פֿענצטערל איז געווען פֿאַרקלאַפּט, נאָר דורך די שפּאַרונעס האָט אַרײַנגעדרונגען אַ שוואַכע שײַן, און מע האָט געקאָנט זען די טרוכליאַווע קלעצער, פֿון וועלכע ס'האָט אַ זעץ געטאָן מיטן רייעך פֿון ניליע און שימל. אין דער מיט פֿונעם שטיבל האָט געשטעקט אַ קלאָץ, וואָס איז געווען אַרײַנגעקלאַפּט גלײַך אין דער ערד. דאָס איז אַמאָל געווען אַ טיש, מיסטאַמע. לענגאויס די ווענט האָבן זיך געוואַלגערט צעפֿוילטע ברעטלעך. זעט אויס, אַז דאָ זײַנען געשטאַנען באַנקבעטלעך, וואָס זײַנען שוין פֿון לאַנג אײַנ־געפֿאַלן. און דאָך איז דאָס געווען אַן אָרט, ווו מע האָט געקאָנט דעם קאָפּ אָנשפּאַרן.

דער ווינט האָט געמאָרדעוועט מיט דער אָפֿענער טיר. דער רעגן האָט געפּאַטשט. לעם דער שוועל איז שוין געשטאַנען אַ היפּשע קאַליוזשע. בערעק האָט צוגעמאַכט די טיר און זי פֿאַריגלט מיטן פֿאַרזשאַווערטן פֿאַרוקער. שוין אין האַלב־דרעמל האָט בערעקן צווישן איין דונער און דעם צווייטן זיך אויסגעוויזן, אַז אָט הערט ער אַ צעצויגענעם ווײ־געשריי, אָט קלאַפּט עמעצער אין טיר, און אָט יאָמערט עמעצער מיט אַ קאָל פֿון אַן אָפּגעשוואַכט קינד.

דער ווינט איז פֿון זינען אַראָפּ, — האָט ער שלעפֿעריק אַ טראַכט געטאָן.

עס האָט זיך אים ניט אויסגעוויזן. פֿאַרטאָג, ווען ער האָט פֿאַרזיכטיק געעפֿנט די טיר, האָט אים פֿאַרפֿלייצט אַ שטראָם פֿון פֿריידע, און אין דעם זעלבן אויגנבליק איז דאָס בלוט אין זײַנע אָדערן פֿאַרקילט געוואָרן.

— רינע! — האָט פֿון זײַן מויל זיך אַרויסגעריסן אַ ווילד געשריי, וואָס האָט געקאָנט דעם הימל שפּאַלטן, און ווי אַלע זײַנע קויכעס וואָלטן פֿון דעם געשריי אויסגעשעפּט געוואָרן, האָט ער דערנאָך שוין נאָר געמורמלט, — רי־נע־לע... רי־נע־לע!...

ער האָט זי אַרײַנגעטראָגן אין שטיבל און געגומען טאָרקען, מינטערן, בעטן זיך באַ איר, זי זאָל אים זאָגן, אַז זי לעבט. רינע איז געלעגן ווי פֿאַרשטיינערט, אָן אַ סימען פֿון לעבן. ס'איז אַוועק אַן אייביקייט, ביז זי האָט געעפֿנט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ בלינדן בליק און ווידער זיי צוגעמאַכט. פּלוצעם האָט זי, ווי אין פֿיבער, געגומען ציטערן און וואָרגן זיך פֿון אינווייניקסטע שלוכצן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט זי אַרויסלאָזן דעם לעצטן אָטעם...

העכער צוויי מעסלעס האָט זי זיך אַזוי געראַנגלט, און ס'איז שווער געווען צו וויסן, אויף וועלכער וועלט זי איז. ער איז פֿון איר ניט אָפּגעטראָטן אויף קיין רעגע. קוים עפֿענענדיק די ליפּן, האָט זי געפֿליסטערט: „טרינקען, טרינקען". ער האָט נאָך פֿאַרמאָגט אַ גלאָז מילך. נאָר גיי זײַ אַ בעריע, אַלע טראָפּנס זאָלן אַרײַנפֿאַלן צו איר אין מויל... ווען ער האָט צוגעדריקט

די דלאָניעס צו איר געזיכט, האָט ער געפּילט, ווי זי ברענט אײַנגאַנצן. אויסגעטריקנט איז זי געווען אַזוי, אַז דאָס צעריסענע קלײד איז אױף איר געהאַנגען, ווי אױף אַ הענגער, און די פּיס, צעבּיסן פון קאָמאַרן, זײַנען געווען געשוואָלן און אין אײנע וווּנדן.

ווען רינע האָט אים אָנגעהויבן ווי דערקענען, איז קיין גלײַכן צו אים ניט געווען. זי האָט מיט די פינגער געריסן שטיקער פונעם געקאָכטן קעז, פון דער פּאַרטריקנטער קאַשע, געשלונגען ניט צעקײַענדיק, ווי גלײַך אַלע צײַן וואָלטן בּאַ איר געווען איבעריקע. און ער האָט געקוקט אױף איר, עלעהיי אין אַ כאָלעם, און ניט געגלייבט, אַז ס׳איז זי.

פון רינען האָט בּערעק זיך דערוווּסט, אַז דער זיידע איז שוין אױף דער־וועלט זײַנס איבערגעקומען. ער איז, ווי אַנדערע אַלטע לײַט, געווען אין קלויז, ווען מע האָט זי אונ־טערגעצונדן.

נאָך האָט רינע געהערט, אַז אַ סאַך מענטשן האָט מען צעשאָסן אױפן מאַרק. וועמען — ווייסט זי ניט. (ס׳איז אַמאָל בּעסער, אַז מע ווייסט ניט.) דערציילט האָט עס איר דער ווע־טערינאַר וואַיצעכאָווסקי, וואָס האָט צוגעזאָגט איר טאָטן זי אויסבּאַהאַלטן בּאַ זיך. דאָס בּאַ־העלטעניש איז געווען בּאַ אים אױפן גאָרטן. גוט פאַרשאָטן, פאַרשאַרט. ער האָט זי געהאַלטן אין איין בּאַרוּיִקן, אַז מ׳וועט זי דאָ ניט געפינען. נאָר אין דער נאַכט פון דער שכיטע האָט ער זי אױפגעוועקט און געהייסן וואָס גיכער אַוועק אין וואַלד, ווײַל מע זוכט אַזוי, אַז קיין שום בּאַהעלטעניש וועט ניט ראַטעווען. ער האָט איר אויסגעמאָלט דעם וועג צום יעגער־שטיבל און מיטגעגעבן אַ לעבל בּרויט מיט אַ שטיק פלייש. געמיינט האָט זי, אַז ס׳וועט איר סטײַען אױף עטלעכע טעג, נאָר זי האָט אַפילע ניט בּאַוויזן צו נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן. זי האָט זיך פאַרבּלאָנדזשעט און אַרוּף אױף אַ סטעזשקע, וואָס פירט פונעם וואַלד אין שטעטל אַרײַן. מע האָט זי בּאַם ראַנד פון וואַלד דערזען און אַפילע געשאָסן אין איר. דעמלט האָט זי אַלץ אַוועקגעוואָרפן און, לויפנדיק, ווּהין די אויגן טראָגן, זיך פאַרקליבן אין אַזאַ געדיכ־טעניש, אַז די צווײַגן האָבּן צעדראַפּעט דאָס גאַנצע לײַב אירס.

דאָס יעגער־שטיבל האָט זי פונדעסטוועגן אָפּגעזוכט. זי וואָלט מיסטאַמע געשטאָרבּן פון הונגער און ער וואָלט זי געטראָפן פון לאַנג אַ טויטע, נאָר איינמאָל האָט זי בּאַם אַרײַנגאַנג געפונען אַ שטיק קעז און אַ ביסל קאַשע, די זעלבּע, וואָס זי עסט איצט. פאַרוויקלט איז עס געווען אין עטלעכע בּלעטלעך רוי קרויט. איצט פאַרשטייט זי, אַז דאָס האָט ער, בּערעק, איר אונטערגעוואָרפן. נאָר פאַרוואָס האָט ער זי איבּערגעלאָזט אײנע אַליין? דאָס עסן וואָלט זי אַלציינס ניט געראַטעוועט, ס׳קאָן אַפילע זײַן, אַז פאַרקערט, זי וואָלט אומגעקומען דערפון.

ווי נאָר זי האָט אַ בּיסל אָפּגעגעסן, האָט זיך איר אַזוי פאַרוואָלט טרינקען, אַז זי איז שיר פון זינען ניט אַראָפּ. דעמלט האָט זי בּאַשטימט זיך אומקערן צום וועטערינאַר, פאַלן צו זײַנע פּיס און אים אײַנבּעטן, ער זאָל איר געבּן זיך אָנטרינקען און דערנאָך לאָזן שטאַרבּן אין דער בּאַהעלטעניש אױף זײַן גאָרטן. שוין גײענדיק אַהין, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זי טוט שלעכט. דעם וועטערינאַר מיט זײַן פאַמיליע קאָן מען דאָך איבּער איר אומבּרענגען, מעג זי דען קירצן זייערע יאָרן? דערווײַל האָט זי ווידער פאַרבּלאָנדזשעט און אָנגעטראָפן אױף אַן אָרט אָן אַ סימען פון לעבּן, און גראַד דאָרטן, עפּעס אין אַ מין פוקסן־הייל, האָט זי געפונען אַ פולע פלאַש מיט וואַסער. אין מויעך פּאָטויפּעט זיך עס טאַקע ניט, נאָר זאָל ער אױף איר אַזוי ניט קוקן, אויבּ ער גלייבּט ניט, איז בּאַלד וועט זי אים בּאַווײַזן די פלאַש.

דעם טאָג, ווען ער איז געקומען אַהער, איז זי ווידער אַוועק אין יענער פוקסן־הייל, גע־מיינט, אַז אויבּ עס האָט איר איין מאָל אָפּגעגליקט, וועט עפּשער אָפּגליקן אַ צווייט מאָל, און זי וועט דאָרט אָפּזוכן עפּעס אױף אונטערהאַלטן די נעשאָמע. זי האָט גאָרנישט געפונען מער, און אַז זי האָט זיך שוין געקליבּן גיין צוריק, האָט זיך אָנגעהויבּן דער רעגן.

אוודאי וואָלט זי בּאַדאַרפט דאָרטן איבּערנעכטיקן, נאָר ס׳האָט זי שוין געצויגן צום יעגער־שטיבל. זי האָט זיך שוין אַ בּיסל צוגעוווינט צו דעם. ווו האָט זיך בּאַ איר גענומען קויעך און ווער האָט זי אין דער פינצטער בּאַ דער האַנט געפירט, וואָס זי האָט געטראָפן צוריק אַהער, — דאָס ווייסט זי ניט. נאָר ווען די טיר האָט זיך איר ניט נאָכגעגעבּן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אויס! — דאָ וועט זי פאַרקאַליִעט ווערן און מער די ליכטיקע וועלט אין די אויגן ניט זען. אין די פינגער זײַנען איר פאַרגאַנגען זאַשפּערעס. דאָס גאַנצע לײַבּ האָט גע־ציטערט. זי האָט געפילט, אַז זי גייט אויס. נו, און ווײַטער ווייסט ער שוין אַלצדינג בּעסער פון איר. זי האָט, מיסטאַמע, שיין אויסגעזען... וואָס שאָקלט ער מיטן קאָפּ, אַז ניין? קיין שפּיגעלע האָט זי ניט, נאָר זי פאַרשטייט אַליין, וואָס פאַר אַ פּאָנעם זי האָט איצט.

— אוי, רינעלע, וואָס רעדסטו? דו בּיסט שיין, ווי אַ דימענט, ווי אַ פּרינצעסן.

— וואָס פּלאָנטערסטו מיט דער צונג? דו הערסט, וואָס דו רעדסט? בּיסט אַ כיטראַק און אַ ליגנער. שווער זיך ניט, און גלײַך זאָלסטו זיך פון מיר אָפּרוקן.

— כ'זאָל אַפּילע וויסן, אַז ווּעסט מיך שלאָגן, ריר איך זיך ניט פון אָרט. ביסט ווערט, מע זאָל דיך אַ קוש טאָן.

— שוויַיג, שוויַיג, — האָט זי מיט די הענט פאַרשטעלט אירע אויערן. — זע נאָר, ווי ער שעמט זיך גאָר פאַר קיינעם ניט. אויב כ'וועל פון דיר כאַטש נאָך איין מאָל הערן אַזוינס, וועל איך אַנטלויפן פונדאַנען. הערסט, אַנטלויפן!

— אוי, איך וועל זיך, פאַרשטייט זיך, אָפּרוקן, נאָר פאַרוואָס האָסטו נעכטן, ווען דו האָסט מיך דערקענט, אַליין אַ פּיר געטאָן מיַין פינגער צו די ליפּן און אַ קוש געטאָן?

— דאָס געדענק איך ניט. אַז דו זאָגסט, איז עס, מיסטאָמע, עמעס. איך ווייס, אַז דו ביסט ניט קיין ליגנער. נאָר כ'מיין, אַז אַפּילע פון פרייד, וואָס כ'בין שוין ניט איינע אַליין, וואָלט איך זיך אַזוינס ניט דערלויבט. געוויס האָב איך געמיינט, אַז איך שטאַרב שוין.

— לאָמיר וועגן טויט ניט ריידן.

— ש־שאַ! דיר וויַיזט זיך גאָרניט אויס?

— ניין, דער ווינט איז שטילער געוואָרן, נאָר ער הערט ניט אויף צו קיצלען די ביימער, קאָנען זיי שוין, נעבעך, ניט אויסהאַלטן און שאָקלען זיך פון געלעכטער...

— דאָס ווילסטו פון מיר דעם אומעט פאַרטריַיבן, מיך מאַכן לאַכנדיק? איך פאַרשטיי, נאָר דער נעבעך איז דען אַף זיי, ניט אַף אונדז? אוי, הער...

— דאָס לאַכן אַזוי די פייגל אַף די ביימער. ווילסט, וועל איך אַרויסגיין אַ קוק טאָן.

— גיי ניט. כ'וויל ניט. כ'האָב מוירע בלײַבן אַליין.

— און אַז ביסט געווען אַליין, האָסטו קיין מוירע ניט געהאַט?

— די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך, דאַכט זיך, אַפּילע פאַרגעסן, וואָס הייסט מוירע. כ'האָב נאָר געקלערט, אַז כ'וויל אַ טרונק...

— דערפאַר טאַקע מוז איך גיין. נאָך אַזאַ רעגן קאָן מען פון יעדן גריבל אַרויסשעפּן אַ זשמעניע וואַסער. פון קאָרע וועל איך פּרוּוון מאַכן אַ מולטער, און מיר וועלן אָנעמען אַהין וואַסער. דאָ ניט וויַיט איז פאַראַן אַ זומפּ. די וואַסער איז דאָרט שטאַרק גרין און פאַרשימלט. נאָר באַ אַ נויט... זאָל אונדז נאָר קיינער דאָ ניט אָפּזוכן.

— און דער, וואָס האָט מיר איבערגעלאָזט דעם קעז... ער האָט דאָך שוין מיך אָפּגעזוכט. צי דאָס ביסטו טאַקע געווען?

— ניין, רינעלע, ניט איך. נאָר איך קען דעם מענטשן און כ'וועל דיר וועגן אים דערציילן. פאַר אים האָבן מיר ניט וואָס מוירע צו האָבן.

— ווען כ'זע אים, וואָלט איך געבעטן באַ אים אַ נאָדל מיט בײַוועלעך. אין אַזאַ הוילעך, ווי הינט האָבן מיך באַפאַלן, קאָן איך פון אָרט ניט אופשטיין.

— מיילע, פאַר דעם האָסטו ניט וואָס צו זאָרגן. באַלד וועל איך דיר עפּעס באַוויַיזן. פאַרמאַך אָפּגיך די אויגן, פאַרמאַך, דאָס מעגסטו מיר דאָך צוליב טאָן. אָט אַזוי. באַלד, באַלד. איצט מעגסטו זיי שוין עפענען. אָט וועל איך דיך אויסקליידן. פון אָט דעם גאָרניטער בין איך שויך לאַנג אַרויסגעוואַקסן, פאַר דיר איז ער ווי אָנגעמאָסטן. ער וועט פון דיר אַראָפּזיַיבגען. אונטער דער מאַרינאַרקע ווּעסטו אָנטאָן מײַן העמדל. אָט דאָס שמאַטקעלע צעוויקל אַליין. זעסט? אָט האָסטו אַ נאָדל און אַ קלעצעלע בײַוול. וואָס זשע, נאַרעלע, וויינסטו?

ס'זײַנען פאַרביַי נאָך צוויי וואָכן. ווער ווייסט, וויפל טעג האָט דאָך, ווען מע איז געווען ניט טויט און ניט לעבעדיק, פאַרמאָגט אַ וואָך? דריַיסיק? זעכציק? ניין, דאַכט זיך, אַז אַ סאַך מער. רינע און בערעק האָבן אַליין ניט באַמערקט, ווי אַלט זיי זײַנען געוואָרן פאַר די צוויי וואָכן. אַמאָל נעמען זיי זיך אַפּילע קריגן, און אין יעדער קריג ווערט דאָך, ווי געווייגלעך, געזאָגט עפּעס איבעריקס. אָט זיצט רינע אײַנגעהויקערט, ווי די באָבע בערעקס, ווען זי פלעגט שטריקן אַ שקאַרפּעטקע. די באָבע פלעגט דערביַי פלעכטן אַ מײַסע, שפּינען גוטע כאַלוימעס, און רינע שוויַיגט. ווי נאָר ס'דערהערט זיך ערגעץ אַ שאָרך, אַזוי ווערט זי דערך ציטערט, און ווי בערעק זאָל זי ניט טרייסטן, קאָן ער פון איר ניט אָפּטריַיבן די מאָרעשכוירע.

געדיכטע צאָרעס

אַליין דער וואַלד האָט זיך נאָך ניט געכאַפּט, אַז ער וועלקט, ווען בערעק און רינע האָבן שוין געהאַט דעם קלעמענדיקן פאַרגעפיל פון ענדערונגען. די ביימער זײַנען נאָך געווען פאַרבלענדט פון זייער פראַכט און גלאַנץ. איז וואָס, אויב אַ בלעטל, אַ צווייגל, ווערט מאָגערער און נעמט זיך איבערפאַרבן פון גרין אַף געל, צי, לאָמיר זאָגן, אַ פאַרברוינטע שישקע

ווײל זיך צעבוצקען מיט דער ערד. אפילע, ווען אין אײנעם א פֿאַרטאָג האָט מיטאמאָל א ווײַע געטאָן די קעלט און די גרעזעלעך האָבן זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, באַצירט מיט א נעץ פון א פּראָסטיקער זילבער־ווײַסער קרוזשע, אויך דעמלט האָט עס נאָך דער וואלד געוואָלט אויסטײַטשן, ווי א מין קאַטאָוועס טרײַבן. ס׳האָט זיך באַקומען, ווי די גראָזן וואָלטן געטײַנעט צו די בלעטער: „איר זײַט ספּריטנע זײער, האָט איר פאַרכאַפּט דאָס גאָלד, וועלן מיר כאָטש נעמען דאָס זילבער”.

אזוי איז געווען ביז דעם זון־אופגאַנג. די זון האָט מיט גוטן אַראָפּגענומען פון די גרעזעלעך דעם שײן געהעפטן שלײער. זי האָט אלעמען א ריר געטאָן, און אלץ ארום האָט גענומען זיך זומערדיק אויספּוצן. נאָר וואָס געווען, איז געווען. הײַנט וואָלט שוין די זון געמעגט וויסן, אז זי לעבט אין טאָעס. א סימען: אָט שוין א שאָ און צוויי, ווי אירע שטראַלן גלעטן די צוגעפרוירענע ערד, און דאָס פּרעסטל האַלט. ביז האַלב טאָג האָט זיך געצויגן דער געראנגל. אין די טונקעלע און נידעריקע ערטער האָט דאָס פּרעסטל זיך ניט אונטערגעגעבן, אין די העכערע ערטער האָט די זון דערוויזן, אז זי האָט נאָך גענוג קראַפט.

ווײַטזעעוודיקער פון אלעמען זײַנען געווען די באַלעכײַים: די פײגל, די ווערוערקעס און אפילע די מורעשקעס. לאַנג ניט געטראַכט, האָבן די זומער־פײגל גענומען פאַרלאָזן דעם וואלד. ווּהין פליִען און אף ווי לאַנג — האָט זײ קײנער ניט באַדאַרפט אונטערזאָגן. די באַשעפעניש, וואָס קאָנען זיך ניט דורכלײגן א וועג אין הימל, האָבן גענומען בײַטן זײערע דירעס, איבערפאַרבן זײערע מאַלבושים. אויך זײ האָבן זיך ניט גענײטיקט אין עמעצנס סײכל. אפילע די סאַמע קלענסטע האָבן געהאַלטן, אז זײ זײַנען צומאָל ניט שוואַכער פון די בערן און ניט נאַרישער פון די פוקסן. יאָ־יאָ! קוים זײַנען זײ ניט בעקויעך אָפּשטעלן דעם אָנגריף פון די קעלטן, וועלן זײ ווי־עס־איז זײ איבערכיטרעווען. צי זײ וועלן אײַנשלאָפן, צי ניט, נאָר דעם לאַנגן ווינטער וועלן זײ אויסהאַלטן.

פאַר אלעמען אין וואַלד איז דאָ אַן אויסוועג, און פאַר רינען און בערעקן? וואָס זאָלן זײ טאָן? גאָרניט קאָנען זײ ניט צוקלערן, און ס׳איז ניטאָ, ווער עס זאָל אַן אײצע געבן. פאַר זײ איז די שוין פון לאַנג ענגע, געפערלעכע וועלט נאָך שמעלער און געפערלעכער געוואָרן. זאָלן כאָטש ארום דעם שטיבל געווען וואַקסן אײנע סאָסנעס און יעלן, וואָלט ארום דעם שטענדיק געווען בײַנהאַשמאָשעסדיק־טונקל און ס׳וואָלט זיכערער געווען זיך אויסבאַהאַלטן. איז וואַקסן דאָרט אויך בלעטער־בײמער... נאָך יעדן וויכערדיקן טאַנץ, וואָס דער ווינט פאַרדרײט, ווערן זײ אלץ נאַקעטער און אַנטבלויזן בערעקס און רינעס וווינונג. די פאַלנדיקע בלעטער דעקן צו די ערד און ניט די ווענט, וואָס סטאַרטשען פון איר ארויס. וואָס וועט זײַן, אויב אפילע ניט קײן דײַטשן אָדער פּאָליצײַאַנטן, נאָר יעגער וועלן אָנטרעפן אַהער? ביידן דאַכט זיך, אז אויך דאָ, אין געוועזענעם געדיכטן וואַלד, איז שוין קימאַט אזוי ווי אין הוילן סטעפּ, וווּ עס לאָזן זיך זען די ווײַטסטע ווײַטן. ווען ס׳פלעגט אָנהײבן שאַריִען אף טאָג, האָבן זײ, געוויינלעך, פאַרלאָזט דאָס שטיבל. זײ האָבן עס געטאָן די גאַנצע צײַט און מוזן עס אויך איצטער טאָן. זײ האָבן קײנמאָל אזוי ניט מוירע געהאַט פאַר דער פינצטערניש, ווי איצט פאַר דער ליכטיקײַט. באַטאָג מוז מען זײַן אף דער וואַך. דער בליק — אָנגעשטרענגט, דער געהער — אָנגעשפּיצט.

ס׳האָט שוין עטלעכע מאָל געטראָפן, און שטענדיק קומט עס פאָר, ווען זײ זײַנען ניטאָ אין שטיבל, אז עס קומט א „גוטער מאַלעך” און לאָזט זײ איבער אמאָל א לעבל ברויט, אמאָל א שטיק כאַזער־פלײש, א ביסל זאַלץ. בערעק זאָגט, אז דאָס טוט דער זײדע מאַציי... רינע קוקט ארויס אף א נעס, וואָס איז ניט אין קײן מענטשנס קויעך. דעריבער וויל זי בערעקן ניט גלײבן. זי קלערט: „אויב דער, וואָס העלפט זײ, איז, ווי בערעק רעדט זי אײַן, א פּאָשעטער פאַסטעך, קאָן מען דאָך אים דערפאַר שטרענג באַשטראָפן, טײטן אפילע. צוליב וואָס וועט א פרעמדער מענטש גײן אף אזא ריזיקע? זאָל ער זיך פאַר איר באַווײַזן אין אַן אָנבליק פון א געוויינלעכן אלטיטשקן, — אלצײנס וועט ער פאַר איר זײַן א פאַרשטעלטער מאַלעך”.

זי פאַרשטײט נאָר ניט, פאַרוואָס ברענגט ער זײ כאַזער־פלײש, וואָס ייִדן טאָרן ניט עסן, צוליב וואָס טוט ער עס? ער וויל זײ אומיסטן ארופירן אף א זינד, ווי די שלאַנג כאַווען? בא אזא הונגער, ווען יעדער אײוועער מאָנט עסן, קאָן עס דען הײסן א זינד? א מאַלעך וואָלט געוויס געמעגט זײ באַזאָרגן מיט אַנדער שפּײַז, אויב ניט מיט רינדפלײש, איז מיט כ׳ווײס וואָס, אבי מע זאָל קאָנען אָנשטאָפּן דעם שטענדיק פוסטן מאָגן. זאָל ער איר טויזנט מאָל מויכל זײַן, נאָר אויב שוין העלפן, איז מיט דער פולער האַנט. בא רינען אין האַרצן לעבט א האָפענונג, אז דער גוטער מאַלעך, זאָל אים בערעק רופן „זײדע מאַציי”, וועט זײ ראַטעווען. טאָגן הײבט אָן, ווען ס׳איז שטאַרק פינצטער.

איינמאָל אין אָוונט, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַף נאַכטלעגער, האָבן זיי געטראָפן די טיר אָפן און אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דרענגל, דער ווינט זאָל זי ניט צומאַכן. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דאָס דרענגל אין אַ זײַט. אינווייניק אין שטיבל האָבן זיי קיין סימאָנים, אַז דאָ איז עמעצער געווען, ניט באַמערקט. דאָך האָט בערעק געהאַלטן, אַז דאָס האָט מען זיי געוואָרנט וועגן אַ סאַקאָנע, און ער איז באַשטאַנען, זיי זאָלן אַוועק פונדאַנען. ווי רינע האָט זיך ניט געוועהרט, נאָר אַף אַ וואָך זײַנען זיי אַנטרונען. די ערשטע צוויי טעג האָבן זיי עטלעכע מאָל געהערט, ווי עמעצער שיסט. הינט האָבן געהאַווקעט. נאָכדעם איז שטיל געוואָרן. מער ווי אַ וואָך אויסהאַלטן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ אין שפּעטן אָסיען האָבן זיי שוין ניט געקאָנט. זייער פאַרזיכטיק האָט בערעק צוגערשט אַליין זיך דערקליבן צום שטיבל. די טיר איז געווען צוגעמאַכט. אינווייניק האָט ער געטראָפן אַ שקאַרמיץ מיט סוכאַרעס, אָפּגעקאָכטע פּאַפּשויעס און דרײַ פּעקלעך שוועבעלעך. אַף קיין בעסערער מאַטאָנע און אַף אַ מער באַרויִקנדיקן סיגנאַל האָט מען זיך ניט געקאָנט ריכטן. און בערעק איז אַוועקגעלאָפן נאָך רינען.

אָן ערעך אין אַ כוידעש אַרום האָט מען זיי ווידער אַף דעם זעלבן אויפן, וואָס פריִער, געוואָרנט וועגן אַ סאַקאָנע. דאָס מאָל האָט רינע זיך ניט אונטערגעגעבן. ניין, בעשום־אויפן ניט. זי וועט אין ערגעץ ניט גיין. אַזאַ לאַנגע קאַלטע נאַכט אונטערן הימל וועט זי ניט אויסהאַלטן. און טאַקע ניט געפאָלגט. זיי זײַנען אַנטלאָפן, איידער די נאַכט האָט גענומען אויסגיין, און שיר־שיר ניט אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין די הענט. די היטלעריסטן האָבן עמעצן געזוכט צי אַפילע נאָכגעיאָגט. אַ מעסלעס זײַנען זיי געווען אין יעגער־שטיבל.

ווען בערעק און רינע האָבן זיך געהאַט דערנעענטערט צום שטיבל, האָבן זיי ניט ווײַט פון דער שוועל געטראָפן אַ בערגל אַש פון אַ שײַטער. אין דרויסן און אינווייניק אין שטיבל האָבן זיך געוואַלגערט פּוסטע פלעשער, רעשטן פון שפּײַז.

אויך פערד האָט מען דאָ ניט ווײַט געהאַדעוועט. ניט קיין מיליטערישע, די קאָפּיטעס זײַנען ניט געווען אונטערגעקאָוועט. נאָך זײַנען דאָ פאַרבליבן שפּורן פון בלוט. באַ בערעקן האָט זיך געיאָוועט אַ פאַרדאַכט, אַז איינס פון די פערד איז געווען פאַרוווּנדעט. אַזוי האָט זיך עס טאַקע אויסגעלאָזט. דאָס פערד איז געלעגן צווישן די קוסטעס ניט ווײַט פונעם זומפּ מיט אַן אויסגעסאָלאָפּעטער צונג און אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן. ס'האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט אָפּרײַסן דעם קאָפּ פון דער ערד. רינע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני, אָנגעריסן אַ בינטל פאַרגעלט גראָז און מיט אַ לאַשטשענדיקער שטים געגומען ריידן צו דעם:

— קאָס, קאָס, קאָס, נאַ, עס אַ ביסעלע. עס.

מיסטאָמע האָט מען צו דעם פערד קיינמאָל אַזוי ניט גערעדט, קיינמאָל ניט געגלעט עס. ס'האָט צעבלאָזן די נאָזלעכער און שטיל אַ הירזשע געטאָן. ראַטעווען עס איז געווען ניט אין זייערע קויכעס.

ווען ניט דאָס פערדנפלייש, וואָלטן זיי פון הונגער אויסגעגאַנגען. געווען איז דאָס אַ שפּײַז פאַרן קייסער צו שטעלן. אויסגעהונגערטע, ווי פּרילינגדיקע וועלף, פלעגן זיי די ערשטע טעג זיך אָנעסן, ביז די בײַכער האָבן אָנגעהויבן ווײ טאָן. בערעק האָט ערגעץ ווײַט אָפּגעשיילט פון אַ בערעזע אַ היפּשע שטיק קאָרע, זי צונויפגעדרייט ווי אַ מין קוימען און אינווייניק אָנגעהאַנגען אָנגעשניטענע לאַנגע פּאַסן פלייש. אונטער דעם קוימען האָט ער אין אַ טיף גריבל צעלייגט אַ שײַטער, ווי אַ פּײַערטאָפּ, וואָס זאָל קוים־קוים ברענען און גוט רייכערן. פאַר דרײַ נעכט (באַטאָג האָבן זיי מוירע געהאַט, עמעצער זאָל פונדערווײַטנס ניט דערזען דעם רויך) האָט זיך באַקומען אַ גאַנצער מאַיאָנטעק מיט גערייכערט, אפילו אַ בײַסעלע געזאָלצן פלייש. קיין געפאַר, ס'זאָל גיך קאַליע ווערן, איז ניט געווען. רינע האָט ניט געקאַרגט פאַר בערעקן קיין לויב־ווערטער:

— ווײַזט אויס, אַז ווען גאָט האָט געטיילט שׂיכל, ביסטו אונטערן בעט ניט פאַרקראָכן. דײַן מויעך, דאַרף איך דיר זאָגן, דרעמלט ניט, אַלץ ווייסטו, אַלץ קענסטו.

אַף דעם האָט בערעק איר געענטפערט:

— ווען איך וואָלט אַף אַן עמעס אַלצדינג געקענט, וואָלטן מיר שוין דאָ ניט געווען.

רינע איז מאַסקים געווען. זי האָט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט, ווײַזט אויס, ניט איין מאָל פון עלטערע געהערט:

— שׂיכל און מאַזל איז אַ לעכערדיקער זאַק. ס'איז געדיכטע צאָרעס מיט צאָרעלעך, וואָס ווילן ניט אוועק אין די ווײַטע וועלדער, אין די פּוסטע פעלדער. זעט אויס, אַזאַ איז אונדזער ביטערער גוירל.

אַלץ הייסט ביטער... עס האַלט שוין דערבײַ, ס'זאָל אויספּאַלן אַ שניי און ניט צעגיין. דעמלט וועט מען מיט די אייגענע טריט אָפּן ווײַסן צודעק פון דער ערד ווײַזן, ווו מע באַהאַלט זיך אויס. די קעלט צילט מיט דינע שפּילעך אין לײַב. פונעם פּראָסט בלינצלען אין די אויגן דימענטלעך. קעדיי צו דערוואַרעמען די דערפּראָרענע ביינער, מוז מען אָן אופהער אַרומלויפן, און כאָטש מע איז אויסגעדאַרט, גרינג, ווי פעדערן, און קיין קויעך איז ניטאָ, טומלען און טרישטשען די צווײַגלעך אונטער די פיס. עפּעס האָט מען געמוזט דרינגענדיק פּאַרנעמען. און בערעק האָט זיך אַנטשלאָסן דערווײַל אַליין זיך לאָזן צום באַקאַנטן פּעלד לעבן דאָרף, ווו דער זיידע מאַציי וווינט.

קאַפּיטל צוויי

באַ דעם זיידן מאַציי

די באָבע וועט איִרס אויספירן

אַף דער טרוקענער, קורץ אונטערגעשאָרענער סטערניע האָט זיך געפּאַשעט די טשערעדע. וואָס האָבן דאָרט די בעהיימעס נאָך געקענט אויסזוכן? גיי, פּרווו אומבאַמערקט זיך דערקלײַבן אהין, אַז זעלטן ווו מע האָט נאָך ניט אָפּגעשניטן די קוקורוזע און די שטענגלעך פון די זונרויזן. ליגט ער, בערעק, שוין קימאַט אַ פּאַרהילצערטער צווישן די פאַרבויגענע שטענגלעך און וואַרט, די טשערעדע זאָל זיך דערנעענטערן. דעם זיידן מאַציי האָט ער פונווײַטן דערקענט, נאָר לעבן אים דרייט זיך נאָך אַרום עפּעס אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף־דרײַצן.

ווײַל קיין פריש גראָז איז שוין צו געפינען, האָט עפּעס איינע אַ ספּריטנע בעהיימע זיך געלאָזט אַהער, צום קוקורוזע־פעלד, און נאָך איר דאָס פּאַסטעכל. די האָפענונג, אַז דעם פּאַסטעכל וועט זיך אײַנגעבן באַלד פאַרקערעווען די בעהיימע, איז ניט מעקוים געוואָרן. בערעק איז אופגעשפּרונגען פון דער ערד. ער האָט ניט באַוויזן אָפּצולויפן אָף צוריק צום וואַלד־ראַנד מער פון עטלעכע טריט, ווי אים האָבן דעריאָגט דעם ייִנגלס ווערטער:

— האָב קיין מוירע ניט, שטיי! איך וועל זאָגן דעם זיידן, וועט ער צוגיין אַהער. גלייבסט מיר ניט? איך ווייס, ווער דו ביסט. דו ביסט בערעק, און מיך רופט מען טאַדעק. רינע לעבט נאָך?

— רינע? — בערעק האָט זיך אָפּגעשטעלט. — רינע? — האָט ער איבערגעפרעגט טאַמע־וואַטע, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דעם נאָמען געהערט, און באַשטימט ניט לאָזן זיך פאַרפירן. נאָר מיטאַמאָל זיך באַקלערט, אַז ער האָט אומזיסט זיך דערשראָקן, און געענט־פערט: — אויב פאַר דער צײַט, וואָס איך בין אין וועג, איז מיט רינען גאָרנישט ניט געשען, לעבט זי. נאָר ווי נאָר עס וועט אויספאַלן אַ שנײ, זײַנען מיר ביידע פאַרפאַלן.

— נאַ, עס, — האָט טאַדעק אַרויסגענומען פונעם טאָרבעלע, וואָס איז געהאָנגען איבער זײַן ברוסט, אַ שטיק ברויט, — דערוואַרעם זיך, און מילך וועל איך באַלד אָנמעלקן. די באָבע יאַדוויגע מיינט אויך, אַז ווי נאָר ס'וועט זיך לייגן דער שנײ, וועט אײַך ווערן גאָר שלעכט. ווען ניט דו, וואָלט שוין רינע לאַנג געווען בײַ אונדז. און אַזוי, ווערט זיך דער זיידע, פאַר־שטייסט?

— אוודאי איז דער זיידע מאַציי גערעכט, נאָר וואָס קאָן איך טאָן, אַז זי וויל מיך ניט איבערלאָזן אַליין?

— די באָבע וועט אירס אויספירן. דער זיידע וועט זיך מוזן אונטערגעבן. מײַן ניט, ער איז זייער אַ גוטער. נאָר ער האָט מוירע פאַר מײַן פעטער.

— דײַן פעטער איז דאָך זײַן זון?

— דו מיינסט, איך בין דעם זיידן מאַצייס אַן אייניקל? איך בין אים אַ פרעמדער. געווען אַ פרעמדער. מיר האָבן געוווינט אין אַ דאָרף לעבן ביאַליסטאָק. מײַנע עלטערן זײַנען דאָרט געווען לערער. די נאַציסטן האָבן זיי אופגעהאָנגען. בין איך אַוועק אַהער צום פעטער, דער מאַמעס אַ ברודער. גזשעגאָזש נאַרושעוויטש רופט מען אים. נאָר ער איז אויך אַ נאַציסט. ער האָט געהייסן דעם זיידן מאַציי מיך נעמען צו זיך פאַר אַ פּאַסטעך און באַקומט דערפאַר געצאָלטס. ער איז דער היגער סאָלטיס. געוועלטיקט איבער עטלעכע אַרומיקע דערפער.

— אויב אַזוי, קאָן דאָך רינע ניט זײַן דאָ אין דאָרף.

— פאַרוואָס? די באָבע זאָגט, אַז פאַרקערט. ביז איך בין בײַ זיי, וועט קיין איין פּאָליציאַנט בײַ אונדז אין שטוב קיינעם ניט זוכן. פאַר אַזאַ סאָלטיס האָבן זיי אַליין מוירע.

— און ער קומט צו אײַך אָפט?

— זעלטן, נאָר עס טרעפט. אַנומלטן האָט ער מיר געבראַכט אַ מאַטאָנע, אַ זייגער. נאָך זײַן אוועקגיין האָב איך זיך באַדאַרפט פאַרענטפערן פאַר דער באָבע יאַדוויגע, וואָס כ'האָב אים ניט געזאָגט קיין דאַנק. קיין אייגענע קינדער האָט נאַרושעוויטש ניט, מיינט ער, אַז ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, וועט ער מיך נעמען צו זיך. וואָס ביסטו ווידער אָפּגעטראָטן פון מיר? איך וויל אים מער ניט קענען. ער זאָגט, אַז זײַן שוועסטער, מײַן מאַמע, האָט ער ניט איין מאָל געוואָרנט, וואָס פאַר אַ סאָף עס דערוואַרט זי. זי האָט אים ניט געוואָלט פאָלגן, האָט זי געקראָגן, וואָס איר איז געקומען. קיינער, אויסער איר אַליין, איז אין דעם ניט שול־דיק. מײַן טאַטן, זאָגט ער, האָט מען נאָך אַ סאַך פריִער באַדאַרפט געווען שטעלן צום ווענטל. ער האָפט, זאָגט ער, אַז ווען כ'וועל עלטער ווערן, וועל איך עס אַליין פאַרשטיין...

— טאַדעק, דו דערציילסט מיר ניט קיין באָבעמײַסעס? וועגן אַזעלכע זאַכן דערציילט מען ניט קיין פרעמדע מענטשן.

— דו לערן מיך ניט. עפּשער דאַרף איך נאָך פאַר דיר מוירע האָבן?

— פאַר מיר? קיינמאָל ניט.

— וואָס זשע פּלאַפּלסטו?

— איך ווייס... איך זאָג דיר, וואָס איך מיין.

— איז מיין ניט, מיר איז ניט אָף קיין סאַך בעסער פון דיר. ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אָט דעם היטלעריסט דערשטיקט אָדער אָפּגעסאַמט. אײַנעם מיט מײַנע טאַטע־מאַמע האָט מען אופגעהאָנגען נאָך דרײַ מענטשן. נאָר דעם טאַטנס ברודער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן. אַלעמען האָט אַרויסגעגעבן נאַרושעוויטש. געקומען קלוימערשט צוגאַסט. אַ שײַ־קערער, האָט ער זיך פאַר מיר באַרימט, וואָס פאַראַ גרויסע פאַרדינסטן ער האָט פאַרן דײַ־

טשישן ריַיך. הערסט? דער זיידע שרײַט שוין. כ'האָב זיך מיט דיר פֿאַרעדט. באַלד וועל איך אים זאָגן וועגן דיר. וואָס ער זאָל דיר ניט ענטפֿערן, איז איבערמאָרגן, ווי נאָר די זון וועט פֿאַרגיין, זאָלסטו מיט רינגען זײַן אָט דאָ באַם בערג וואַלד. אַלץ וועט זײַן, ווי די באָבע יאַדוויגע וויל. און זי האָט שוין אַירס געזאָגט.

— איז עפּשער בעסער, כ'זאָל אָצינד מיט דעם זיידן מאַציי זיך ניט באַגעגענען?

— כ'ווייס ניט. ווילסט, וועל איך הײַנט איבערריידן מיט דער באָבען און קומען צו אײַך.

— ווּעסט אונדז ניט געפֿינען.

— אַזוי? און ווער האָט אײַך געטראָגן עסן? ווער האָט אײַך צוויי מאָל געוואָרנט, אַז די זשאַנדאַרמען קלײַבן זיך דורכקעמען דעם וואַלד? איך גיי מיר פֿרײַ אין וואַלד. אין דאַרף ווייסט מען, אַז איך שניץ אויס הילצערנע לעפֿל, פֿײַפֿעלעך, פֿלעכט שיכלעך פֿון קאָרע, קומט מיר אויס גיין נאָך מאַטעריאַל.

— און דער זיידע האָט געוווּסט, ווּוהין דו גייסט?

— ווי דען? דאָס ערשטע מאָל האָט ער מיר אַליין באַוויזן דעם וועג צו אײַך.

— אויב אַזוי, זאָג אים, אַז איך בין דאָ, און זאָל ער טאָן, ווי ער פֿאַרשטייט. כ'וועל וואַרטן אַ שאָ.

דער זיידע מאַציי איז געקומען. אַפֿן שטערן איז באַ אים געווען אָנגעגרוקט אַ באַשליק. אָן אַ וואָרט צו זאָגן האָט ער דערלאַנגט בערעקן אַ שטיק ברויט, אַ קעסעלע מיט מילך. ער איז געשטאַנען זקײניש געבויגן און געקוקט, ווי אײַלנדיק בערעק לעשט דעם הונגער, דעם דאָרשט. נאָכדעם האָט ער מיטן אַרבל פֿון דער קאַצאַווייקע אַ וויש געטאָן אונטער די אויגן און, ווי פֿאַרענטפֿערנדיק זיך, געזאָגט:

— ווּוהין מיר זאָלן זיך ניט קערן, בלאָזט אונדז דער ווינט ניט אין דער פּלייצע, נאָר אין פּאָנעם. איז אָט, אויב איר לעבט נאָך, הייסט עס, אַז גאָט וויל אַזוי. קעגן גאָט טאָר מען ניט גיין. טאַדעקן האָב איך פֿאַרבאָטן קומען צו אײַך. איבערמאָרגן, אויב מיר וועלן דערלעבן, וועל איך אָף אײַך וואַרטן. נאַ דיר עטלעכע געקאָכטע קאַרטאָפֿל און אַ שטיקל קעז. אין שטיבל זאָל פֿון אײַך קיין סימען, קיין דעך ניט בלײַבן, כאָטש דאָס פֿאַרשטייסטו שוין איצט בעסער פֿון מיר. באַלד וועט זיך אופֿהייבן אַ ווינט. שטיי ניט, גיי!

— זיידע מאַציי, פֿונוואַנען האָט איר זיך דערוווּסט, אַז רינגע איז מיט מיר?

— פֿונוואַנען? דער וואַלד האָט מיר דערציילט!

טאַדעק, און ניט דער זיידע מאַציי איז נאָך זיי געקומען. אין דאָרף האָט ער זיי ביידן געבראַכט, ווען באַ אַלעמען זײַנען שוין טיר־און־טויער געווען פֿאַרמאַכט, פֿאַרשלאָסן. רינגע און בערעק זײַנען נאָך די שוועל ניט אַריבערגעטראָטן, ווי ס'האָט זיי אַנטקעגן אַ שלאָג געטאָן דער רייעך פֿון וואַרעמע געקעכצן, פֿון היימישקײַט. די באָבע יאַדוויגע האָט זיי באַגעגנט מיט אַ ליבלעכן בליק, און אַפֿן זיידע מאַציי, ווי גלײַך זייער קומען וואָלט געווען פֿאַר אים אומגעריכט, איז אָנגעפֿאַלן אַ מוירע. עטלעכע מאָל האָט ער זיך געפּרוווט פֿאַרקלײַבן אַפֿן גרויסן קאַסטן, וואָס האָט אים געדינט פֿאַר אַ געלעגער, נאָר ס'האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום בופֿעט, וואָס ער אַליין האָט אַמאָל געמאַכט פֿון צוויי שאַפֿקעס, אוועקשטעלנדיק זיי איינע אָף דער אַנדערער, אַפֿן וועג זיך פֿאַרטשעפּעט פֿאַר דער שטשיפּצע אָף אַרויסנעמען גליִענדיקע קוילן פֿונעם אויוון, און שיר ניט אומגעפֿאַלן.

די באָבע יאַדוויגע האָט אים אָנגעוויזן אָף אַ בענקל, און ווײַל ער האָט ניט אַזוי גיך געפֿאָלגט, האָט ער פֿון איר געקראָגן זײַן ערלעך אויסקומעניש. עמעס, איר קלאָלע האָט געקאָנט גיכער אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ בראָכע.

באַ אַ פֿינגערהוט שײַן האָט מען זיך געזעצט צום טיש עסן. טאַדעק האָט אַ זופּ געטאָן עטלעכע לעפֿל באָרשטש און אָפּגערוקט זײַן קימאַט נאָך פֿולן טעלער צו בערעקן. די באָבע יאַדוויגע האָט מיט צוויי פֿינגער אַ וויש געטאָן ביידע מויל־ווינקלען און אָנגעשריִען אָף אים:

— ווילסט ניט עסן, איז גיס אויס צוריק אין טאָפּ. זיי טאָר מען דערווײַל מער ניט געבן.

נאָכדעם האָבן זיי געטרונקען טיי. ס'איז געווען ווי אין אַ כאָלעם. מע האָט זיי אָנגעגאָסן עמעסע טיי און געגעבן צו שטיקלעך צוקער. זיי זײַנען פֿאַרשיקערט געוואָרן. די געדאַנקען האָבן עפּעס אַזוי ווי זיך צעזייט, עלעהיי פּאָוועטינע פֿון אַ ווינט. אַ זיסע מידקײַט האָט זיי אײַנגעהילט. נאָר דער זיידע מאַציי האָט דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צײַט זיך פֿאַרקלײַבן אין באַהעלטעניש, און קיינער האָט אים ניט דערווידערט.

די באַהעלטעניש איז געווען אַפֿן בוידעם. דער ערשטער האָט אַפֿן לייטער זיך אופּגעשטעלט טאַדעק. געקראָכן איז ער שטיל, ווי אַ קאַץ. אינעם היי, וואָס איז געווען אָנגעהויפֿנט קימאַט אַפֿן גאַנצן בוידעם, איז שוין געווען צוגעגרייט אַ פֿאַרשטעלטע הייל, ווו מע האָט

געקענט איינגעקאַרטשעט ליגן, נאָר ניט זיצן. דאָס געלעגער איז געווען פאַרשפּרייט מיט א רעדנע און צוגעדעקט מיט א קאָלדרע פון געוואַנט און א צעריסענעם פּעלץ. צוקאָפּנס איז געלעגן א וואַטאָווע לייַבל און א קישעלע. נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו שלעכטס, צו פיל ערגערס — ביז צו אומדערטרעגלעכס, איז עס געווען א וויג פאַר א פּרינץ. אלנפאַלס, אַזוי האָט זיך זיי אויסגעוויזן, ווען זיי זייַנען אנידערגעפאַלן אָפּן ווייכן היי.

אָבער נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן זיי זיך אופגעכאַפּט. די קעלט האָט באַוויזן זיך דערקלייַבן ביז דעם מארך פון די ביינער. אינדערפרי איז דאָס בוידעם־פענצטערל פאַרצויגן געוואָרן מיט א פּראָסטיקער בלויקייַט. אין קוימען האָט געפּייַפט דער ווינט, זיך פאַרזאַנגען אין א געיאָמער. נאָר מיילע, דאָס איז געווען צו דערלייַדן. מיט יעדן טאָג אָבער האָט דער פראָסט זיך געשטאַרקט. אזא קאַלטער ווינטער איז שוין לאַנג ניט געווען. און ניט נאָר גיין איבערן בוידעם, נאָר אָפּט אַרויסקריכן פון דער נאָרע האָבן זיי ניט געטאָרט. דערצו איז די סטערטע היי אַלץ מאָגערער געוואָרן. דאָס פערד און די בעהיימע האָבן געפּאָדערט שפּייַז.

אָנהייב יאַנוואַר האָט א שלאָג געטאָן אזא פראָסט, אַז זיי האָבן געקאָנט פאַרפרוירן ווערן, ווי אייַז־צעפּלעך. ווי געפּערלעך ס'איז ניט געווען, זיי זאָלן זייַן אין שטוב, נאָר אין אָוונט האָט יאַדוויגע זיי געהייסן אראָפּלאָזן זיך פונעם בוידעם. זיי זייַנען אַרייַן אין שטוב און גלייַך צוגעלאָפן צו דער הייסער הרובע.

די פענצטער זייַנען פון דרויסן געווען צוגעמאַכט מיט לאָדנס, פון אינווייניק פאַרהאַנגען. דער זיידע מאַציי איז שוין געלעגן אָף זייַן קאַסטן. די באָבע יאַדוויגע האָט זיך געפּאָרעט מיט די טעפּ. טאַדעק איז געזעסן באַם טיש און בא דער שייַן פון א קעראָסין־לעמפּל געשניצט עפּעס פון האָלץ. בערעק האָט זיך צוגעזעצט לעם אים, און זיי האָבן ביידע גענומען מייַסט־רעווען. פון דעמלט אָן האָבן זיי שוין אין די לאַנגע אָוונטן געאַרבעט צוזאַמען. דערנאָך אַפּגיך צום לייטער — און אונטער דער שטרויענער סטריכע.

אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אַז זייער מייַסטרעווען האָט א ווערט און מע וועט דערפאַר צאָלן מער ווי גוט. דער ערשטער האָט עס דערשמעקט דער זיידע מאַציי. עטלעכע אָוונטן האָט ער אופמערקזאַם זיך צוגעקוקט, ווי די יינגלעך אַרבעטן. אַפן דריטן צי אַפן פערטן אָוונט, ווי נאָר זיי האָבן זיך גענומען פאַר די מעסערלעך, איז ער מיט קינדערש־דריבנע טריט צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען טייַטלען מיטן ווייַזפינגער:

— אָט די אַרבעט אייַערע דאַרף קיינער ניט. ניט מיט קיין שפּילכלעך דאַרפט איר זיך פאַרנעמען. אַזעלכע כּוורע, ווי איר, קענען שניצן פון האָלץ עפּעס בעסערס. מע קאָן מיט אייַך מאַכן טאַבעק־פּושקעס, טייַערע פּודעלקעס. איך אליין האָב אַמאָל זייער ליב געהאַט שניצן, און ערגעץ דאַרף נאָך ליגן בא מיר דאָס געצייַג — זעגעלעך פאַרשיידענע, מעסערלעך, דאָלאָטעס. ס'האָט זיך געדאַרפט פאַרהיטן אויך א שיין ביסל אויסגעטריקנט רויטהאָלץ און אפילע מעשן דראָט און פּערלמוטער־קנעפּלעך, וואָס איצט קאָן מען זיי פאַר קיין שום געלט ניט קריגן. זיי פּאַסט מען אייַן אינעם האָלץ. איך פלעג דאָך מאַכן די שענסטע טאַבאַקערקעס, מיט געמעלן. מיר מיט אייַך וועלן מישן א פּאַס פון ליכטיק האָלץ און א פּאַס פון טונקלס. דאָס אַליין איז שוין א גרייט געמעל. מע וועט די סכוירע בא אונדז אויסכאַפּן, כאָטש קיין גווירים וועלן מיר דערפון מיסטאמע ניט ווערן.

— „ניט ווערן", — האָט אים די אַלטע איבערגעקרימט. — זאָלן מיר זייַן באַוואָרנט מיטן לעבן, פון רייַכקייט זייַנען מיר שטענדיק באַוואָרנט. וואָס אָט דער מענטש קאָן צוטראַכטן, וועט קיין סוינע ניט אָנווינטשן. אזא אייַנרעדעכץ!

צו מאַצייען זייַנען אירע ווערטער ניט דערגאַנגען. ער האָט ווייַטער פאָרגעזעצט:

— גוט צאָלן יענע, וואָס קויפן שקאַטולקעס פאַרן צירונג. יעדערער פון די רייַכע לייַט וויל, אַז אזא אַנטיקל, ווי בא אים, זאָל מער בא קיינעם ניט זייַן. בא אים איינעם נאָר. מיר וואָלטן אַזעלכע זאַכן אויך געקענט מאַכן, ווען עמעצער פון אייַך וואָלט געמאָלט.

טאַדעקן קיין פינגער אין מויל דאַרף מען ניט אַרייַנלייגן. אין די פּייַפּעלעך און שיכעלעך פון קאָרע, וואָס ער האָט פריִער געמאַכט, האָט ער פאַרגעסן, ווי ער וואָלט זיך מיט דעם קיינמאָל ניט פאַרנומען. די נייַע אַרבעט האָט אים פּאַשעט פאַרכאַפּט. באַפּוצט די פּושקעלעך און באַמאָלט, און ווי דעם זיידן מאַציי האָט זיך געדאַכט, גאָר ניט שלעכט. האָט בערעק אויסער דער באָבע יאַדוויגע, האָבן אַלע זיך פלייַסיק גענומען פאַר דער מלאָכה.

אין די לאנגע ווינטערדיקע נעכט זיצט מען אין האלב־טונקלעניש און מע האָרעוועט, און באטאָג, ווען עס לײַכט, שלאָפט מען.

קעדיי פארקויפן די סכוירע, האָט מען באדארפט פאָרן אין שטאָט ארײַן. צוליב דעם האָט אויסער א דײַטשישער פאסיר־שײַן זיך געפאָדערט אויך א צעטל פון דעם סאָלטיס, אז דער פארקויפער האָט אויסגעצאָלט אלע שטײַערן און אים איז דערלויבט צו פארקויפן, לאָמיר זאָגן, ליימענע טעפּ, מאקרעטעס אָדער אנדערע זאכן, וואָס ער אליין האָט אויסגעארבעט.

די שטײַערן האָבן געמעגט זײַן אויסגעצאָלט, נאָר אויב דו האָסט ניט געגעבן דעם סאָלטיס אין דער האנט ארײַן, קאָנסטו נאָך אים נאָכלויפן א יאָר מיט א מיטוואָך. גיין צו אים האָט קיינער ניט געוואָלט. נאָר טאָן האָבן עס געמוזט אלע.

דער זיידע מאציי האָט דערנאָך דערציילט, ווי־אזוי ער איז געקומען צום סאָלטיס נאָך א צעטל. ער האָט באוויזן בלויז האלב פון דעם, וואָס ער האָט זיך געקליבן פירן אין שטאָט ארײַן, דערבײַ אויסגעקליבן די סאמע ביליקסטע זאכן. אף אזא סכוירע האָט נאטשאלסטווע, א וואזשנער, ווי א מארשאלעק, זיך ניט געריכט. ער האָט לאנג געקוקט, געטראכט, און ס'האָבן זיך א שאָט געטאָן פראגן:

— ווער האָט עס געמאכט?

— וואָס הייסט ווער? איך.

— א ליגן. פונוואנען קאָנסטו וויסן פון אזעלכע געמעלן? ס'איז דאָך דיר ניט קיין שפּאקליאוועקע, געמאכט פון קרײַד, שיטערן קליי און אייל? ס'איז דאָך קונסט־ארבעט...

— פרעגט באם אלטן קסיאָנדז, וועט ער אײַך דערציילן, וואָס פארא זאכן איך פלעג אמאָל מײַסטרעווען.

— מער וועסטו מיך צו קיינעם ניט שיקן? דעם קסיאָנדז, אז כ'וועל אים דארפן, וועט ער צו מיר קומען. צום לעצטן מאָל פרעג איך בא דיר — ווער האָט עס געמאכט?

— איך און... אויך טאדעק.

— טא־דעק?

— איך לערן אים די מעלאָכע.

— איך גלייב דיר ניט. אויך מיר א לערער! ס'ניט פאר זײַן קאָפּ און ניט פאר זײַנע יאָרן!

— פאר זײַן קאָפּ און אויך פאר זײַנע הענט מעגט איר זיך ניט זאָרגן, און יאָרן פארמאָג איך אזויפיל, אז ס'וועט פאר אונדז ביידן קלעקן.

— אויב טאדעק האָט אזא קאָפּ און אזעלכע הענט, פארוואָס זשע האָסטו מיר פריִער געזאָגט, אז ס'איז נאָר דײַן ארבעט?

— דערפאר, ווײַל ניט פריִער, ווי אין א יאָר ארום, אויב מיר וועלן דערלעבן, וועל איך אײַך עפשער קאָנען ענטפערן, אז מיר ביידע.

— אָט דאָס איז, מעגלעך, עמעס. אויב ער איז ארײַנגעפאלן צו אזא לערער, ווי דו, אין די הענט, איז עס קיין כידעש ניט. איצט שווײַגסטו, האָסט מיר ניט וואָס צו ענטפערן.

— כ'וואָלט געקענט, נאָר כ'האָב פאר אײַך מוירע.

— אָט ווי־אזוי? וועל איך דיר די צונג צעבינדן. רעד!

— צו מיר האָט איר אים געבראכט, ער זאָל מיר העלפן פּאשען די טשערעדע, זײַן געצאָלטס באקומט איר. פאר קיין לערער האָב איך זיך ניט אָנגעדונגען, איז וואָס זשע פארא טײַנעס קאָנט איר צו מיר האָבן? מיט א סטאמעסקע און א זעגל קאָן איך זיך נאָך אליין ספּראווען, אָנמאָלן א צאצקע אף א פּודעלע קאָן איך אויך. קוינים וועלן זיך אויסזוכן, ווײַל קיין אנדערע שניצערס, מיין איך, זײַנען שוין אין אונדזער געגנט ניטאָ. איז ווי איר ווילט, איך קאָן זיך אָן טאדעקן אויך באגיין.

— אזוי, אזוי, האָסט טאקע צעבונדן דײַן לאנגע צונג. איז זע, מע זאָל זי דיר ניט קירצער מאכן. וויפל מיינסטו באקומען פאר די פיר טאבאקערקעס און פאר דער שקאטולקע?

— וואָס טײַערער, פארשטייט זיך, נאָר איך האָב דאָך פאר אײַך ארויסגעלייגט אכט טאבאקערקעס און צוויי שקאטולקעס.

— קאָנסטו, הייסט עס, ציילן אויך. פון הײַנט און ווײַטער, פארגעדענק עס, זאָלסטו זיך לערנען טיילן אף צוויי, אָדער, דיר זאָל זײַן גרינגער צו פארשטיין, וועל איך דיר זאָגן פּאָשעטער, איבערלאָזן פאר זיך פון דעם, וואָס וועסט אָפּלייזן פאר דער סכוירע, ניט מער פון האלב. די האנט פונעם אויער נעם צו. דער געהער איז נאָך בא דיר ניט אזוי קלאָגעדיק. האָסט א ברײרע, קאָנסט זיך אָפּזאָגן. נאָר דאַן וועסטו מוזן נעמען א פּאטענט, וואָס וועט דיך קאָסטן א סאך טײַערער. ווײַטער זאָלסטו וויסן זײַן, אז פון דײַן טייל קומט נאָך עפּעס ארויס טאדעקן, וועסטו דערוויל א פערטל, ניין, א דריטל פון דײַן פארדינסט ווידער אָפּגעבן מיר. און איך וואָרן דיך, אויב דו וועסט מיך פּרוּוון אָפּנארן, וועסטו אליין מער קיין איין טאבא־

קערקע ניט פארקויפן. פארקויפן די טאַבאַקערקעס קאָן איך אָן דײַן הילף. אויב דאָס געשעפט וועט לוינען, וועלן די בעהיימעס און די קעלבער זיך באַגיין אָן דיר מיט טאַדעקן. ס׳וועלן זיך אויסזוכן אַנדערע פּאַסטעכער. אין אַ האַלב יאָר אַרום זאָל מײַן טאַדעק קענען די מלאָכע ניט ערגער פון דיר. און איצט נאָ דיר אַ פּאַפּיר, און מער האָסטו דאָ ניט וואָס צו טאָן. וואָרט. פון דער שטאָט זאָלסטו פריִער פאַרפאָרן צו מיר זיך צערעכענען, און שוין דערנאָך צו זיך אַהיים.

ערשט אַפן וועג אין שטאָט אַרײַן איז אַפן זיידע מאַציי אָנגעפאַלן די עמעסע שרעק. עפּעס אַ קלייניקייט, מיט וועמען ער האָט פאַרפירט אַ קריג! און וואָס וואָלט געווען, ווען דער באַנדיט טויט אַ גוטן טרייסל דעם שליטן? דאָס איז דיר ניט פאַלן אַפן רוקן און צעקלאַפּן די נאָז... מע וואָלט אים לעבעדיקערהייט אין דער ערד אַרײַנגעטריבן, און ניט נאָר אים אײַ־נעם, מע וואָלט זיך געגומען נישטערן אין שטוב, אין קעלער, אַפן בוידעם. בלויז פון דעם געדאַנק אַליין זײַנען דעם זיידן מאַצייס נאַקעטן קאָפּ אַרויסגעטראָטן טראָפּנס שווייס און די פאַרגעלטע פון טאַבעק פינגער האָבן גענומען ציטערן. נו, מילא, אַף זיך האָט ער זיך ניט וואָס צו ווונדערן, נאָר ווי קומט עס, וואָס יאַדוויגע האָט דערלאָזט, ער זאָל האָבן צו טאָן מיט די פּודעלקעס און מיטן סאָלטיס? כאָטש גראַד אַף איר האָט ער אויך ניט וואָס צו כידעשן זיך. דעם שטריק, וואָס וואַרט אַף זייערע העלדזער, האָט זי דאָך פאַרפלאָכטן. שטילערהייט זיך טיילן, זאָל זײַן אַפילע מיטן לעצטן ביסן, קעגן דעם האָט ער גאָרניט. דאָס יאָ. נאָר פון צוזען די מאַטערנישן, וואָס מענטשן שטייען אויס, קאָן מען פון זינען אַראָפּ. נאָר אַזוי אײַנ־שטעלן מיטן לעבן... און וויפל קאָן זיך עס נאָך ציִען?

אויב אַפילע עס וועט געשען אַ נעס און זיי אַלע וועלן איבערקומען דעם ווינטער, וועט ער אַלציינס בערעקן און רינען מער ניט קענען האַלטן באַ זיך. זייער טויט־אורטייל איז שוין פון לאַנג אונטערגעשריבן און געשטעמפּלט, און קוים איז עס אַזוי, וועלן די מענטשנפרעסער פריִער אָדער שפּעטער זיי געפינען, שנײַדן פון זיי שטיקער און אַרויסציִען דעם עמעס, ווער ס׳האָט זיי געהאָלפן. ווי פאַר די אויגן, זעט ער דעם שלייף, אַף וועלכן ער באַמבלט זיך. און עס וועט אים ענג אין האַרצן. נאָר ביז עפּעס־וואָס איז ער שיר ניט אומגעקומען איבער די טאַבאַקערקעס און שקאַטולקעס. טפו, פאַרברענט זאָלן זיי געוועזן ווערן, נאָך איידער ער האָט זיך צו זיי צוגעריכט! ווייניק אומגליקן, איז נאָ דיר נאָך אָן אַנשיקעניש, נאָך איין פּאַסט־קע צוגעגרייט פאַר זיך אַליין! מע זאָל אים אַפילע אָפּגילטן, וועט ער מער אין שטאָט ניט פאָרן.

מיט אָט די אומדערטרעגלעכע שווערע מאַכשאָוועס האָט ער זיך דערקליבן צו דער בריק, וואָס פירט אין שטאָט אַרײַן. אַ סאָלדאַט פון דער זשאַנדאַרמעריע (אַף דער ברוסט — אַ בליאַ־כע אַף אַ דיקער קייט) האָט אים מיט די אויגן באַטאַפּט. דאָס פערד האָט געוואָלט, ווי געוויינ־לעך, פאַרקערעווען מיטן געסעלע אַף לינקס, צום מאַרק, דער זיידע מאַציי האָט עס געגעבן פאַרקערעווען אַף רעכטס, צום געמויערטן הויז, ווו ס׳האָט געוווינט דער פּאַן קולטשיצקי, וועלכער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אָנגעהויבן, ניט אָפּנאַרנדיק אים, אויסקויפן זײַן סכוירע. קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל אַזאַ, ווען דעם זיידן מאַציי איז ניט אויסגעקומען זיך דינגען. און וויאַזוי האָט עס געקאָנט זײַן אַנדערש, אויב דער קוינע האָט אָנגערופן אַ פּרײַז אין פינף מאָל גרעסער, ווי ער האָט אויסגערעכנט. באַם שליסן דאָס גע־שעפט האָט יעדערער פון די צדאָדים אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג.

דער זיידע מאַציי: אויב עמעצער וועט זיך נאָכפרעגן, האָט פּאַן קולטשיצקי געקויפט בלויז פיר טאַבאַקערקעס און איין שקאַטולקע, פאַר דעם וועט ער זיך אָצינד מיט אים צעצאָלן, דאָס, וואָס ס׳קומט פאַר דער איבעריקער סכוירע, וועט ער אומקערן אָן אַנדערשמאָל.

פּאַן קולטשיצקי: דער זיידע מאַציי וועט מער קיינעם זײַן סכוירע ניט פאַרקויפן און ניט פאַרלייגן. אויב דער סאָלטיס וועט זיך אַליין פאַרנעמען מיטן האַנדל, וועט קולטשיצקי פירן די קאָמערציע אויך מיט אים.

דער מינדלעכער אָפּמאַך איז באַלד אַפן אָרט באַוואָרנט און געזיכערט געוואָרן. אַפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ פלאַש בראַנפן, פאַרבײַסעכץ, און דער זיידע מאַציי און פּאַן קולטשיצקי האָבן זיך געזעגנט, ווי אַלטע גוטעפרײַנט. אָבער ניט דער בראַנפן, ניט דאָס געלט, ניט די אײַנגעקויפטע אַפן מאַרק זאַכן האָבן דעם זיידע מאַציי ניט געוואָרעמט, זײַן געמיט ניט געלײַטערט. דער שטיין אַפן האַרצן איז פאַרבליבן.

דאָס גלײַכסטע, קאָן זיך דאַכטן, וואָלט געווען, ווען ס׳וועט אויס מיטן פאָרן אין שטאָט. האָט דאַפקע דער אַלטער מיט זײַנע אייגענע הענט איבערגעגעבן קולטשיצקין נאָך צוויי פּאַרטיעס סכוירע. פונעם סאָלטיס האָט ער מער קיין איין פּושקעלע ניט פאַרלייקנט. ס׳הייסט,

ניט פאַרלייקנט, וויפל ער פּירט אין שטאַט סכוירע. אָבער ניט אַלץ האָט ער געפּירט, ווײַל שוין צופּיל פּושקעלעך, און פּודעלעך, און שקאַטולקעלעך, האָט זיך באַקומען, אַרבעטן אויס דער זיידע מאַציי און טאַדעק. אַ טייל האָט מען דערווײַל ניט פאַרקויפט. פאַרבאַהאַלטן, ביז ס׳וועלן אָנקומען בעסערע צײַטן.

אויב דער געמעל איז אַזאַ...

ס׳איז געווען אַרום האַלבטאָג, ווען דער סאַלטיס אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע פּאָליציאַנטן איז געקומען אין דאָרף. אַזוינס טרעפט ניט צום ערשטן מאָל, און דאָך... וואָרענען בערעקן מיט רינען, אַז ביז טאַדעק וועט זיי ניט געבן קיין סימען, טאָר מען פון זיי קיין פּיפּס ניט הערן, האָט מען ניט באַדאַרפט. דער פּעטער איז אַרײַנגעגאַנגען אַ קוק טאָן אויף זײַן פּלעמעניק, און גלײַך האָט די באָבע יאַדוויגע געכאַפּט דעם טישטעך אין די הענט, אָבער דער גאַסט האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ניין, מע דאַרף ניט. ער האָט גאָר אַליין אוועקגעשטעלט אַפן ניט געדעקטן טיש עפּעס אין אַ טיכל פאַרוויקלט און באַזאָרגט דעם אַלטן:

— צעוויקל! — און אין אַ רעגע אַרום: — עפן!

די שקאַטולקע, וואָס דער זיידע מאַציי האָט געעפנט, האָט געהאַט צוויי דעקלעך, און טאַדעקן האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט פון אונטער יעדער דעקל אַרויסשפּרינגען אַ דײַטשישער סאָלדאַט און אים, די באָבען, דעם זיידן נעמען וואָרגן און שטיקן. די שקאַטולקע איז געווען פײַן געמאַכט. דעם גרעסטן קײַלעך אין איר האָט פאַרמאָגט בערעק, וואָס האָט זיך מיט איר לאַנג געפּאָרקעט, דעריקער באַם געמעל. איז וואָס וויל ער, דער „ליבער" פּעטער?

— וועמעס אַרבעט איז עס?

— אונדזערע, — האָט יאַדוויגע פאַר אַלעמען געענטפערט.

— דו העלפסט זיי אויך?

— מיט אַ קרעכץ, — האָט זי מיט שפּאַס געפרוווט צעשטרייען זײַן בייזקײַט, — די מאַנצבלען מײַסטרעווען, און איך גרייט פאַר זיי עסן. קומט אויס, אַז כ׳מעג זיך טראַכטן, אַז דאָס איז אונדזער אַלעמענס אַרבעט.

— „קומט אויס, קומט אויס"... באַלד וועט אײַך אַלעמען אויסקומען זאָגן, ווו דער עמעס שטעקט. טאַדעק, גיי נאָר צו נעענטער אַהער און זאָג, ווער האָט געמאַכט די שקאַטולקע?

— דער זיידע מאַציי און איך.

— דאָס לידל ווייס איך שוין פון לאַנג. איר האָט עס אָפּגעיך אויסגעלערנט. נאָר זעט, איך זאָל עס נאָך גיכער פון אײַך ניט אַרויסשלאָגן. וואָס האָסטו דאָ געמאַכט און וואָס האָט דער אַלטער געמאַכט?

— די ווענטלעך האָט דער זיידע מאַציי געמאַכט. איך האָב אים געהאָלפן. באַ מיר באַקומט זיך עס נאָך ניט זייער גוט. דאָס דראַט האָט ער אַליין פאַרפעסטיקט. ער זאָגט, אַז איך קאָן זיך אָפּבריִען.

— פאַרוואָס עפּעס אָפּבריִען?

— מע דאַרף גוט וויסן, וויאַזוי אָנגליִען און בייגן דאָס דראָט, ס׳זאָל אויסברענען פאַר זיך אין האָלץ אַזאַ געלעגער, ווי מיר דאַרפן.

— וואָס פאַר אַ געלעגער דאַרפט איר?

— ווי אַמאָל. ס׳איז געוועגדט פונעם אוואַר. אין דעם באַשטייט דאָך די שיינקײַט. סטאַרען מיר זיך.

דער סאַלטיס איז אויפגעשפּרונגען פון זײַן אָרט, פאַרוואָרפן די רעכטע האַנט, צילנדיק זיך אין טאַדעקס באַק, און מיט רעציכע אויסגעשריִען:

— קוק מיר אין די אויגן און ענטפער, אַניט וועל איך דיר די ביינער איבערברעכן. ווער איז עס דער „מיר"?

— איך און דער זיידע.

דער סאַלטיס איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ פאַרהויבענער האַנט, ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפט דערמאָנען, פאַרוואָס ער קלײַבט זיך שלאָגן טאַדעקן. עפּעס האָט אים געשטערט. אומגעריכט איז דער אַלטער אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט, און פון פּאַרנט, אַפן ערשטן פּלאַן, איז אַרויס טאַדעק. ער ענטפערט. ער רעדט. דער קליינער אויסוווּרף ווייסט, דאַכט זיך, ווו דער הונט ליגט באַגראָבן, און מיינט אים, דעם פּעטער זײַנעם, איבערכיטרעווען, נעמען אַלץ אויף זיך. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פון בוים. נישקאָשע,

באלד וועט דאָס פּלעמעניקל... פון קיין שמיץ וועט ער זיך שוין ניט ארויסדרייען. ער האָט עס פאַרדינט, נאָר דערווײַל איז נאָך בעסער גיין מיט גוטן. שלינגט פאַן נאַרושעוויטש אַראָפּ די אָנגעלאָפענע סלינע און זעצט רויִק פאָר:

— זאָלסט מיר זאָגן, ווער פון אײַך וואָס עס טוט. ווער מאכט די שקאַטולקע און ווער מאכט דעם געמעל אַף איר, נאָר זײַ אַזוי גוט און פּלאָנטער ניט.

— איך פּלאָנטער ניט. וויאַזוי די הילצערנע פּאַסן זאָלן זיך פאָרן לויט דער פארב, וויאַזוי אויסלייגן פון דראָט צי פון פּערלמוטער דעם אָרנאָמענט, — דאָס איז מײַן ארבעט. דער זיידע מאַצײ זעט שוין שלעכט... ער זאָגט, אַז מײַן קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט דער רויטער ווייסט וואָס, נאָר פאַר דער „רויטער ווייסט וואָס" צאָלט מען טײַערער.

נאַרושעוויטש האָט צוגעמאַכט די אויגן און עטלעכע מאָל א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי מע טוט עס, ווען מע ווערט שטאַרק מיד און ס'הייבט אָן שווינדלען אין די אויגן. ניין, ער איז שוין קימאַט איבערצײַגט, אַז טאַדעק ווייסט די סיבע, וואָס האָט אים, דעם סאָלטיס, אַהער געבראַכט.

— טאַדעק, איך דאַרף וויסן, ווער האָט אויסגעמאָלט די אָוזאָרן אַף די דעקלעך, דו צי אָט דער אַלטער שקראַב, וואָס שטייט מיט איין פוס אין קייווער?

ווי האָט עס טאַדעק געקענט זיך אַזוינס דערלויבן? שיר ניט ער שרײַט אַף נאַרושעוויטשן, הער נאָר הער — ווער אַף וועמען עס שרײַט! מעגלעך, דאָס איז געשען, ווײַל אינדערמעסן שטויסט זיך טאַדעק דערווײַל ניט אָן, וואָס דער באַנדיט וויל דערגיין מיט זײַנע פראַגן, נאָר איבּ ציטערן פאַר אים, קאָן זײַן נאָך ערגער. טאַדעק האָט אָפּגעענטפערט:

— איר פאַרשטייט, וואָס מע רעדט צו אײַך? אַבי מע זאָגט, קינדער פאַרשטייען ניט. איך האָב דאָך אײַך דערקלערט: שניצן, פּאַלירן, לאַקירן און אפילו קלעפּן דאַרף איך זיך נאָך לערנען באַם זיידן, נאָר די געמעלן מאַכן — דאָס איז מײַן ארבעט.

— איך וועל דיר ווײַזן מיטן פינגער, פרעגן, און דו דאַרפסט מיר ענטפערן: „יאָ" אָדער „ניין". א טונקלער פּאַס, א ליכטיקער פּאַס, ווידער א טונקלער — דאָס איז א געמעל?

— יאָ.

— אָט די דריידלעך פון דראָט — דאָס איז א געמעל?

— יאָ.

— אָפן אייבערשטן דעקל האָסטו געמאַכט דעם געמעל?

— יאָ.

— אָפן צווייטן אויך דו?

— יאָ.

— דאָס דראָט אין געלעגער, ווי דו זאָגסט, האָסטו אײַנגעשטעלט?

— ניין.

— איז ווער האָט געמאַכט די געמעלן?

— איך, איך. איך האָב געמאָלט, און דער זיידע מאַצײ האָט אײַנגעפּאַסט דאָס דראָט.

— וויאַזוי זשע האָסטו געמאָלט?

— מיט קרײַד. איך האָב געמאָלט מיט קרײַד. איר גלייבט ניט? אָט ליגט אין ווינקל קרײַד, און אָט שטייט א קעסטעלע, וועל איך פאַר אײַערע אויגן אָנמאָלן מיט קרײַד דאָס זעלבע. דאָס איז דאָך אַזוי פּאַשעט.

— גוט, כ'גלייב דיר. און פונוואַנען נעמסטו די געמעלן?

— וואָס הייסט פונוואַנען? פונעם קאָפּ. וואָס האָט איר אין זיי דערזען אַזוינס?

נאַרושעוויטש האָט א דרעלעווע געטאָן טאַדעקן מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס.

— פריִער וועל איך דיר אים צעשפּאַלטן, דעם קאָפּ דײַנעם, און א קוק טאָן, צי די געמעלן האָבן דאָרט גענעכטיקט. און אויב איך וועל זיי אפילו דאָרט געפינען, וועל איך דיר אַלצײנס ניט גלייבן. דערפאַר זאָלסטו זיך אופהערן מאַכן טאַמעוואַטע, קלוימערשט דו ווייסט גאָרניט, און מיר זאָגן, ווער האָט צוגעקלערט די געמעלן?

— איך.

— ביזוואַנען דו ביסט נאָך אין מײַנע הענט, אייצע איך דיר נאָכאַמאָל, טו א גוטן קלער. מיט מיר האָסטו ניט וואָס צו שפּילן אין זשמורקעס, באַלד וועסטו אַליין פאַרשטיין, אַז מיט דעם וועסטו זיך נאָר ערגער מאַכן. מיט דעם איניען פאַרנעמט מען זיך אין געסטאַפּאָ, און דאָרט האָט מען מיר דערקלערט, אַז די געמעלן זײַנען אַלט, ווי די וועלט. האָסט זיך געלערנט אין גימנאַזיע, ווייסטו בעסער פון מיר וועגן רוימער, גריכן, עגיפּטער און ווי נאָך הייסן זיי דאָרטן, פיניקיער. איז עס זייערע דריידלעך. הא, ווי מיינסטו?

— קאָן זײַן.

— קיין שטארק רייך בלוט רינט ניט אין דײַנע אָדערן. דײַן טאטע איז געווען אַף האלב א ליטווינער, און די ליטווינער דארף מען פאראכטן שוין דערפאר אליין, וואָס אפילע קיין פּאָגראָמען אַף די זשידעס האָבן זיי ניט געקאָנט מאכן. דו ביסט, צום באדויערן, מער ענלעך אַף אים, ווי אַף דער מאמען. נאָר קיין גריך, קיין פיניקער ביסטו דאָך ניט, איז פונוואנען קומען צו דיר זייערע דריידלעך?

— איך ווייס ניט. קאָן זײַן, פון א בילד, פון א לערנבוך האָט זיך עס מיר פארגעדענקט. איר ווייסט דאָך, אז ביכער האָבן מיר געהאט א סאך.

— צי דען מיינסטו, אז איך וועל גיין פאר דיר איידעס זאָגן? אויב דו ווערסט מײַן נאָמען דערמאָנען, וועט פאר דיר זײַן נאָך ערגער. נאָר אויג אַף אויג מעגן מיר וועגן דעם ריידן. דײַן מאמע איז געווען א פוילישע און דײַן טאטע אַף האלב א ליטווינער, קיין ייִדן זײַנען זיי דאָך ביידע ניט געווען, ניין?

— איך פארשטיי אײַך ניט.

— פארשטייסט זייער גוט, נאָר דו האָפסט נאָך, אז ווערסט מיך אָפּנארן. צוליב די פיניקער וואָלט מען מיך אין געסטאפּאָ ניט ארויסגערופן, און איך וואָלט צו דיר ניט געקומען. ווער האָט אָנגעמאָלט אפן צווייטן דעקל אָט דעם ייִדישן לײַכטער מיט די פינף רערן, ווער? פרעג איך בא דיר. שווײַגסט? האָסט געוואָלט זײַן, ווי דײַן טאטע, א העלד, און ווי נאָר איך האָב דיך צוגעקוועטשט צו דער וואנט, האָסטו זיך... טו א קוק אין שפּיגל, ווערסטו זען, אז דײַן פּאָנעם האָט דיך שוין אויסגעגעבן. איצט ווייסטו שוין, אז דו האָסט זיך ארײַנגעפּאקט. איין שאנס פארמאָגסטו נאָך — ווײַז אָן, ווער האָט דיר אונטערגערוקט אָט די מיִעסקײַט. ווערסטו מיך פאָלגן, וועל איך זיך פרוון דיר העלפן. גאראנטירן קאָן איך ניט, נאָר מעגלעך, אז ווערסט אָפּקומען מיט קלעפּ און מע וועט דיך אָפּשיקן אין א היגן לאגער אָדער קיין דײַטשלאנד אַף ארבעט. זעסטו, דעם אלטן טשערעפּ, — האָט נארושעוויטש אָנגעווײַזן אפן זיידן מאַציי, — וועט שוין קיינער ניט העלפן, אפילע ווען ער זאָל ניט זײַן שולדיק. קוים איז דאָ אַף אים א פארדאכט, וועט ער שוין טרעפן גלײַך אין גרוב ארײַן. דערצו נאָך, אז ער איז אזוי אלט און קיין שום נוצן קאָן מען פון אים ניט האָבן. בא אונדז וועט מען ניט פאטערן אומזיסט קיין צײַט אַף דערווײַזן זײַן פארברעכן. דערווײַל רעד איך צו דיר מיט גוטן, ווײַל אויסער מיך, פארמאָגסטו קיינעם ניט. דײַן טאטנס ברודער, דער בונטאָווטשיק סטאניסלאוו קניעווסקי, אויב ער לעבט נאָך ערגעץ, — וועט ער אלציינס ניט אויסמײַדן דעם שטריק. פריִער מיט א טאָג צי שפּעטער, נאָר צו אונדז אין די הענט וועט ער ארײַנפאלן. אויב דו ווערסט לעבן בלײַבן און וועלן זײַן צו מענטשן גלײַך, וועל איך נאָך דער מילכאָמע דיך נעמען צו זיך. מיסטאמע פאר פרעמדע זינד, קאָן זײַן, אז פאר די זינד פון מײַן שוועסטער, האָט מיר גאָט ניט געשענקט קיין אנדער יורשעש, כוץ דיר, צו וועמען ס׳זאָל איבערגיין מײַן האָב־און־גוטס... אלץ! דאָס איז צום ערשטן און לעצטן מאָל רעד איך אזוי צו א פארברעכער. נעם א בויגן ריין פּאפּיר, א הענטלפען און טינט און שרײַב אָן, וואָס פון דיר פאָדערט זיך. אַף דער טיר האָסטו ניט וואָס צו קוקן, ווײַל אין פירהויז שטייט א פּאָליציִאנט מיט א ביקס, וואָס שיסט. און איצט וועל איך זיך דורכריידן מיט די אלטע שטורמאקעס. מיט אײַך וועל איך זיך אזוי לאנג ניט וואָזגען, — האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו מאַציי און יאדוויגען, וואָס זײַנען געשטאנען בא דער וואנט און ניט געוואגט א וואָרט אויסצוריידן.

— פּעטער, נאָך א מינוט קאָנט איר מיך אויסהערן? יאָ? אוודע האָב איך זיך דערשראָקן. אויב דער געמעל איז אזא, ווי איר זאָגט, קאָנט איר מיר שוין טאקע מיט גאָרנישט ניט העלפן, נאָר ווייסט פונדעסטוועגן, אז קיינער איז אין דעם ניט שולדיק. קיינער און איך אויך ניט. לאָזט מיך, וועל איך אײַך ווײַזן, פונוואנען כ׳האָב איבערגעמאָלט אָט דעם לײַכטער.

— וווהין ווילסטו זאָל איך דיך לאָזן?

— אַף א ייִדישן צווינטער.

— נאָכדעם ווערסטו וועלן, מע זאָל עמעצן פון קייווער ארויסנעמען.

— ניין. אַף צענדליקער שטיינער וועט איר זען אזוינע געמעלן.

— און וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיר?

— עס האָט. ווייניק זײַנען מיר ארומגעלאָפן אפן ייִדישן צווינטער, זיך געשפּילט דאָרט? וויִאזוי מע באגראָבט גריכן, האָב איך ניט געזען, נאָר ייִדן... מיטן קסיאָנדזס ייִנגל פלעגן מיר זיך פארטײַען צווישן די ביימער און נאָכקוקן, ווי זיי באהאלטן זייערע טויטע. איצטער פארשטיי איך, אז דאָס האָב איך פארגעדענקט געמעלן, וואָס זײַנען געווען אויסגעקריצט אַף די שטיינער. אויב איר גלייבט מיר אלץ ניט, איז פארפאָרט אליין אַף זייערן א צווינטער און טוט א קוק.

— כ׳האָב שוין מער ניט וווהין צו פארפאָרן. דאָרטן, ווו מע דארף, וועט מען זיך שוין

דערווּיסן, פונוואַנען דײַנע ייִדישע געמעלן שטאַמען. וואָס וועט אָבער זײַן, אויב זיי וועלן ווידער פון דיר אָנהייבן ארויסקריכן?

— וואָס בין איך, אַ מעשוגענער?

נאַרושעוויטש האָט זיך פאַרקלערט. דער קלוימערשטער שאַלעם איז געווען אָנגעשפּיקע־וועט מיט פולווער, וואָס פריִער־שפּעטער וועט ער אופרײַסן. אַנגעקוועטשט אַף דער קליאַמקע און אַ שטויס געטאָן די טיר האָט ער שוין ווידער מיט רעציכע. אומגעקערט האָט ער זיך גיך. נאָך אים האָבן געשפּאַנט דרײַ פּאַליציאַנטן מיט אַנגעפּרעסענע פּיסקעס.

די עקזעקוציע

דער סאָלטיס האָט זיך ניט געײַלט מיטיילן, צוליב וואָס ער האָט זיי אַרײַנגעבראַכט אין שטוב. איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט אים מעכאַבעד געווען מיט ניס, איז ער געשטאַנען מיט אַ הויך־פאַרהויבענעם קאָפּ און געקנאַקט די ניס, צעקוועטשנדיק מיט די הענט איין נוס אין צוויטן. די האַנאָע האָט פון אים אַרויסגעקוועלט. אַז זײַן מויל האָט זיך ענדלעך באַ־פרײַט, האָט ער, פאַרזיסנדיק זײַנע רייד מיט אַ גלײַכוואַרטל, פאַרעפנטלעכט זײַן אורטייל:

— פון אַ פרעמדער פעל דאַרף מען שנײַדן פּאַסן, — האָט ער אָנגעוויזן אַף טאַדעקן, — אים קומט דרײַסיק שמיץ. נישקאָשע, דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

דאָ האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו די פּאַליציאַנטן און אַ טײַטל געטאָן מיטן פינגער אַף איינעם פון זיי:

— דו ביסט באַ אונדז פון די איידל־געפּאַצקעטע. דײַנע שמיץ לאָזן זיך פאַרגעסן. און פון דײַנע, — האָט ער אַ טײַטל געטאָן אַף אַ צווייטן, — וועט ער אָפּן אָרט אויסצײַען די פּיסלעך. ס'איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר וועלן אים נאָך דאַרפן ברענגען אין שטאָט אַ לעבע־דיקן, איז איר ביידע וועט אים האַלטן. אָט דו, — האָט ער באַפוילן דעם דריטן פּאָליציאַנט, — וועסט זיך מיט אים צערעכענען. אַנו, אַלטע בידלעס, — האָט ער אַ געשריי געטאָן אַף מאַ־ציען און יאַדוויגען, — שטעלט נאָר אַוועק אָט די באַנק אינמיטן צימער, און דו, קליינער אויסוואורף, לייג זיך אַוועק מיטן פּאָנעם אַראָפּ. אָט אַזוי! אָנגעהויבן!

שוין פונעם ערשטן קלאַפּ האָט פון טאַדעקס לײַב אַ שפּריץ געטאָן דאָס בלוט. דער באָבע יאַדוויגעס יאָמערנדיקער קוויטש האָט דורכגעלעכצט די סטעליע און זיך אַרײַנגעריסן אין דער הייל, ווו ס'זײַנען געלעגן בערעק און ריגע. ביידע וואָלטן זיי גרייט געווען גיין פאַר איר אין פײַער, אָבער זיי מוזן ליגן און שווײַגן. אין שטוב קומט פאַר עפּעס שרעקלעכס. נאָר וואָס? פאַרצאַפּלטע הערצן זיי זיך איין, און דאָ דערטראָגט זיך צו זיי טאַדעקס געשריי, פון וועלכן די ווענט וואָלטן זיך באַדאַרפט רירן פון אָרט. מע קאַטעוועט טאַדעקן, וואָס איז זיי טײַער און ליב, ווי אַן אייגענער ברודער. און כאָטש זיי קאָנען ניט וויסן, פאַרוואָס מע פּײַניקט אים, איז פאַר זיי קלאָר, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט זיי. און וואָס איז מיטן זיידן מאַציי?

דער זיידע מאַציי איז געשטאַנען מיט פאַרשטשעמעטע ציין, ווי ער וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן. נאָר ווען טאַדעק האָט נאָכן צענטן קלאַפּ זיך אַ ריס געטאָן פון די מערדערס הענט און דער סאָלטיס האָט באַפוילן אָנהייבן ציילן פונסנײַ, האָט דער אַלטער מער ניט אויסגע־האַלטן, אַלץ אין אים האָט אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום ווינקל, ווו ס'איז געהאַנגען די איקאָנע, און באַנאַנד מיט יאַדוויגען זיך אַ וואַלגער געטאָן אַף די קני. די ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— מאַטקאַ באָסקאַ, פאַרוואָס קומט עס אונדז? מאַטקאַ באָסקאַ, פאַרוואָס?!..

די מאַטקאַ באָסקאַ האָט, ווי שטענדיק, געשוויגן. נאָר אויב זי וועט איצט ניט באַוויַזן קיין נעס, וועט ער אַזוי, אַף די קני שטייענדיק, אַרויסלאָזן דעם לעצטן אָטעם. צו דעם גייט עס. פאַרוואָס האָט ער ניט געגומען די שולד אַף זיך? פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָגט, אַז דעם געמעל האָט ער געמאַכט? מ'וואָלט דעמלט טאַדעקן אַפילע ניט אָנגערירט.

דער סאָלטיס האָט מאַצייען דערלאַנגט מיטן שטיוול, אַזוי אַז דער אַלטער האָט שיִער מיטן קאָפּ ניט געלעכצט דעם דיל.

— אַנו, שוין זשע זאָלן אַלע פודעלקעס און שקאַטולקעס, דאָס גאַנצע געצײַג די מינוט אָפּגעגעבן ווערן מיר.

אָט איז ער, דער נעס, אַף וועלכן דער אַלטער האָט געוואַרט. ער איז אופגעשטאַנען, און די הענט, די פיס, וואָס האָבן אים שוין ניט געוואָלט דינען, האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן.

אפילו זײַן פֿון לאַנג שוין אָפּגעשוואַכטער געהער האָט דאָס מאָל אופֿגעכאַפּט דעם סאָלטיס'ס באַפֿעל:

— ווײַטער פֿונעם ברונעם טאָרט איר קיין טראַט ניט שטעלן. טאַדעקן קאָנסטו אָפּגיסן מיט קאַלטער וואַסער, נאָר אַלצײַנס וועט ער אַזוי גיך צו־זיך ניט קומען. אויב מיט דעם וועט זיך עס ענדיקן, און ער וועט בלײַבן לעבן, וועט ער זיכער הײַנטיקן טאָג פֿאַרגעדענקען און נאָך אויסוואַקסן אַ מענטש. טויבער באָק, דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? זאָל ער כאָטש זײַן אַ פּאָלוורטיקער פּאַליאַק און ניט קיין פּאַסקודנע בידלע, ווי דו. וואָס פֿינטלסטו מיט די אויגן, ווי אַ סאָווע? פֿוילן איז ניט קיין שיף, וואָס קאָן אונטערגיין. מיר פֿאַרמאָגן קימאַט אַלץ, וואָס אַ מויל קאָן אויסריידן. איין אומגליק, אונדזער פֿאָלק איז שטאַרק פֿאַרמיסטיקט. נאָר מיר וועלן דאָס ווילדגראָז מיט די וואָרצלען אַרויסרײַסן. מיר וועלן אָף אַ צײַט ווערן ווײניקער אין דער צאָל, נאָר דער פֿיורער וועט זיך איבערצײַגן, אָף וואָס מיר, עכטע פּאָליאַקן, זײַנען פֿײיִק. דו, אַלטער, קאָנסט מיר נאָך דערווײַל צוניץ קומען. נאָר געדענק: ווי פֿרײַער, טאָר אַפֿילו קיין פֿויגל ניט וויסן, אַז טאַדעק איז מײַן פּלעמעניק, און זאָלסט מיר אים ניט אוועקפֿירן אָף אײַער כאַלאָפּסקע וועג, אַניט וועל איך באַ דיר גיך אַרויסצײַען דעם קליאַק פֿון די ביינער.

אָף קיין „זײַ־געזונט” האָט דער זיידע מאַציי ניט אַרויסגעקוקט, נאָר מיט וואָס האָט די טיר זיך פֿאַרזינדיקט? פֿון אַזאַ עפּעס און פֿאַרמאַכן קאָן דאָך דאָס שטאַרקסטע האַלץ פּלאַצן. עמעס, די טיר איז גוט געמאַכט, זי איז אָף אַ סאַך ייִנגער פֿון אים און פֿאַרמאָגט אַ גרויסע מײַלע — זי הערט ניט און זעט ניט. נאָך דעם, וואָס ער האָט בלויז פֿאַר די לעצטע פּאָר שאָ זיך אָנגעזען און אָנגעהערט פֿון אָט דעם גאָרגלשנײַדער, איז שוין בעסער זײַן אַ שטיק האָלץ, איידער אַ מענטש.

אַזוי האָט דער זיידע מאַציי אַ קלער געטאָן. און נאָך האָט ער געקלערט: ווי אָט דער קאַלטער גאַזלען איז אין זיך פֿאַרגלייבט. ער איז אַן עכטער פּאַליאַק, און איך בין אַ פּאַסקודנע בידלע, ווילדגראָז, וואָס מע דאַרף מיטן וואָרצל אַרויסרײַסן. איך זאָל זײַן כאָטש אָף אַ יאָר צוואַנציק ייִנגער, וואָלט איך פֿון אַזוינע נאַרושעוויטשעס שטיקער געריסן. ער וויל, כ'זאָל טאַדעקן ניט אוועקפֿירן אָף אונדזער כאַלאָפּסקע וועג. צי דען פֿאַרשטייט ער טאַקע ניט, אַז זיי ביידע קאָנען ניט לעבן אָף איין ערד. נאָר וואָס שטיי איך עס ווי אַ געליימטער? מע מוז דאָך טאַדעקן ראַטעווען. ווו איז יאַדוויגע?

יאַדוויגע איז געזעסן אָפֿן דיל, ניט קענענדיק אַ ריר טאָן מיט קיין גליד. ווען ער האָט זי געגומען טאַרען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי קוקט אָף אים ווי אָף אַ פֿרעמדן, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי זעט אים אינגאַנצן ניט. דאָס מויל איז באַ איר געווען פֿאַרקרימט אָף אַ זײַט. וואָס איז דאָס נאָך פֿאַר אַן אָנשיקעניש? צי ער איז פֿון די געברענטע צאָרעס שיקער געוואָרן און די אײגענע אויגן פֿירן מיט אים אַ צולאָכעס־שפּיל?!

העכער פֿופֿציק יאָר אָפּגעלעבט אינײנעם, און קײנמאָל האָט זי זיך ניט געקלאָגט, אַז איר טוט עפּעס ווײ. ער — יאָ. וויפֿל מאָל האָט זי אים געפֿירט אין שטעטל צום פֿעלדשער, באַנקעס און פּיאַווקעס צענדליקער מאָל געשטעלט. מיט הייסן טײַך־זאַמד פֿאַרטריבן פֿון אים דעם ווייטעק אין די קרײַזשעס. ווו אַ קרענק, פֿלעגט זי צו אים צושטיין. נאָך אין יענער מיל־כאָמע איז ער שיער פֿון פּלעקטיפֿוס ניט געשטאָרבן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער זיך פֿון די בעהיימעס אָנגעשטעקט מיט עפּעס אַ קרענק ברוצעליאָז. נאָר אַז צו יאַדוויגען קאָן זיך צוקלעפּן אַ כוואָראָבע און זי זאָל ווערן האַלב מענטש — אַזוינס פֿאַטופֿעט זיך ניט באַ אים אין קאָפּ.

באַלד וועט ער איר דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער, און אַלץ וועט איבערגיין. דערנאָך וועט זי אויסבעטן טאַדעקן אַ געלעגער און אינצווייען וועלן זיי אים פֿאַמעלעכן אַריבערטראָגן אַהין און פֿרווון אָפּמינטערן. מע דאַרף אים אַרומוואַשן און איבערבינדן די ווונדן. אַכוץ איר, ווער קאָן עס טאָן?

ער טראָגט צו צו יאַדוויגעס ליפּן די מעשענע קוואַרט, נאָר די ליפּן לאָזן ניט דורך קיין טראָפּן וואַסער. עפּשער פֿון אַ לעפֿל וועט איר זײַן גרינגער צו טרינקען? אַלצײַנס גיסט זיך די וואַסער אָף צוריק. יאַדוויגעס קאָפּ קאָן ער ווי־עס־איז אונטערהייבן, אָבער זי נעמען אָף די הענט איז שוין ניט פֿאַר זײַנע קויכעס. לויפֿט ער פֿון יאַדוויגען צו טאַדעקן, וואָס ביידע ליגן זיי אָן באַוווּסטזײַן. אָפֿן וועג פֿאַרטשעפּעט ער זיך אין אַ טאַבורעט, וואַרפֿט אים אָפּ מיט קאָס און פֿאַרגייט זיך, ווי אַ קליין קינד, אין אַ געוויין.

ביידן אין קייווער פאַרטריבן

דעם קלאַפּ פון דער טיר, ווען דער סאָלטיס איז אוועק, האָבן רינע און בערעק גוט געהערט, נאָר פונוואַנען ווייסן זיי, צי איז עמעצער אַרײַן צי אַרויס און ווער איז עס געווען? דערווײַל האָט עס זיי נאָך קיינער ניט דערציילט. צו זיי איז דערגאַנגען דער באָבע יאַדוויגעס קוויטש, טאַדעקס געשריי. איצט האָט עפּעס אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין דיל. דער קאָפּ ווערט מאַמעש צעשפּאָלטן פון געדאַנקען. אין דרויסן איז שוין מיסטאָמע פינצטער, און קיינער רופט זיי ניט. דאָס הייסט, אַז זיי טאָרן זיך ניט באַווײַזן אין שטוב. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט, און באַ דעם מוזן זיי זיך האַלטן, נאָר עפּשער איז שוין ניטאָ, ווער עס זאָל זיי רופן? ניין, עס דאַכט זיך, ווי דער זיידע מאַציי ווײַנט. דאָס איז ניט צו גלייבן.

פּינקטלעך, וויפל צײַט ס'איז פאַרבײַ, איז שווער צו זאָגן. ס'איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען דער זיידע מאַציי האָט אין דער פינצטער זיך אַרופגעדראַפּעט אַפן בוידעם, — דאָס פלעגט שטענדיק טאָן טאַדעק, — צוגעגאַנגען צו דער סטערטע היי און זיי אַ רוף געטאָן.

זיי וואָלטן געוויס באַדאַרפט אין דער זעלבער נאַכט אַנטלויפן פון אָט דער שטוב, פונעם דאָרף, נאָר די מוירע פאַר זיך איז אין אָט דער ביטערער שאָ אָפּגעטראָטן אין אַ זײַט.

באַ דער שײַן פונעם קעראָסין־לאָמפּ האָט זיך געדאַכט, אַז דער באָבע יאַדוויגעס פּאָנעם איז גרוי, ווי אַש, טויט, ווי זי וואָלט געפאַלן אַף קיינמאָל ניט אויפשטיין. באַנאַכט האָט זי באַ רינען אײַנגעשלונגען עטלעכע לעפעלעך טיי מיט ברוסניצעס, און ווען רינע האָט מיט די פינגער געגומען לײַכט קעמען אירע גראָווע האָר, איז געווען אַ רעגע, ווען דער אַלטערס בליק האָט אויפגעלעבט, ווי באַדאַנקט רינען.

טאַדעק איז געלעגן מיט אַן איבערגעבונדענעם שטערן, מיט עטלעכע ריפּטלעך רויע קאַרטאָפל באַ די שלייפן. ער האָט געבערנט פון היץ. זײַן לײַב איז געווען אַזוי צענעריקט, צעשניטן, אַז ניט נאָר אַ מינדסטער ריר, נאָר אַ הויך וואָרט האָט פאַרשאַפט ווייטעק אין יעדן גליד. דאָך האָבן זיי פון אים אַראָפּגעצויגן די צעפּאַסעוועטע קליידער. רינע האָט מיט וואַרעמער געזאָטענער וואַסער אים אַרומגעוואַשן, דערנאָך מיט אַ ביסעלע יאָד, וואָס האָט זיך פאַרהיט באַ דער באָבע יאַדוויגע אין בופעט, באַשמירט זײַנע ווונדן. טאַדעק האָט געקריצט מיט די ציין, געקרעכצט, שווער געאָטעמט. עטלעכע מאָל האָט ער אין היץ גערופן די מאַמע. נאָכדעם האָט ער זיך באַרויקט. ווען בערעק איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער דינטלעך אַרויסגערעדט:

— איך וועל אים האַרגענען! — און די אויגן האָבן זיך באַ אים אָנגעצונדן. און מעגלעך דערפאַר, וואָס בערעק האָט אים געפרוווט אײַנשטילן, האָט ער איבערגעכאַזערט. — האַרגענען!

אין צוויי מעסלעס אַרום האָט רינע געבאַקן ברויט. אַזוינע קײַלעכדיקע לאַבנס, פון אויבן שטאַרק פאַרברוינט און פון אונטן אַ ביסעלע באַמעליקט, ווי באַ דער באָבע יאַדוויגע, האָט זיך באַ איר ניט באַקומען, נאָר אַלציינס זײַנען זיי געווען געשמאַק. דערנאָך האָט זי אָנגעריבן אַפּן ריבײַזן קאַרטאָפל, זיך געפּאָרעט באַ די זעקעלעך מיט רעפּעו־בלעטער, וואָס זײַנען געהאַנגען אַף דער וואַנט. דער זיידע מאַציי האָט שוין פון לאַנג זיך פאַרקליבן אַף זײַן געלעגער. געשלאָפן איז ער שווער, אומרויק. בערעק איז געזעסן לעבן טאַדעקן און ניט געלאָזט, אַז אַפילע די קאָלדרע זאָל זיך צו זײַן לײַב צורירן. איינס האָט בערעק באַ זײַן כאַוווער ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן — ער זאָל ליגן שטיל, ווי אָפּגעשוואַכט ער איז ניט געווען, האָט טאַדעק ניט געוואָלט און עפּשער ניט געקאָנט שווײַגן. מיט די מינדסטע אײַנצלהײַטן האָט ער דערציילט, וואָס זײַן פאָטער האָט פון אים געוואָלט. בערעק האָט איצט גוט כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט אָנגעמאָלט אַ מענוירע אַף דער שקאָטולקע. נאָך גוט, וואָס ניט מער ווי אַף איינער.

— זעט נאָר, זעט, — איז רינע צוגעלאָפן צו די ייִנגלעך, — וווהין איך זאָל זיך ניט קערן, קוקט מיר די באָבע יאַדוויגע נאָך.

און ווירקלעך. אויך איצט האָט זי געקוקט אַף רינען. אירע ליפּן, וואָס זײַנען קימאַט די גאַנצע צײַט געווען אַזוי פאַרקרעמפּעוועט, אַז זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין איין דין שנירל, האָבן זיך באַוועגט. זי האָט, ווײַזט אויס, עפּעס געזאָגט, נאָר וואָס — דאָס האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען. איר פּוסט אָנצייַנערדיק מויל איז געווען ווי אָנגעשטאָפּט מיט קאַשע, קיין איין וואָרט האָט זיך ניט אָפּגעקלעפּט פונעם אַנדערן. דער רעכטער טייל פונעם קערפּער איז באַ

דער באַבע יאַדוויגע געווען אינגאַנצן אָפּגענומען. דאָס פּאָנעם איז געווען ווי פאַרגליווערט, און דאָך האָט עס זיך געלויכטן פון גוטסקייט. לויט דער טרער, וואָס האָט זיך געשטעלט בא איר אין די אויגן, האָט זיך געלאָזט פאַרשטיין, אַז זי פילט, וויפל האַרציקייט און דאַנקבאַרקייט צו איר איז אויסגעדריקט אין די בליקן פון בערעקן און רינען. טאַדעק האָט אויך געוואָלט אופהייבן דעם קאָפּ, א קוק טאָן אַף דער באָבע יאַדוויגע, נאָר דאָס האָט נאָך דערווײַל בא אים זיך ניט באַקומען.

ס׳זײַנען אַדורך נאָך א צוויי וואָכן. טאַדעק האָט ביסלעכווײַז געגומען קומען צו־זיך. דער באָבע יאַדוויגעס צושטאַנד איז פאַרבליבן קימאַט ווי געווען. און גראָד דעם טאָג, ווען אויך איר איז געוואָרן א ביסל גרינגער, די אויגן זײַנען לויטערער געוואָרן און זי האָט אפילע שוין עטוואָס געגומען רירן מיט דער רעכטער האַנט, האָט זי פאַרנאַכט, פּרוּוונדיק זיך עפּעס זאָגן, פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן. זי האָט שווער געכאָרכלט, און דאָס איז געווען דער איינציקער סימען, אַז זי לעבט נאָך. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז ס׳זײַנען אָנגעקומען אירע לעצטע רעגעס. פאַר דער נאַכט איז איר בעסער ניט געוואָרן, נאָר אויך, כאָלילע, ניט ערגער.

פאַרטאָג האָט דער זיידע מאַציי אײַנגעשפּאַנט דאָס פערד און זיך געלאָזט צום סאָלטיס נאָך א דערלויבעניש צו פאָרן אין שטאָט ברענגען א פעלדשער.

נאַרושעוויטש, כאָטש דאָס פּאָנעם איז געווען בא אים פאַרבלאָזן, די נאָז רויט און אופגעשוואָלן, איז אין אָט דער פרי׳ער שאָ געווען גוט אופגעלייגט. ער האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן זײַן לעצטן וויזיט באַם פאַסטעך, דערפאַר עטלעכע מאָל זיך נאָכגעפרעגט אַף טאַדעקן און אפילע געייצעט וואָס גיכער אויסזוכן א דינסטמיידל, וואָס זאָל אָנשטאָט דער אַלטער פירן די ווירטשאַפט, קאָכן, באַקן, וואַשן.

— בעסער וואָלט געווען, — האָט ער געזאָגט, — אויב דאָס וועט זײַן א פרוי צי א מיידל פון דער פרעמד. פאַר איר דאַרף טאַדעק אָנגיין ווי דײַנס אַן איינקל, און נאָך בעסער וועט זײַן, זי זאָל ווײַטער פונעם הויף איר נאָז ניט אַרויסשטעקן.

דער פעלדשער איז געקומען און ניט קיין פּראָשעק, ניט קיין פּילן דער קראַנקער ניט צוגעשריבן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע די האָרן־ברילן און איז שוין גרייט געווען פאָרן אַף צוריק.

— דאָ, — האָט ער געזעדט מיט א האַלב מויל און זיך פאַרגאַנגען אין א קרענקלעך הוסטל, — האָב איך שוין ניט וואָס צו טאָן. ס׳איז גיי זוך א שטערן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פונעם הימל און א בליץ געטאָן אַף א רעגע. העלפן אין אַזא פאַל דעם קראַנקן איז נאָך ערגער, ווי ניט העלפן. זי קאָן זיך נאָך אָפּמוטשען א טאָג און צוויי, נאָר זי פילט שוין גאָרניט. באַם לעבן איז זי שוין ווי טויט. ס׳איז אַן אינסולט, א בלוט־שטורץ.

עטלעכע שאָ נאָך דעם האָט דער זיידע מאַציי, ווי די אייוורים וואָלטן אויך אים אופגעהערט דינען, זיך געפונען אין א פאַרגליווערטן צושטאַנד. דערנאָך האָט עס אים א הייב געטאָן פון אָרט:

— וואָס האָט ער זיך דאָ צעהאָלדערט, דער אָנגעבלאָזענער אינדיק? מעשוגע אָפּן גאַנצן קאָפּ! פאַר אים איז זי שוין באַם לעבן טויט. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ער קען זי, ער ווייסט זי? איך איינער און די מאַטקאַ באָסקאַ, פאַרשטייט זיך, ווייסן אַלע אירע פּאָוואָדקעס. יאַדוויגע איז ניט פון די, וואָס וועט מיך איבערלאָזן איינעם אַליין. אָן איר — ווער און וואָס בין איך? א קראַנקער, צעבראָכענער זאַקן, וואָס ווייסט ניט, ווו זיך א קער טאָן.

אַף מאָרגן, נאָך איידער ס׳האָט זיך געשטעלט דער גרוי־בלייכער פרימאָרגן, איז די באָבע יאַדוויגע אָן א קרעכץ אויסגעגאַנגען.

באַגראָבן האָט מען זי באַנאַנד מיט יוזעפן. זאָל עס דערמאָנען, אַז איין גאַזלען האָט זיי ביידן אין קייוער פאַרטריבן.

פאָרזעצונג קומט

מישע מאַגילעוויטש *

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד” באַגריסן האַרציק דעם דיכטער מישע מאַגילעוויטש מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און שעפע־רישע דערפאָלגן.

אויף דער לאַנקע פון מײַן האַרץ

סײַ פראָסט, סײַ היימיש

כ׳האָב א סאָד מיט הויכעביימער,
כ׳האָב א פעלד מיט פולע זאַנגען,
און דער וואַלד איז מיר אויך היימיש
מיט די פויגלשע געזאַנגען.
אויף די ריכטימער און גיטער
ווערט די זון ניט אויסגעלאָשן,
מיטן רעגן און געוויטער
רעד איך אויף מײַן מאַמעלאָשן.
כ׳רעד אַזוי מיט טײַכן, יאַמען,
ווי געוועדט כ׳האָב מיט מײַן זיידן,

ווי געוועדט כ׳האָב מיט מײַן מאַמען,
כ׳רעד מיט זיי, ווי מענטשן ריידן.
און זיי ענטפערן מיר אַלע,
אויף מײַן שפּראַך אין מײַנע לידער —
די געוויקסן, באַלעבאַטים,
ווי די בעסטע פרײַנט און ברידער.
און איך קינצל ניט די ווערטער,
כ׳רעד מיט זיי סײַ פראָסט, סײַ היימיש,
ס׳ווערט צעוואַקסן דאָס געבלעטער
אינעם סאָד אויף מײַנע ביימער.

אין האַלבנאַכט

אין שטיוול סאָלדאַטסקע פון ווײַטן האַלבנאַכטיקן וועג
איז מײַן טאַטע געקומען און מיך פון דעם שלאָף אויפגעוועקט:
„מירן גיין צו דער מאַמען אַהין, אין סירעץ, זאָלסט מיר נאָכגיין, מײַן זון.
אין דרויסן איז אָסיען, דעם וואַרעמען מאַנטל טו אָן...”

כ׳הייב זיך אויף פונעם בעט, נאָר איך זע לעבן זיך ניט דעם טאַטן.
— ווו ביסטו אַנטרונען, פאַרוואָס האָסט דײַן וואָרט ניט געהאַלטן?
אָן מיר צו דער מאַמען, צום ברודער איסאַקן אַוועק ביסט אַליין,
און כ׳ווייס ניט, וווּהין און מיט וואָסערע וועגן צו גיין.
עס שלאָפן די הײַזער, די ביימער, די קראָמען אין שטאָט.
עס שלאָפן די סקווערן, עס שלאָפן די פייגל אין סאָד.

איך גיי און איך גיי, און אָט ווידער דער טאַטע מיך רופט:
„אהער, אַף דעם אָפּריס פון יאַר, אָ, מײַן זון, הייב זיך אוף!
כ׳בין אַנגעטאָן, זעסט, אין אַ מאַלבעש פון קאַלטן גראַניט.
איך שטיי מיט אַ ביקס אַפן דענקמאָל, די רויִקײַט כ׳היט״.

איך לויף און איך לויף, און איך קלעטער אַרוף אַף אַ באַרג.
און איך זע, ווי די נאַקעטע מענטשן — זיי פאַלן אין יאַר.
איך שרײַ צו דער ווײַט, צו דער נאָענט, צו דעם מאָנומענט:
— איך זע דיך ניט, טאַטע, צי עפּשער כ׳האָב דיך ניט דערקענט!
געײַלט כ׳האָב צו דיר ווי אין כאָלעם, נאָר אָט — ביסט ניטאָ...
ס׳גייט אויס שוין דאָס לעצט ביסל רויִע לעוואָנע אין שטאָט.

און ווידער איך הער פון דעם ווײַטן האַלבנאַכטיקן וועג:
„איך בין מיט דער מאַמען, מיטן ברודער איסאַק אין באַנאַכטיקן הימל אַוועק״...

אין דער גרינער וועלט פון טרוימען

כ׳נעם צוזאַמען אויף די טרוימען
אַף דער לאָנקע פון מײַן האַרצן,
און די וועלט זיך טוט באַקרוינען
מיטן גאָלד פון רײַפע האַרבסטן.
כ׳בין דאָס פערד, און כ׳בין דער רײַטער,
ס׳איז דער אָנטרײַבער דאָס לעבן.
טראָג איך זיך אין וועלט פאַרשײַטער,
פליט מײַן אומרו־ווינט דערנעבן.

און עס טרעפט, עס כאַפּט מיך אונטער
ניט קיין בוהײַ אַף די הערנער,
נאָר אַ פרײַנט מיט טײַנעס הונדערט,
שטעכיקע, ווי בייזע דערנער.
גלוסט זיך מיר נאָך שנעלער טראָגן
ערגעץ אין די ווײַטע רוימען
אַפן שיינעם פערד פון מאָרגן
אין דער גרינער וועלט פון טרוימען.

דער ווינטער שטאַרבט

דער קראַנקער ווינטער שטאַרבט אַף אַלע וועגן,
זײַן שניי זײַן מאָגערער גייט לאַנגזאַם אויס,
און ס׳אָטעמט אײַן דער טאָג אַ נײַע זון אַנטקעגן
און אַף דער ערד דעם פרילינג פירט אַרויס.
און זון־שטראַלן, ווי ווונדערלעכע פינגער,
דעם קנופּ פון קנאָספּ צעבינדן אַף אַ בוים,
אַ בלעטל, וואָס פון פלאַטערלעך איז פלינקער,
שיסט אויס צעקנאַלנדיק אין אויסגעבלויטן רוים.
איך קוק זיך אײַן אין אָט דער וועלט צעשטראַלטער.
ווער טראָגט אַזויפיל ליכט, איז מיר ניט קלאָר —
צי אָט די ווערבע, צי דער באַרג דער אַלטער,
צי אָט דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר...

די צײַט איז אַוועק

איך קען ניט פאַרשטיין, צוליב וואָס, צוליב ווען
עס האָט מײַן זיקאָרן דיך ווידער דערזען.
אַז אַלץ איז שוין לאַנג מיטן וואַסער אַוועק
און וויסן מיר איצט, דוכט זיך, האָט ניט קיין צוועק,
צי האָסט ניט געליבט מיך, צי האָסט יאָ געליבט —
עס האָט אונדזער צײַט סײַוויסײַ אָפּגעבליט.
איך בלאָנדזשע אַרום אינעם האַרבסטיקן סאָד.
די בלעטער, וואָס פאַלן פון ביימער, — אַ שאָד.
נאָר ס׳וואַרעמט מײַן האַרץ זייער גאָלדענע ליכט,
אַזוי ווי די שײַן פון דײַן מיידלן געזיכט.

אזא מין נאכט

אזא מין נאכט, א בלויע, אויסגעשטערנטע...
איך פיל, ווי נאָענט קלאפּט דײַן הארץ.
אזא מין נאכט, א ווארעמע, א ווערבענע,
א קישעף־נאכט אזא, אז דו פארגעסט פון אלץ.
און ס׳רוישט דער וואלד מיט טרויער און מיט איינזאמקײַט,
דערמאָנט אין גליקלעכע אין דורכגעלעבטע טעג,
און ס׳דוכט זיך אויס, אז סוידעס, טרוימען אייגענע
צוזאמען מיט דער נאכט וועלן אוועק.

דער שטערן און די בעריאָזע

דער שטערן איז פריילעך, די שײַן זײַנע שפּילט —
אין א יונגער בעריאָזע ער האָט זיך פארליבט.
אזוי זיך פארליבט, מערער קאָן שוין ניט זײַן,
ער נעמט זי ארום מיט זײַן ליכטיקער שײַן.
די ליפּן בא איר זײַנען זאפטיק און פריש,
זיי לעכצן א הייסן, א גאָלדענעם קוש.
עס ציט, ווי מיט צוואנגען, דעם שטערן אראָפּ,
א ווײַלע — אָט רײַסט ער פון הימל זיך אָפּ,
דער יונגער בערעזקע ער פאלט אפן האלדז,
און באלד ווערט צעריסן אף שטיקער זײַן הארץ.
עס האָט קוים באוויזן זײַן פײַער, זײַן פלאם
א הייסן, א ליכטיקן ברי טאָן איר שטאם.
איצט שטייט די בערעזקע און קוקט אפן שליאך
און ווארט אפן שטערן א טאָג מיט א נאכט.

דערמאָנונגען

עס האָט זיך צעדונערט דער גאנצער ארום,
און ווילד טראָגט א וויכער אף שליאכן זיך אום,
ווי גלײַך ער וואָלט וועלן דערמאָנען מיט קאס:
דער קויעך פון לעבן איז שטארקער פון אלץ.
צי עפּשער א ווידערקאָל קומט פון אמאָל:
צעשניטן די לופט ווערט פון בלײַ און פון שטאָל,
א ווײַטער געקלאנג פון מילכאָמישע טעג,
וואָס ווידער מײַן הארץ, מײַן זיקאָרן ער וועקט.

און עפּשער גאָר הער איך דעם טראָט פון א דאָר,
וואָס קומען ערשט דארף איבער צענדליקער יאָר,
א דאָר פון מײַן לאנד, פון מײַן העלדישן פאָלק —
פון נײַע פלאנעטעס דערהער איך זײַן קאָל.

אינעם הײַנטיקן נומער פון אונדזער זשורנאַל פאַרעפנטלעכן מיר צוויי נײַע קאַפּיטלען, וואָס דאָוויד דראַגונסקי האָט אָנגעשריבן פאַר זײַן דאָקומענטאַלער דערציילונג „מענטשן אַף דער מילכאָמע‟, וועלכע וועט אינגיכן דערשײַנען אין אַ באַזונדער בוך אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל‟.

אין זשורנאַל־וואַריִאַנט פון דער דערציילונג, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד‟ האָט אָפּגעדרוקט אין די נומערן 3—6 פונעם 1971 יאָר, זײַנען די דאָזיקע קאַפּיטלען ניט אַרײַנגעגאַנגען.

דאָוויד דראַגונסקי

צווײ מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, גענעראַל־פּאָלקאָווניק פון טאַנקען־מיליטער

עלף זײַנען מיר געווען

ביז איצט ציט מיך צום דאָרף סוויאַטסק, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט די קינדהײַט און די פריִע יוגנט. דאָס דאָרף ליגט אַף דער גרענעץ פון ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע און רוסלאַנד — דרײַסיק קילאָמעטער פונעם שטעטל נאָוואָזיבקאָוו, ניט ווײַט פון בריאַנסק.

די געדיכטע וועלדער פון סאָסנעס און יעלן, וועלכע ציִען זיך אײַנדזלענווײַז איבער די ראַכוועסדיקע פעלדער, זײַנען זומער און ווינטער אָנגעטאָן אין גרינס. ווינטער באַדעקט אַ טיפער שניי די וועלדער און די פעלדער, און די שווערע לאַפּעס פון די יעלן בייגן זיך אָן ביז דער ווײַסער ערד, וואָס וואַרעמט זיך אונטערן שניי. די פענצטערלעך פון אונדזער קליינעם שטיבל זײַנען באַמאָלט מיט רענצעלעך און קרענצעלעך, מיט שניי־בלומען און ווײַסע ביימער.

נאָר אין שטוב איז וואַרעם און היימלעך. די מאַמע, די ברידער און שוועסטער פאַרנעמען זיך מיט זייער אַרבעט, דער טאַטע שטעפּט אַף זײַן „זינגער‟־מאַשינדל, די מאַמע האָט אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל, זיי אויסגעשאָטן פונעם גרויסן טאָפּ אין דער שיסל, וואָס שטייט אינמיטן טיש, און מיר, די גאַנצע כאַליאַסטרע, כאַפּן די הייס־זודיקע קאַרטאָפל, טונקען זיי אין זאַלץ און פּיקן געשמאַק.

באַנאַכט, ווען ס׳שפּילט אַ וויוגע, דערטראָגט זיך דער גערויש פונעם וואַלד. דורך די לאָדנשפּאַלטן, וואָס זײַנען פאַרמאַכט, רײַסן זיך אַרײַן מעגושעמדיקע שאָטנס, און עס ווערט עפּעס אַזוי אומרויִק־גוט, די אויגן פאַרמאַכן זיך פון זיך אַליין, און עס דאַכט זיך, אַז אַהער דערטראָגן זיך עמעצנס טריט — אָט־אָט וועט דער עמעצער אָנקלאַפּן אין פענצטער. נאָר קיינער קלאַפּט ניט. און ווען איך ווער אַנשלאָפן, כאַלעמט זיך, אַז דאָס קלאַפּט דאָס קליינינקע דעמבענע ביימל, וואָס איך מיט דער קלענסטער שוועסטערקע כײַע האָבן פאַרזעצט הינטער אונדזער פענצטער.

כײַע איז אונדזער מיזינקע, איך בין נאָך אויך אַ קליינער, דער פינפטער לויט דער

ריי, נאָר נאָך מיר זײַנען פאראַן נאָך זעקס — א געזינד פון דרײַצן — דער טאַטע, די מאַמע, און עלף קינדער זײַנען מיר געווען.

...און פרילינג, ווי נאָר דער שניי צעגייט, ווערן די הילצערנע שטיבער פון סוויאַטסק, וואָס זײַנען ארומגערינגלט מיט פּאליסאדניקעס — מיט שטאקעטניקעס, אײַנגעהילט אין גרינס, אין מאַלינע־קוסטעס און אין קוסטעס פון אַגרעסן און ווײַמפּערלעך, אין הויכן בוריאַן מיט בודיקעס און מיט ווײַסע גראַמאָפאָנדלעך, וועלכע מיר טוען אָן אַף די הענט און שרײַען: „כאָנע מיט די לאַנגע פינגער"...

און די אומענדלעכע פעלדער ארום דאָרף באַדעקן זיך מיט ווײַסן און מיט ראָזלעכן קאַרטאָפל־צוויט. די פעלדער ציִען זיך ווערסטן און ווערסטן — דאָס אויג איז ניט אימשטאַנד זיי ארומצוכאַפּן.

ניט אומזיסט האָט מען אונדז אַלעמען — די אײַנוווינער פון די דערפער און שטעטלעך — גערופן די בולבעניקעס. בולבע איז געווען אונדזער ברויט, אונדזער פלייש, אונדזער ערשטע און בעסטע שפּײַז. דער טאַם פון די מײַכאָלים, וואָס מײַן מאַמע האָט געמאַכט פון פּאַשעטע קאַרטאָפליעס, געדענק איך נאָך ביז איצט, און ניט נאָר מײַן מאַמע ראָכל איז געווען אזא מין בעריע. אין אַלע פינף הונדערט הויפן פון סוויאַטסק האָט געשמעקט מיט די זעלבע נאַשערײַען.

סוויאַטסק האָט זיך גערעכנט פאַר א גרויס דאָרף. אַנדערע האָבן עס געהאַלטן פאַר א שטעטל. דאָ האָבן געלעבט רוסן און פּאָליאַקן, ווײַסרוסן און אוקראַיִנער און אויך העכער הונדערט ייִדישע מישפּאָכעס.

דעמלט, אין דער צײַט פון מײַן קינדהײַט, זײַנען קיין געמישטע כאַסענעס קימאַט ניט געווען. אויב אַזעלכס ווי אַן אויסנאַם האָט געטראָפן, איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט א ראָמאַנטישער ליבע פון צוויי יונגע נעשאָמעס, און דערמיט האָט גערוישט דער ארום. אָבער דאָס גאַנצע דאָרף האָט געלעבט צווישן זיך גוט. איינער דעם אַנדערן האָט געאַכטעט. דאָ האָט דוירעסווײַז געלעבט אַן אַרבעטער־אוילעם, וואָס האָט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז מי. די רוסן האָבן זיך אַמערסטן פאַרנומען מיט שוסטערײַ. די אוקראַיִנער זײַנען געווען באָנדערס, געמאַכט וועגענער, שליטנס; מיט ערד־אַרבעט האָבן זיך פאַרנומען די ווײַסרוסן. נו, און די ייִדן — מיט שנײַדערײַ און קירזשנערײַ.

מײַן טאַטע אַווראָם בען שלוימע איז אויך פון קאַמע יאָרן געווען א שנײַדער, און אויב זאָגן דעם גאַנצן עמעס, גאָר פון ניט די וואַזשנע באַלמעלאָכעס — א טאַנדעטניק. אָבער ער איז געווען, אָלעווהאַשאָלעם, אַן עמעסער האָרעפּאַשניק, וועלכער האָט געקענט מיט זײַן „זינגער"־מאַשינדל, וואָס ער האָט שטענדיק געטאַסקעט מיט זיך, באַדינען פאַר איין טאָג א גאַנץ דאָרף.

סוויאַטסק האָט געהאַט צוויי קלויסטערס, א סאָבאָר און א בעסמעדרעש.

אָסיען־צײַט, ווען ס'איז אראָפּגענומען געוואָרן די גערעטעניש, ווען אין יעדן הויף האָט געשמעקט מיט פרישן גרינס, מיט רײַפע פּיירעס און די ווינטערדיקע סאָרטן עפּל און באַרן זײַנען נאָך שווער געהאַנגען אַף די ביימער, האָט מען אין דאָרף געפּראַוועט כאַסענעס, און אַף יעדער כאַסענע פלעגן קומען קימאַט אַלע טוישווים פון דאָרף — רוסן און ווײַסרוסן, אוקראַיִנער, פּאָליאַקן און ייִדן. און מײַן טאַטע, אַווראָם דראַגונסקי, איז שטענדיק געווען דער ערשטער און אָנגעלייגטסטער גאַסט. א הויכוווּקסיקער, מיט ברייטע געזונטע אַקסל, א שטענדיק פריילעכער און שאַרפזיניקער, האָט ער זיך אויסגעטיילט פונעם אוילעם, זיך אויסגעטיילט אויך מיט קענען מאַכן א לעכאַיִם.

פאַר די אויגן שטייט מיר קעסיידער א יאָמטעוודיק־געקליידטער אוילעם, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט בא אונדזערן א שאָכן אין הויף. די דאָרפישע מיידלעך זײַנען אויסגעפּוצט אין בונטע ספּידניצעס, מיט סטענגעס און בלומען אײַנגעפלאָכטענע אין די צעפּ, א יונג פּאָרפאָלק, וואָס האַלט זיך פאַר די שפּיץ פינגער, אוןביידע שעמען זיך אופהייבן דעם בליק. די האַרמאָשקע שפּילט, און די מיידלעך מיט די יונגע באָכערים לאָזן זיך אין א פריילעכן קאַראַהאָד. און פּלוצעם רײַסט זיך ארײַן אין דער מיט פון דער ראָד מײַן טאַטע. די צעשפּיליעטע פּאָלעס פונעם פּידזשאַק צעפליִען זיך אין די זײַטן, ער דרייט זיך געשווינד, מאַכט קונציקע דריידלעך מיט די פיס, און דער אוילעם האַלט אים אונטער מיט א פּליעסקערײַ פון די הענט, מיט פריילעכע אויסגעשרייען... און אַף מאָרגן, קאַיאָר, ווען די גאַנצע וועלט שלאָפט נאָך, וועט ער זיך אופהייבן פונעם געלעגער, שטילערהייט זיך אָנטאָן, אָפּגיסן נעגלוואַסער, אַפּגיך אָנטאָן די טפילן און פלינק אָפּמורמלען דאָס איינדערפריִעדיקע דאַווענען און אַוועק מיט זײַן „זינגער"־מאַשינדל אינעם אָרעמען דאָרף ווערעשטשאַטי, יאַלאָווקאַ אָדער ניעגליופּקאַ און דאָרט אָפּאַרבעטן א גאַנצע וואָך.

די דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אומגעגנט פון סוויאַטסק, זײַנען געווען שטרענג אײַנגעטיילט צווישן די פיר ברידער דראַגונסקי, וועלכע זײַנען אַלע געווען שנײַדער. די ברידער מיט זייערע ווײַבער, זין און טעכטער, איידעמס און שניר האָבן ניט באַטראָטן די ערד, ווו עס האָבן געוועלטיקט די אַנדערע.

דער פעטער מײַנער, מוישע, האָט געהאַט אין זײַן רעשוס די רײַכסטע דערפער, ער האָט געקיניגט אין זאַקרוזשיע, בערעזאָווקא, אַטשעס־אַרודניא.

דער פעטער זעליק האָט באַקומען אַלס יערושע די דערפער סטאַראָ־ווישקאָוו, באָבאָוויטשי, קאַטיטשי — דאָס זײַנען אויך געווען פאַרמעגלעכע דערפער, ווו עס האָבן געלעבט רײַכע פויערים, באַלעגופים.

ניט איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז אַן אָרעמער פויער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אונדזער שטוב, אַרויסגערופן די מאַמע און לאַנג מיט איר אײַנגעטײַנעט:

— איך דאַרף ניט אײַער מוישען, און איך וויל ניט וויסן פון אײַער זעליקן. זאָלן זיי רײַסן די הויט פון די, וואָס פאַרמאָגן אַ סאַך. איך וויל, אַז אײַער אַווראָם זאָל מיר אופנייען וואָס איך דאַרף, ער איז אַן ערלעכער ייִד, אַ מענטש מיט סאָוועסט.

די מאַמע מײַנע, אַ גוטע נעשאָמע, האָט געפּרוווט דערקלערן דעם פויער, אַז אינעם דאָרף באָבאָוויטשי אַרבעט קאַמע יאָרן זעליק, דער עלטערער שוואָגער, אַז איר אַווראָם טאָר ניט אָפּשלאָגן דאָס שטיקל ברויט בא אים, ס׳איז דאָך ניט יוישערדיק...

— וואָס הייסט ניט יוישערדיק? — האָט געטײַנעט זײַנס דער פויער. — ניט יוישערדיק איז באַרײַסן אַן אָרעמאַן. פאַרוואָס נעמט אײַער אַווראָם פיר מאָל ביליקער פאַר דער זעלבער סוויטקע, ווי מוישע אָדער זעליק?

און די מאַמע פלעגט שטענדיק געפינען אַן אויסוועג.

— ווייסט איר גאָר וואָס, — האָט זי אָפּגעמאַכט מיטן פויער, — צו אײַך אין דאָרף קאָן מײַן אַווראָם ניט קומען. איז מאַכט ניט קיין טומל, איך וועל נעמען אײַער שטיקל אַרבעט אַהיים און מירן עס שטילערהייט דאָ אַרויספּאַרטיקן.

דער פויער צי די פויערטע האָט גאָרניט געוווּסט, וויאַזוי צו באַדאַנקען די מאַמע, איר אָנגעווינטשעוועט געזונטע און גליקלעכע יאָרן.

פון דאָרף צו דאָרף איז דער טאַטע מיט זײַן ניי־מאַשינדל אַרומגעגאַנגען. פון אַן אַלטן מאַנטל געמאַכט אַ שפּאָגל־נײַעם פּידזשאַק, פון אַ צעלעכערטן פּידזשאַק — אַ וועסטעלע פאַר דער באַלעבאָסטע, פון אַן אָפּגענוצטער ספּידניצע — אַ קאָפּטל פאַר דער טאָכטער, אַ פּאָר הייזלעך פאַרן מיזיניקל. די פויערים פלעגן גאַפן, צוקוקנדיק זײַן דערפינדערישקײַט.

דער טאַטע האָט געניייט און אונטערן טאַקט פון דער שטעפנדיקער מאַשין אונטערגעמורמלט:

האָב איך מיר אַ מאַנטעלע פון אַלט געוואַנט,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
מע קאָן עס, גלייבט מיר, ניט נעמען אין דער האַנט,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
דעריבער האָב איך זיך באַטראַכט
און האָב פונעם מאַנטל אַ פּידזשאַקל זיך געמאַכט...

צוזאַמען מיט זײַנע צײַטווײַליקע באַלעבאַטים האָט דער טאַטע געגעסן איבערבײַסן — אַ גרינעם באָרשטש מיט אַ שטיקל סאַלע און קנאָבל, און אַף וואַרמעס ווידער באָרשטש מיט הירזשענער קאַשע אָדער געבראָטענע בולבעס. און אַף וועטשערע נאָכאַמאָל בולבעס, אָבער שוין געריבענע אַף אַ געדיכטן ריבײַזן און אויסגעבאַקענע אַף אַ הייסער סקאָווראָדע. און אויב דערצו האָט דער באַלעבאָס נאָך אַוועקגעשטעלט אַ שקאַליקל סאַמאָהאָן, האָט דער טאַטע שוין פריילעך געמאַכט דאָס גאַנצע דאָרף. אָפּדערנאָכט האָט אַף דער פּריזבע זיך פאַרזאַמלט יונג און אַלט און זיך אײַנגעהערט אינעם טאַטנס בײַקעס, געלאַכט און געשפּאַסט צוזאַמען מיט אים. אָ, רעב אַווראָם איז בא זיי שטענדיק געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט! און טאָמער האָט דער אײַנגענייטער אַרבל זיך אַ ביסל געקנייטשט צי אײַנגעשניטן זיך אין דער פּאַכווע — איז דאָס ניט קיין אומגליק, דערפאַר אָבער טוט אַ קוק, וואָס פאַר אַ שיינע לאַטע ער האָט געלייגט דעם זיידן אַף די הויזן!

שווער אָפּגעאַרבעט די גאַנצע וואָך, פלעגט דער טאַטע פרײַטיק פאַרנאַכט זיך לאָזן אַף שאַבעס אַהיים.

ווען איך בין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, פלעג איך מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק אַוועקלויפן צום טאַטן אין דאָרף, ווו ער האָט געאַרבעט, איבערנעכטיקן צוזאַמען מיט אים די פּאָר נעכט און פרײַטיק אָפּדערנאָכט זיך אומקערן אַהיים.

אַך, ווי איך האָב ליב געהאַט די דאָזיקע צײַט!

גאַנצענע טעג פלעג איך צוזאַמען מיט די דאָרפישע ייִנגלעך איבערליגן באַם טײַך אָדער אין וואַלד. שפּרינגען פונעם הויכן ברעג אין וואַסער אַרײַן, זיך הוידען אַף די צווײַגן פון די ווערבעס, וועלכע זײַנען געהאַנגען איבערן טײַך, רײַסן ניס און אָזשעניצעס אין די וועלדער און עפּל און באַרן אין פרעמדע סעדער.

ניט איין מאָל האָב איך דערפאַר אַרײַנגעכאַפּט אַ פלאַמיקן פּאַטש פונעם טאַטן.

— טאַסקען פון פרעמדע גערטענער איז ניט קיין קונץ, — פלעגט דער טאַטע אַזש קריצן מיט די ציין, — דו פּרוּוו פּריִער עס פאַרדינען!

נאָר באַנאַכט, ווען איך פלעג באַנאַנד מיט אים אײַנשלאָפן אין דער קלוניע אַפן שמעקנדיקן היי, פלעגט ער אַרופלייגן די האַנט אַף מײַן געשוירן קעפּל און שטיל מיר גלעטן די ווייכע האָר. איך האָב געמאַכט זיך שלאָפנדיק

און אין דער פינצטער געשמייכלט — כ'האָב פארשטאנען, אז כאָטש דער טאטע האָט מיר ארײַנגעטיילט, האָט ער דאָך מיך ליב. איך האָב דאָך אים אויך שטארק ליב געהאט...

שאבעס האָט דער טאטע געפראוועט אין דער היים. אינדערפרי פלעגט ער נעמען דאָס טאלעס־זעקל מיט די טפילן, אָנטאָן דעם שאבעסדיקן סערדעט און זיך לאָזן פאמעלעכן אין בעסמעדרעש. ער האָט געפאָדערט, אז מיר אלע, זײַנע זין, זאָלן אויך מיטגיין מיט אים דאווענען. מיר האָבן ניט געוואגט זיך קעגנשטעלן, נאָר אײַנגיכן, ווי נאָר אין בעסמעדרעש האָט זיך צונויפגעזאמלט אן אוילעם, זײַנען מיר נעלעם געוואָרן, זיך צעקראָכן, זיך אויסגעדרייט פונעם טאטנס האזשגאָכע. דער טאטע האָט געדאווענט זייער ערנסט, זיך געשאָקלט, אויסגעשריגן באזונדערע ווערטער און פראזעס, כאָטש דעם טײַטש פונעם געזאָגטן האָט ער קנאָפּ פארשטאנען. מיר האָבן געוווּסט, אז מיט זײַן דאווענען וויל ער פארמאָליען די זינד, וואָס ער איז באגאנגען די גאנצע וואָך, פארן עסן טרייפס, פאר ניט נעמען קיין וואָרט איווּרע אין מויל ארײַן, און אויך פאר די זינדיקע געדאנקען, וואָס פלעגן קומען אפן זינען — וועגן דער ניט־גערעכטיקײַט פונעם אייבערשטן. מיר, קינדער, פלעגן אָפט כויזעק מאכן:

— דער טאטע פארשמירט מיטן דאווענען זײַנע זינד!

און דער עלטערער ברודער מײַנער פלעגט מיט גרויס ערנסט ענטפערן דעם טאטן, ווען יענער האָט געפאָדערט פון אים דאווענען ווי עס געהער צו זײַן:

— ערגער זיך ניט, טאטע, ווען איך וועל זיך פארזינדיקן, וועל איך אויסבעטן באם אייבערשטן, ער זאָל מיר מויכל זײַן.

דער טאטע האָט ליב געהאט מענטשן און לאנג ניט געהאלטן קיין קאס, אפילע אף זײַנע סאָנים. די שכיינים, ייִדן און ניט־ייִדן, האָבן געוווּסט, אז בא אווראָם דראגונסקין קאָן מען שטענדיק איבערכאפן א גמילעס־כעסעד. אויב ער אליין האָט אין דעם מאָמענט קיין מעזומענע קאָפּעקע ניט, וועט ער ערגעץ קריגן און דיר אנטלײַען. ער האָט קיין נויטבאדערפטיקן קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. מענטשן האָט דער טאטע געשעצט לויט זייער מי, ניט פארטראָגן קיין ליידיקגייער, קיין גאָטס סטראפּטשעס. אונדז, קינדער, האָט ער פון קליינווײַז אָן געלערנט די מעלאָכע פון שנײַדערײַ.

— בא מיר, — האָט ער געטײַנעט צו דער מאמען, — וועלן זיי ווערן גוטע שנײַדער, בעסערע פונעם טאטן. קיין בײַדעקעס וועלן זיי בא מיר ניט שלאָגן, מעגסט זײַן זיכער, הערסט, וואָס איך רעד צו דיר, ראָכל!

די מאמע האָט געשמייכלט און געטראכט אירע געדאנקען. איר האָט זיך געוואָלט, אז די קינדער, די זין און טעכטער אירע, זאָלן האָבן א בעסערע דאָליע, ווי זי. און ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע, איז זי זיכער געווען, אז די יאָרשים אירע שטייט פאָר גאָר אן אנדער לעבן. נאָר ביז דעמלט איז נאָך געווען ווײַט, און די מאמע האָט, ניט געקוקט דערויף, וואָס אף אירע הענט זײַנען געווען עלף קינדער, ביז שפּעט אין דער נאכט געהאָלפן דעם טאטן נייען און מײַסטרעווען, איבערניצעווען און לייגן נײַע לאטעס ניט נאָר פאר אירע קינדער, נאָר פאר די קינדער און דערוואקסענע פון די ארומיקע דערפער.

און מיר, קינדער, זײַנען געגאנגען אין דאָרף און געבראכט צו טאסקען אהיים די פּראָדוקטן, מיט וועלכע די פּויערים פלעגן זיך צעצאָלן מיטן טאטן פאר זײַן ארבעט.

איך געדענק, אז איך האָב געהאט א לאנגע לײַוונטענע טאָרבע, אין וועלכער מע פלעגט אָנשיטן פארשיידענע מינים גרויפּן. די עטלעכע פונט הירזש פלעגט די באלעבאָסטע איבערבינדן מיט א שפּאגאטל, דערנאָך אָנשיטן א פינף־זעקס קווערטלעך מעל און ווידער איבערבינדן די טאָרבע, ווײַטער האָט די באלעבאָסטע אָדער א צווייטע פּויערטע, בא וועלכער דער טאטע האָט די וואָך געארבעט, אָנגעשאָטן אין דער זעלבער טאָרבע א ביסל הרעטשענע גרויפּן, זיי איבערבינדן — אזוי אז די לאנגע קישקע האָט באקומען אן אויסזען פון א מאָדנער באשעפעניש, פון א מין גרויסער שלאנג. די דאָזיקע שלאנג פלעג איך ארומוויקלען ארום האלדז, ארום די אקסל אָדער ארום גארטל און זי ברענגען צו טאסקען אהיים.

מיט מיר צוזאמען פלעגט געוויינלעך גיין די עלטסטע שוועסטער סאָניע און די מיזינקע כײַע. סאָניע האָט געטראָגן אף די אקסל א שווערן זאק מיט קארטאָפל, וואָס איז אויך געווען צעטיילט אף צוויי העלפטן. די שווערע טייל איז געלעגן אף אירע פּלייצעס, און די קלענערע פון פאָרנט — אף איר ברוסט. כײַע האָט געטראָגן אף אירע דארע אקסל א קלומעקל בורעקעס, מערן צי גאָר א גרויסן קירבעס.

אזוי האָבן מיר געלעבט, און מיר איז ניט געקומען אפן זינען, אז קינדער פון זיבן־אכט יאָר קומט אן אנדער לעבן, אז עס לעבט זיך אונדז שוין צו שווער...

דער טאטע מײַנער, כ'האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם, איז געווען א קרעפּטיקער ייִד, מיט געזונטע הענט און פיס, מיט ברייטע אקסל, אָבער קיין „קראסאוועץ" איז ער ניט געווען און קיין אויסגעשפּילטער באלמעלאָכע אויך

ניט. און ליב געהאט האָט ער אלץ, וואָס איז שיין, ער האָט זיך געשפיגלט אין א גוט אופגעגנייט שטיקל ארבעט, גלײַך ער אליין וואָלט דאָס אופגעגנייט...

— אָט טו א קוק, ווי עס ליגט אויסגעגאָסן אָף אים דער פידזשאַק, — פלעגט ער זיך פרייען מיטן ברודערס אָנצוג, וואָס דער פעטער מוישע האָט אופגענייט פאר מײַן לערער פון ליטעראטור. — גאָלדענע הענט באם מאמזער.

דער טאטע האָט ליב געהאט בלאָנקען אין וואלד, זיך קוויקן מיטן פרילינגדיקן צוויט, מיטן בלויען הימל. ער איז ניט מיד געוואָרן איבערצוכאזערן פאר זיך אליין און פאר אונדז, קינדער:

— ווי שיין עס איז גאָטס וועלטל!.. וואָס זאָגסטו, דאווידקע, ווי דער הימל איז אויסגעצאצקעט מיט וועלדער און פעלדער, מיט יאמען און שיפן...

אָט דער פראָסטער דאָרפישער ייִד, וואָס איז שטענדיק געווען ארײַנגעטאָן אין מי, שטענדיק געקלערט וועגן פארנאָסע, האָט געהאט א דינע נעשאָמע, וואָס האָט געלעכצט נאָך שיינקײַט. און כאסענע געהאט האָט ער אויך פאר א מיידל א שיינהײַט.

די מאמע מײַנע, ראָכל, איז געבוירן געוואָרן אין ווײַסרוסלאנד, אינעם שטעטל טשעשטערס. די ארומיקע שכיינים, דאָס גאנצע דאָרף אונדזערס, פלעגן דערציילן, אז דאָס איז געווען די ערשטע קראסאוויצע אין דאָרף. איך בין געווען דאָס פינפטע קינד אין דער מישפאָכע, און דאָך געדענק איך מײַן מוטער שטענדיק א יונגע, א שטאלטנע און א שמייכלענדיק־צוגעלאָזטע. איר לענגלעך מאטעווע פאָנעם איז געווען ארומגערינגלט אין א ראם פון פעך־שווארצע האָר, און די עטוואָס לענגלעכע פײַכטע אויגן האָט זיך אויסבאהאלטן א שמייכעלע. אלץ, וואָס זי האָט געטאָן, האָט, ווי מע זאָגט, געברענט אונטער אירע הענט. פונוואנען האָבן זיך עס גענומען צו איר אזויפיל קויכעס אָף באדינען אזא גרויסע מישפאָכע, אלעמען אָנקאָרמעווען, אלעמען ארומוואשן און אויסצוואָגן, פאר אלעמען פארצערעווען די זאָקן, לייגן לאטעס אָף די צעפליקטע מאטקעלעך און העמדעלעך, העלפן דעם טאטן אין דער ארבעט און דערצו נאָך געפינען פאר יעדן קינד א גוט וואָרט, א שטילע לאסקע.

איך בין זיכער, אז מיר אלע, ווער מיר זאָלן ניט זײַן און ווי אלט מיר זײַנען ניט, איז יעדערער פון אונדז א באלכויוו פאר דער מאמען, און אלע צוזאמען פאר אלע מאמעס פון דער וועלט.

דאָס גאנצע דאָרף אונדזערס האָט געוווּסט, אז אין א נויט דארף מען לויפן צו ראָכל דער שנײַדערקע, צו ראָכל דער שיינער, ווי די שכיינים האָבן זי גערופן.

קוים איז א קינד בא עמעצן קראנק געוואָרן, איז די פארצווייפלטע מאמע געלאָפן נאָך א רעפוע און נאָך אן אייצע צו ראָכלען; טאָמער איז ניט געווען צו באצאָלן פאר קיין רעפוע — איז ווידער צו ראָכלען. אז דער טאטע זאָל דערפון ניט וויסן, פלעגט זי קאָרמעווען מיט זויערמילך און מיט ברויט אלטע איינזאמע זקיינעס, וועלכע זײַנען שטענדיק איבערגעלעגן בא איר אין קיך. זי פלעגט זיי, אָט די זקיינעס, אָנשיטן אין זייערע טאָרבעלעך עטלעכע קארטאָפליעס, מערעלעך און זיי ארויסבאגלייטן מיט די ווערטער: „איז זעט זשע, איר זאָלט מיך ניט פארגעסן, קומט ארײַן, מירצעשעם, פרײַטיק...”

ווען מיר זײַנען אונטערגעוואקסן און אָנגעהויבן פארשטיין פיל זאכן, האָבן מיר זיך געכידעשט, וואָס די מאמע, אזא שיינע, אזא קלוגע, אזא געבילדעטע (מיר זײַנען זיכער געווען, אז זי ווייסט און קען אלץ אָף דער וועלט), האָט כאסענע געהאט פאר א פאָשעטן שנײַדער.

מיר האָבן געוווּסט, אז אפילע שוין נאָך דער כאסענע, ווען די מאמע האָט שוין געהאט געבוירן די עלטערע שוועסטער סאָניע און דעם עלטסטן ברודער אונדזערן זאלמענען זײַנען אין סוויאטסק געווען ניט ווייניק באלאָנים אָף נעמען זי מיט די קינדער.

אָף אונדזער פראגע, פארוואָס זי האָט אויסגעקליבן דאפקע אוראָם דעם שנײַדער, האָט זי געענטפערט מיט א שמייכל, וואָס האָט ארויסגעלויכטן פון די אויגן, פון די ווײַסע ציין, פון איר גאנצן וועזן:

— וואָס האָב איך געקענט מיט אים מאכן, אז דאָס גאנצע שטעטל קאָן זיך מיט אים ניט ספראווען!

איר ענטפער איז געווען אן אָנדײַט אָף די שיקערע דעבאָשן, וואָס ער פלעגט פון צײַט צו צײַט מאכן.

ווען דער טאטע פלעגט זיך א שיקערער אומקערן אהיים, האָבן מיר, די אונטערגעוואקסענע קינדער, זיך אָנגעוואָרפן אָף אים. דעמלט האָט די מאמע, א ביסל א פארשעמטע, אים פארענטפערט:

— וואָס ווילט איר פונעם טאטן, ווי האָט ער זיך געקאָנט אָפזאָגן פון אויסטרינקען מיט איוואן ראָזשקאָוון און מיט גרישע סאָפאָזשניקאָוון! ס'איז נאָך א כעסעד, וואָס ער האָט באוויזן צו זײַן נאָר אָף איין גאָס. וואָס וואָלט שוין געווען, ווען אים פאלט אײַן ארומגיין דאָס גאנצע שטעטל? גוטעברידער, וואָס זאָלן אים מעכאבעד זײַן, האָט דער טאטע אומעטום.

די מאמע האָט אָף אן עמעס ליב געהאט דעם

טאַטן, זי האָט דאָס גאַנצע לעבן געדענקט, אַז ער האָט זי גענומען מיט א קליין קינד אף די הענט, אַז ער האָט זיך געשלאָגן פאַר איר, ווי אַן עכט פאַרליבטער. אוודאי האָט ער געקענט נעמען דאָס שענסטע מיידל פון סוויאַטסק, פון נאָוואָזיבקאָוו צי גאָר פון דער גרויסער שטאָט, נאָר ער האָט זיך לאַנג דאַבייוועט, אַז זי, ראָכל, זאָל ווערן זײַן ווײַב.

פאַר איר קורץ לעבן האָט די מאַמע געהאַט אויסצושטיין פון קאַלטס און פון וואַרעמס. נאָך אין דער קינדהײַט איז זי געבליבן א יעסוימע, און ניט פּאַשעט קיין יעסוימע, אף אירע הענט, אף די הענט פון א פּופּצניאַריק מיידל, זײַנען געבליבן פיר קינדער — דרײַ ייִנגערע שוועס־טערלעך און א ברודערל, וואָס איז אַלט געווען איין טאָג, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן. און אַלע פיר האָט זי געדאַרפט אויסכאָוען. די שטיפמאַמע, וואָס איז אײַנגיכן געקומען צו זיי אין שטוב אַרײַן, איז געווען נאָך יונג און האָט אַליין געוואָלט לעבן און דערצו נאָך געווען א שלעכטע לויט דער נאַטור.

און זי, די קומענדיקע מאַמע מײַנע, ראָכל, איז קוים פּופּצן יאָר אַלט געווען, און א האַרץ האָט זי געהאַט א גאָלדנס. האָט זי בעשום־אויפן ניט געקאָנט פּועלן בא זיך איבערלאָזן די קינ־דער און אוועק אין דער וועלט צי גאָר כאַסענע האָבן און פּאָטער אַן אײַסעק.

ערשט ווען שימעלע, דאָס קלענסטע ברו־דערל, איז אַלט געוואָרן פיר יאָר, האָט זי גע־נומען דאָס קינד אף די הענט און אוועקגע־פאָרן קיין יוזעווקע. די שוועסטערלעך זײַנען א ביסל אונטערגעוואַקסן און האָבן שוין אַליין געקענט, ווי מע זאָגט עס, באַשטיין זייער שטעטל. אין יוזעווקע האָט זי געאַרבעט א צײַט פאַר א שנײַדערקע. נאָר אַן איינזאַמע, מיט א קינד אף די הענט, האָט זי דאָרט לאַנג אויסהאַלטן ניט געקאָנט, און דעמאָלט איז זי איבערגעפאָרן צו אירער א מומע קיין סוויאַטסק. די מומע פייגע האָט איר געהאָלפן אַרומזען דאָס קינד, געאַרבעט אפן גאָרטן, און ראָכל האָט גענייט.

דעמאָלט, ווען דער טאַטע האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט בא דער מומע פייגע אין שטוב, האָבן זיך אים אָפּגענומען, ווי ער האָט אונדז שפּעטער דערציילט, הענט און פיס, ער איז ווי צוגעוואַקסן צום בענקל און זיך ניט געקאָנט אָפּהייבן פון אָרט.

די מאַמע איז דעמאָלט אַרײַנגעקומען פון קיך, אין א דין געבלימלט ציצן קליידל, מיט א גע־שטיקט פאַרטעכל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אף דינע בריטקעלעך. די שוואַרצע האָר זײַנען געווען פאַרפלאָכטן אין א דיקן צאָפּ, וואָס איז געלעגן אף איר ניט הויכער ברוסט. איידער זי האָט אוועקגעשטעלט דעם טשוהונאַק מיט זודיקע קאַרטאָפל אפן טיש, האָט זי געכאַפּט א זײַטיקן קוק אפן טאַטן, וואָס האָט אויסגע־ראָטשעט די אויגן אף איר, און צוריק אַרויס פון צימער. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקערט צוריק, מיט שימעלען אף די הענט, אים באַזעצט באַם טיש, צוגערוקט א טעלערל מיט עטלעכע קאַרטאָפליעס און ליב געזאָגט:

— עס, עס, מײַן קינד.

די מומע פייגע האָט זיך צוגעזעצט צו אַוו־ראָמען — מײַן קומענדיקן טאַטן, און פאַרפירט מיט אים עפּעס א שמועס. נאָר דער טאַטע האָט ניט געהערט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס די ייִדענע רעדט צו אים.

און ווען די מומע פייגע איז אַרויס פון שטוב, איז דער טאַטע איר נאָכגעגאַנגען, זי אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסל און אַן אופגערעגטער גענומען זי אויספרעגן:

— ווער איז דאָס מיידל, וואָס איז דאָס פאַר א קינד? זי איז עפּעס צו יונג פאַר אַזא ייִנגל.

— וואָס איז, דו ווייסט ניט, — האָט די מומע זיך געכידעשט, — ס'איז מײַן ראָכעלע, מײַן פּלעמעניצע. שיין ווי די וועלט, ניט עמעס?

— יאָ, ראָכעלע, שיין, ווי דער טאָג! אָבער ווער איז איר מאַן?

— וואָס רעדסטו, אַווראָם?! וואָס פאַר א מאַן? ביסט באַם זינען, ראָכל איז נאָך קיין נײַנצן ניט אַלט.

— אוודאי, — האָט דער טאַטע געשטאַמלט, — איז פונוואַנען קומט צו איר א קינד, שימע־לע?..

— שימעלע? מיר זאָל זײַן פאַר זײַנע ביינ־דעלעך. שימעלע איז ראָכלס קלענסט ברודערל. א גאָלדן קינד.

דעם טאַטן איז אַראָפּ א שטיין פונעם האַרצן. אויב אַזוי, וועט ער שוין ראָכלען פון די הענט ניט אַרויסלאָזן, דאָס איז א באַשערטע זאַך, — האָט ער באַשלאָסן.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן.

ניט געווען אָפּדערנאַכט, ער זאָל ניט שטיין הינטער ראָכלס פענצטער, און ווען ער האָט זיך שוין דערוואַרט, אַז זי זאָל אַרויסגיין צו אים, האָט זי, ראָכל, געטײַנעט, אַז זי איז ניט אַליין, אַז שימעלען וועט זי קיינעם ניט אָפּגעבן, און זאָל ער זיך אָפּזוכן אַן אַנדער מיידל, צו וואָס דאַרף ער נעמען אף זיך אַזא עול...

וואָס א טאָג ווײַטער, איז דער טאַטע זיכע־רער געוואָרן, אַז ראָכל איז זײַן זיווג, אַז קיין זאַך וועט אים שוין ניט אָפּרײַסן פון איר. און ס'איז געקומען דער טאָג, ווען זיי האָבן אָפּ־געשפּילט זייער כאַסענע.

א לאַנגע צײַט האָט מען אין סוויאַטסק ניט געוווּסט, אַז שימעלע איז ראָכלס א ברודערל.

מענטשן האָבן גערעדט צווישן זיך: טאַקע אַ שיין ווײַבל, נאָר אַזאַ יונג מיט בײַנער, ווי אוראָם דער שנײַדער, וואָלט געקענט נעמען אַ מיידל און ניט קיין אַלמאָנע...

— ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען, דערציילט מען, זײַנען געשטאַנען אונטער דער כופּה, האָט זיך צו זיי פֿון ערגעץ דורכגעשטופּט דאָס קליי־נע יאַטל, אָנגעכאַפּט ראָכלען מיט ביידע הענטלעך באַם כופּה־קלייד און גענומען פֿאַר־דערן, אַז זי, די „מאַמע”, אַזוי האָט ער גערופֿן די שוועסטער, זאָל אים גיין לייגן שלאָפֿן.

אויף דער כאַסענע איז געווען דאָס גאַנצע דאָרף. עמעצער פֿון די מעכוטאָנים האָט ניט אויסגעהאַלטן און אויף אַ קול אַרויסגעזאָגט זײַן פֿאַרוווּנדערונג:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן אויף אונדזער אַבראַמען? ער האָט זיך ניט שלעכט צוגעסטאַר־רעט — געקומען צו דער כופּה מיט אַ גרייטן זון.

דער טאַטע האָט נאָך קיין וואָרט אין קעשע־נע ניט געדאַרפֿט קריכן, ער האָט פֿריילעך אָפּגעענטפֿערט:

— אפֿילו אויף מײַנע קינדער איז מען מיר אויך מעקאַנע.

פֿון דעמאָלט אָן איז שימעלע פֿאַרעכנט גע־וואָרן פֿאַרן טאַטנס אַ קינד, כאָטש ער האָט געהאַט אַן אייגענעם טאַטן. מײַן מאַמע איז אים געווען דאַנקבאַר דערפֿאַר און אָפֿט עס דערמאָנט.

איך האָב שוין פֿריִער געזאָגט, אַז איך בין דער פֿינפֿטער פֿון די קינדער. דער עלטסטער ברודער מײַנער זאַלמען (ער איינער איז לעבן געבליבן, וווינט איצט אין מאָסקווע) איז, ווי דער טאַטע מײַנער, געווען אַ שנײַדער, פּונקט ווי די איבעריקע ברידער און שוועסטער. אַלע האָבן זיי געהאָלפֿן דעם טאַטן אין זײַן אַרבעט. אויך מײַן טאַטנס פֿיר ברידער, ווי איך האָב שוין אויך דערמאָנט, זיי מיט די קינדער און קינדסקינדער זײַנען געווען שנײַדערס — אַרום־און־אַרום פֿיר און זיבעציק מאַן. אַ גאַנצע דינ־נאַסטיע. און געלעבט האָבן מיר פֿון דאָר צו דאָר אין סוויאַטסק, אינעם דאָרף, וואָס ליגט אויף דער גרענעץ פֿון דרײַ רעפּובליקן — ווײַס־רוסלאַנד, אוקראַיִנע און רוסלאַנד.

ניט לאַנג צוריק בין איך געווען אין די ער־טער, ווו עס איז פֿאַרלאָפֿן מײַן קינדהײַט. די אײַנוווינער פֿון די דערפֿער ניעגליופּקאַ, יאַ־לאָווקאַ, אוועליאַ האָבן מיך באַגעגנט ווי אַן אייגענעם. זיי האָבן דערמאָנט מײַן מאַמען, מײַן פֿאָטער, די ברידער מיט די שוועסטער, געשאָקלט מיט די קעפּ און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איך ווייס, אַז פֿיל פֿון זיי האָבן געטאָן אַלץ, קעדיי פֿאַרהיטן פֿונעם טויט די אײַנוווי־נער פֿון סוויאַטסק, נאָר ניט אַלץ האָט זיך זיי אײַנגעגעבן. די דײַטשישע פֿאַשיסטן האָבן צע־שאָסן יעדערן, ווער עס האָט אויסבאַהאַלטן אַ פּאַרטיזאַנער, אַ קאָמוניסט אָדער אַ ייִדן, און דאָך האָבן די גוטע שכנים אונדזערע אַ לענ־גערע צײַט אויסבאַהאַלטן מײַן טײַערע מאַמע ראָכל...

אונדזער שלענגלדיקער טײַך טשעסאַ, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון דער געדיכטעניש פֿון די וועלדער, שלענגלט זיך, ווי דעמאָלט, איבער די פֿעלדער, שלענגלט זיך און דרייט זיך ווי אַ בלויע סטענגע אין זײַנע ניִדעריקע ברעגן, פֿאַרלירט זיך ווידער אין די ווײַטע וועלדער, און ערגעץ דאָרט פֿאַלט ער אַרײַן אינעם טײַך איפּוט און ווײַטער אין דער דעסנאַ.

איך האָב, ווי אין דער קינדהײַט, געבלאָנדזשעט אין דער טיפֿעניש פֿון דעם וואַלד, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די זעלבע סאָסנעס האָבן מיך באַדעקט מיט זייער שאָטן, פּונקט ווי דעמאָלט. איך האָב אַלץ געוואָרט, אַז אָהער זאָל זיך דערטראָגן דאָס קול פֿון מײַן שוועסטער סאָניע, וואָס רופֿט מיך, איך זאָל גיין אַהיים עסן וואַרמעס.

— דאַ־ווידי!

נאָר קיינער האָט מײַן נאָמען ניט אָנגערופֿן. סאָניע, מײַן עלטערע שוועסטער סאָניע, איז צוזאַמען מיט אירע דרײַ קינדער, צוזאַמען מיט מײַן אַלטן טאַטן, מיט אונדזער פֿערצניאָריקער כײַקע, צעשאָסן געוואָרן אויפֿן דאָרפֿישן פּלאַץ אין פֿראָסטיקן פֿעברואַל פֿון 1942 יאָר.

און איך קום צו גיין אויפֿן פּלאַץ און שטיי דאָ לאַנג־לאַנג מיט אַן אַנטבלויזטן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, וואָס איז גראָ געוואָרן ניט נאָר איבער די יאָרן, וואָס זײַנען אַוועק, נאָר אויך פֿון צאַרעס און פּײַן, וואָס מיר איז אויסגעקו־מען אויסצושטיין. איך שטיי דאָ, אויפֿן זומער־דיקן פּלאַץ, און איך פֿיל, אַז מיך באַפֿאַלט אַ קעלט, אַ ווינטערדיקער, אַ פֿעברואַלער פֿראָסט, פּונקט אַזאַ, ווי עס איז דאָ געשטאַנען, בײַס די מערדער האָבן אַרויסגעפֿירט מײַנע ליבע פֿון זייערע הײַזקעס און זיי דאָ צעשאָסן.

ווי אַ סאַך ייִנגלעך אין מײַן עלטער, האָב איך אין כיידער קיין כיישעק ניט געהאַט צו גיין. דערבײַ איז דער רעבע רעב יִצחאָק גע־ווען אַ בייזער ייִד, און מיר אַלע זיבן סוויאַט־סקער ייִנגלעך זײַנען גרייט געווען אַרײַנכאַפּן פּעטש סײַ פֿון אים און סײַ פֿון די טאַטעס, אַבי ניט אויסזיצן באַ אים אין כיידער, וואָס האָט געשמעקט מיט ניליע.

צו צען יאָר האָב איך אָנגעהויבן גיין אין שול. נאָר אויך אין שול געגאַנגען אָן כיישעק. און דער טאַטע פֿלעגט אָפֿט פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט דער מאַמען, אַז קיין טאָלק וועט פֿון מיר ניט אַרויס, אַז איך האָב אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ,

און גלײַכער וועט שוין זײַן, איך זאָל זיך נעמען לערנען שנײַדערײַ.

וואָס עמעס, איז עמעס, דאָס לערנען איז מיר ניט געלעגן אין קאָפּ. און איך האָב אָפּטער און אָפּטער גענומען גיין מיטן טאַטן אין דאָרף. עמעס, איך האָב אים דאָרט קנאַפּ געהאָלפֿן אין זײַן ארבעט, נאָר דערפֿאַר איז אין שטוב געווען ווייניקער מיט א לעפל צום טיש. באַטאָג האָבן מיר מיט די דאָרפֿישע ייִנגלעך ארומגעבלאָנקעט איבער די וועלדער, געכאַפּט פֿיש אין טײַך און אַף באַנאַכט געטריבן אין פֿעלד ארײַן די פֿערד אַף פּאַשע.

אָ, דאָס איז א גרויס פֿאַרגעניגן, אַט די באַנאַכטיקע פּאַשע... איבערן מורמלענדיקן טײַכל, וואָס געפֿינט זיך אין דער נידער, לאָזט זיך אראָפּ א נעפּל, וואָס שוועבט פּאַמעלעך עטוואָס העכער פֿונעם לאָזניאַק, פֿון די אײַנגעבויגענע ווערבעס, וואָס צאַמען ארום דעם טײַך ווי מיט א גרינער ראַם. מיר, די ייִנגלעך, צעלייגן א גרויסן שײַטער, קעדײַ פּאַרטרײַבן די מוקלעך, וואָס בײַסן זיך ווי די שלאַנגען. אונטערן הייסן אַש שטופּן מיר אָן קאַרטאָפֿליעס, זאָלן זיי זיך פּאַמעלעך בראָטן, אז זיי וועלן פֿאַרטיק ווערן, וועט מען זיי צעברעכן אַף העלפֿט, און בריִענדיק די פֿינגער און די צונג, זיי עסן מיט פֿאַרגעניגן.

און דערווײַל ווערט פֿינצטערער און קילער, מיר רוקן זיך ארונטער אונטער א גרויסן פֿעלץ און קוקן פֿון דאָרט ארויס אַפֿן אויסגעשטערנטן הימל. די לעוואָנע איז הײַנט ניטאָ, נאָר דער הימל איז באַשאָטן מיט שטערן, און דערפֿון איז ער פֿינצטער־העל, כאָטש מע זעט ניט, וואָס עס טוט זיך פֿאַר דער נאָז. פֿונדערווײַטנס דערטראָגט זיך אַן אומעטיקער מרוקע פֿון א בעהיימע, דאָס איז זי אָפּגעשטאַנען פֿון דער סטאַדע און פֿאַרקראָכן אין דער טיפֿער באַלקע און איצט בריט זי די מילך אין אײַטער, און ווי־אַזוי ארויסצוקריכן פֿון דער באַלקע ווייסט זי ניט.

אלע מאָל דערהערט זיך דאָס דאָרשטיקע הירזשען פֿון אָכרים נאָהאַטינס אָגער. ער האָט שוין ניט איין מאָל, דער אָגער, איבערגעסמיקעוועט די שטריק און זיך ארופֿגעוואַלגערט אַף דער גניאַדער שקאַפּע לאַסקע, און מיר האָבן אים מיט קיין דרוקעס ניט געקאָנט אָפּטרײַבן פֿון איר. מיר ליגן אונטערן פֿעלץ און דערציילן זיך בײַקעס וועגן דאַמאַוויקעס, שרעטעלעך און ווילדע כײַעס. און ארום איז שטיל־שטיל, מע הערט קוים, ווי דאָס גראָז שעפּטשעט זיך: שלאָפֿן, שלאָפֿן, שלאָפֿן. און איך ווייס ניט, ווי־אַזוי איך ווער אנשלאָפֿן, און ווען איך כאַפּ זיך אויף, איז שוין דער הימל א בלויער און איבער מיר שווימען ווײַסע כמאַרעלעך, ווי שיפֿלעך אַפֿן וואַסער, און דער ליבקער ברעג פֿון הימל איז פֿאַרפּלאָמט פֿון דער באַגיגענדיקער זון.

אין סוויאַטסק איז אונדז אויך ניט געווען לאַנגווײַליק, מיר האָבן זיך געפֿונען וואָס צו טאָן. אײנמאָל, געדענק איך, האָבן מיר, א כאָפּטע ייִנגלעך, באַנאַכט זיך ארויסגעכאַפּט פֿון די געלעגערס און אינעם גאַנצן דאָרף איבערגעהאַנגען די שילדן. די שילד פֿונעם אַפּטייקער קאָזאַקעוויטש אופֿגעהאַנגען אַף פּעוויזנערס שערערײַ, פֿונעם שוסטער נעסטערענקאָ אַף דער יאַטקע פֿון זאַלצמאַנען...

נאָר דאָ האָט זיך שוין ארײַנגעמישט די מאַמע.

— מיילע, — האָט זי צו מיר אײַנגעטײַנעט, — די עלטערע קינדער האָבן קיין מעגלעכקײַט ניט געהאַט צו גיין אין שול, נאָר איצט, ווען מע דאַרף קיין קאָפּעקע ניט צאָלן פֿאַרן לערנען, וועסטו בא מיר קיין בײַדעקעס ניט שלאָגן, פֿון מאָרגן אָן וועסטו בא מיר גיין לערנען.

און די מאַמע האָט געקאָנט האַלטן וואָרט. זי האָט שוין איר אויג ניט אראָפּגענומען פֿון מיר, געפּאַדערט, איך זאָל מאַכן אַקוראַט די לימודים, ניט דורכלאָזן קיין איין טאָג, קיין איין לימעד.

ביסלעכווײַז האָב איך ליב באַקומען די שול, די לערער, באַזונדערס ניקאָלײַ אלעקסאַנדראָוויטש זשדאַנאָוו, וואָס האָט מיט אונדז געלערנט ליטעראַטור. אין מיר האָט אָנגעהויבן וואַקסן דאָס געפֿיל פֿון קינע, קינע צו די, וואָס האָבן געלערנט בעסער פֿון מיר, געוווּסט און פֿאַרשטאַנען מער. און דאָס האָט מיך געצוווּנגען זיך אונטערצײַען.

פֿון די ערשטע קלאַסן איז געווען מײַן בעסטער כאַווער גרישע סאַפּאָזשניקאָוו. גרישע איז געווען זייער א שיין און מילד רוסיש ייִנגל, מיט ליכטיקע דינע האָר, וואָס זײַנען אים שטענדיק געפֿאַלן אַפֿן שטערן און אַף די אויגן, די געזיכט־שטריכן דינע און געטאָקטע. זײַנע קלוגע בלויע אויגן האָבן שטענדיק געשמייכלט מיט א גוטן שמייכל. מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אז גרישע ווייסט א סאַך מער ווי ער זאָגט עס ארויס.

פֿון קליינווײַז אָן האָט ער געהונקען אַפֿן רעכטן פֿוס און דעריבער שטענדיק געגאַנגען מיט א שטעקל. ער האָט א סאַך געלייענט און מיט גרויס באַגײַסטערונג מיר איבערדערציילט דאָס, וואָס אים האָט באַזונדערס פֿאַרכאַפּט. אליין א פֿיזיש שוואַכער, זײַנען אים אַמערסטן געפֿעלן געווען די ליטעראַרישע העלדן, וואָס זײַנען געווען געוואַגט און העראָיִש. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט אָוואָדן.

ניט פֿילנדיק דאָס, בין איך שטאַרק באַווירקט געוואָרן פֿון גרישען. איך האָב אָנגע־

הויבן בײַטן ביכער אין ביבליאָטעק און ביז שפּעט אין דער נאַכט געלייענט, געמאַכט פאַר־צייכענונגען, זײַ איבערדערציילט מײַנע קלע־נערע ברידערלעך, כײַקעלען און אויך דער מאַמען. איך האָב אַפילו, ווי גרישע סאַפּאָזש־ניקאָוו, זיך אויסגעשניצט אַ שטעקל און עס שטענדיק געטראָגן מיט זיך. עמעס, איך פלעג זיך אַליין פאַרענטפערן, אַז דאָס טראָג איך דעם שטעקן אַף צו פאַרטיידיקן גרישען, ער איז דאָך געווען שוואַכער פון מיר.

פאַרלויפנדיק פאָרויס, וויל איך זאָגן, אַז די פרײַנטשאַפט אונדזערע האָט זיך פאַרהיט אַף לאַנגע יאָרן, ביזן אָנהייב פון דער מילכאָמע. גרישע איז ביים דעם אָנהייב פון קריג געווען דער פאָרזיצער פון דאָרפסראַט און איז אומ־געקומען אין צוויי־און־פערציקסטן יאָר אינעם דאָרף סוויאַטסק צוזאַמען מיט די, וואָס די הי־טלעריסטן האָבן צעשאָסן אינעם דאָרף, — צו־זאַמען מיט מײַנע אייגענע, ברידער, שוועסטער, פעטערס און פלעמעניקעס איז זײַן נאָמען אויסגעקריצט אַף איינעם פון די מירמלנע טאָוולען, וועלכע מיר האָבן שפּעטער מיט יאָרן אַרופגעלייגט אַף די קוואָרים פון די קדושים.

צו זעכצן יאָר האָב איך פאַרענדיקט די זיבנ־יאָריקע שול.

איצט איז דער טאַטע באַשטאַנען, אַז איך זאָל זיך ערנסט נעמען צו דער אַרבעט. ער האָט געטײַנעט, אַז צו זעכצן יאָר איז ער שוין געווען דער גאַנצער ברויטגעבער בא זײַן טאַטן אין דער מישפּאָכע, אַז סײַוויסײַ ליגט מיר די לער ניט אין קאָפּ, פונעם לייענען די ביכעלעך וועט קיין טאַלק ניט זײַן...

די מאַמע אָבער איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים. זי האָט געטײַנעט, אַז איך דאַרף פאָרא־זעצן די לער. זי איז גרייט געווען אָפּרײַסן פו־נעם אייגענעם מויל, פון די קינדערס מײַלער און מיר געבן אַ דרײַערל אַ וואָך, אַ לעבל ברויט, אַבי איך זאָל לערנען. זי איז זיכער געווען, אַז איך וועל אַ סאַך דערגרייכן אין לעבן.

עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָט זיך אין שטוב געטומלט — צי זאָל איך ווײַטער לערנען, צי זאָל איך זיך זעצן צו דער ניי־מאַשין, נאָר ווען מײַנע שול־כאַווײרים האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך האָב מײַנע פּאַפּירן ניט אָנגעגעבן אין דער נאָוואָזיבקאָווער מיטלשול, האָבן זיי זיך, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע, איינמאָל אַרײַנגע־שטעלט צו אונדז און אָנגעפאַלן אַף מײַנע על־טערן.

גרישקע סאַפּאָזשניקאָוו האָט אַפילו געזאָגט מײַן טאַטן, וואָס איז אַקטיוו באַשטאַנען, אַז איך זאָל זיך נעמען צו שנײַדערײַ:

— זײַן אַ פאַלגוטש איז ניט פון די גרויסע זאַכן. אײַער דאָוויד האָט גרויסע פעייִקײַטן, און ער מוז זיך לערנען. מע דאַרף ניט זײַן קיין וואָרעם, וואָס ליגט אין כריין און מיינט, אַז קיין זיסערס איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ...

דאָס האָט שוין מײַן טאַטן פאַרדראָסן. וואָס הייסט עס פאַרגלײַכן אַ מענטש צו אַ וואָרעם?!

— אויב דאָס האָט מען אײַך אויסגעלערנט אין שול, — האָט ער זיך געהיצט, — דאַרף איך ניט, אַז מײַן זון זאָל זיך לערנען אין אַזאַ שול!

אַפן אַנדערן טאָג האָט אונדז אָפּגעשטעקט אַ וויזיט דער לערער ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש זשדאַנאָוו. די מאַמע האָט אים מעכאַבעד גע־ווען מיט טיי און מיט זודיקע בולבענע לאַט־קעס. ער האָט פאַמעלעכן געטרונקען די טיי און אײַנגעטײַנעט מיט מײַנע עלטערן און דער גאַנצער מישפּאָכע, וואָס האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, אַז איך, דאָוויד הייסט עס, מוז ווײַ־טער לערנען.

— איצט איז אַן אַנדער צײַט, סאָוועטנמאַכט, פאַרשטייט איר מיך, — ער האָט מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט די הייסע גלאָז טיי, באַ־טראַכט אַלע מײַנע ברידער און שוועסטער און פאַרגעזעצט. — ס'איז ניט קיין מוז, אַז אַלע אײַערע קינדער, — האָט ער באַטראַכט די כאַ־ליאַסטרע, — זאָלן ווערן שנײַדערס. דאָוויד האָט אַן אָפענעם קאָפּ, ער איז אַן אַקטיווע נאַ־טור, פול מיט ענערגיע, ניט אומזיסט האָבן אים זײַנע כאַווײרים אויסגעקליבן פאַרן סע־קרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל.

די לעצטע פראַזע, וואָס ניקאָלײַ אַלעקסאַנ־דראָוויטש האָט געזאָגט, האָט געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק, און דאָס האָט געלייזט דעם איניען. און געזאָגט האָט ער:

— האַקט אים ניט אָפּ די פליגל, לאָזט אים פליִען, ער וועט אויסוואַקסן אַ שטאַרקער אָד־לער.

אַפן אַנדערן טאָג האָט מײַן עלטערער ברו־דער זאַלמען אוועקגעפירט מײַנע פּאַפּירן קיין נאָוואָזיבקאָוו אין דער מיטלשול נומ. 1.

מײַן מאַמע האָט זיך נאָר געווינטשעוועט, אַז איר באַליבטער זון, איר דאָווידקע, זאָל זיך אויסלערנען זײַן אַ כעזשבנפירער, פאַר־נעמען אַזאַ שטעלע, ווי, לעמאָשל, דער בוכ־האַלטער פון געברויך־קאָאָפּעראַציע.

לערנען אין נאָוואָזיבקאָוו איז מיר געווען גאַנץ שווער, און ניט דערפאַר, וואָס איך האָב ניט געקענט באַנעמען די לימודים, פאַרקערט, איך פלעג אַלץ אָופּכאַפּן פונעם ערשטן וואָרט, נאָר מיר איז שווער געווען פיזיש — אין בוכ־שטעבלעכן זין פון וואָרט. אַלע שאַבעס האָב איך געדאַרפט דורכמאַכן צופוס דרײַסיק קילאָ־מעטער פון נאָוואָזיבקאָוו אהיים, און מאָנטיק קאַיאָר דורכשפּאַנען דעם זעלבן וועג אַף צו־ריק. כוץ דעם, האָב איך געמוזט, קעדיי צו פאַרדינען אַפּן לעבן, אַרבעטן אין די נעכט אַף

דער סטאנציע אלס טרעגער, אף פארשיידענע שווארצע ארבעטן. ארבעטנדיק, האָבן מײַנע געדאנקען זיך געטראָגן ארום די העלדן פון טאָלסטאָיס ראָמאנען. איך האָב געקלערט וועגן דאָסטאָיעווסקיס און טשעכאָווס געשטאלטן. באזונדערס זײַנען מיר נאָענט געווען גאָרקיס דערציילונגען „טשעלקאש", „די זקיינע איזערגיל", זײַנע איטאליענישע מײַסעלעך. איך האָב אפילע מוירע געהאט עס אנערקענען פאר זיך אליין, נאָר טיף אין דער נעשאָמע האָב איך געטרוימט, אז איך וועל אמאָל ווערן א ליטעראטאָר, אליין עפּעס אָנשרײַבן...

דאָך האָב איך די שול פארענדיקט. וועגן אומקערן זיך צוריק קיין סוויאטסק האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. אין 1929 יאָר האָב איך זיך געפּרווט ארײַנטרעטן אינעם האָמליער אײַזנבאן־אינסטיטוט, נאָר גלײַך באקומען א דרײַ אף מאטעמאטיק, האָב איך צוגענומען די דאָקומענטן און זיך אוועקגעלאָזט קיין מאָסקווע.

ווער קען עס ניט אין מאָסקווע דעם פּארק אין סאָקאָלניקי! ניט נאָר די מאָסקווער אײַנוווינער זײַנען פארליבט אין די ברייטע אלייעס, אין דער שאָטנדיקער געדיכטעניש פון די ליפּעס, בערעזעס און יעלן פון דעם דאָזיקן ווונדערלעכן פּארק, אהין כאפּן זיך ארײַן אויך די מאָסקווער געסט, קעדיי האָבן פארגעניגן פון דער נאטור און אויך פון די אטראקציאָנען, וואָס זײַנען דאָרט אײַנגעאָרדנט, פון די פארשיידענע אויסשטעלונגען, וואָס קומען דאָרט פאָר.

באזונדערס איז דער סאָקאָלניקער פּארק גאסטפרײַנטלעך פאר די, וואָס קומען קיין מאָסקווע און האָבן ניט ווו אוועקצושטעלן דאָס פאניערענע קליינשטעטלדיקע טשעמאָדאנדל, ווו איבערנעכטיקן די ערשטע נאכט.

אין מאָסקווע אפן וואָקזאל־פּלאץ, ווו איך בין גלײַך ארײַנגעפאלן אין געווימל פון אָן א שיר מענטשן, האָב איך זיך פארלוירן, ווי א קליין קינד, דער קאָפּ האָט זיך פארדרייט און איך האָב ניט געוווּסט, אין וואָס וואָס פאר א זײַט זיך צו לאָזן. איך האָב אוועקגעשטעלט מײַן דיקטן טשעמאָדאנדל בא דער וואָקזאל־וואנט, זיך אײַנגעמאָסטעט אף דעם און גענומען קוקן אף די מענטשן, וואָס האָבן זיך ערגעץ געאײַלט. א יונגע פּויערטע מיט פיל קלומקעס און דערצו נאָך מיט צוויי פּיצלעך קינדער האָט מיך באטראכט און זיך אָנגעשטויסן, אז איך ווייס ניט וווּהין זיך קערן און ווענדן. זי האָט אלעמאָל געכאפּט א קוק אף מיר און דערנאָך א פרעג געטאָן, פונוואנען איך בין עס געקומען. איך האָב איר דערציילט, ווער איך בין, און דערקלערט, אז איך בין געקומען האלטן עקזאמענעס.

די פּויערטע האָט צעלייגט אף א ווײַס פּילקעלע גראָבע שטיקער ברויט, אָנגעשניטן דינינקע ריפּטעלעך סאלע און אָפּגעשיילט א האלב צענדליק אייער. די קינדערלעך האָבן זיך גענומען צום עסן און אלץ געקוקט אף מיר. די יונגע פּויערטע האָט אויך מיר ארײַנגערוקט אין די הענט א שטיק ברויט מיט אן אָפּגעשיילט איי:

— כאפּ דערווײַל איבער, דערנאָך וועסטו שוין זען, וואָס דו האָסט צו טאָן. דײַנע עקזאמענעס וועלן אין ערגעץ ניט אנטלויפן, — זי האָט אליין אויך געשמאק געגעסן און פאָרגעזעצט. — און אויב דו וועסט ניט אויסהאלטן, איז אויך א קליינער אומגליק, אין מאָסקווע ווערט קיינער ניט פארפאלן, פאר אלעמען קלעקט גענוג ארבעט. אָט בין איך דאָ געווען בא מײַנעם, ער ארבעט אף א סטראָיטעלסטווע, ווי נאָר ער וועט דאָ באקומען א דירע, פאָרן מיר אריבער צו אים...

אין א פאָר שאָ ארום, נאָך דעם ווי איך האָב ארופגעזעצט מײַן ערשטע מאָסקווער באקענטע מיט אירע קינדערלעך אפן צוג, האָב איך זיך געלאָזט אין שטאָט ארײַן. איך האָב אָפּגעזוכט דעם אינסטיטוט, ווו איך האָב זיך געקליבן אָפּגעבן עקזאמענעס, און לויט דער אייצע פון איינעם א ווייסער זיך אוועקגעלאָזט צוזאמען מיט נאָך איינעם א באָכער, וואָס איז געקומען פון אן אוקראַינער שטעטל, אינעם סאָקאָלניקער פּארק.

א גאנצע וואָך האָבן מיר ביידע גענעכטיקט אף דער בינע, אף צונויפגערוקטע בענק, ווו אפדערנאכט פלעגט שפּילן א בלאָז־אָרקעסטער, ארויסטרעטן אקטיאָרן. באטאָג זײַנען מיר געזעסן אין די בלבליאָטעקן און באנאכט זיך געלאָזט קיין סאָקאָלניקי אף נאכטלעגער.

ארײַנטרעטן אין מאָסקווע אין א הויכשול האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, נאָר שטארק צום הארצן האָב איך זיך ניט גענומען. פאר די קורצע טעג אין מאָסקווע האָב איך שוין פארשטאנען, אז פארפאלן וועל איך דאָ ניט ווערן. נאָך צוריק מיט עטלעכע טעג האָב איך צופעליק אין גאס באגעגנט באָרדארדינען, מײַנעם א זעמליאק, וואָס איז אין נאָוואָזיבקאָוו געווען דער סעקרעטאר פונעם אוקאָם פון קאָמיוג. דאָ אין מאָסקווע האָט ער געארבעט אין קראסנאָפּרעסניער ראַיקאָם פון קאָמסאָמאָל. ער האָט מיר ארײַנגערוקט אין דער האנט פינף רובל און פריילעך געזאָגט:

— דו כאפּ זיך ארײַן צו מיר. מיט ארבעט וועלן מיר דיך שטענדיק באזאָרגן.

און באָרדארדין האָט מיך מיט ארבעט באזאָרגט.

מיט א פוטיאָווקע פונעם ראַיקאָם פון קאָמיוג פון דער רויטער פּרעסניע בין איך אוועק אַרבעטן אין מאָססטראָי.

פון דעמלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן מײַן אַרבעטס־לעבן.

געאַרבעט האָב איך מיט קיישעק און מיט קענטעניש. דעם „קאָזיאָל" מיט א פּאָר צענדליק ציגל האָב איך געטאַסקעט אַף די רישטעוואַניעס פון אינדערפרי ביז אָוונט און קיין מידקײַט ניט געפילט. איך האָב געאַרבעט, און מיך האָט געוואַרעמט דאָס געפיל, אַז די כאַווײרים האַלטן פון מיר, אַז מײַן אַרבעט דאַרף מען דאָ האָבן, אַז אויך מײַן ציל — ווערן א זשורנאַליסט, א ליטעראַטאָר וועט מעקוייעם ווערן. אין א פּאָר כאָדאָשים אַרום בין איך שוין געוועזן דער בריגאַדיר פון א בריגאַדע ערדגרעבער, און נאָך אין א צײַט אַרום געוואָרן דער אָנפירער פון א בריגאַדע מאָנטאַזשניקעס, וועגן וועלכע עס האָט געשריבן די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ". אַף אַלץ האָט געקלעקט צײַט. אין די אָפּדערנאַכטן בין איך איבערגעלעגן אין דער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אַף דער רויטער פּרעסניע, ניט ווײַט פון דער באָד, געלייענט און געלערנט אַף אויסווייניק יעסענינען און מאַיאַקאָווסקין. צענדליקער לידער פון די דאָזיקע באַליבטע דיכטער מײַנע קאָן איך ביז איצט לייענען אַף אויסווייניק. אַף די אָוונטן פון זעלבסטעטיקײַט האָבן די בויער געשריגן:

— דאַווײַ, בריגאַדיר, יעסענינען!

און פון דער הייך פון די רישטעוואַניעס האָט ניט איין מאָל זיך געהערט:

— היי, מאַיאַקאָווסקי, ציגל דערלאַנג, וואָפּנע!

אין צוזאַמענווינונג, ווו מיר האָבן געלעבט, האָבן געקלונגען אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע און ייִדישע לידער. דאָ האָבן זיך פאַרקליבן באָכערים און מיידלעך פון שטעטלעך און דערפער, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך דעם כיין און די היימישקײַט פון זייער היים.

און מיר איז קיין זאַך שווער ניט געווען. אומעטום האָב איך באַוויזן שרײַבן אין דער וואַנט־צײַטונג, אָנפירן מיט דעם קאָמסאָמאָלישן קעמערל אַף דער בויונג, אַרויסטרעטן אַף פאַרזאַמלונגען — מיט איין וואָרט, מיר איז געפעלן געוואָרן זײַן אומעטום דער ערשטער, און די כאַווײרים האָבן מיך געשעצט און מיר פאַרטרויט.

אינגיכן האָט מען מיך אויסגעקליבן אַלס דעפּוטאַט פון ראַיִיספּירקאָם פון דער רויטער פּרעסניע. דאָס איז געווען אין דרײַסיקסטן יאָר, איך בין דאַן קוים אַלט געווען צוואַנציק. און אין דעם זעלבן יאָר בין איך געוואָרן א קאַנדידאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דעמלט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אָן קיין עכטער בילדונג וועל איך מײַן שטענדיקן טרוים — ווערן א ליטעראַטאָר — ניט דערגרייכן, און ווי א פרײַע מינוט געלייענט, געלייענט און געלייענט.

די ביבליאָטעקערשע האָט, ווײַזט אויס, ניט געגלייבט, אַז אַלע ביכער, וואָס איך נעם בײַ איר, באַווײַז איך איבערצולייענען, און זי פלעגט פון צײַט צו צײַט מיר מאַכן א מין פאַרהער:

— איר ווייסט, — פלעגט זי זיך ווענדן צו מיר, — ביז איצט האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן איבערצולייענען טשעסטערפילדס „בריוו צום זון", — און דערבײַ געקוקט מיט א כיטרע בליק אַף מיר, — אַלע מאָל ווען איך נעם אים לייענען, טשעסטערפילדן, פאַרמאַכן זיך מיר די אויגן און איך ווער אַנשלאָפן.

איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס די פרוי האָט אין זינען, און מיט פאַרגעניגן אויסגעלייגט פאַר איר אייניקע געדאַנקען וועגן דערציִונג, עטיק און מאָראַל פון דעם דאָזיקן באַוווּסטן בוך. בײַ דער ביבליאָטעקערשע פלעגן זיך פון כידעש ברייט עפענען די אויגן.

אויך אין די מאָסקווער מוזייען בין איך געוואָרן אָן אָפטער באַזוכער. איך האָב זיך ניט באַנוגנט מיט אַרומגיין איבער די זאַלן און זיך קוויקן מיט די וועלט־שעדעווערען, איך האָב פאַרשטאַנען אַרײַנצוקוקן אין א בוך וועגן קונסט, זיך פאַרטראַכטן אַף די פּראָבלעמען וועגן טעאַטער־קונסט און אויך וועגן די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער. מײַן דאָרפישער טשעמאָדאַנטשיק איז פול געוואָרן מיט דיקע בענדער פון בעלינסקין, טשערנישעווסקין און דאָבראָליובאָוון, מיר האָט זיך אויך איינמאָל אײַנגעגעבן קויפן פאַר א שיבעש וויפּערס א בוך וועגן קונסט. און באַנאַכט, ליגנדיק אַפן בעטל אין צוזאַמענווינונג, פלעג איך אײַנדעקן דעם לאָמפּ אַף מײַן טישעלע אַזוי, אַז די שײַן זאָל פאַלן נאָר אַף דעם בוך, אין וועלכן איך האָב אַרײַנגעקוקט, און ביז שפּעט געלייענט. די כעוורע, מײַנע שכיינים, האָבן פון אָנפאַנג זיך געבייזערט, וואָס איך שטער זיי שלאָפן, דערנאָך זיך צוגעוווינט און זיך געכאָכמעט: „טשעפּעט ניט אונדזער פּראָפעסאָר, דער מויעך וועט בײַ אים אַליין פּלאַצן..." אייניקע כעוורע האָבן, קוקנדיק אַף מיר, אויך זיך אַרײַנגעלאָזט אין לייענען.

אָבער דער גוירל מײַנער האָט מיך אַוועקגעפירט אַף אַן אַנדער וועג. אין איינעם א ווינטערדיקן טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין ראַיקאָם פון פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געפונען אַפן מיִוסער פּלאַץ.

אין קאָרידאָר, בײַ דער טיר פונעם ערשטן סעקרעטאַר, זײַנען געזעסן א מענטשן פּער־

ציק, פון צײַט צו צײַט האָט זיך געעפנט די הויכע טיר און א קליינינקע פרוי אָף הויכע קנאַפּל האָט אָנגערופן עמעצנס א פאַמיליע און דעם אָנגערופענעם אַרײַנגעלאָזט אין קאַבי־נעט פונעם סעקרעטאַר.

אַלע, וואָס זײַנען געזעסן אין קאָרידאָר, האָבן שוין פאַרשטאַנען, צוליב וואָס מע האָט זיי גערופן אַהער, — פינף הונדערט מאָסקווער טוער האָט דעמלט די פּאַרטיי געשיקט אָף פאַרשטאַרקן די אַרבעט אין דאָרף.

די אַרויסגערופענע זײַנען געזעסן שווײַגנ־דיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז יעדערער פון זיי טראַכט געוויס דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געטראַכט, — וואָס פאַרשטיי איך, און וואָס וועל איך קאָנען אופ־טאָן אין דאָרף?

און אָט האָט די קליינינקע סעקרעטאַרשע אָף די הויכע קנאַפּל אופגעעפנט די טיר און אויס־גערופן מײַן פאַמיליע. איך האָב זיך אופגע־הויבן פון אָרט און געלאָזט זיך צום קאַבינעט, די פרוי האָט פלינק א קוק געטאָן אָף מיר, ניט ווילנדיק א צוק געטאָן מיט די אַקסל, ווי אײַ־נער רעדט — אָט דאָס ייִנגל? — אינדערעמעסן בין איך טאַקע געווען א קליינוואוקסיקער, א מאָגערער און אויסגעזען אָף א סאַך ייִנגער פון מײַנע צוואַנציק יאָר.

דער סעקרעטאַר האָט מיך אויך באַטראַכט, נאָר שוין מיט אַן אַנדער אויסדרוק פון פּאָנעם — ווי ער וואָלט וועלן אונטערשטרײַכן: אָ, מאַלאַ־דיעץ, אַזוי יונג, אַזעלכע דאַרפן מיר, אין אַזעלכע נייטיקט זיך טאַקע דאָס דאָרף! — ער האָט געקוקט אָף מיר און שמייכלענדיק דער־ציילט, אַז ער קען מיך שוין פון לאַנג, אַז אַזעלכע דאַרפן מיר, אַז איך וועל זיך אומ־באַדינגט ספּראַווען מיט דער אַרבעט. מיט איין וואָרט, אַז איך בין שיר ניט געבוירן אָף צו אַרבעטן אין דאָרף.

שוין דעמלט האָב איך געהאַט מײַן פּרינציפּ, פון וועלכן איך בין דאָס גאַנצע לעבן ניט אָפּ־געטראָטן, — אויב מע דאַרף, דאַרף מען! אויס־געהערט דעם סעקרעטאַר, האָב איך אים פאַר־געבן נאָר איין פראַגע:

— ווען דאַרף מען פאָרן?

— מאָרגן, — איז געווען דער ענטפער.

דער סעקרעטאַר איז אופגעשטאַנען פונעם אָרט, צוגעגאַנגען נאָענט צו מיר, אַרופגעלייגט זײַנע ביידע הענט צו מיר אָף די אַקסל און מיר אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם:

— פאָר, כאַווער דראַגונסקי, מיר גלייבן דיר און פאַרטרויען דיר. זײַ געזונט.

אין מאָסקווע איז געשטאַנען א שטאַרקער פראָסט. די שויבן פונעם טראַמוויי זײַנען גע־ווען פאַרטראָגן מיט אײַז. מיטן מויל האָב איך אויסגעהויכט א רעדעלע די גרייס פון א פּיטאַק אינעם אײַז פונעם וואַגאָן־פענצטער און מיט איין אויג אַרויסגעקוקט אָף די גאַסן, וואָס זײַ־נען געווען פאַרשאָטן מיט הורבעס שנײ. אָט איז דער שמידטאָווסקי פּראָיעזד — די הײַזער נומער 8 און 9, וועלכע איך האָב געבויט, אָט איז טווערסקאַיאַ, פּושקינס דענקמאָל אָפן פאַר־שנייטן בולוואַר, און אָט — דער מײַסער פּלאַץ, די גרוזינער גאַס, און אַלץ אַרום איז אַזוי לײַב־לעך־טײַער, גלײַך ווי איך וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן, דאָ אויסגעוואַקסן.

אָפן סאַוויאַלאָווער וואָקזאַל איז טומלדיק, ווי עס דאַרף זײַן אָף א וואָקזאַל, נאָר איצט בין איך שוין ניט געשטאַנען קיין פאַרלוירע־נער, ניט געפילט זיך ווי קיין איבעריקער, קיין פרעמדער. איך האָב מיטן בליק אופגעזוכט דעם נייטיקן וואַגאָן, פאַרנומען מײַן פּלאַצקאַרטנע אָרט, און דער צוג האָט זיך גערירט, געלאָזט זיך אין דער טיף פון דער קאַלינינער געגנט, אינעם פאַרוואָרפענעם דאָרף אַכמאַטאָוואָ, וואָס איז דעמלט געלעגן ווײַט פון דער אײַזנבאַן.

פיל פון מײַנע מיטצײַטלער געדענקען, וואָס פאַרא שווערע יאָרן דאָס זײַנען געווען, באַ־זונדערס אין דאָרף. דאָס איז געווען די צײַט, ווען די קאָלווירטן, וואָס זײַנען הײַנט אָרגאַ־ניזירט געוואָרן, זײַנען אָף מאָרגן זיך צעפאַלן. דאָס נײַע האָט מיט גרויסע שוועריקײַטן זיך דורכגעשלאָגן א וועג. דאָס איז געווען די צײַט, ווען די באַלעגופים האָבן געשטעלט א ווידער־שטאַנד, געמאַכט פּרוּוון צו פאַרניכטן די פּאַר־שטייער, וועלכע די פּאַרטיי פלעגט שיקן אָף אַרבעט אין דאָרף.

און דאָך איז געקומען דער פרײַדיקער טאָג פונעם 7 מײַ 1931 יאָר, ווען די פּויערים פון־נעם דאָרף אַכמאַטאָוואָ זײַנען אַרויס אין פעלד אָף צו פאַרזייען די פעלדער פונעם ערשטן קאָלווירט אין דער דאַזיקער געגנט.

באַ די פערד, וואָס זײַנען געשפּאַנט געווען אין אַקערס און אין באָראָנעס, זײַנען די הריך־וועס פאַרפּוצט געווען מיט סטענגעס. דער טאָג האָט זיך אויסגעגעבן א זוניקער, א וואַרע־מער, און איך, וואָס האָב קיינמאָל אין די הענט ניט געהאַלטן דאָס הענטל פון אַן אַקער, בין געשטאַנען דער ערשטער אין דער ריי מיט מײַן געשפּאַן.

איך בין נאָכגעגאַנגען דעם קאַרע פערדל, מיט ביידע הענט שטאַרק אָנגעדריקט אָף די הענטלעך פונעם אַקער און געקוקט אָף די שוואַרצע כוואַליעס ערד, וואָס האָבן זיך גע־לייגט אונטער די פיס. כאָטש שוין אין דער ערשטער שאָ זײַנען מײַנע דלאָניעס און די פינגער באַזעצט געוואָרן מיט וואַסערדיקע בלאָטערן, האָב איך קיין ווייטאַק ניט געפילט. א יונגע פּויערטע האָט אַראָפּגענומען פון אירע

הענט א פּאָר גראָבע שוואַרצע „רוקאַוויצעס״ און מיר דערלאַנגט:

— טוט אָן, כאַווער פּאַרזיצער, אײַערע הענט זײַנען נאָך צום אַקער ניט צוגעווױנט.

איך האָב געכאַפּט אַ קוק אַף דעם דאָרפישן מיידל. דאָס איז געווען די ערשטע קראַסאַווי־צע פון דאָרף אַליאַ ביקאָוואַ.

יענער טאָג איז געווען מײַן ערשטער זיג, נאָכן שווערן ווינטער, וואָס איך האָב געהאַט אין דעם דאָזיקן דאָרף.

דעם זעלבן מײַ־אָוונט האָט אַפן דאָרפישן פּלאַץ זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער אוילעם. איך האָב גענומען אַליאַ ביקאָוואַ אונטערן אָרעם און זי אַרויסגעפירט אינמיטן קרײַז פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. די קלאַנגען פון דער האַרמאָניק האָבן ביז שפּעט זיך געטראָגן איבער די פעלדער, און מיר האָבן געטאַנצט. דער גליקלעכסטער אינעם דאָרף אַכמאַטאָוואָ בין איך געווען.

טאַנצנדיק מיט אַליען, האָב איך געהערט, ווי עמעצער האָט געזאָגט:

— איר טוט נאָר אַ קוק, אונדזער פּאָרזיצער ספּראַוועט זיך אויך ניט שלעכט מיט אונדזערע מיידלעך.

ווערן אַן אייגענער מענטש אין דאָרף דאַרף מען פאַרדינען מיט שווערער מי, מיט גוטער אויפירונג. אין דאָרף זעט מען און מע הערט יעדער קלאַנג דײַנעם, יעדער טריט, וואָס דו שטעלסט, און קוים טוסטו עפּעס ניט אַזוי, ווי עס דאַרף צו זײַן, פאַרגעדענקט מען עס און ס'איז שוין שווער זיך צו פאַרענטפערן.

דורכגיין געאַרעמט מיט אַ מיידל איבער דער גאַס אָדער זיך טרעפן מיט איר אין וואַלד באַטראַכט עס שוין דער דאָרפישער אוילעם, ווי אַן ערנסטן אָנזאָג אַף נאָענטקײַט. אויב דאָס איז אַ כאַסענע געהאַטע פרוי, דאַרף מען זײַן געהיט, אַז מע זאָל זי ניט אָנהייבן באַריידן, אַז קיין שלעכטער כשאַד זאָל אַף איר ניט פאַלן. מע מוז זײַן געהיט, אַז אין גאַס זאָל מען דיך ניט זען קיין אויסגעטרונקענער, קעדיי ס'זאָל ניט אַוועק קיין קלאַנג, אַז דו האַלטסט פונעם ביטערן טראָפּן, האַקלאַל מע דאַרף זיך קאָנען פירן, ביפּראַט נאָך, אַז דו ביסט דאָ אַ נײַנקער, אַ פרעמדער, אַ שטאָטישער.

מיר איז אָבער געלונגען זיך אײַנגלידערן, ווערן אַן אייגענער אין אָט דער פאַרוואָרפּע־נער אַכמאַטאָוואָ. איך בין געוואָרן אַן אָנגע־לייגטער גאַסט אַף אַלע כאַסענעס, אַף קריי־סטינעס און מאָלצײַטן.

ניט געקוקט אַף מײַן יונגקײַט, פלעגן די עלטערע קומען צו מיר זיך האַלטן אַן אייצע וועגן היימישע אָנגעלעגנהײַטן — וועגן אַ שי־דעך, וועגן שיקן לערנען אַ קינד אין ראַיאָ־נישן צענטער...

שוין אין אַ יאָר אַרום האָט מען מיך אויס־געקליבן אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַנגע־גאַנגען די קאָמוניסטן פון זעכצן אַרומיקע דערפער. די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וואָס איז געפאַלן אַף מיר, האָט מיך געמאַכט פילן, אַז איך בין אַ סאַך עלטער, ווי איך בין געווען. באַ מײַנע 22 יאָר האָט מיר שוין ניט געפּאַסט צו טאַנצן מיט די יונגע מיידלעך און דאָרפישע ייִנגלעך, וואָס פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַפן פּלאַץ, איך אַליין און זיי, די יונגע, האָבן גע־קוקט אַף מיר, ווי אַף אַ באַיאָרטן מאַנצבל.

אָט אין יענע צוויי יאָר, אינעם ווײַטן דאָרף אַכמאַטאָוואָ האָב איך אַף אַן עמעס דערפילט, וואָס הייסט עס ליב האָבן די ערד. איך האָב באַקומען גרויס ייִראַס־האַקאָוועד צום פּויער, צו זײַן שווערער מי, איך האָב פאַרשטאַנען די פּרײַז פון ברויט. אין דאָרף האָב איך באַקו־מען, ווי זאָגט מען עס, די ערשטע „זאַקאַלקע״, דערוווּסט זיך „פּאָטשאָם פונט ליכאַ״...

איך האָב אַף אַן עמעס ליב באַקומען די דאָרפישע אָפּדערנאַכטן. ווינטער, זיצנדיק אין אַ פרײַען אָוונט אין שטוב, באַם אַכטער לעמפּל, האָב איך ביז שפּעט זיך ניט אָפּגעריסן פון אַ בוך, וואָס האָט מיך פאַרינטערעסירט.

פון יענער זײַט וואַנט שלאָפן שוין לאַנג מײַנע גוטע באַלעבאַטים — דער אַלטער זיידע אַפן וואַרעמען אויוון, די באַלעבאָסטע מיט די קינדער און מיטן מאַן זעען שוין דעם צענטן כאָלעם, און איך זיץ אַף דער צאַרגע פון מײַן סאָלדאַטסקע בעטל און לייען. די לויפנדיקע שורעלעך פונעם בוך פירן מיך אַוועק ווײַט־ווײַט, אין אַ פרעמד לאַנד, ווו עס וואַקסן פּאַלמעס און אַנאַנאַסן, — און דאָ פּײַפּט הינ־טערן פענצטערל אַ זאַווייִ. דער ווינט קלאַפּט אין די שויבן, ווי ער וואָלט מיר געבן צו וויסן, אַז אויך ער איז ניט פון די שלעפּערדיקע, און איך טראַכט אַלץ, אַז גיך, גאָר גיך וועל איך אָנשרײַבן אַ בוך וועגן דאָרף, וועגן מײַן אַכמאַ־טאָוואָ און...

...און די זומערדיקע דאָרפישע אָפּדערנאַכטן זײַנען פריילעך־טרוימעריש, — די יוגנט פון דאָרף טאַנצט און זינגט אַפן פּלאַץ באַם דאָרפס־ראַט און שפּעטער צעגייט מען זיך פּאָרלעכ־ווײַז אין די הויפן צי צום פעלד אַרויס, און אויך דו פאַרבלאָנקעסט צום הויכן ברעג פון טײַך און הערסט זיך אײַן אין די קלאַנגען, וואָס דערטראָגן זיך פון די ווײַטע לאָנקעס און פּאַשע־פעלדער, און די טרוימען טראָגן דיך ווײַט־ווײַט... פאַר די אויגן שטייט אויף דאָס שטעטעלע סוויאַטסק, די מאַמע שטייט באַם אויוון אַ פאַרפלאַמטע און שלעפּט אַרויס מיט אַ ראָהאַטש אַ גרויסן טאָפּ מיט געקאָכטע קאַר־טאָפליעס. אַרום טיש זיצן די ברידער און די

שוועסטערלעך, און דער טאַטע הערט ניט אויף צו שטעפּן אַף זײַן „זינגער"־מאַשין. און אײַנווייניק אין דיר ברומט דעם טאַטנס ניגנדל:

האָב איך מיר אַ מאַנטעלע פון אַלט געוואַנט,
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ...

ווינטער פון דרײַ־און־דרײַסיקסטן יאָר בין איך אַוועק דינען אין דער רעגולערער רויטער אַרמיי. ווײַל איך האָב פאַרענדיקט אַ מיטלשול, איז מיר פאָרגעשטאַנען צו דינען נאָר איין יאָר, אַזאַ אײַנשטעלונג איז דעמלט געווען.

איך בין זיכער געווען, אַז איצט, נאָך דעם ווי איך וועל זיך אויסדינען, וועלן זיך פאַר מיר עפענען די טירן פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, פון וואָס פאַר אַן אינסטיטוט מיר וועט זיך וועלן. אין אַרמיי בין איך געווען פון די ערשטע און מײַנע קאָמאַנדירן זײַנען גרייט געווען מיר געבן די סאַמע גינסטיקע כאַראַקטעריסטיק. נאָר ווײַזט אויס, אַז מײַן גורל האָט פון סאַמע אָנהייב אָן אָנגעצייכנט פאַר מיר גאָר אַן אַנדער וועג.

זומער איז אונדזער טייל געשטאַנען אין אַ לאַגער אונטער מינסק, אין יענע ערטער, ווו עס געפינט זיך איצט דער מינסקער אויטאָמאָביל־זאַוואָד. אײַנדערפרי, מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן פאַרענדיקן די פיזישע איבונגען, איז אַ פאַרסאָפּעטער געקומען צו לויפן אַ סאָלדאַט און אין איין אָטעם אַרויסגעבראַכט:

— איינס־און־צוויי! — האָט ער אויסגעשריגן. — קיין מינוט זאָל עס ניט געדויערן. דער קאָמאַנדיר פונעם 4־טן שיסער־פּאָלק באַבקאָוו האָט באַפוילן, זאָלסט שוין זײַן בא אים.

איך האָב געשיקט אַרופגעצויגן די גימנאַסטיאָרקע אַף זיך, פאַרשפּיליעט זיך אַף אַלע קנעפּלעך, אָנגעטאָן דעם רימען און ניט געאײַלט זיך געלאָזט צום לאַגער־שטיבל. איך האָב געווּסט, אַז אַ מינוט צוויי שפּילט אין דעם פאַל קיין ראָליע ניט, אָבער נאַכלעסיקײַט וועט געוויס אַרויסרופן פאַרדראָס באַם קאָמאַנדיר.

דער סאָלדאַט, וואָס איז מיך געקומען רופן, איז געווען זייער אומרויִק, ער האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן און אונטערגעשטורכעט מיך:

— וואָס קלײַבסטו זיך, ווי אַף אַ כאַסענע?! מע זאָגט דאָך דיר איינס־און־צוויי!

בא באַבקאָוון אינעם לאַגער־שטיבל, ווען איך בין אַרײַנגעקומען, איז אויך געווען דער קאָמיסאַר פון פּאָלק מעדוועדיעוו. ער האָט זיך גלײַך אופגעהויבן פונעם אָרט און זיך געווענדט צו מיר קימאַט פײַערלעך:

— מיר אַלע קענען אײַך זייער גוט, ווייסן, אַז איר זײַט געווען אַ גוטער אַרבעטער, גוט זיך געספּראַוועט מיט דער אַרבעט אין דאָרף, און מיר האָבן באַשלאָסן אײַך שיקן זיך לערנען אין דער סאַראַטאָווער טאַנקען־שול...

די ערשטע מינוט האָב איך, מיר דאַכט, ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער קאָמיסאַר רעדט צו מיר. וואָס הייסט סאַראַטאָווער טאַנקען־שול?! אַז מיט אַלע מײַנע געדאַנקען בין איך שוין געווען אין מאָסקווע, שטענדיק געזען פאַר די אויגן דעם אוניווערסיטעט, וואָס אַפּן ראָג פון דער גערצען־גאַס און דעם ברייטן מאַניעזש־פּלאַץ... וואָס הייסט טאַנקען־שול? נאָך עטלעכע כאָדאָשים, און איך וועל זיך אַף אַ וואָך־צוויי אַראָפּכאַפּן קיין סוויאַטסק, זיך זען מיט די עלטערן, מיט די ברידער און שוועסטער און צוריק קיין מאָסקווע. איצט זײַנען די טירן פון אַלע לערן־אַנשטאַלטן פאַר מיר אָפן...

אַ לענגערע ווײַל בין איך געשטאַנען און האָב געשוויגן. ניט געוואַגט אופהייבן דעם בליק אַף די קאָמאַנדירן. טאַנקען־שול? איך בין דאָך אַ קליינוווּקסיקער, אַ דאַרער, און אַ טאַנקיסט האָט אין מײַן פאָרשטעלונג געדאַרפט זײַן אַ גוואַר, אַ שטאַרקער יונג. אָבער ווי שטענדיק, זײַנען מיר געקומען אַפּן געדאַנק מײַן מאַמעס ווערטער — אַ קלוגע געווען מײַן מאַמע... „שרעק זיך ניט פאַר קיין שוועריקײַטן, — האָט זי אָפט געטײַנעט, — דעם אַל, וואָס לייגט זיך אַף דײַנע אַקסל, זאָלסטו אַפילע ניט פּרווון איבערלייגן אַף אַ צווייטן..."

איך האָב נאָך אַ מינוט געשוויגן און דערנאָך, ווי שטענדיק, אַרויסגעבראַכט:

— ווען? ווען דאַרף מען פאָרן?

דער קאָמיסאַר, וואָס איז געזעסן באַנאַנד מיטן קאָמאַנדיר, האָט געכאַפּט אַ קוק אַף זײַן כאַווער און געענטפערט:

— מאָרגן, מאָרגן דאַרף מען אַרויספאָרן. — ער האָט צוגערוקט נעענטער צו זיך די פּאַפּירן, וואָס זײַנען געלעגן אַפּן טיש, אַרײַנגעקוקט אין זיי און צוגעגעבן: — פאָרן וועט איר ניט אַליין. איך מערק אײַך אָן אַלס פאַרטאָרג פון הונדערט מאַן, וועלכע איר וועט דאַרפן ברענגען קיין סאַראַטאָוו אין דער טאַנקען־שול. פאַרן אַרויספאָרן וועט איר באַקומען אַלע נייטיקע פּאַפּירן. איך ווינטש אײַך דערפאָלג.

און דעם קומענדיקן קאַיאָר האָבן מיר, הונדערט מאַן, זיך אופגעזעצט אַפּן צוג מינסק — סאַראַטאָוו, וואָס האָט אונדז געבראַכט אין שול, וועלכע איז פאַר אונדז אײַנגיכן געוואָרן אַ ליבע היים.

דרײַ יאָר, טאָג נאָך טאָג פונעם 1933 ביזן 1936 יאָר, האָבן מיר געווּסט בלויז געציילטע זאַכן — טאַנקאָדראָם, פּאָליגאָן, לאַבאָראַטאָריע, קלאַסן, און ווידער דאָס זעלבע — טאַנקאָדראָם, מאַשינעס, פּאָליגאָן... לערע און לערע. די טעג און די נעכט זײַנען פול געווען מיט שווערער מי, מיט שטענדיקער אָנשטרענגונג, און ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ פרײַע שאָ, שפּאַצירנדיק איבער דער טשערנישעווסקי־גאַס אין סאַראַטאָוו אָדער זיצנדיק אין דעם אָפּערע־טעאַטער

אַף טשערנישעווסקיס נאָמען, פלעג איך מיט אַ שמייכל זיך דערמאָנען אין מײַנע יוגנטלעכע טרוימען וועגן ווערן אַ ליטעראַטאָר. טשערני־שעווסקי, — האָב איך געטראַכט, — איז אין מײַן עלטער שוין געווען טשערנישעווסקי. איך האָב שוין געוווּסט, און גוט פאַרשטאַנען, אַז מיר שטייט פאַר גאָר עפּעס אַנדערש — צו יענער צײַט האָט דער דײַטשישער פאַשיזם שוין באַ־דראָעט די וועלט. יאָ, מײַן אָרט אין דער גע־זעלשאַפט איז שוין געווען באַשטימט. אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי, האָב איך געוווּסט, וועל איך איצט עפּעס קאָנען אופ־טאָן, דאָ איז מײַן עמעס אָרט.

דעם 7 נאָיאַבער פונעם 1936 יאָר איז אין אַקטאָווע זאַל פון דער סאַראַטאָווער טאַנקען־שול פאַרגעקומען דער ערשטער אַרויסלאָז. הונדערט יונגע לייטענאַנטן־טאַנקיסטן זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי שערענגעס און מיט ציטערדיקע הערצער געוואַרט אַף דעם, וואָס דאַרף באַלד פאַרקומען.

דער שעף פון דער שול פּאָלקאָווניק שיפּאָוו האָט פײַערלעך פאַרגעלייענט דעם באַפעל פו־נעם פאָלקסקאָמיסאַר קלימענט יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו. יעדערער פון אונדז האָט גע־וווּסט, אַז באַלד וועט דער שעף אָנרופן זײַן נאָמען. און כאָטש מיר, עטלעכע און פערציק קורסאַנטן, וואָס האָבן פאַרענדיקט די שול לויטן ערשטן ראַזריאַד, זײַנען זיכער געווען, אַז מיר וועלן אָנגעמערקט ווערן אַף אַרבעט דאָרט, ווו מיר וועלן אַליין וועלן — אין מאָסק־ווע אָדער אין לענינגראַד, האָט דאָך דאָס האַרץ געציטערט. איך האָב באַשלאָסן אַוועק אין דער טאַנקען־בריגאַדע אָפן נאָמען פון קאַלינאָוו־סקין, וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אונטער מאָסקווע אין נאַראָ־פאָמינסק...

און פלוצעם דערגייען צו מײַן געהער די ווערטער: „דער לייטענאַנט דראַגונסקי דאַוויד אַבראַמאָוויטש ווערט אָנגעמערקט אַלס קאָמאַנ־דיר פון דעם טאַנקען־ווזוואָד אינעם ווײַטמיז־רעכדיקן מיליטער־קרײַז, וואָס געפינט זיך אַף דער סטאַנציע ראַזדאָלנאַיאַ". פון אָנפאַנג איז צו מיר ניט דערגאַנגען, ווו דאָס דאָזיקע אָרט געפינט זיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ ראַזדאָל־נאַיאַ? ערשט נאָך דער קאָמאַנדע „פרײַ" האָבן אַלע אַרויסגעלאָזטע אַרומגערינגלט דעם קאָ־מאַנדיר מורקינען און אים גענומען באַשיטן מיט פראַגן. מיר, די אַלע, וואָס האָבן פאַרענ־דיקט די טאַנקען־שול לויטן ערשטן ראַזריאַד, האָבן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מע שיקט אונדז אַפן ווײַטן מיזרעך און ניט קיין מאָסקווע און לענינגראַד.

מורקין איז געווען אַ דערפאַרענער און קלו־גער מענטש. ער האָט פאַרשטאַנען אונדזער אומרו, נאָך פון פריִער געוווּסט, אַז דער באַ־פעל וועט אונדז שטאַרק פאַרכידעשן. מיר זײַ־נען דאָך געווען די בעסטע קורסאַנטן, פאַרוואָס זשע האָט מען פלוצעם אָפּגענומען בײַ אונדז דאָס רעכט — ניט דערלויבט אַליין זיך אויס־ווײלן אַן אַרבעט און פאָרן אַהין, ווו אונדז האָט זיך געוואָלט.

דער קאָמיסאַר האָט רויִק זיך געווענדט צו אונדז:

— לויטן באַפעל פונעם פאָלקסקאָמיסאַר וואָ־ראָשילאָוו ווערן אַלע בעסטע קורסאַנטן גע־שיקט אַפן ווײַטן מיזרעך. דאָרט שמעקט מיט פּולווער.

מער האָט ער שוין קיין זאַך ניט באַדאַרפט זאָגן.

אינעם נײַ־יאָר־טאָג פונעם 1937 האָב איך מיט מײַנע פיר פרײַנט — וואָלאָדיאַ בעליאַקאָוו, אַנדריי באַראַבאַנאָוו, וויאַטשעסלאָוו ווינאָקו־ראָוו און פּאַוועל זשמוראָוו זיך אַרויסגעזעצט אַף דער פאַרוואָרפענער ווײַטמיזרעכדיקער סטאַנציע ראַזדאָלנאַיאַ.

אַ מעטער דרײַ־פיר הונדערט פון דער דאָזי־קער סטאַנציע האָט זיך געפונען די קאַזאַרמע פון דער מיליטער־טייל, ווו אונדז איז פאַרגע־שטאַנען צו אַרבעטן. מיט די טשעמאָדאַנדלעך זײַנען מיר גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין דער גע־זעלשאַפט פון די אָפיצערן מיט זייערע מישפּאָ־כעס, וואָס האָבן געפײַערט, דאָ אין דער קאַ־זאַרמע, דאָס נײַ־יאָר.

איך האָב געמאַכט עטלעכע שפּאַן, זיך אָפּ־געשטעלט אַנטקעגן קאָמאַנדיר פונעם באַטאַ־ליאָן מיכאַיִל וואַסיליעוויטש אַלימאָוו און לויט אַלע קלאַלים ראַפּאָרטירט:

— מיר זײַנען געקומען אין אײַער רעשוס...

די פרויען פון די אָפיצערן האָבן אונדז אונ־טערגעטראָגן צו גלעזלעך בראָנפן און פאַרגע־לייגט צוזאַמען מיט זיי פײַערן דאָס נײַ־יאָר.

שוין מאָרגן, דעם ערשטן יאַנוואַר, האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער דינסט אַפן ווײַטן מיזרעך.

דאָס אייביקע פײַער

אין 1948 יאָר האָב איך זיך געלערנט אין דער מאָסקווער אקאַדעמיע פונעם גע־נעראַל־שטאַב. אין יענער צײַט האָבן דאָרטן זיך געלערנט אייניקע אָנגעזעענע פראָנטאָוויקעס, באַוווּסטע מיליטערלײַט. צווישן זיי דער גענע־ראַל לעליושענקאָ, דער צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. זײַן מיליטער האָט, ווי עס איז באַוווּסט, געשטורעמט בערלין, אײַנגענומען פּראַג, דער גענעראַל בורדיינע — זײַן קאָרפּוס האָט באַפרײַט מינסק.

אין נאָיאַבער פונעם זעלבן יאָר האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּוטיאָווקע קיין קיסלאָוואָדסק, וווּהין מע האָט מיך געשיקט זיך היילן, און זיך אוועקגעלאָזט אין מײַן געבורט־שטעטל סוויאַטסק.

נאַטירלעך, אַז אין די מילכאָמע־יאָרן איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקײַט זיך עפּעס וואָס דערוויסן וועגן גורל פון מײַנע עלטערן, וועגן גורל פון מײַנע נאָענטע און באַקענטע, וועלכע זײַנען געבליבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע.

נאַטירלעך, אַז מיך האָט געצויגן אַ קוק טאָן, וואָס איז געוואָרן מיט מײַן היים.

ווען דער צוג האָט זיך גענומען דערנעענ־טערן צו אונדזערע ערטער, בין איך ניט אָפּ־געטראָטן פון וואַגאָן־פענצטער, דאָס האַרץ האָט געפּלאַטערט, און מיר האָט זיך אַלץ גע־דאַכט, אַז עמעצער פון מײַן גרויסער מישפּאָ־כע וועט אויף דער סטאַנציע מיך באַגעגענען. ווי קאָן עס זײַן, אַז קיינער זאָל ניט קומען, אַזוי ווי דאָס פלעגט זײַן ביזן קריג, ווען איך פלעג זיך אַראָפּכאַפּן אַהיים. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אַלע זאָלן פאַרניכטעט ווערן! מיר איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען פאַר די אויגן די מאַ־מע, דער מאַמעס פײַכטער בליק, אָט שטייט זי אויפן פּעראָן מיט איר טונקעלן שאַרף אָנגע־וואָרפן אויף די אַקסל...

אָבער קיינער פון מײַנע אייגענע איז ניט געקומען.

דאָס, וואָס איך האָב געטראָפן אין סוויאַטסק, איז אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן.

ניט ווײַט פון אונדזער שטוב, אַ מעטער דרײַ־פיר הונדערט פונעם פּאַליסאַדניק, איז פון זינט איך געדענק געשטאַנען די ציגעל־ניע — אַ גרויסע געבײַדע, וואָס איז אויפגע־שטעלט געוואָרן פון געהילץ. דאָרט האָבן פריִער און מענער אויסגעפורעמט ציגל און זיי געברענט אין די פײַערדיקע אויוונס. די יינג־לעך פון דאָרף פלעגן אָפט קומען אַהין, שפּילן אין באַהעלטערלעך, קלעטערן אַף די הויפנס ציגל.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז אין דער ציגעל־ניע האָבן די דײַטשן פאַרטריבן באַ צוויי הונ־דערט מענטשן, צווישן זיי מײַן באַליבטן זיידן מוישע־וועלוול, וואָס איז שוין אַלט געווען 83 יאָר, מײַן באָבע כאַנע, וועלכע איז ניט אַף קיין סאַך יינגער געווען פון אים, מײַן טאַטן, וואָס איז שוין אויך ניט יונג געווען, מײַנע צוויי טײַערע שוועסטער — די עלטסטע פון די קינ־דער סאָניע מיט אירע דרײַ קינדער, און די קלענסטע כײַעלע, מײַנע פעטערס מוישע, וועלוול... אַלע, אַלע... מיט זיי צוזאַמען זײַנען אין דער ציגעלניע אויך דערשאָסן געוואָרן מײַנע שול־כאַווירים יאַנקל איבכין, גרישע סאַפּאָזשניקאָוו, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קע־מערל פּיאָטער אוסאָוו און צוזאַמען מיט זיי זײַן יונגע פרוי עסטער גאָרעליק... גאָט מײַ־נער, ווי קאָן מען דאָס איבערהאַלטן!

איך האָב אַ צײַט אַרומגעבלאָנקעט צווישן די ברוכשטיקער אַרום דער ציגעלניע און האָב גאָר אַליין ניט באַמערקט, ווי אַפן פּלאַץ האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולעם.

די מענטשן האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך בין דאָ, און זיך געיאָוועט אַהער זיך דורכשמועסן מיט מיר.

און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער געדאַנק, וואָס האָט מיר שוין לאַנג געבויערט דעם מויעך, האָט אויך באַאומרויִקט די היגע טויש־ווים.

קיין סאַך בריִען האָט מען ניט געדאַרפט, אַלע זײַנען געווען דערפאַר, אַז מיר זאָלן דאָ, אַפן אָרט, ווו עס זײַנען דערשאָסן געוואָרן אונדזערע אייגענע און נאָענטע, דאַרף אויס־וואַקסן אַ ברודער־קייווער.

— פאַר אַזאַ הייליקער זאַך, — האָט געזאָגט עמעצער פונעם פאַרזאַמלטן עולעם, — וועלן מיר קיין זאַך ניט זשאַלעווען.

— מירן אָפּגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן אָפּ־געשפּאָרט.

— עמעס, עמעס!

דאָ, אַפן פּלאַץ, האָבן מיר אָפּגעמאַכט מיט די דאָרפסלײַט, אַז דער ברודער־קייווער זאָל אויפגעשטעלט ווערן טאַקע דאָ, ווו די קדושים זײַנען געטייט געוואָרן.

שפּעטער מיט אַ צײַט, ווען ס׳איז אויפגע־שוווּמען די פראַגע וועגן שטעלן אַ בראָנזענעם ביוסט אין דעם געבוירן־אָרט דעם צוויי מאָל

די עפענונג פונעם מעמאָריאַל „דאָס אייביקע פײַער" אין דעם דאָרף סוויאַטסק

ד. דראַגונסקי מיט די אײַנוווינער פונעם דאָרף סוויאַטסק נאָך דער דערעפענונג פונעם מעמאָריאַל

העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דאָוויד דראַגונסקין, און ווען מע האָט זיך אָנגעפרעגט בא מיר, ווו זאָל דער דאָזיקער ביוסט געשטעלט ווערן — אין נאָוואָזיבקאָוו צי גאָר אין בריאַנסק, האָב איך געבעטן, אַז דעם ביוסט זאָל מען שטעלן אין שטעטעלע סוויאַטסק, לעבן קייווער פון מײַן מאַמע ראָכל, לעבן קייווער פון מײַן זיידן מוישע־וועלוול, לעבן קייווער פון מײַן טאַטן דעם שנײַדער, לעבן קייווער פון מײַנע ברידער און שוועסטער...

דער זומער איז דעמלט געווען א הייסער. צוזאַמען מיט מײַנע זעמליאַקעס — מאַנצבלען, פרויען און קינדער פלעגן מיר אופשטיין קאַיאָר, נעמען לאָפּעטעס אין די הענט און אוועקגיין צו דער ציגעלניע צונויפקלײַבן די ביינדעלעך פון די דערשאָסענע. אלע האָבן געגראָבן שווײַגנדיק, אָפּגערייניקט די ביינער פון דער ערד און פון דעם זאַמד און צונויפגעטראָגן זיי אין איין הויפן. פון צײַט צו צײַט האָט זיך דערהערט א געיאָמער פון אן אנדער זײַט. די מענטשן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן דערקענט די ביינער פון זייערע קינדער, מאַמעס און טאַטעס. עמעצן האָט זיך געדאַכט, אַז מיט די שפּילעכלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט אין דער ערד, האָבן זיך געשפּילט זייערע מוישעלעך און שלוימעלעך. מיר זעלבסט האָט זיך געדאַכט, אַז מײַנע נערוון וועלן ניט אויסהאַלטן. זיבן טעג האָט עס געדויערט, און פאַר זיבן טעג און נעכט האָב איך מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע בוילעט, ווי דרײַ געזונטע דײַטשן פירן ארויס א באָרוועסע מײַן מאַמע אפן שניי, צילן אָן אף איר די ביקסן און פאָדערן פון איר, אז זי זאָל פאַרשעלטן אירע קינדער, וואָס קעמפן מיט די קאָמוניסטן אפן פראָנט קעגן זיי.

די קלייניטשקע, שוואַכע מאַמע מײַנע

פאַרביסט הויך דעם קאָפּ... ניין, ניין, כ׳וועל בעסער אַרויס אַף דער גאַס, זיך אָפּוועגדן מיט עפּעס, ניט טראַכטן מער וועגן דעם — אַזוי קאָן מען אַראָפּ פונעם זינען.

אַזוי האָבן מיר צונויפגעקליבן און איבער־געטראָגן די ביינדעלעך פון די דערשאָסענע און זיי צונויפגעקליבן אין איין קייווער.

דעמלט האָבן מיר צונויפגעשטעלט צעטלען פון די באַגראָבענע, קעדיי אין א צײַט אַרום אויפשטעלן א מעמאָריאַל און אַן אייביק פײַער.

זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, בין איך קראַנק געוואָרן און צוויי כאָדאָשים אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל.

די יאָרן זײַנען געגאַנגען. איך האָב שוין גע־האַט פאַרענדיקט די אַקאַדעמיע. קאָמאַנדעוועט מיט א טאַנקען־דיוויזיע אין א פּאַרוואָרפן ווינקל אַף דער כינעזיש־מאָנגאָלישער גרענעץ, אַף דער קליינינקער סטאַנציע, וואָס הייסט בעזרעטשני. דאָרט האָבן מיר זיך גענומען בויען קאַזאַרמעס, שפּיטאָלן, קיכן, פּאַרקן פאַר מאַשינעס, וווינונגען פאַר די סאָלדאַטן און אָפיצערן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט מיט זייערע פאַמיליעס.

מיר און מײַנע פרײַנט האָט זיך געוואָלט, אַז דאָ, אין דעם אָנוואָסערדיקן מידבאָר, זאָל אָנ־הייבן בליִען אַן עמעס לעבן. נאָך איצט דער־מאָן איך מיט פאַרגעניגן דאָס, וואָס אונדז איז געלונגען אויסבויען פאַר די זיבן יאָר, וואָס איך האָב דאָרט געאַרבעט. אין דעם דאָזיקן מידבאָר האָבן מיר אויסגעכאָוועט בלומען, דאָרט איז אויסגעוואַקסן א יונג וועלדל. איצט איז דאָס איינער פון די שענסטע גאַרניזאָנען אַף דעם ווײַטן טראַנסבײַקאַל.

אין איינעם א מאַרט־טאָג, ווען דאָ האָט נאָך געהוליעט א וויוגע, האָט מיר אָנגעקלונגען פון טשיטאַ דער קאָמאַנדיר פון מיליטער־קרײַז, דער גענעראַל אַפּאַלאָן קאָנסטאַנטינאָוויטש קאַ־ראַטײַעוו און מיר קורץ געזאָגט (די געשפּרעכן צווישן מיליטערלײַט זײַנען שטענדיק קורצ־צע):

— איר באַקומט צוויי טעג אַף זיך דער־קלײַבן צו אײַער געבורט־דאָרף סוויאַטסק, קעדיי בײַזײַן אַף דער דערעפענונג פונעם ביוסט דעם צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַר־באַנד דאַוויד דראַגונסקין.

— דאָס איז א ביטע צי א באַפעל, כאַווער גענעראַל? — האָב איך געפרעגט.

קאַראַטײַעוו, א באַיאָרטער מענטש, א געווע־זענער שאַכטיאָר פון דאָנבאַס, האָט מיר כאַ־וועריש געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, אַז די ביטע פון אײַערע זעמליאַקעס איז העכער פון א באַפעל.

פאַר מיר איז דאָס געווען אַן איבערצײַגעוור־דיקער ענטפער, כאָטש איך בין געווען שטאַרק איבערגעלאָדן. איך האָב זיך באַטראַכט, אַז אַל־צײַנס קאָן מען אַלע אַרבעטן ניט אָפּטאָן.

אין צוויי־און־פופציקסטן יאָר בין איך פון טשיטאַ ביז מאָסקווע געפלויגן זיבן און צוואַנ־ציק שאָ, אַפן דעמאָלטיקן בעסטן עראָפּלאַן «ИЛ-2». מיר זײַנען געפלויגן איבער טראַנסבײַ־קאַל, איבער דער סיבירער טײַגע, באַראַבינ־סקער סטעפּעס, איבער די אוראַלער בערג.

אָן אומרו האָט ווידער אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע וועזן — ווידער קומען אַף די קוואָרים פון די אייגענע, ווידער באַטרעטן די ערד פון די אָוועס, וואָס האָבן ניט דערלעבט צו דעם זיג איבערן סוינע, וואָס האָט כאָרעוו געמאַכט זייערע היימען. מיטן צוג בין איך געקומען קיין נאָוואָזיבקאָוו, דערנאָך פון נאָוואָזיבקאָוו זיך לאַנג געשלעפּט איבער די צעוויקעטע וועגן צו מײַן היים־שטעטל. אָבער איך האָב ניט פאַר־שפּעטיקט.

דעם 18 מאַרט, צען אַזייגער אינדערפרי האָבן אַפן פּלאַץ פון מײַן לײַבלעכן דאָרף זיך פאַרזאַמלט מײַנע לאַנדסלײַט — די אײַנוווינער פון סוויאַטסק, פון די אַרומיקע דערפער, פאַר־שטייער פון בריאַנסקער און האָמליער געגנטן, וועלכע האָבן געוואַרט אַף מיר אַף דער ערשט אויפגעשטעלטער טריבונע.

איך וועל ניט באַשרײַבן די האַרציקע באַגע־געניש מיט מײַנע לאַנדסלײַט, אָבער איך קאָן ניט פאַרלייקענען, אַז דאָס איז געווען איינער פון די אומפאַרגעסלעכע טעג אין מײַן לעבן.

מיך האָט געפרייט, וואָס דער ביוסט איז גע־שטעלט געוואָרן אַפן אָרט, וווּ מײַן מאַמע איז דערשאָסן געוואָרן. איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס איז א דענקמאָל מײַן מוטער, ווי אויך די קאָר־באָנעס פונעם פאַשיזם. מײַן מאַמעס ווערטער, וועלכע זי האָט אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן אויסגעשריגן אין פּאָנעם פון די מערדער, אַז די זין פון רוסלאַנד וועלן זיגן, זײַנען מע־קוייעם געוואָרן.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך מיט מײַן פרוי אָפּגערוט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַ־טישער רעפּובליק, אין לײַפּציק. אַפן לײַפּציַ־קער יאַריד האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט פראַנ־טאָוויקעס, מיט אַלטע גוטפרײַנט, מיט כאַוויי־רים פון דער שפּאַנישער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, מיט באַקענטע, וואָס זײַנען געזעסן אין קאָנצלאַגער פון בוכענוואַלד, אַזעלכע, ווי עלמאַנד האָפּע, יאָהאַן ערנעסט, טעסלער און אַנדערע. אין איינעם א באַנאַכט האָט אונדז די מאַשין אָוועקגעפירט קיין בערלין אַף א באַגעגעניש מיטן שוץ־מיניסטער פון דער דײַ־טשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק מיטן גע־נעראַל פון דער אַרמיי היינץ האָפמאַן. דער מאַטאָר האָט איינטאָניק געהודעט. מידע פון

וועג און פון אײַנדרוק, האָבן די אויגן אַליין זיך פֿאַרמאַכט.

פלוצעם האָט זיך געווענדט צו מיר העלמאַנד האָפּע:

— געגנאָסע דראַגונסקי, איר זײַט שוין אַ לאַנגע צײַט ניט געווען באַ אונדז, מיר קענען אײַך גוט אַלס אַן אַקטיוון קעמפּער קעגן היטלערישן פאַשיזם. איר האָט אײַער צווייטן גאָלדענעם שטערן פון אַ העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד באַקומען פאַר די שלאַכטן אין בערלין. ניט לאַנג צוריק האָבן מיר אײַך באַלוינט מיט אַן אָרדען „פאַר דינען דעם היימלאַנד מיט גאָלד”. דעריבער איז אונדז אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס איז אײַך אַמערסטן געפעלן געוואָרן באַ אונדז?

איך האָב ניט געאײַלט מיט קיין ענטפער. מיר זײַנען אין מעשעך פון געציילטע סעקונדעס דורכגעלאָפן קאָלערלײַ בילדער פאַר די אויגן — מײַן אייגן דאָרף סוויאַטסק, די ציגעלניע מיט די צונויפגעזאַמלטע ביינדעלעך, דאָס פײַער אין בערלין...

נאָך אַ דויערנדיקער פאַוזע, ניט שטערנדיק די שטילקײַט, האָב איך געענטפערט:

— איך האָב אַ טראַכט געגעבן, אַז איצט פאָרן מיר אַף אַ לײַכטער מאַשין איבער די זעלבע וועגן, דורך וועלכע עס זײַנען אין די מילכאָמע־יאָרן געגאַנגען די טאַנקען פונעם גענעראַל ריבאַלקאָ, ווו מײַנע טאַנקען זײַנען געגאַנגען, קעדיי שטורעמען די פעסטונג פונעם פאַשיזם, אַף בערלין, — און שמייכלענדיק אין דער פינצטער צו זיך אַליין פאָרגעזעצט, — איך פאָר ניט ווי קיין געפאַנגענער, נאָר ווי אַ פרײַנט, ווי אײַערער אַ גאַסט. דער וועג פון קריג איז געוואָרן אַ וועג פון שאָלעם.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר, אַלע פיר, זײַנען אַרויס אַפן וועג און אויסגעטרונקען צו גלעזעלעך ווײַן דערפאַר, אַז דער דאָזיקער וועג, ווי אַלע וועגן, וואָס פירן קיין דײַטשלאַנד, זאָלן מער קיינמאָל ניט זײַן קיין וועגן פון קריג.

מיך ציט אָפט צו מײַן שטעטעלע סוויאַטסק. קימאַט אַלע צוויי יאָר קום איך אַהין, באַזוך מײַנע דאָרטיקע פרײַנט, בלאָנקע אַרום איבער די געסלעך, אין די געדיכטע דערבײַיקע וועלדער און פעלדער. ווען איך קום אַהין ניט אַ לענגערע צײַט, נעמט זיך מיר דאַכטן, אַז עפּעס האָב איך ניט דערטאָן, עפּעס פאַרלוירן, אָנגעווירן.

דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען אין סוויאַטסק אין נאָיאַבער פונעם 1978 יאָר. געקומען בין איך אַהין צוזאַמען מיט די לעבנגעבליבענע פון דער מישפּאָכע דראַגונסקי אַף דער דערעפענונג פונעם אָבעליסק מיטן אייביקן פײַער, וואָס די אַרבעטנדיקע פונעם דאָרף סוויאַטסק און סוויאַטסקער ראַיאָן האָבן אופגעשטעלט.

דאָס מאָל זײַנען מיר געפאָרן אַף לײַכטע אווטאָמאָבילן מיטן ברייטן אַספאַלטירטן וועג און ניט מיט קיין וועגענער איבער די בלאָטעס. פאַר צוואַנציק מינוט זײַנען מיר פון נאָוואָזיבקאָוו געקומען אַהער.

אַף די קרייץ־וועגן פון די דערפער באָבאָוויטשי, סטאַראָווישקאָוו, זשוראַוויטשי, יאַלאָווקאַ זײַנען אַרויסגעקומען די אָרטיקע אײַנוווינער און באַגעגנט די אָנגעפאָרענע געסט מיט ברויט און זאַלץ. מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן אָפּגעגעבן קאָוועד די קעמפער פון דער סאָוועטישער אַרמיי, די פאַרטיזאַנער, די, וועלכע האָבן באַפרײַט זייער היים.

אַנטקעגן בראָנזענעם ביוסט, וועלכן ס׳האָט אויסגעפורעמט דער סקולפּטאָר אָוטשיניקאָוו, שטייט אַף אַ פלאַכן פּאָסטאַמענט אַ גרויסער דרײַמעטערדיקער באַרעליעף פון בעטאָן. דאָרט איז אויסגעקריצט דער פּאָרטרעט פון אַ מאַמע, פון מײַן מאַמע, פון אַלע מאַמעס, וואָס האָבן געבענטשט זייערע קינדער צו גיין אַפן פראָנט און זיך שלאָגן מיטן סוינע, וואָס האָט געטאָפּטשעט די הייליקע סאָוועטישע ערד. פון ביידע זײַטן שטייען 20 מירמלנע טאָוולען, אַף וועלכע עס זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פון 283 סוויאַטסקער טוישווים, אומגעקומענע אַפן פראָנט, אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער, דערשאָסענע, אומשולדיקע מענטשן אין דאָרף.

פון דער מוטערס פּאָרטרעט זײַנען דורכגעלייגט פיר בעטאָנענע שטעגן, באַזעצטע פון די זײַטן מיט בלומען, וואָס פירן צום פּאָסטאַמענט פונעם בראָנזענעם ביוסט.

ווי אַ סימבאָל, פירט דער וועג פון דער מוטער ביז דעם זון. און באַם שטערן, ווו עס ברענט דאָס אייביקע פײַער, ליגן שטענדיק לעבעדיקע בלומען.

פֿונעם בוך „אין לאַנד פֿון זיקאָרן"

דער אָוואַר שטייט מיר באַם צוקאָפּנס

דער אָוואַר קלאַפּט מיר אין די שלייפֿן:
גערענקסט?
גערענקסט?
גערענקסט?
און איך דערזע — אַ ייִנגל טרײַבט אַ רייפֿל,
אַ שטיבל באַ דעם שליאַך אין אַ פּאַרוואַקסן הייפֿל,
ווו בין דער סטריכע הויכט זיך דער בודיאַק.
די מאַמע זיצט באַם פֿענצטער, און פּאַרצווייפֿלט
זי שעפּטשעט עפּעס, און עס שמעקט געשמאַק
דאָס שוואַרצע ברויט.

די מאַמע באַקט עס אויס מיט קימל,
אונטער אַ האַנטעכל עס ליגט שוין אויסגעקילט,
און גאָט אַליין באַ זיך אין הימל
דעם טאַם פֿון דעם געבעק דערפֿילט.

איצט ווייס איך, מאַמע, שוין דעם טאַם פֿון טרערן,
דעם ווײַ פֿון שיידונג איך פֿאַרשטיי.
איך האָב דיך דערמלט ניט געהערט —
כ'האָב ניט געטאָרט דיך הערן,
כאָטש ס'האָט געשטיקט דײַן ניט געשריגענער געשריי —
ער האָט אַף שטיקער די נעשאָמע מיר געשניטן,
און דאַך האָב איך אָן צווייפֿלעניש פֿאַרביטן
דײַן שטילע ליבע אַפֿן טרוים,
וואָס האָט געפֿירט
צו הייכן פֿון דער שטאָט
מיט הודען פֿונעם דראָט.

פֿאַרגיב, מײַן ברודער, מיר, מײַן ליכטיקער האָפּשטיין,
וואָס כ'האָב באַ דיר אַ גראַם אַנטליגן —
ביסט רײַך אַזוי געווען — וואָלסט מיך פֿאַרשטיין
און גוטמוטיק געשוויגן.

דרײַ דינע העפֿטעלעך מיט ערשטע גראַמען,
ווי אַ געניווע כ'האָב צו דיר געבראַכט,
האָסט גלײַך דערפֿילט דעם ציטער,
אים פֿאַרשטאַנען
און גוטוויליק מײַן שטאַלט באַטראַכט.

— דו וויסט, — האָסטו געזאָגט, — כ'בין דיר מעקאַנע.
דו כידעשסט זיך? איך שפּאַס ניט, ניין.
ביסט יונג אַזוי און האָסט אַ סאַך פֿאַרשטאַנען,

און איך בין שוין האָפשטיין:
ווי נעמט מען זי, דײַן ייִנגלשע טשופּרינע,
די בלויקייט פונעם בליק, וואָס גליט...

— — — — — — — — — —

ווו זאָל איך זוכן דיך, ווו זאָל איך דיך געפינען?
סײַדן אין דײַן לעבעדיקער ליד...

ס'האָט דעמלט שוין מיכאָעלס אַף מאָלע בראָנע
זײַן לידעלע געזונגען נאַכט נאָך נאַכט:
„ניט שימעלע, ניט שימעלע ז'מײַן נאָמען...״
פאַרכידעשט האָט געשמייכלט די לעוואָנע
און מיר דעם ניגן א מאַטאָנע
צום גנילאָפּיאַט געבראַכט.

פון גנילאָפּיאַט צו גאַגאָלס דניעפּער
איך בין געקומען און די פּיס געשוווּנקט.
אין קיִעוו האָב איך דיך באַגעגנט, איציק פּעפער —
כ'האָב דאַן אַף אויסוווייניק דײַן דיכטונג שוין געדענקט.

ניט איך אַליין — דו לעבסט אין דעם זיקאָרן
פון פאָלק, וואָס האָט אַף לאַנג פאַרהיט,
אין פּײַן, אין גרויל, אין פרייד פון יאָרן,
דײַן נאָמען און דײַן ליד.

און דו, מײַן פרײַנט — מײַן קלוגער לערער,
ביסט דאַן אַליין געווען נאָך יונג,
און איך, דײַן שילער און פאַרערער,
האָב נאָכגעשפּירט געטרײַ דײַן שווּנג.

און פון דער הייך, פון דיכטער־טורעם
די ערשטע רופן מיר אײַך אויס.
ס'איז אײַער ליד דורך צײַט און שטורעם
געשטאָלט, פאַרהאַרטעוועט אַרויס!

דער רויפע

ס'איז דער שנײַ אַזש ביז די לאָדן,
האָט די קאַץ זיך אויסגעבאָדן
אינעם היפּן שנײַ דעם קלאָרן —
איז זי ווײַס פון שוואַרץ געוואָרן.

— לויף, אוּורעמל, ברענג צו טראָגן
האָלץ פון שטאַל א היפּן.
מ'האָט באַדאַרפט נאָך פאַראַכטאָגן
נאָך א פורל קויפן.

און דער שנײַ, ער שיט זײַן שטילקײַט
שעמעריק, בלענדיק,
גלײַך ער וואָלט געוואָלט די מילדקײַט
אײַנהילן אַף שטענדיק.

אין דער אָנגעפּעלצטער טאַפּליע
שמעלץ איך אויס אַן אייגל

מיט א זודיקע קאַרטאָפליע,
רונדיק, ווי א בייגל.

אַט־אָ שפּאַנט באַראַש דער רויפע,
ביז דער דיך אין שנײַען.
טוט א שפּרונג און פרוווט זיך לויפן,
נאָר ס'איז שווער צו גייען.

בא מענוכען דער מאָדיסטקע
ליגט דער זון פאַרטראַגן.
און מע וואַרט שוין אַף די פּיסקעס,
וואָס באַראַש וועט זאָגן.

נאָר דעם אייבערשטן צו דאַנקען,
ווערט דעם באָכער לינדער.
לויפט באַראַש אים שטעלן באַנקעס —
אים און אַלע קינדער.

דער גאנײדן

באלד,
ווי מע לייגט אַף די פּיסקעס זיך שלאָפן,
שטייט דער גאנײדן פאר אלעמען אָפן.
אין גערטענער פרעמדע,
אין פרעמדע באשטאנען
איז אלץ, וואָס דיר גלוסט זיך,
דאָרט שטענדיק פאראנען.

מע דארף נאָר א שפרונג טאָן
צום שפּיץ פונעם פארקן,
דערנאָך זיך א כאַפּ טאָן
באם דעמב בא דעם שטארקן.

פון דאָרט, ווי א קאַץ —
אַף א בוים, אַף א צווייטן,
אַף טישטשע קאַפּאַרעס
מע דארף שוין דעם לייטער.

דאָ וואקסן די בארן,
ווי גלעקעלעך לאנגע,
דו קאָנסט אַף די ציפּקעס
זיי פּאַשעט דערלאנגען.

די זילבערנע פּעפּינקעס
זײַנען שוין פּײַכטלעך —
מיט רויטן פּארפּאַליעט
די דיניקע הײַטלעך.

ס'צעגייט זיך דער זאַפט
אינעם מויל, אַף די ליפּן.
איך שטופּ זיי אין בוזעם —
זיי קילן די ריפּן.

און דאָרטן —
איך האָב שוין די האנט אויסגעצויגן —
עס רופן די פלוימען, ווי פלאַמיקע אויגן.

נאָר וואַרט, ס'האָט די קראָפּעווע
שטארק מיך צעביסן,
ס'האָט עמעץ אַן אויער
מיר שיר אָפּגעריסן:
— אך שאַלטיק, שקידלאַטע,
כ'וועל נאָר דיך דעריאָגן,
וועסטו שוין די אייניקלעך דײַנע פארזאָגן...

די פּיס אַף די פּלייצעס...
צום שפּיץ פונעם פארקן.
דערנאָך אָפּן דעמב
אָפּן הויכן און שטארקן.

פון דאָרט, ווי א קאַץ —
פונעם בוים אַף א צווייטן
און הײַדא און הײַדא —
געמאכט כ'האָב די פּלייטע.

א ווײַלינקע שטיי איך —
די פּלייצע צום פארקן,
און ס'טיאַכקעט און ס'טיאַכקעט זיך
עפּעס אין הארצן.

און כ'דארף ניט קיין פּעפּינקעס
זילבערנע דינע,
קיין פלוימען
עס קריכן מיר איצט ניט אין זינען.

נאָר פּאַרט,
ווען מע לייגט אַף די פּיסקעס זיך שלאָפן,
שטייט דער גאנײדן פאר אלעמען אָפן.
מע דארף נאָר א שפרונג טאָן
צום שפּיץ פונעם פארקן,
און ס'וועט שוין די קינדהײַט
אַף דיר דאָרטן וואַרטן.

ברײַנדל

פידפּאַלעקעס מיט רינדן־שמאַלץ,
באריבן מיט א קנאָבל,
א ביסענקעלע צוגעזאלצט —
וואָס נאָך באדארף מען האָבן.

א בראָכע, ברײַנדל, דיר אין ריפּ —
עס ווינטשן איר די טרעגער,
און ס'טוט זי מייער־בער א קניפּ —
נו, אויב ער קנײַפּט זי — מעג ער.

דאָס אייוועלע צעהיצט, צעפלאַמט,
עס שטייט אין מארק אינמיטן.
און ברײַנדעלע אליין דערלאנגט
איר מײַכל א צעגליטן.

דער טרעגער שטופּט ארײַן אין מויל
א הייסן שטיק פידפּאַלעק,
און ברײַנדעלע איז גאָר ניט פויל —
דערלאנגען אים א שקאַליק.

א פארע זעצט פון אים ארויס,
און אין דער גאנצער לענג און גרויס
ער פאַלט אין שנײַ אנידער.
און ברײַנדל שרײַט אפּסנײַ שוין אויס —
זי זינגט איר לידל ווידער:

— פידפּאַלעקעס מיט רינדן־שמאַלץ,
באריבן מיט א קנאָבל,
א ביסענקעלע צוגעזאלצט,
וואָס נאָך באדארף מען האָבן.

י קרויט שוין אָנגעשינקעוועט
ון אוגערקעס געשטעלט.
י שטוב שוין אויסגעטינקעוועט —
'איז אָסיען אף דער וועלט.

י טאפּליעס שטייף פאַרקיטעוועט,
י פענצטער אָנגעגלאָזט,
יט וואטע אָנגעפּיקעוועט,
אָר ס'בלאָזט דער ווינט און בלאָזט.

ר האָט דעם אלטן בארנבוים
רומגעצופּט דעם קאָפּ.
ון דער בערעזע האָט ער שוין
יט געלס באשפּריצט דעם צאָפּ.

אָסיען

פון אלץ האָט ער זיך אויסגעלאכט,
און וואָס האָט איר געמיינט?
פון גרויס פארדראָס האָט ער באנאכט
אליין זיך אזש צעוויינט.

אף שויבן רינען זיי, דו זעסט,
די טרערן, גרויס ווי באָב.
אין קוימען וואָיעט ער, און איך
אף אים ראכמאָנעס האָב.

נאָר אָט וועט אויספאלן א שניי,
ס'וועט ווייַס ווערן די וועלט,
איז גרייט בא מיר שוין גליטשערס צוויי,
נאָר שטיוועלעך מיר פעלט.

אף די פּיסקעס

פּיסקעס דארפט איר וויסן,
פּיסקעס דארפט איר קענען,
דאָרטן טרעפן ניסים
איינס פון צווייטן שענער.

שרייַט מען אין די יאטקעס —
ווייסט, ס'איז אונדזער שכיינע.
זי איז אין די מאטקעס,
ניט איר מאָן איר שיינער.

פענדריק, קאָפּ וואטאָווע!
ווערט זי מיד פון שרייַען. —
ניט קיין מעל — פּאָלאָווע
האָט מען דיר נאראיעט...

באָנדערס, שוסטערס, סטאָליערס —
האָרעפּאשנע ברידער,
זינגען אויס די דאָליע
אין פארטרוימטע לידער.

ווען דער זומער טליִעט —
וועגן זון און שטערן.
ווינטער — פארקוליִעט
לאָזט די גריל זיך הערן.

זודיקע קארטאָפּליעס —
פייַער אין דער שאָלעכץ.
און דער פראָסט אף טאפּליעס
מאָלט זיך זייַן געמאָלעכץ.

פּיסקעס, זאָלט איר וויסן,
זייַנען ליב מיר, טייַער,
ס'האָבן די פאשיסטן
געלאָזט זיי מיטן פייַער.

גענריקאַס זימאַנאַס

דער אַנטי־ייִדישער טאָך פון דער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פונעם ציוניזם

אין דעם שאַרפן אידעאָלאָגישן קאַמף פונעם קאַפּיטאַליזם קעגן סאָציאַליזם, דעם קאַמף אָן קאָמפּראָמיסן און נייטראַליזם, וואָס די פאָרשטייער פונעם קאַפּיטאַל סטאַרען זיך אַלץ מער צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּסיכאָלאָגישער מילכאָמע, צווייגענענדיק זיך אַף אַ ליגנערישן אויפן דעם טיטל „לידערס פון דער פרייַער וועלט”, „פאַרטיידיקער פונעם פאָלק”, פאַרנעמט דער ציִעניזם אַ באַדייַטנדיק אָרט. דאָס קומט פאָר ניט דערפאַר, וואָס די אידייִשע פּאָזיציעס פונעם ציִעניזם ווערן שטאַרקער, אָדער די צאָל פון זייַנע אָנהענגער וואַקסט. פאַרקערט, דער ציִעניזם דעמאַסקירט זיך אַלץ מער און מער אַלס באַוועגונג, וואָס דינט דער אונטערדריקונג, סייַ סאָציִאַלער, סייַ נאַציִאָנאַלער, און וואָס איז דער מעשאָרעס פונעם אימפּעריִאַליזם, טוט אָן שאָדן די פעלקער, סייַ דעם ייִדישן, סייַ דעם אַראַבישן, העלפט דעם אימפּעריִאַליזם זיך פאַרפעסטיקן אַפן נאָענטן מיזרעך, האַלט אונטער דעם ראַסיזם, די פעלקער־פייַנטשאַפט און דעם קאָלאָניִאַליזם אין אַלע לענדער און אַף אַלע קאָנטינענטן. דער ציִעניזם פאַרלירט אַלץ מער זייַן אוטאָריטעט אויך בא די ייִדישע מאַסן. דאָס האָט אַ שייַכעס צו ייִסראָעל גופע, ווו די האָרעפּאַשנע מאַסן שטרעבן צו לעבן אין שאָלעם און העסקעם מיט די אַראַבישע שכיינים און ווו די אינטערעסן פונעם לאַנד, פונעם פאָלק ווידערשפּרעכן די אַגרעסיווע אידייען פונעם ציִעניזם.

ווען 59 ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן אין 1979 אין די פאַרייניקטע שטאַטן פּראָטעסטירט קעגן די נייַע ייִסראָעלדיקע ייִשווים אַפן מייַרעוו־ברעג פון דעם יאַרדן, האָבן די פרידנסליבנדיקע מענטשן אין טעל־אַוויוו ברייט אונטערשטיצט דעם דאָזיקן פּראָטעסט.

די ראָליע פונעם ציעניזם אַפן הייַנטיקן עטאַפּ ווערט באַשטימט דורך דעם, וואָס ער איז נוצלעך דעם קריגערישן אַגרעסיוון אימפּעריאַליזם, און אין דער ערשטער ריי דעם אימפּעריאַליזם פון די פאַרייניקטע שטאַטן. אָן דער הילף פונעם ציעניזם איז דעם אימפּעריִאַליזם שווערער צו מאַסקירן זייַן פאַרכאַפּערישע פּאָליטיק אין דעם ראַיאָן. דער ציעניזם גיט די אימפּעריִאַליסטן די מעגלעכקייַט צו פאַרשלייערן דעם סאָציִאַלן און קלאַסעוון טאָך פון דער נעאָקאָלאָניִאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס שטרעבט צו פאַרזיכערן זייַן קראַפט־פּאָזיציע אין די נאַפטרייַכע ראַיאָנען, ווי אויך דעם סטראַטעגישן פּלאַצדאַרם דאָרטן, מיט מייַסעלעך וועגן פאַרטיידיקן דעם „קליינינקן דאָוויד” פונעם „ריז גאָליאַף”. דערבייַ ווערט, פאַרשטייט זיך, פאַרשוויגן, אַז דער „קליינינקער דאָוויד” איז פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנט דורך די אימפּעריאַליסטן און ווערט שטענדיק פונסנייַ באַוואָפנט מיטן מאָדערנסטן געווער, מיט מאַטעריעלער אויסשטאַטונג און איז, אין גרונט גענומען, אַן אַוואַנגאַרדיסטישער אָטריאַד פונעם אימפּעריִאַליזם.

דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די סאָציאַלע באַשטעלונג, וואָס דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל גיט דעם ציעניזם און וואָס די ציעניסטישע מאַנהיגים נעמען אַף זיך, ניט פאַרגעסנדיק דערבייַ אויך זייערע אייגענע אינטערעסן. טאַקע די אייגענע און ניט די אינטערעסן פון די ייִדן.

די ציעניסטן פרוּוון דערווייַזן, אַז „די ייִדן זייַנען שטענדיק געווען ציִעניסטן”. אינדערעמעסן איז דער ציעניזם אופגעקומען בלויז אין סאָף פון 19־טן יאָרהונדערט. די הויפּט־סיבע פון זייַן אַנטשטיין איז געווען דאָס אופטרעטן אַף דער היסטאָרישער אַרענע מיצאַד דער ייִדישער בורזשואַזיע אַלס זעלבשטענדיקער עקאָנאָמישער פאַקטאָר.

אין אָנהייב און אין דער מיט פון 18־טן יאָרהונדערט האָט אָנגעהויבן אומעטום כאָרעוו ווערן די מיטלאַלטערלעכע געטאָ אין מייַרעוו־אייראָפּע. די רעוואָליוציעס פונעם 19־טן יאָר־

הונדערט האָבן דערגאַנצט דעם צעפאַל פון די ייִדישע אָפּגעזונדערטע קעהילעס. די ייִדן גיסן זיך אַלץ מער צונויף מיט די אַרומיקע פעלקער, שליסן זיך אײַן אין אַלגעמײנעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן לעבן און אויך אין קולטור־לעבן פון די אַרומיקע פעלקער. אין די ייִדישע געמיינדעס פון אייראָפּע, וואָס זײַנען קיינמאָל ניט געווען סאָציאַל איינהײַטלעך, טרעט אַלץ מער אַרויס די סאָציאַלע פאַנאַנדערשיכטונג. די ייִדישע בורזשואַזיע אַנטוויקלט זיך, עס בילדעט זיך אויס אַן אַרבעטער־קלאַס, עס וואַקסט דאָס קליינבירגערטום, ס׳אַנטשטייט אַן אינטעליגענץ אַלס רעזולטאַט פון דער ייִדישער עמאַנסיפּאַציע.

די וואַקסנדיקע ייִדישע בורזשואַזיע טרעט אומפאַרמײַדלעך אַרײַן אין אַ קאָנקורענץ־קאַמף מיט די פאָרשטייער פון דער לאָקאַלער בורזשואַזיע, און יענע, פון איר זײַט, קומט אָן צו אַנטיסעמיטישע פאָרורטיילן. די ייִדישע בורזשואַזיע וואָלט גערן פאַרגעסן פון איר נאַציאָנאַליטעט. נאָר דאָס הענגט שוין פון איר ניט אָפּ. די לאָקאַלע בורזשואַזיע וויל לאַכלוטן ניט דולדן אַ קאָנקורענט אַפן מאַרק. עס ווערט אַזויאַרום צוגעגרייט אַ באָדן פאַר נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם.

דער ייִדישער בורזשואַזיע איז דער ציעניזם בייטיק געווען אַף צו באַפרידיקן אירע קלאַסן־אינטערעסן, מיט דער הילף פון ציעניזם האָט זי געשטרעבט צו ווערן אַ פּאָליטישער קויעך. אָבער גלײַכצײַטיק האָט די ייִדישע גרויס־בורזשואַזיע דעמלט ניט געהאַט בעדייע צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציעניסטישער באַוועגונג, געבן געלט פאַר ציעניסטישע צוועקן, אָפּן דעם ציעניזם אונטערהאַלטן. אין אָט דעם פאַקט קען מען זען אַ געוויסע סטירע. אויב די גרויס־בורזשואַזיע האָט געבוירן דעם ציעניזם, טאָ ווי קומט עס, אַז זי איז — ווייניקסטנס עפנטלעך געשטאַנען אָן אַ זײַט פון דער ציעניסטישער באַוועגונג? אינדערעמעסן איז דאָ קיין סטירע ניטאָ. די בורזשואַזיע האָט זיך באַצויגן צו דער ציעניסטישער אידיי אומגעפער אַזוי, ווי זי האָט זיך באַצויגן צו גאָט. דער ציעניזם — דאָס איז אַ סכוירע פאַר די פאָלקס־מאַסן, פאַר זיך גופע, האָט זי געהאַלטן, איז בעסער צו בלײַבן און ווירקן אין די אַלטע לענדער, וווּ זי האָט געשאַפן איר פאַרמעגן.

דער ייִדישער בורזשואַזיע לוינט, אַז דער פּראָצענט פון די ייִדן אין דעם לאַנד, וווּ זי ווירקט, זאָל זײַן וואָס קלענער. דאַן בלײַבט זי, די ייִדישע בורזשואַזיע, אין שאָטן און וואַרפט זיך ניט אַזוי אין די אויגן. פון דער אַנדערער זײַט, אַף וויפל דער ציעניזם אַנטוויקלט זיך, נעמט אָן קאָנקרעטע פאָרמען, האָט געשאַפן אַ ייִדישע מעלוכע, פּרוּוון די פאָרשטייער פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע צו זיכערן מיט דער הילף פון דער ייִדישער מעלוכע זייערע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן. דאָס איז באַזונדערס נעגייע דער באַזאָרגונג מיט נאַפט און זײַנע פּראָדוקטן און אויך דעם קאַמף קעגן דער באַפרײַונגס־באַוועגונג פון די פעלקער, אין וועלכן די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן זײַנען פאַרינטערעסירט, פונקט ווי אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטן. און שליסלעך זײַנען די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן, ווי די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע אַנדערע פעלקער, פאַרינטערעסירט אין דער פּאָליטיק פון דער ייִדישער מעלוכע, וואָס איז געצילט אַף דער פאַרשטאַרקונג פונעם אײַנפלוס פון דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל אַפן נאָענטן מיזרעך.

דער ציעניזם איז בעלי שום סאָפּעק די קלאַסן־אידעאָלאָגיע און קלאַסן־פּאָליטיק פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע. שטעלט זיך די פראַגע, ווי:אַזוי קומט עס, אַז די ציעניסטישע אידייען זײַנען אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך גאַנץ ברייטע שיכטן פונעם ייִדישן קליינבירגערטום און אַפילע דורך אייניקע, עמעס קליינע, גרופּן אַרבעטנדיקע? דאָס דערקלערט זיך דורך אַ ריי סיבעס.

צווישן די סאָציאַלע סיבעס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס די ייִדן, אַלס קלאַל, זײַנען באַשטאַנען פון קליינבירגער־קוסטאַרן, באַלמעלאָכעס, הענדלער — פון האָרעפּאַשניקעס און אינטעליגענץ. גרויס־בורזשואַזיע איז געווען ניט אַזוי־פיל, ווי דאָס שילדערן די אַנטיסעמיטן. דער אַרבעטער־שיכט איז באַ דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען אומבאַדײַטנדיק, איבערהויפּט אין מיזרעך־אייראָפּע, וווּ די ייִדן האָבן געלעבט אין טכום־האַמוישעוו, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיין אַנטוויקלטע אינדוסטריע. אין מײַרעוו־אייראָפּע האָבן די ייִדן, בעדערעך קלאַל, געאַרבעט אין פרײַע פּראָפעסיעס און געהערט אין אַ היפּשער מאָס צו דער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע. בלויז אין די פאַרייניקטע שטאַטן איז באַ די ייִדן געווען אַ באַדײַטנדיקער שיכט פון אַרבעטער אין ערשטן פּעריאָד פון דער עמיגראַציע. דעמלט זײַנען די ייִדן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אַלס קלאַל, געשטאַנען אַף פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם, וואָס די גרעסטע מערהײַט האָט אונטערשטיצט דעם ראַטנפאַרבאַנד. הײַנט האָט זיך די לאַגע גרינטלעך געענדערט, ווײַל עס האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט דער קלאַסן־צוזאַמענשטעל פון די ייִדן אין פּשאַ — דער מיטל־שיכט איז געוואָרן דער פּרעוואַלירנדיקער. אין דער זעלבער צײַט איז די אָפּוועזנהײַט פון פעסטע באַשטענדיקע פּראָפעסיעס גוירעם געווען די ניט־פעסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די ייִדישע מאַסן.

די פּאָזיציע פון גאַנץ ברייטע שיכטן, דערייקער פון דער קליין־ און מיטל־בורזשואַזיע, איז אָפּהענגיק געווען פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס האָט געהאַלטן זיך אין איין וואַקלען און האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַף דער מאַטעריעלער לאַגע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. באַ ייִדן זײַנען ניט ווייניק געווען מענטשן אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג, וועלכע האָבן אָפּט געביטן די פּראָפעסיעס. אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט דער טיפּ מענטש, וואָס איז אין דער

ליטעראַטור באַצייכנט געוואָרן אַלס „לופט־
מענטש" — מיט אַנדערע ווערטער, אַ מענטש,
וואָס הײַנט האַנדלט ער, מאָרגן איז ער אַ מע־
קלער, איבערמאָרגן פּראָדוצירט ער עפּעס,
דאָס הייסט אַ מענטש, וואָס הענגט אינדער־
לופטן.
אָט די אייגנטימלעכקײַטן פֿונעם ייִדישן לעבן
האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די פּאָליטישע שטי־
מונגען בײַ ייִדן. די רעכטלאָזיקײַט און אונטער־
דריקונג האָבן אַרויסגערופֿן אַן אַנטשלאָסנקײַט
צו קעמפן קעגן דער סאָציאַלער סיסטעם, ווו
עס הערשן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע.
דערפֿאַר איז צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקע־
רונג געווען אַ גרויסער פּראָצענט מענטשן, וואָס
האָבן געהערט צו רעוואָליוציאָנערע און פּראָ־
גרעסיווע באַוועגונגען. לענין האָט אָנגעוויזן,
אַז „דער פּראָצענט פֿון ייִדן אין די דעמאָקראַ־
טישע און פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען איז אומ־
עטום העכער ווי דער פּראָצענט פֿון די ייִדן
אין דער באַפֿעלקערונג בכלל"[1].
אין דער ייִדישער סוויווע האָבן אַרײַנצו־
דרינגען די אידייען פֿון מאַרקסיזם, און די
ייִדן־מאַרקסיסטן „גיסן זיך צונויף אין די אינ־
טערנאַציאָנאַלע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס
מיט רוסישע, ליטווישע, אוקראַיִנישע און אַנ־
דערע אַרבעטער, אַרײַנברענגענדיק זייער בײַ־
טראָג (אויף רוסיש און אויף ייִדיש) אינעם שאַפֿן
פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קולטור פֿון דער
אַרבעטער־באַוועגונג"[2].
באַגלײַך דערמיט האָבן די רעכטלאָזיקײַט און
אונטערדריקונג אַרויסגערופֿן צום לעבן די פּאָ־
ליטיק פֿון צופּאַסונג, בײַ וועלכער עס האָט גע־
פֿעלט די אַנטשלאָסנקײַט צו קעמפֿן דאָ אויפֿן
אָרט פֿאַר די רעכט פֿון די ייִדן. די פֿאַרקריפּל־
טע לאַגע האָט געשאַפֿן באַדינגונגען פֿאַר
פּרוּוון אויסמײַדן דעם אַקטיוון קאַמף, לאַווירן
אויף די וועגן, ווי מע זאָגט, פֿון „שלײַכן זיך פֿאַ־
זע דער וואַנט", קעדיי אויסמײַדן געפֿאַר און
ניט וואַרפֿן זיך צופֿיל דעם סוינע אין די אויגן.
אַזעלכע שטימונגען האָבן בײַגעטראָגן צו
דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון נאַציאָנאַליזם, צו דער
באַהויפּטונג, אַז „אַלע ייִדן זײַנען ברידער".
אויף די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען האָט אויף
אַ ריזיקן אויפֿן געווירקט די רעליגיע, וואָס
הייבט שטענדיק אַרויס דעם נאַציאָנאַלן מאָ־
מענט. אין דער ייִדישער רעליגיע זײַנען שטענ־
דיק געווען אונטערגעשטראָכן די שטימונגען
פֿון „אומקערן זיך קיין ערעץ־ייִסראָעל".
אָט די שטימונגען האָבן עס בײַגעטראָגן צו
דער שאַפֿונג פֿון אַ קלאַסן־בונד צווישן די קלע־
ריקאַלן און די ציִעניסטן — איינעם פֿון די גע־
פֿערלעכסטע בונדן אין דער ייִדישער געשיכ־
טע.
דעם טאָך פֿון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָ־
גיע בילדעט די טעאָריע פֿון דער איינהײַטלע־
כער אַלוועלטלעכער ייִדישער נאַציע. די ציִע־

[1] В. И. Ленин. Полное собрание соч., т. 20, стр. 10.
[2] Там же.

ניסטן האַלטן, אַז אין דער גאַנצער וועלט —
און ייִדן לעבן אין צענדליקער לענדער פֿון
דער וועלט — עקזיסטירט אַן איינהײַטלעכע
ייִדישע נאַציע. אינדערעמעסן איז אַ נאַציע די
רעאַלע געמיינשאַפֿט פֿון מענטשן, אַ געמיינ־
שאַפֿט, וואָס בילדעט זיך אויס אויפֿן גרונט פֿון
אַן איינהײַטלעכער עקאָנאָמישער געמיינזאַמ־
קײַט, פֿון אַ שותּפֿעסדיקער טעריטאָריע, שפּראַך
און געזעלשאַפֿטלעכן נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן.
אַן אַלוועלטלעכע ייִדישע נאַציע קען מען
אָנערקענען נאָר פֿון דעם ראַסן־שטאַנדפּונקט.
אַ נאַציע דאָס איז אַ ביִאָסאָציאַלער פֿענאָ־
מען, זי בילדעט זיך אויס אויף דער באַזע פֿון
אָביעקטיווע באַדינגונגען.
מע טאָר ניט די דעפֿיניציע פֿון נאַציע רעדו־
צירן צום איינציקן סימען: אָפּשטאַמונג, ווײַל
דאָס וואָלט געהייסן ראַסיזם. שטעלנדיק זיך אויף
אַזאַ שטאַנדפּונקט, גלידערן זיך די ציִעניסטן
אַרײַן אין די רייען פֿון די ראַסיסטן.
לענין האָט געהאַלטן, אַז די אידיי פֿון אַ ייִדי־
שער נאַציע, „די ציִעניסטישע אידיי — איז אַ
פֿאַלשע און דורכויס רעאַקציאָנערע"[1].
אַ נאַציע קאָן זיך אויסבילדן נאָר אין די
באַדינגונגען פֿון דער מעלוכע ייִסראָעל. אָבער
דאָס וועט שוין זײַן אַ ייִסראָעלישע נאַציע.
אַלץ, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, באַטײַט
לאַכלוטן ניט, אַז עס קענען ניט עקזיסטירן
פֿאַרשיידענע עלעמענטן פֿון ייִדישער פֿאָלקס־
טימלעכקײַט, עס קען זיך אויך שאַפֿן אַזאַ לאַ־
גע, אַז די ייִדן האָבן זיך נאָך ניט צוזאַמענגע־
גאָסן מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג. זיי
האָבן זייער שפּראַך, לעבן אָפּגעזונדערט, האָבן
זייערע שולן, זייערע צײַטונגען, לעבן זיך אויס
מיט זייער אייגענעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן,
האָבן זייער רעכטלעכן סטאַטוס, וואָס ווערט
צומאָל דעפֿינירט דורכן געזעץ, אָדער עקזיס־
טירט פֿאַקטיש, האָבן אַן אייגענעם שטייגער,
מינהאָגים. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָצעסן,
וואָס קומען פֿאָר אין געגעבענעם לאַנד און
פֿאַרמאָגן אַ געוויסע ספּעציפֿיק פֿאַר ייִדן, קע־
נען שאַפֿן אַ באַזע פֿאַר געוויסע שפּליטערס,
עלעמענטן פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן באַוווסט־
זײַן פֿון אַ באַשטימטער ייִדישער גרופּירונג.
אַזאַ געזעלשאַפֿטלעכער באַוווסטזײַן קען ניט
זײַן אַ שלײַמעסדיקער, ווײַל עס פֿעלט דער
הויפּט־פֿאַקטאָר פֿון אַ נאַציע — די עקאָנאָמי־
שע געמיינשאַפֿט, אָבער איינצלנע באַשטאַנד־
טיילן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן באַוווסטזײַן קענען
קומען צום אויסדרוק און שפּילן אַ וויכטיקע
ראָליע. ייִדן קענען האָבן אַ נאַציאָנאַלן זעלבסט־
באַוווסטזײַן, דעם באַוווסטזײַן פֿון נאַציאָנאַ־
לער ווירדע, וואָס ווערט אַגעוו פֿאַרשאַרפֿט
דורכן אַנטיסעמיטיזם, זיך באַציִען מיט דרע־
כערעץ צו דער ייִדישער פּראָגרעסיווער קול־
טור, עס קען אויפֿשטיין אויף דער באַזע פֿון גע־
מיינזאַמע אָנשטרענגונגען אַ ליבע צו דער

[1] В. И. Ленин. Полное собр. соч., т. 7, стр. 83.

שפראך, צו די קולטור־אויצרעס, וואָס זײַנען געשאפן געוואָרן דורכן פאָלק, צו די העלדישע קאמפן אין אוואר, עס קענען זיך אויסבילדן נאציאָנאלע געפילן, וואָס זײַנען מעסוגל זיך צו פארשארפן צוליב דער דרויסנדיקער העצע. אנטשיידן אָפּווארפנדיק די עקזיסטענץ פון אן „אלוועלטלעכער ייִדישער נאציע", וואָס האָט איין איינהײַטלעכע קולטור און ווייסט ניט פון קלאסן־אנטאגאָניזמען, האָט לענין אָפט גערעדט וועגן דער ייִדישער נאציאָנאליטעט[1], וועגן דער „צומייַנסטנס אונטערדריקטער און געהעצטער נאציע", דער ייִדישער[2], וועגן די נאציאָנאלע דיסקרימינאציעס[3].

לענין האָט אָנערקענט די נויטווענדיקײַט ארויסצוגעבן ליטעראטור אף ייִדיש, אָנער־קענט דאָס רעכט פון די ייִדן זיך לערנען אף דער אייגענער שפראך.

צי איז לענין דאָ געווען אומקאָנסעקווענט? פאר קיין פאל ניט. לענין האָט געהאט אין זי־נען די רעאלע ווירקלעכקײַט, די מענטשן פון א באשטימטער נאציאָנאליטעט, מיטגלידער פון א באשטימטער נאציאָנאלער גרופע, וואָס ביל־דעט ניט קיין באזונדערע נאציע אין אייגנט־לעכן זין פון וואָרט, נאָר וואָס פארמאָגט א ריי נאציאָנאלע אייגנטימלעכקײַטן. לענין האָט נאָר געוואָלט, די סאָציאליסטן זאָלן ניט שאפן עפעס אזוינס, וואָס זאָל שטערן דער אָפשאפונג פון דער ייִדישער אָפגעזונדערטקײַט, וואָס זאָל פירן צו דער אנערקענונג פון אן „אלוועלטלע־כער ייִדישער נאציע", ער האָט קריטיקירט דעם „בונד" דערפאר, וואָס יענער האָט פארשטארקט און לעגאליזירט די ייִדישע אָפגעזונדערטקײַט דורך פארשפרייטן די אידיי פון א ייִדישער נאציע. לענין האָט פארטיידיקט די רעכט פון די האָרעפּאשנע ייִדן. ער האָט באקעמפט די העצע קעגן ייִדן, אגיטירט פאר דער צוזאמענ־גיסונג אין „אינטערנאציאָנאלע מארקסיס־טישע אָרגאניזאציעס פון רוסן, ליטווינער, או־קראינער אא., קעדיי צו שאפן אן אינטערנאצי־אָנאלע קולטור פון דער ארבעטער־באוועגונג"[4]. נעמען אין אכט די עקזיסטענץ פון איינצלנע עלעמענטן פון דער ייִדישער נאציאָנאליטעט איז זייער וויכטיק בייס מע קעמפט קעגן ציע־ניזם, וואָס איבערטרײַבט זיי און פאראזיטירט אף זיי.

די ציעניסטן אגיטירן ניט נאָר פאר אן איינ־הײַטלעכער ייִדישער נאציע, נאָר זיי פּראָקלא־מירן, אז ייִדן טאָרן ניט דערלאָזן קיינע קלאסן־מאכלוקעס און דארפן זײַן אייניק קעגן זייע־רע „געמיינזאמע קעגנער".

די אדוואָקאטן פון ציעניזם זאָגן צומאָל, אז אזוי רעדן ניט אלע ציעניסטן, פאראן קלוי־מערשט ציעניסטן, וואָס אנערקענען די קלאסן־אינטערעסן פון די האָרעפּאשניקעס און פאר־טיידיקן זיי. אינדערעמעסן אָבער פארטיידיקן די רעפאָרמיסטישע ציעניסטישע אָרגאניזא־ציעס, פונקט ווי אלע רעפאָרמיסטן און רעכטע סאָציאליסטן, די אינטערעסן פון די ציעניסטן און קאפיטאליסטן. אָט וואָס עס האָט געזאָגט, צום בײַשפיל, דער צווייטער נאָך דער ריי פּרע־מיער פון ייִסראָעל מוישע שארעט אין 1961 יאָר, ניט לאנג פאר זײַן טויט (שארעט האָט זיך געהאלטן פאר א סאָציאליסט, ער האָט גע־הערט צו דער „ארבעטער־פארטיי פון ייִסרא־על"): „דער ארבעטער איז מער זון פון זײַן פאָלק איידער פון זײַן קלאס. זײַנע ווידער־שפרוכן מיט אנדערע קלאסן רעגולירט ער אין די נאציאָנאלע ראמען, אָבער ניט אָפשוואכ־דיק אָדער ליקווידירנדיק די דאָזיקע ראמען, ווײַל דערפון הענגט אָפ זײַן לעבן". דערפון קען מען מאכן צוויי אויספירן. ערשטנס, די ראמען פונעם ייִדישן פאָלק דאָס איז דער ציע־ניזם, דערפאר דארף דער ארבעטער־קלאס אלע זײַנע פּראָבלעמען לייזן אין די ראמען פונעם ציעניזם. צווייטנס, די קלאסן־אינטערעסן דארפן זײַן אונטערגעוואָרפן די נאציאָנאלע אינטערעסן, דה., ווי די ציעניסטן פארשטייען — די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע. און דאָפ־קע דאָס ווילן פון אייביק אָן די עקספּלואטא־טאָרן — דעם פּרימאט פון נאציאָנאלע אינטע־רעסן איבער די קלאסן־אינטערעסן.

דער צווייטער וויכטיקער פּאָסטולאט פונעם ציעניזם איז די באהויפטונג, אז דאָס היימלאנד פון אלע ייִדן איז פּאלעסטינע. נאָר אין פּא־לעסטינע לעבן אראבער, זיי ווילן ניט און קע־נען ניט אוועקגיין פון זייער ערד, אף וועלכער זיי האָבן דוירעסלאנג געלעבט און געארבעט. די ציעניסטן ווילן זיך ניט רעכענען מיט די רעכט פון די אראבער — פּאלעסטינער. דעם סקארבאָוון ארגומענט פון די ציעניסטן קען מען אומגעפער פאָרמולירן אזוי: אראבער זײַ־נען דאָ אף דער וועלט א סאך, זיי האָבן א סאך לענדער, זיי קענען א ביסל פארענגען זיך, אָבער מיר, ייִדן, האָבן קיין ווינקל ניט אף דער ערד. דער דאָזיקער ארגומענט, א קלוימערשט גערעכטער, איז אין דער ווירקלעכקײַט אומענטש־לעך און אכזאָריעסדיק אין זײַן מאָראלישן טאָך, און אין פּאָליטישער הינזיכט איז ער אויך אומזיניק. אין דער מעלוכע ייִסראָעל, האגאם א קליינער, וואָלט געקלעקט אָרט סײַ פאר ייִדן, סײַ פאר אראבער. אויב די אראבער וואָלטן געפילט, אז די ייִדן ווילן זיי ניט ארויסשטויסן, נאָר לעבן מיט זיי אין שאָלעם, וואָלטן זיי אופגענומען די ייִדן מיט אן אָפענער נעשאָמע. אָבער די ציעניסטן זײַנען געקומען מיטן איינ־און־איינציקן געדאנק — ארויסשטויסן די ארא־בער און טאָן דאָס דאָפקע מיט דער הילף פון די ערגסטע פײַנט פון די אראבישע פעלקער — מיט די אימפּעריאליסטן און קאָלאָניזאטאָרן. די ציעניסטן האָבן אָנגעהויבן זייער עקזי־

[1] В. И. Ленин. Полное собр. соч., т. 10, стр. 266.
[2] Там же, т. 24, стр. 122.
[3] Там же, т. 25, стр. 18.
[4] Там же, т. 24, стр. 123; т. 20, стр. 10.

סטענץ פון א פאַרשטענדיקונג מיט די אונטער־דריקער פון די פעלקער. נאָך אין 1895 יאָר האָט הערצל זיך געווענדעט צום טערקישן גרויס־וויזיר, ער זאָל שאַפן א ייִדישע מעלוכע אין באַשטאַנד פון טערקײַ, אין 1898 האָט ער געמאַכט אן ענלעכן פאָרשלאָג דעם קייזער ווילהעלם דעם צווייטן.

שפּעטער האָט הערצל זיך געווענדעט נאָך הילף צו דעם צאַרישן רוסלאַנד, ספּעציעל צו וו. ק. פּלעווע, דעם אַלמעכטיקן מיניסטער פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהײַטן אין צאַרישן רוסלאַנד, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון ייִדישע פּאָגראָמען.

נאָכן דורכפאַל אין טערקײַ און אין דײַטשלאַנד האָבן די ציִוניסטן זיך א וואָרף געטאָן קיין ענגלאַנד און דאָרט געפונען דעם עמעסן באַלעבאָס, וואָס האָט זיי ריכטיק אָפּגעשאַצט. זיי זײַנען געקומען קיין פּאַלעסטינע צוזאַמען מיטן ענגלישן קאָלאָניזאַטאָר, וואָס האָט אויסגענוצט די געלעגנהײַט זיך צו פאַרפעסטיקן אפן נאָענטן מיזרעך, אף וועלכן ער האָט שוין לאַנג געוואָרפן אן אויג. אין 1917 האָט גרויס־בריטאַניע דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע גענומען אף זיך די פליכט צו שאַפן א ייִדישע נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פונעם אָפּיציעלן בונד פון די ציִוניסטן מיט די אימפּעריאַליסטן. פאַר דער גאַנצער צײַט צווישן די ביידע וועלט־מילכאָמעס האָבן די ציִוניסטן אומופהערלעך פאַרשאַרפט די לאַגע אין פּאַלעסטינע.

ווען נאָך דער מילכאָמע איז געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע מעלוכעס, איז פּאַלעסטינע געווען איינע פון די פּראָגן, וואָס זײַנען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן. דעם 29 נאָיאַבער 1947 האָט די גענעראַל־אַסאַמבלייע אָנגענומען דעם באַשלוס אָפּצושאַפן ניט שפּעטער ווי דעם 1 אויגוסט 1948 דעם ענגלישן מאַנדאַט אין פּאַלעסטינע און גרינדן אף איר טעריטאָריע צוויי מעלוכעס — אן אַראַבישע און א ייִדישע, אינטערנאַציאָנאַליזירנדיק דערבײַ ירושאָלאַיִם. די ציִוניסטן אָבער זײַנען באַשטאַנען אפן וואַריאַנט פון בלויז איין מעלוכע — א ייִדישער.

די ציִוניסטן באַהויפּטן, אז ייִדן קענען ניט לעבן בשאָלעם מיט די פעלקער, אין וועמענס לענדער זיי וווינען. אף זיי וואַרט דאָרט אָן אייביקער קאָנפליקט און אַנטיסעמיטישע באַציִונג צו זיי. זיי זײַנען דאָרט מענטשן פון צווייטן סאָרט, און דער איינציקער אויסוועג פאַר זיי איז — קיין ייִסראָעל.

די היסטאָרישע פּראַקטיק ווײַזט דאַפקע דאָס פאַרקערטע. די ייִדן לעבן אָפטער פון אַלץ אין שאָלעם און פרײַנטשאַפט מיט די פעלקער, מיט וועלכע דער גורל האָט זיי צוזאַמענגעפירט. שטענדיק, ווען עס באַווײַזט זיך דער אַנטיסעמיטיזם, איז ער אָרגאַניזירט ניט דורך די פעלקער, נאָר דורך די הערשנדיקע קלאַסן. אינטערעסאַנט איז די באַהויפּטונג פון פרידריך ענגעלסן, וועלכער ציטירט קאַרל הירשן אין א בריוו צו עדואַרד בערנשטיינען: „די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג איז אײַנגאַנצן אָרגאַניזירט פון אויבן, קימאַט לויט א קאָמאַנדע".[1]

ס'איז אַלגעמיין באַקאַנט, אז די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. ניט די פעלקער פאַרפאָלגן די ייִדן, נאָר די קאַפּיטאַליסטן, די גוטבאַזיצערס.

אין די סאָציאַליסטישע לענדער געניסן די ייִדן ניט נאָר פון אַלע רעכט, וואָס די בירגער פון אַנדערע פעלקער, נאָר זיי האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו בלײַבן ייִדן. זיי ווערן ניט אונטערגעוואָרפן דער גוואַלדזאַמער אַסימילאַציע.

פאַרשטייט זיך, ס'איז פאַראַן אין שטייגער אַנטיסעמיטיזם, אָבער ער איז ניט בעקויעך צו ענדערן די געשאַפענע לאַגע. דער ציִוניזם איז ניט געווענדעט קעגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר פאַרקערט, די ציִוניסטן נייטיקן זיך אין אַנטיסעמיטיזם, ווײַל ער העלפט זיי איבערצײַגן די ייִדן, אז זייער טעאָריע איז ריכטיק. אָביעקטיוו ווערן זיי באַוואָפנט און אונטערגעהאַלטן דורך די אַנטיסעמיטן. דאָס ליגט אין דעם עצעם מעהוס פון דער ציִוניסטישער אידעאָלאָגיע.

דעם 11 נאָיאַבער 1975 האָט די גענעראַל־אַסאַמבלייע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער אָנגענומען א רעזאָלוציע, ווו עס ווערט פעסטגעשטעלט, אז דער ציִוניזם איז איינע פון די פאָרמען פון ראַסיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע.

דער אַנטיסעמיטיזם אָבער איז לאַכלוטן ניט די סיבע פון דער אַנטשטייונג פונעם ציִוניזם, ווי עס פּרווון דערווײַזן אייניקע אידעאָלאָגן אפן מײַרעוו און באַזונדערס די ציִוניסטן אַליין. דער עצעם פענאָמען פון אַנטיסעמיטיזם אַלס יודאָפאָביע, פײַנטשאַפט צו ייִדן, האָט א לאַנגע געשיכטע. די אורסיבע פונעם אַנטיסעמיטיזם איז קלאַסן־סינע, נאָר אָפּהענגיק פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען, נעמט ער שטענדיק אָן אן אַנדער באַפאַרבונג. אַלס קלאַל, רופן דעם אַנטיסעמיטיזם אַרויס די פאַרמעגלעכע קלאַסן, די עקספּלואַטאַטאָרן, נאָר ער זוכט שטענדיק אַרײַנצוציִען אויך די האָרעפּאַשנע עלעמענטן. שוין אין דער אַנטיקער וועלט זײַנען באַוווסט באַשולדיקונגען קעגן ייִדן. די אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פונעם קריסטנטום האָט צוגעגעבן א נײַע קראַפט דעם האַס צו ייִדן. אין זײַן יעסאָד ליגן די קלאַסן־אינטערעסן, די קלאַסן־ווידערשפּרוכן.

אין מיטלאַלטער זײַנען די טרעגער פון אַנטיסעמיטיזם די פעאָדאַלן, וואָס זײַנען געווען פול מיט סינע צום ייִדישן באַנקיר, צום גרויס־סויכער, צום וווכערניק, וועמען זיי האָבן געקומען געלט. זיי העצן דעם האַמוין קעגן ייִדן, אָנקומענדיק דערבײַ צו רעליגיִעזע מאָטיוון. דער אַנטיסעמיטיזם פאַרכאַפּט געוויינלעך אין יענע צײַטן א געוויס לאַנד, אָדער גרופּע לענדער,

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Сочинения, т. 35, стр. 174.

און די ייִדן האָבן נאָך די מעגלעכקייט, ווען מע פאַלט אָן אַף זיי, איבערוואַנדערן אין אַנדערע לענדער. פון דער אַנדערער זײַט, האָבן די ייִדן, אַלס שטאָט־מענטשן, געהאָלפן דער אָרטיקער בורזשואַזיע צו אונטערדריקן דאָס דאָרף. אָבער אויב דאָס פּויערטום האָט זיך געקאָנט בלאָקירן מיט דער אָרטיקער בורזשואַזיע אין זײַן קאַמף קעגן פעאָדאַליזם, האָט דאָס זעלבע פּויערטום געפירט אַ קאַמף קעגן ייִדישע וווּכערניקעס, און זײַן צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אַף די קעפּ פונעם ייִדישן קליינבירגערטום. די צײַטן פון מיטלאַלטער — דאָס זײַנען געטאָס, דאָס איז טעראָר קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע איז מאַסנווײַז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטעט און קיניגטומס אין אייראָפּע. די בורזשואַזיע האָט פּראָקלאַמירט די גלײַכהײַט פון אַלע פעלקער און שטאַנדן לעגאַבע דעם געזעץ. דער קאָנקורענץ־קאַמף פון דער ייִדישער בורזשואַזיע קעגן דער אָרטיקער בורזשואַזיע גיט אַ נײַעם סטימול דעם וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם. אַגעוו, אין אָט דער צײַט קומט אויף דער עצעם טערמין אַנטיסעמיטיזם. הײַנט־צו־טאָג איז זײַן יעסאָד דער זעלבער, וואָס אַמאָל: קלאַסן־סינע פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע צו זייערע ייִדישע קאָנקורענטן. דער ייִד לעבט שוין ניט אין געטאָ, לויט זײַן אויסזען אין מײַרעוו־אייראָפּע, לויט דער שפּראַך און קולטור אונטערשיידט ער זיך ניט מיט קיין זאַך פון דער אָרטיקער בורזשואַזיע, דערפאַר ווערט די אויסערלעכע טרײַבקראַפט פונעם אַנטיסעמיטיזם ניט די רעליגיע, נאָר דער ראַסיזם און שאָוויניזם.

די ציִעניסטן, וואָס האַלטן, אַז דער ציִעניזם איז אויפגעקומען איבערן אַנטיסעמיטיזם, ווילן ניט זען דעם פאַקט, אַז ניט אין מיטלאַלטער, ווען דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען זייער שטאַרק, און ניט אין דער צײַט פונעם אויפשוווּנג פון דער בורזשואַזיע איז קיין ציִעניסטישע באַוועגונג ניט געווען, זי הייבט זיך ערשט אָן אין סאָף פון 19־טן יאָרהונדערט.

אין דער טקופע פון אימפּעריאַליזם נעמט דער אַנטיסעמיטיזם אָן נײַע שטריכן. ער איז מער ראַסיסטיש. עס ווערט דיסקרימינירט, פאַרפאָלגט ניט נאָר דער רײַכער ייִד, נאָר יעטווידער ייִד. ווי פריִער, איז דער אַנטיסעמיטיזם, לויט ענגעלסעס אויסדרוק, „די רעאַקציע פון די אונטערגייענדיקע געזעלשאַפטלעכע שיכטן קעגן דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאַפט".

אין ביזאָקטיאַבערישן רוסלאַנד איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען אָנגעצייכנט אַף דער פאָן פון צאַריזם, אַף די פאָנען פון די שוואַרצמייעניקעס און זייערע אידעאָלאָגן. דאָס פּראָגרעסיווע רוסלאַנד, ניט נאָר די באָלשעוויקעס, האָבן געשטעלט צום שאַנד־סלופּ די אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון אַנטיסעמיטיזם. גאָרקי האָט מיט פאַראַכטונג גערעדט, אַז „אייראָפּע לײַדט פון דער מיִעסער קרענק — פון אַנטיסעמיטיזם"[1]. אָבער בלויז די באָלשעוויקעס האָבן באַנומען דעם מהוס פון אַנטיסעמיטיזם, קלאָר געזען די וועגן, ווי צו קעמפן קעגן אים און ווי אים בײַצוקומען.

לענין האָט געשריבן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, אָדער „סינע צו די ייִדן איז שטאַרק נאָר דאָרטן, ווו די פאַרשקלאַפונג מיצאַד די גוטבאַזיצערס און קאַפּיטאַליסטן האָט באַשאַפן אַ שטאָק־פינצטערניש בא די אַרבעטער און פּויערים",[2] און „אַז די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דערפאָלג נאָר דאָרטן, ווו די מענטשן זײַנען פולשטענדיק פינצטערע און דערשלאָגענע"[3].

זײַן שטעלונג צום אַנטיסעמיטיזם האָט לענין אַרויסגעזאָגט אין אַ ספּעציעלער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1919 און וואָס איז פאַרשריבן אַף אַ פּליטע: „די סינע פון די דורכנויט פאַרמוטשעטע אַרבעטער און פּויערים האָבן די גוטבאַזיצערס און קאַפּיטאַליסטן געשטרעבט אָפּצווווענדן אַף די ייִדן", — האָט געזאָגט לענין, אויפדעקנדיק די קלאַסעווע און פּאָליטישע וואָרצלען פונעם אַנטיסעמיטיזם. — „ניט די ייִדן זײַנען די פײַנט פון די אַרבעטער. די פײַנט פון די האָרעפּאַשניקעס זײַנען די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער. צווישן ייִדן זײַנען דאָ אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס — זיי זײַנען די מערהײַט. זיי זײַנען אונדזערע ברידער לויט דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, אונדזערע כאַווײרים אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם. צווישן ייִדן זײַנען דאָ קולאַקעס, עקספּלואַטאָרן, קאַפּיטאַליסטן אַזוי ווי אויך צווישן די רוסן, ווי צווישן אַנדערע פעלקער. די רײַכע ייִדן, די רײַכע רוסן, ווי אויך די געלט־זעק פון אַלע לענדער זײַנען אין בונד איינער מיטן אַנדערן, דריקן, ראַבעווען, שפּאַלטן די אַרבעטער.

אַ שאַנד דעם פאַרפלוכטן צאַריזם, וואָס האָט געפּײַניקט און פאַרפאָלגט די ייִדן! אַ שאַנד די יעניקע, וואָס זייען סינע צו אַנדערע פעלקער!

זאָל לעבן דער ברידערלעכער צוטרוי און דער קאַמפס־בונד פון די אַרבעטער פון אַלע פעלקער פאַר אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַל!"[4].

לענין האָט איבערצײַגעוודיק באַוויזן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז דער מיטל אין די הענט פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אַף צו אונטערדריקן די ייִדן, אַז די ייִדן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, טיילן זיך אַף האָרעפּאַשניקעס, עקספּלואַטאַטאָרן, אַז הינטערן אַנטיסעמיטיזם שטעקן קלאַסן־אינטערעסן. ער ווײַזט אָן דעם איינציקן ריכטיקן מאַרקסיסטישן צוגאַנג צום אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז גילטיק אויך פאַרן הײַנטיקן טאָג. הײַנט איז אויך דער אַנטיסעמי־

---

[1] М. Горький, собр. соч. т. 25, М., 1953, стр. 6.

[2] В. И. Ленин. Полн. собр. соч., т. 13, стр. 202.

[3] Там же.

[4] В. И. Ленин. Полн. собр. соч., г. 29, стр. 227.

טיזם א געצײַג אין די הענט פון די עקספּלואַ־טאַטאָרן קעגן די אַרבעטנדיקע. ער איז אָבער געוואָרן מער ראַפינירט, באַהאַלט זיך אונטער פאַרשיידענע מאַסקעס. און, ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, איז איינע פון די דאָזיקע מאַסקעס דער ציִעניזם.

אזא באַהויפּטונג רופט אַרויס א גרימצאָרן. פאַראַן מענטשן, וועלכע, ניט זײַענדיק קיין ציִעניסטן, האַלטן, אַז דאָס איז א גוזמע. „ווי איז דאָס מעגלעך, אַז ייִדן גופע זאָלן שטיצן זייערע פײַנט!" פאַרשטייט זיך, ס'זײַנען דאָ פאַרשיידענע מענטשן אויך צווישן ציִעניסטן. פּאָר איינצלנע ציִעניסטן זײַנען די אַנטיסעמיטן פײַנט, נאָר פאַרן ציִעניזם אַלס אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק איז דער אַנטיסעמיטיזם פּאַשעט א נויטווענדיקייט. די „ענציקלאָפּעדיע פונעם ציִעניזם און ייִסראָעל" באַהויפּטעט, עמעס, אַז ס'איז פאַלש צו דערקלערן דאָס אַנטשטיין און די אַנטוויקלונג פונעם פּאָליטישן ציִעניזם אַלס איינפאַכע רעאַקציע אָפּן אַנטיסעמיטיזם פונעם 19־טן יאָרהונדערט. דער ציִעניזם דריקט קלויזמערשט אויס „די גײַסטיקע הויפּט־ריכטונג" פון אונדזער צײַט און, ביפּראַט, די הײַנטצײַטיקע דאָקטרינעס פונעם נאַציאָנאַליזם. נאָך מער, „די ציִעניסטישע אַספּיראַציעס האָבן זייערע טיפע וואָרצלען אינעם אָוואַר פון די ייִדן", און „אין די ראַיאָנען פון אייראָפּע, ווו די ייִדישע נאַציאָנאַלע פאָרמען זײַנען ניט געווען צעשטערט דורך דער אַסימילאַציע, איז דער ציִעניזם שטענדיק אַרויסגעקומען אָף דער אויבערפלאַך". אָבער דאָ גופע ווערט צוגעגעבן: „דער אַנטיסעמיטיזם האָט ניט נאָר בײַגעטראָגן דערצו, אַז א סאַך ייִדן זאָלן ווערן ציִעניסטן, נאָר האָט אויך געהאַט אַן איינפלוס אָף דער אַנטוויקלונג פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע"[1].

קיינער פון די ציִעניסטישע טעאָרעטיקער וויל ניט פאַרטראַכטן זיך איבער דעם, פאַרוואָס עס האָט דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער עקזיסטירט מיקאַדמוינים, ניט געצוווּנגען דעם ציִעניזם אַרויסצוגיין „אָף דער אויבערפלאַך" ביזן 19־טן יאָרהונדערט. אָט די פראַגע בלײַבט אָן אַן ענטפער. אינדערעמעסן איז דער ציִעניזם, ווי מיר האָבן דאָס פריִער געזאָגט, געבוירן געוואָרן דעריקער דורך דער אופגעקומענער ייִדישער בורזשואַזיע. דער נײַער קלאַס, וואָס איז אופגעקומען בא ייִדן, פּונקט ווי בא אַלע אַנדערע פעלקער, האָט געבאָרן זײַן אייגענע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק.

דער אַנטיסעמיטיזם קען, פאַרשטייט זיך, ווירקן אָפּן באַוווּסטזײַן. אָנשטאָט צו פאַרשטיין דעם סאָציאַלן מעהוס פון אונטערדריקונג, נעמען אוף אָפּגעשטאַנענע, אָנגעשטעקטע מיט נאַציאָנאַליזם מענטשן זייער אוילע ווי א נאַציאָנאַלע אוילע און מאַכן פאַרקריפּלטע אויספירן. ניט אומזיסט האָבן אייניקע אָנפירנדיקע ציִעניסטן קלוימערשט אין א שפּאַס, נאָר אינדערעמעסן פּולקאָם ערנסט, אַרויסגעזאָגט זיך,

[1] Encyclopedia of Zionism and Israel. New-York, vol. 1, p. 46.

אַז מע וואָלט געדאַרפט אָרגאַניזירן אין די לענדער פון אייראָפּע אַנטיסעמיטישע באַנדעס, קעדיי צו צווינגען די ייִדן צו פאָרן קיין ייִסראָעל.

די ציִעניסטן פלײַסן זיך שטענדיק פאַנאַנדערבלאָזן דעם אַנטיסעמיטיזם, זיי טײַנען, אַז ער איז אייביק: „קאָלזמאַן עס עקזיסטירן ייִדן, וועט דער אַנטיסעמיטיזם ניט פאַרשווינדן". די ציִעניסטן ווילן ניט זען די קויכעס, וואָס קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אַן אויסדרוק פון דער רעאַקציע. דער קאַמף קעגן אים איז א באַשטאַנדטייל פונעם קאַמף פון פּראָגרעס, קעגן די קויכעס פון דער רעאַקציע, וועלכע מע קען ניט אָפּשטעלן דורך שאַפן א ייִדישע מלוכע ייִסראָעל, ווי דאָס זאָגן צו געוויינלעך די ציִעניסטן. זיי מאַכן אָפּ מיט דער האַנט דעם אומבאַשטרײַטבאַרן עמעס, אַז די פליכט פון יעדן פּראָגרעסיוון מענטשן איז קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם ניט נאָר לעשעם די ייִדן, נאָר אויך לעשעם דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס. דעם אַנטיסעמיטיזם קען באַזײַטיקן בלויז דער סאָציאַליזם. דער רעאַלער סאָציאַליזם באַווײַזט אָף אַן איבערצײַגעוודיקן אויפן, אַז ניט נאָר וואָס ער פאַרמאָגט אזא מעגלעכקייט, נאָר ער פאַרווירקלעכט זי פּראַקטיש. ווי יעדער מין נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַליסטישע סינע, קומט דער אַנטיסעמיטיזם אָן צו רעצידיוון און איבערבלײַבעכצן. ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַזעלכע איבערבלײַבעכצן, ווי אויך איבערבלײַבעכצן פון אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע מינים, קענען קומען צום אויסדרוק בא איינצלנע בירגער אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער די דאָזיקע איבערבלײַבעכצן האָבן ניט קיין באַזע און זיי ווערן אויסגעוואָרצלט אין די באַדינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווו עס זײַנען ניטאָ קיין עקספּלואַטאַטאָרן, וואָס זײַנען אומפאַרמײַדלעך גורעם קאָלערליי נאַציאָנאַליזמען, שאָוויניזמען, בעסוכעם אויך אַנטיסעמיטיזם.

דער אַנטיסעמיטיזם קאָן ניט פאַרניכטעט ווערן אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליזם, ווי עס קאָן ניט אויסגעראָטן ווערן נאַציאָנאַליסטישע סינע, דעריין אויך דער האַס און אומצוטרוי פון די ייִדן לעגאַבע אַנדערע פעלקער. אַלע פּרוּוון צו זוכן אַן אויסוועג אין בויען א ייִדישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכע אונטער דער עגידע פון אימפּעריאַליסטן איז אַן אָפּנאַרערײַ, אָדער א זעלבסטאָפּנאַרערײַ, אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען.

די צווישנבאַציִונגען פונעם אַנטיסעמיטיזם און ציִעניזם טרעטן באַזונדערס קלאָר אַרויס אָפּן בײַשפּיל פון די באַציִונגען צווישן ציִעניזם און היטלעריזם.

ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַן, האָט דאָס קומען פון די היטלעריסטן צו דער מאכט אָנגעפילט מיט האָפענונגען די ציִעניסטן. אין 1933 איז אונטערגעשריבן געוואָרן א העסקעם, וואָס די ציִעניסטן האָבן אָנגערופן האַוואַיאַ (טראַנסליאַציע, איבערווײַזונג). לויט דעם העסקעם האָבן די ייִדן, וואָס פאָרן אַרויס פון דײַטשלאַנד

קיין ייִסראַעל, געמעגט אַרויספירן אַ טייל פון זייער פאַרמעגן, און אַזוי ווי די מאַנדאַט־מאַכט האָט דעמלט ניט דערלויבט אַרײַנצופאָרן קיין פּאַלעסטינע ניט פאַרמעגלעכע מענטשן, האָט עס באַדײַט, אַז אַף די פאַרמעגלעכע דײַטשישע ייִדן איז דער פאַרבאָט ניט גילטיק. אָט דאָס טאַקע האָבן געדאַרפט די ציוניסטן. זיי האָבן לאַכלוטן ניט געוואָלט זען, אַז היטלער רויִנירט און פאַרניכטעט הונדערטער טויזנטער האָרעפּאַשנע ייִדן אין דײַטשלאַנד גופאָ.

דער קלאַסן־צוזאַנג פון די ציוניסטן איז דאָ געקומען צום אויסדרוק מיט אַ באַזונדערער קראַפט — צווישן די נאַציסטן און די ציוניסטן איז מעגלעך אַ שאָלעם, ס׳איז געפונען געוואָרן אַן אויסוועג פאַר אַלעמען: דײַטשלאַנד ווערט „יודן־ריין", און די ייִדן מאַכן אַ שריט צום שאַפן אַ ייִדישע מעלוכע.

נאָך דעם, אין 1930 האָט געבעלס פּראָקלאַמירט אַ באָיקאָט אַף אַלע ייִדישע פירמעס און אונטערנעמונגען אין דײַטשלאַנד. די ייִדן האָבן געמוזט טראָגן אַף דער ברוסט און אַפן רוקן אַ געלן מאָגנדאָוויד. זיי האָבן געמעגט גיין נאָר אַפן ברוק. יעדן נאָרמאַל דענקענדיקן מענטשן איז געוואָרן קלאָר, וואָס די היטלעריסטישע רעגירונג טראָגט די ייִדן. יעדן מענטשן, נאָר ניט די ציוניסטן, זיי האָבן, פאַרקערט, געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן שאָלעם מאַכן מיט דער געשאַפענער לאַגע.

אין 1939 האָבן די נאַציסטן פאַרבאָטן די ייִדן צו פאַרלאָזן דײַטשלאַנד און די אָקופּירטע געביטן. אין די יאָרן פון דער וועלט־מילכאָמע זײַנען זיי צוגעטראָטן צו דער פיזישער פאַרניכטונג פון אַלע מענטשן פון ייִדישן אָפּשטאַם. זיי האָבן צונויפגעטריבן די ייִדן אין געטאָס און אין קאָנצלאַגערן, וואָס זײַנען אין די יאָרן 1941—1942 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויט־לאַגערן.

אין די געטאָס האָבן די היטלעריסטן אײַנגעפירט די אַזוי־גערופענע „זעלבסטפאַרוואַלטונגען", בעראָש פון וועלכע זיי האָבן געשטעלט פאַרמעגלעכע ייִדן, סראָוו ציוניסטיש געשטימטע. אַזאַ לאַגע איז געווען, ווי באַוווּסט, אין ליטע, ווו ס׳האָט געוווינט אַ קאָמפּאַקטע ייִדישע באַפעלקערונג און ווו די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז געווען אין אָט דער נאַציאָנאַלער סוויווע די דאָמינירנדיקע, ווײַל די מערהײַט ייִדן האָט געהערט צום בירגערטום און קליינבירגערטום, פּראָלעטאַריער זײַנען געווען באַדײַטנדיק ווייניקער.

אין די געטאָס פון ווילנע און קאָוונע זײַנען באַשטימט געוואָרן „ייִדן־עלטסטע" און אַ „יודן־ראַט". אין ווילנע איז אַלס עלטסטער געווען דער געוועזענער לערער יאַקאָוו גענס, אין קאָוונע — דער דאָקטער עלכאַנאַן עלקעס. ביידע, ווי אויך זייערע באַהעלפער, זײַנען געווען ציוניסטן, אייניקע — ציוניסטיש געשטימטע.

ס׳האָבן זיך פאַרהויט אַרויסזאָגן פון אָט די מענטשן, וועלכע וואַרפן אַ שאָטן אַף דער פּאָליטיק פון די ציוניסטן אין געטאָ.

אָט, צום בײַשפּיל, איז אַן אויסצוג פון אַ רעדע, וואָס יאַקאָוו גענס האָט געהאַלטן אַף אַ ליטעראַרישן אָוונט. „איך פיר דעם כעזשבן פון ייִדישן בלוט און ניט פון ייִדישן קאָוועד. אויב מע בעט באַ מיר הונדערט ייִדן, גיב איך, ווײַל אויב מיר, ייִדן, וועלן ניט געבן, וועלן קומען די דײַטשן און פאַרניכטן די גאַנצע געטאָ. מאַקריוו זײַענדיק הונדערט, ראַטעווע איך טויזנט, מאַקריוו זײַענדיק טויזנט, ראַטעווע איך צען טויזנט."[1]

אַנדערש גערעדט, ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי האַכנאָע צו די הענקערס. וואָס מערער די האַכנאָע, אַלץ מער געווינט מען. ייִדישער קאָוועד און ייִדיש בלוט זײַנען, לויט דער פאָרשטעלונג פון אַ ציוניסט, קעגנזײַטלעכע באַגריפן. אָדער קאָוועד, אָדער בלוט.

אומגעפער אַפן זעלבן אויפן שטעלט די פּראַגע לייב גאָרפונקעל, עלקעסעס פאַרטרעטער. אין זײַן בוך „קאָוונאָ האַיהודית בעכורבאַנאַ" שרײַבט ער: „אַף וויפל די פּאָליטיק פון „האַוולאַגאַ" (אײַנגעהאַלטנקײַט) איז געווען פאַרבונדן מיט געדולד, וואָס שטײַגט אַריבער אַלע ראַמען, מיט אַן אײַזערנער דיסציפּלין, וואָס דריקט זיך אויס אין אַריבערטראָגן אַלץ מיט פאַרשטשעמעטע ציינער, איז אַזאַ פּאָליטיק באַטראַכט געוואָרן אין געטאָ, ווי דער אויסדרוק פון גרעסטער העלדישקײַט. מענטשן האָבן געגלייבט, אַז נאָר אַף אַזאַ אויפן וועט מען קענען אָפּראַטעווען פון פײַער כאָטש איין ייִדישע נעשאָמע".[2]

דער מעכאַבער וויל אונדז אײַנריידן, אַז די „האַוולאַגאַ" איז געווען די איינציק־מעגלעכע פּאָליטיק אין געטאָ. „אַפילע דאַן, — שרײַבט ער, — ווען אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון דער יוגנט אַף צו פאַרלאָזן די געטאָ און צושטיין צו די פּאַרטיזאַנער, קעדיי צו ראַטעווען דאָס לעבן און זיך נויקעם זײַן אין די דײַטשן, — אַפילע דאַן זײַנען אַלע געווען מאַסקים, אַז די אָוועקגייענדיקע דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז די, וואָס בלײַבן אין געטאָ, זאָלן „פאַר דער צײַט" ניט אויסגעראָטן ווערן. אָט אַזאַ איז געווען די פּאָליטיק אין קאָוונער געטאָ".[3]

דער מעכאַבער פילט מאַשמאָעס, אַז די פּאָליטיק, וואָס ער פּריידיקט, איז ווײַט ניט פאַר אַלעמען אָנעמבאַר און גיט צו:

„גרײַלעך מעגלעך, אַז אין די צוקינפטיקע

[1] ציטירט לויטן בוך: „ירושלים ד׳ליטא" — אילוסטראַציעס און דאָקומענטן, געזאַמלט און צונויפגעשטעלט פון לייזער ראַן, ב. 2, ז. 439, ניו־יאָרק, 1974.

[2] קובנה היהודית בחרבנה (די ייִדישע קאָוונע אין איר כורבן) — יד ושם (עברית). ירושלים, 1959, זז. 262 — 263.

[3] דאָרט.

דוירעס וועלן זײַן מענטשן, וואָס, לייענענדיק וועגן די איבערמענטשלעכע ליידן פון אונדזער פאָלק, וועלן פאַרגעבן שרעקלעכע פראַגן: וויִאַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן, אַז די ייִדן אין קאָוונער געטאָ, ווי אויך אין אַנדערע געטאָס, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַן אָפענעם ווידערשטאַנד פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן סוינע?.. פאַרוואָס האָבן די אסירים פון קאָוונער געטאָ און אַנדערע געטאָס ניט אויסגעקליבן דעם העלדישן ערן־טויט איידער לעבן אין אומענטשלעכע דערנידעריקונגען און לײַדן אַפילע דאָן, ווען ס'איז שוין קלאָר געוואָרן דער עמעסער ציל פון די נאַציסטן צו פאַרניכטן אַלע ייִדן, בעסויכעם אויך די, וועלכע זיי לאָזן צײַטווײַליק באַם לעבן, קעדיי צו פאַרניכטן די שפּורן פון זייערע אַכזאָריעסן? פאַרוואָס האָבן די מענטשן פון אַלע געטאָס ניט אויפגעהויבן קיין אויפשטאַנד, ווי דאָס האָבן געטאָן די אסירים פון וואַרשע, ווען זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז די דײַטשן ווילן פאַרניכטן אויך די 40 טויזנט, וואָס זײַנען פאַרבליבן פון די 360 טויזנט? צי דען האָבן ניט געוווּסט אַלע ייִדן אין די געטאָס, אַז זיי וועלן סאָפּקאָלסאָף פאַרניכטעט ווערן, און זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן? מעגלעך, אַז בײַ מענטשן וועלן אויפקומען די אָדער ענלעכע פראַגן, און זיי וועלן באַשולדיקן זייערע אומגליקלעכע ברידער, סײַ די אומגעקומענע, סײַ די לעבנגעבליבענע"[1].

דער מעכאַבער וויל דערווײַזן, אַז מע טאָר ניט אורטיילן די מענטשן, ניט אַרײַנגייענדיק אין זייער עמעסער לאַגע, און קומט צום אויספיר: „פאַר די אסירים פון געטאָ זײַנען געווען נאָר צוויי וועגן: איינער — האַוולאַגאַ — פאַרשטשעמען די ציינער, קעדיי, מעגלעך, אויסלעבן, און דער צווייטער — אַן אָפענער אויפשטאַנד קעגן די אונטערדריקער אונטערן לאָזונג: זאָל איך אומקומען צוזאַמען מיט די פּלישטים. קיין דריטער וועג איז ניטאָ"[2].

דער איקער־געדאַנק איז בײַ גאָרפונקעלן דער זעלבער, וואָס בײַ געגנסן. פאַרן לייענער אַנטפּלעקט זיך אין איר עמעסן טאָך די פּאָליטיק פון די ציעניסטן. ער זעט איר אַנטיפּאָלקישן, אַנטי־ייִדישן, פאַלשן כאַראַקטער, איר צוויִעס.

וואָס שײַעך דער באַהויפּטונג, אַז די שפּעטערדיקע דוירעס וועלן באַשולדיקן די אסירים פון געטאָ, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט שעכטן פון די דײַטשישע הענקער, איז דאָס אַ בוילעטער ליגן. קיין איין אָביעקטיווער מענטש וועט אַזוי ניט שטעלן די פראַגע. מע קען דורכקוקן אַלע אַרבעטן פון די סאָוועטישע אַווטאָרן און, איך גאַראַנטיר, אַז אין ערגעץ וועט מען אַזאַ פאָרוואָרף ניט געפינען. ס'איז אַן אַבסורד צו באַשולדיקן די קאָרבאָנעס אין געטאָ, אַז זיי זײַנען געגאַנגען אויף אַ מאַסן־זעלבסטמאָרד. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיר דאַרפן ניט אַנאַליזירן די פּאָליטיק פון די ציעניסטישע מאַנהיגים אין געטאָ אַלס גאַנצעס. אָט די פּאָליטיק איז געווען אַ פאַרעטערישע לעגאַבע די אסירים פון געטאָ און געפירט זיי צום אומקום. ווען מע זאָגט, אַז ס'זײַנען געווען בלויז צוויי וועגן — אומקום אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד און פּשאָרע מיט די היטלעריסטן, האָבן מיר דאָס פולע רעכט צו זאָגן, אַז דאָס איז אַ פאַרקריפּלונג פון דער ווירקלעכקײַט. ווײַל ס'איז געווען אַ דריטער וועג, וועלכן די ציעניסטן האָבן ניט געוואָלט זען — דער וועג פון קאַמף קעגן די היטלעריסטן, אַ קאַמף אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען, מיט אַ קאָאָרדינירטער טאַקטיק, ניט קיין אימפּולסיווער, פּראָוואָצירנדיקער, אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט אָן קאָרבאָנעס, ווײַל אַ קאַמף אָן קאָרבאָנעס איז ניט מעגלעך.

מע האָט געקאָנט אַרויסגיין פון געטאָ אין גרעסערע גרופּעס, מע האָט אַפילע געקאָנט אַרויספירן עלטערע מענטשן, קינדער און פרויען, אַרויספירן פאָרזיכטיק, אָבער אַרויספירן די גאַנצע צײַט. אויף אָט דעם וועג האָט שטענדיק אָנגעוויזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. און אָט דעם וועג, דעם וועג פון קאַמף און ערע, האָבן טאַקע אויסגעקליבן אַ סאַך אסירים פון געטאָ. אין דעם ערלעכן און מוטיקן קאַמף זײַנען פיל אומגעקומען, אָבער דאָס איז געווען אַ מינדערהײַט אין פאַרגלײַך מיט די, וואָס זײַנען אומגעקומען אין געטאָ.

דער דאָרעמדיקער אונטערערדישער געביטסקאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ליטע, די געגנטלעכע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגענומען מיטלען צו מאָביליזירן די ייִדן פון געטאָ צום קאַמף קעגן דעם אָקופּאַנט און אַרויספירן זיי פון געטאָ. די קאָמוניסטן האָבן געטאָן אַלץ, וואָס אין זייערע קויכעס, קעדיי צו פאַרבינדן די אסירים מיט די קעמפער אויסער דער געטאָ. אין קאָוונער, ווי אויך אין ווילנער געטאָ, האָבן עקזיסטירט פּאַרטייִשע קאָמפּסאָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געזאַמלט געווער, געגרייט קעמפער, אונטערגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער. אָבער די אָנפירער פון די געטאָס, די אַזוי־גערופענע „עלטסטע", האָבן טאָרמאָזירט די באַמיִונגען אַרויסצופירן די מענטשן אין וואַלד. זיי האָבן דעריקער געפּריידיקט, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז מע דאַרף איבערוואַרטן, מע טאָר זיך ניט אַרײַנמישן אין געשלעג, מע קען שטילינקערהייט „איבערזיצן" די אומרויִקע צײַט. זיי האָבן געזוכט צו ווירקן אויף דעם סאַמע פּילבאָרן — ניט איבערלאָזן די אייגענע, די קינדער, די זקיינים. זיי האָבן געטײַנעט, אַז אַ מאַסנווײַזער אַרויסגאַנג אין וואַלד וועט אומברענגען אַלעמען.

ליידער האָבן זיי אַ סאַך מענטשן אײַנגערעדט. אָבער די קאָמוניסטן האָבן ניט איבערגעריסן די אַרבעט. די קעמפער פון געטאָ זײַנען געגאַנגען אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן פון ווײַסרוסלאַנד, אין די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פון ליטע. צום סאָף פון דער מילכאָמע האָבן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער און די

---

[1] דאָרט, ז. 262.
[2] דאָרט, ז. 263.

אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פּאַנאַנדערגע־וויקלט אַזאַ טעטיקייט, אַז זיי פּלעגן אַרויספירן מענטשן אַף מאַשינעס. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט צו נעמען אויך פרויען, זקיינים, האָגאַם זיי האָבן געשטרעבט דערצו, אַז פון געטאָ זאָלן קומען, ווי ווײַט דאָס איז מעגלעך, מענטשן, צוגעגרייטע צום קאַמף און צו אַרבעט און, ווען מעגלעך, אויך באַוואָפנטע.

צו די אָנפירער פון די יודן־ראַטן איןביידע געטאָס זײַנען געשיקט געוואָרן שליחים, וואָס האָבן זיי איבערגעגעבן בריוו מיט דער פּאָ־דערונג צו העלפן די ייִדן אַרויסגיין פון געטאָ. גענס האָט ניט געענטפערט אַפן בריוו, נאָר מינדלעך צוגעזאָגט צו העלפן. אונדזז איז אָבער ניט באַוווסט, צי ער האָט געהאַלטן וואָרט. על־קעס האָט גאָרניט געענטפערט און אויך ווײַטער געשטערט אַרויסצוגיין פון געטאָ אונטערן אויסרייד, אַז מע דאַרף ראַטעווען די אסירים אין געטאָ. ווי באַוווסט, ווערט יעדע פּאָליטיק אויסגעפּרוווט דורכן לעבן. הײַנט קענען מיר מאַכן דעם אויספיר, באַזירנדיק זיך אַף די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון די ביידע וועגן — דעם, אַף וועלכן עס האָבן געפירט די קאָמו־ניסטן, און דעם אַנדערן, וואָס עס האָבן גע־וויזן די ציוניסטן.

פון די הונדערטער יונגעלײַט, וועלכע זײַנען אַרויס פון געטאָ, זײַנען אומגעקומען באַ 10 פּראָצענט. אומגעקומען אין קאַמף, מיט געווער אין האַנט, פּאַרטיזאַנדיק אַ פאַרלוסט דעם פײַנט און ניט פאַרמינערנדיק די אייגענע ווירדע. אין געטאָ זײַנען געבליבן לעבן 3—4 פּראָצענט. אַלע איבעריקע זײַנען פאַרפײַניקט און דערמאָרדעט געוואָרן, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו קעמפן און שטעלן אַ ווידער־שטאַנד. מע קען פאַרגלײַכן, וועער עס האָט מער געטאָן פאַר דער רעטונג פון ייִדן — די קאָמו־ניסטן, אָדער די ציוניסטן.

קיינער האָט ניט בעדייע אַרופּצולייגן די גאַנצע שולד פאַרן אומקום פון די ייִדן אין די ביידע געטאָס פון ליטע אַף זייערע אָנפירער. זיי האָבן ניט פאַרמאָגט דעם קויעך צו ענדערן דעם גאַנג פון די געשעענישן. אָבער מע קען נישט ניט זען, אַז די אידעאָלאָגיע פון ציוניזם, וואָס איז געווען געצילט צו איבערצײַגן די ייִדן, אַז זייער היימלאַנד איז ווײַט, אַז זייער אוודע איז ניט צו זײַן אַקטיוו, נאָר איבער־וואַרטן, ביז דער געוויטער וועט פאַרבײַגיין און די „גרויסע" וועלן פאַרענדיקן דעם געשלעג — אָט די פּסיכאָלאָגיע האָט אָפּגעשפּילט אַ פאַרע־טערישע ראָליע.

עס שטעלט זיך די פראַגע, ווי איז געווען אין די אַנדערע געטאָס, ווו די ציוניסטן האָבן ניט געהאַט אַזאַ מאַכט?

אין וואַרשע, צום בײַשפּיל, ווו אַף די ייִדישע מאַסן האָט אַ גרעסערע ווירקונג געהאַט די פּאַ־רייניקטע פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי אויך אין ביאַליסטאָק, האָט די אָנפירונג פון די ייִדי־שע אסירים זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרעסע־רער אַנטשלאָסנקייט, מיט אַ שטרעבן צום קאַמף קעגן די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן, וואָס עס האָט לאַכלוטן געפעלט באַ די אָנפירנדיקע ציוניסטישע קרײַזן אין קאָוונער און ווילנער געטאָס.

אין וואַרשע און ביאַליסטאָק האָבן די אסירים פון געטאָ פון די צוויי מעגלעכקײַטן — אומ־קומען אין קלעם, אָדער אַרויסטרעטן אין אָפע־נעם קאַמף, פאַרטיידיקנדיק ניט נאָר דאָס לעבן, נאָר אויך די ערע און מענטשלעכע ווירדע, — אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג, דעם וועג פון דרייסטן קאַמף, וועלכן די ציוניסטישע אָנפי־רער אין ווילנע און קאָוונע האָבן געמאָלט פאַר די ייִדישע מאַסן ווי אַ סטראַשידלע.

דער ציוניזם אין געטאָ האָט קלאָרער ווי אומעטום באַוויזן זײַן פאַלקספײַנטלעך פּאַנעם, און דאָס איז זייער באַקוועם געווען פאַר די היטלעריסטן.

דער ציוניזם האָט זיך פון די ערשטע טריט זײַנע אַרויסגעוויזן פײַנטלעך צו דער אידעאָ־לאָגיע און פּאָליטיק פון סאָציאַליזם און קאָמו־ניזם. אַלע ציוניסטישע דאָקטרינעס, אָנהייבנ־דיק פון דער טעאָריע וועגן אַן אייניקײַטלעכער ייִדישער וועלט־נאַציע און ענדיקנדיק מיט דער פײַנטלעכער באַציִונג צו דער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער, מיטן אָריענטירן זיך אַפן אימפּעריאַליזם, — שטייען אין שרײַענדיקער סתירע צו די קאָמוניסטישע אידייען. באַזונ־דערס דאַרף אָפּגעמערקט ווערן די סינע פון די ציוניסטן צום רעאַלן סאָציאַליזם, צו די סאָציאַליסטישע מעלוכעס, אין דער ערשטער ריי צו דער הויפּט־מעלוכע פון דער סאָציאַ־ליסטישער געמיינשאַפט — צום ראַטנפאַרבאַנד.

די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט מיט איין קלאַפּ אָפּגעשאַפן אַלע באַגרענעצונגען פאַר די ייִדן. די ציוניסטן האָבן דערזען אין די מאַס־מיטלען פון דער סאָוועטן־מאַכט אַן אָפּלייקע־נונג פון זייער דאָקטרין, אין יעסאָד פון וועל־כער עס ליגט די אידיי פון אייביקן אַנטיסעמי־טיזם. די גלײַכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן לע־גאַבע דעם געזעץ האָט צעשטערט זייער טעזיס פון אומעגלעכקײַט פון קאָעקזיסטענץ מיט אַנ־דערע פעלקער. די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט ניט געלאָזט אַ שטיין אַף אַ שטיין פון זייער טעאָריע. אָט פונוואַנען עס נעמט זיך די סינע פון די ציוניסטן צו פּססר.

אויב מע זאָל פאַרגלײַכן די באַציִונג פון די ציוניסטן צום היטלערישן דײַטשלאַנד מיט זיי־ער באַציִונג צום סאָציאַליסטישן סאָוועטנפאַר־באַנד, קאָן מען ניט זאָגן, אַז זיי האָבן זיך בע־סער באַצויגן צום ערשטן, ווי צום צווייטן. זיי ווײַזן אַרויס סענטימענטן אויך איצט צו דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, ווי צו פּשאַ, וועלכע זײַנען נאָך אַלץ אַ מאָקעם־מיק־לעט פאַר די ייִדן־מערדער.

די ציוניסטן פּרוּוון פאַרטושירן זייער פײַנט־לעכע באַציִונג צום סאָציאַליזם מיט רייד וועגן דעם, אַז זיי אַליין שאַפן קלומערשט אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. אַלס באַווײַז, אַז

דער סאָציאַליזם איז דאָ אין ייִסראָעל, ברענגט מען די קיבוצים — קאָאָפּעראַטיווע פאַרייניגן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע באַלעבאַטים.

אינדערעמעסן איז קיין סאָציאַליזם אין די קיבוצים ניטאָ. עס איז שוין ניט איין מאָל דערוויזן געוואָרן אַף דער פּראַקטיק פון פאַר־שיידענע לענדער, אַז אין קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען קומט די קאָאָפּעראַציע אין טאָך צוניץ דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ווען זי וואַקסט זיך שטאַרק פאַנאַנדער, ווערט זי אַ צוגאָב צו די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס, אָדער נעמט אַליין אָן זייער פאָרם און אונ־טערדריקט פּונקט ווי די מאָנאָפּאָלן גופא.

ייִסראָעל איז אַ טיפּישע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע, אַ מעלוכע אָן אַגרעסיווע, וואָס איז מיט דער הילף פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָ־פּאָלן, אַף וועלכע זי אַרבעט, אַ ווערקצײַג פאַר אונטערדריקן און פאַרשקלאַפן די אַרבעטער און פּויערים, אין דער ערשטער ריי די אַראַבער ביכלאַל און די פּאַלעסטינער ביפראַט. דער ציִעניזם גייט אין די וועגן פונעם אימפּעריאַ־ליזם, און דערפאַר איז ער פײַנטלעך צום סאָ־ציאַליזם.

ענטפערנדיק די ציִעניסטן, וואָס באַהויפּטן, אַז די ציִעניסטישע מעמשאָלע האַלט שוין אָן אין פּאַלעסטינע הונדערט יאָר און דעם פּראָ־צעס קען מען שוין ניט קערן אַף צוריק, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ייִסראָעל־דיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מייער ווילנער געזאָגט אַפן 17־טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַר־טיי: „עמעס, ס'איז פאָרגעקומען אַ היסטאָרי־שער פּראָצעס, וועלכער האָט געבראַכט צו דער הערשאַפט פון די אימפּעריאַליסטישע גרויס־מאַכטן איבער דעם גרעסטן טייל פון די לענ־דער אין אַזיע און אַפריקע. דער דאָזיקער פּראָ־צעס האָט אָנגעהאַלטן העכער 100 יאָר. אָבער ווו איז די לאַגע הײַנט? דער דאָזיקער פּראָ־צעס האָט זיך ניט נאָר אָפּגעשטעלט, נאָר ער האָט דערפירט צום פולשטענדיקן באַנקראָט פון דער קאָלאָניאַלער סיסטעם פונעם אימפּע־ריאַליזם. און אין די לענדער, וואָס זײַנען נאָך געבליבן אין קאָלאָניאַלער אָפּהענגיקייט, ברענט די ערד אונטער די פיס פון די אונ־טערדריקער. די פּאָליטיק פון די ייִסראָעלדיקע הערשנדיקע קרײַזן, וואָס בינדן אַף אייביק צו ייִסראָעל צו די אימפּעריאַליסטישע גרויס־מאַכטן, שטעלט אין סאַקאָנע די צוקונפט פון דער מעלוכע, וועלכע וועט קענען עקזיסטירן און לעבן אין זיכערקייט נאָר דאַן, ווען זי וועט ווערן אַ פרידלעכע און אומאָפּהענגיקע מעלוכע אַפן נאָענטן מיזרעך, וואָס האַלט אונטער גוט־שכײַנישע באַציִונגען מיט די אַראַבישע פעל־קער".[1]

דאָס זײַנען ריכטיקע ווערטער. אונטערדרי־קונג קען אָנהאַלטן לאַנג, אָבער זי קען ניט זײַן אייביק. פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַ־בער — דאָס איז דער אויסוועג פאַר ייִסראָעל. די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג קען קומען נאָר אַפן וועג, וועלכן עס ווײַזט אָן די קאָמוניסטי־שע פּאַרטיי פון ייִסראָעל — אַפן וועג פון פאַר־זיכערן די פּאַלעסטינער אַלע רעכט, אײַנשליס־לעך דאָס רעכט צו שאַפן אַן אייגענע מעדינע.

דער שאָוויניזם פון יעדן פאָלק, איז קודעם־קאָל געפערלעך פאַר אים אַליין. אַזעלכע אומ־גליקן האָט שוין געבראַכט און וועט אומפאַר־מײַדלעך אין דער צוקונפט נאָך ברענגען דער ציִעניזם די ייִדן, קודעמקאָל די ייִדן פון ייִס־ראָעל. דער ציִעניזם מעלדעט דעמאַגאָגיש, אַז ער קעמפט פאַר די אינטערעסן פון זײַן פאָלק, אָבער אינדערעמעסן שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ געפאַר און אַ דראָונג פאַר די ייִדן. קיין איין סוינע קען הײַנט־צו־טאָג ניט ברענגען אַף די ייִדן אַזעלכע אומגליקן, ווי דער ציִעניזם.

אין די לעצטע יאָרן פאַרנעמט זיך דער ציִע־ניזם באַזונדערס אַקטיוו מיט צעשיידן ייִדישע מישפּאָכעס, באַזונדערס אַזעלכע, וואָס לעבן אין די לענדער פון סאָציאַליזם. דורך צוזאָגן אַ גאַניידן אַף דער ערד, דורך שקעקער פאַרנאַרט מען מענטשן אין זייערע נעצן. די ציִעניסטישע דינסטן שטעלן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ און קאַרגן ניט פאַרפירערישע צוזאָגעכצן. דאָרט, ווו זיי האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אַרויסצו־טרעטן עפנטלעך, סטאַרען זיי זיך צו ווירקן מיט מיטלען פון שאַנטאַזש — אָוועקשטעלן דעם ייִדן אין קעגנזאַץ צו זײַן קאָלעקטיוו, צו זײַנע כאַווײרים, אַרויסשלעפּן אים פונעם אײַנגעזע־סענעם אָרט, אָפּרײַסן אים פון זײַן געוויינלע־כער אַרבעט, מאַכן אים צו פאַרלירן זײַן ספּעצ־יאַליטעט און אַרײַנשלעפּן צו זיך. דער פּראָ־צעס פון צופּאַסונג נאָכן עמיגרירן איז ביכלאַל זייער אַ שווערער, אַפילע אויב די לענדער פון עמיגראַציע און פון אימיגראַציע זײַנען פון דעם זעלבן סאָציאַלן מין. מע דאַרף זיך צוגע־וווינען צום נײַעם לעבנס־שטייגער צו די נײַע באַדינגונגען, צו דער נײַער שפּראַך, צו דער נײַער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז אַלץ ניט איינפאַך. אָפטמאָל ווערט דער פּראָ־צעס פון צופּאַסונג פאַרענדיקט אין אַ ווײַטער־דיקן דאָר.

אויב דער פּראָצעס פון צופּאַסונג איז שווער באַם אַריבערפאָרן פון אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד אין אַ קאַפּיטאַליסטיש, איז ער נאָך שווערער בײַם מע וואַנדערט אַריבער פון אַ סאָציאַלי־סטישער מעלוכע אין אַ קאַפּיטאַליסטישער. אין ייִסראָעל איז גאַנגבאַר דער טערמין: „אָלים כאַדאָשים סאָוועטים", דאָס באַדײַט: „נײַע סאָ־וועטישע עמיגראַנטן". דער דאָזיקער טערמין ווערט געברויכט אין אַן אָפּשפּאָטערישן זין און מיינען מיינט עס צו זאָגן, אַז די געוועזענע סאָוועטישע בירגער זײַנען קאַפּריזנע, ווילן ניט אַרבעטן, האָבן מוירע פאַר שווועריקייטן.

פאַרשטייט זיך, קיין ייִסראָעל פאָרן פונעם ראַטנפאַרבאַנד ווײַט ניט די בעסטע מיטגלידער פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. אַ באַ־שטימטן פּראָצענט זײַנען בעלי שום סאָפּעק

[1] XVII съезд Коммунистической партии Израиля. Политиздат, М., 1973, стр. 21.

מענטשן, וואָס זוכן אַ לײַכט לעבן. צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם קלײַבן זיי אויס קאַפּיטאַליזם. זיי ווייסן, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ מערהייט אונטערדריקטע און אַ מינדערהייט אונטערדריקער. זיי האָפן אַרײַנצופאַלן אין דער מינדערהייט. אָבער עס גייט ניט נאָר אין דעם. עס גייט אין דעם, וואָס פאַר מענטשן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז דער עצם פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען זייער און זייער שווער. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז דער מענטש געוווינט, צומאָל ניט באַזינענדיק עס אַפילו, אַז ס'איז ניטאָ קיין פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. ער וויל ניט אַרבעטן, קעדיי עמעצער זאָל רײַך ווערן פון זײַן פּראַצע. ער איז אָפּגעוווינט צו אונטערוואַרפן זיך די יעניקע, וואָס ווילן מאַכן קאַפּיטאַל פון יענעמס שווייס. אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען דאַרף ער זיך צוגעוווינען צו לייזן אַזעלכע פראַגן, וועלכע באַם סאָציאַליזם לייזט פאַר אים די געזעלשאַפט. אין די באַדינגונגען פון סאָציאַליזם דאַרף ער ניט, צום בײַשפּיל, מיט אַ פאַטאַלן געפיל זוכן אַרבעט, ווי ער דאַרף עס טאָן אין ייִסראָעל.

שווער און ביטער איז אַ מענטשן אין דער פרעמד זיך צו איבערצײַגן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, ווען ער האָט קאַפּיטולירט פאַר זײַן אייגענער קלייגבאַלעבעסלדיקער פּסיכאָלאָגיע און פון אַלע זײַנע כאַלוימעס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. ער לעבט עס איבער, פאַרשטייט זיך, זייער שווער. די ציִעניסטישע לידערס קענען נישט ניט וויסן וועגן אָט דער טראַגעדיע, ווײַל איצטער פאָרן אַוועק פון ייִסראָעל קימאַט אַזויפיל מענטשן, וויפל עס קומען אָן. זיי הערן אָבער ניט אויף צו פירן אַ שווינדלערישע פּראָפּאַגאַנדע, שטרעבנדיק מיט פאַרשיידענע שטיק אַרײַנצונאַרן צו זיך מענטשן, אין דער ערשטער ריי, פאַרשטייט זיך, פון די סאָציאַליסטישע לענדער, פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

עס ווערן דערבײַ געלאָזט אין גאַנג בריוו, געשריבענע קלוימערשט דורך קרויווים, אָבער אינדערעמעסן דורך ווערביר־אָרגאַניזאַציעס. אין די בריוו ווערן געגעבן ברייטסטע צוזאָגן פון הילף, צוזאָגן, וואָס ווערן ניט אויסגעפילט, ווײַל זיי זײַנען גאָרניט געגעבן געוואָרן מיצאַד די מענטשן, אין וועמענס נאָמען זיי זײַנען געשריבן. פאַרשטייט זיך, אייניקע עמיגראַנטן אַרבעטן זיך אַרויף איבער די פּלייצעס פון אַנדערע. דאָס איז דער דערפאָלג פון איינצלנע, אָבער ער ווערט ברייט פאַנאַנדערגעפּויקט, בייס דער דורכפאַל פון טויזנטער ווערט פאַרשוויגן.

די ציִעניסטן מאַכן זיך ניט וויסנדיק, אַז סטימולירנדיק ייִדן אַרויסצופאָרן פון זייערע ווויִן־לענדער, פאַרערגערן זיי דערמיט די באַציִונג אין דער מאַסן־סוויווע צו די ייִדן, וואָס פאַרבלײַבן דאָרט. עס פאָרן אַרויס ניט אַזוי פיל. פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, צום בײַשפּיל, איז אַרויסגעפאָרן אַן אומבאַדײַטנדיקער טייל.

אויב מע זאָל דעם רעזולטאַט פון אַרויספאָרן באַטראַכטן ווי אַ מין רעפערענדום, ווי אַ פּרוּווּ־שטיין פון דער באַציִונג צו ייִסראָעל אַלס היימלאַנד, קען מען עס ניט פאַרשטיין אַנדערש ווי אַ נעגאַטיוון ענטפער, ווי אַן אָפּזאָג פון די ייִדן אַרויסצופאָרן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. פון די אַלטע רעפּובליקן עמיגרירן זייער ווייניק, אַ ביסל מערער פאָרט מען פון די נײַע רעפּובליקן — בײַבאַלטישע, מאָלדאַוויע. אָבער די ציִעניסטן באַרויִקן זיך ניט. זיי פּרוּוון ווײַטער רעדן „אין נאָמען פון אַלע ייִדן" פון פסס"ר. דערצו איז, פאַרשטייט זיך, קיין שום גרונט ניטאָ.

אַרויסווײַזנדיק אַזאַ פלײַס אַרויסצונאַרן ייִדן פון פסס"ר, פאַרגעסן דערבײַ די ציִעניסטן, ווי אויך זייערע אָנהענגער אין פּשאַ און אין אַנדערע לענדער, אַז מע דאַרף די מענטשן פאַרזאָרגן מיט אַרבעט. ניט לאַנג צוריק איז אין מאָסקווע דערשינען דער „ווײַסער בוך"[1], אין וועלכן ס'זײַנען צונויפגעזאַמלט דאָקומענטן און פאַקטן וועגן דעם לעבן פון די מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייער היימלאַנד און אַוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל. אינעם פאָרוואָרט צו דעם בוך שרײַבט דער פאָרזיצער פון דער אַסאָציאַציע פון די סאָוועטישע יוריסטן ל. נ. סמירנאָוו, אַז „דער בוך אַנטהאַלט פאַקטן און דאָקומענטן וועגן דער דיסקרימינאַציע פון געוועזענע סאָוועטישע בירגער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער"[2].

ס'איז אוממעגלעך אָן אַ טיפער אויפרודערונג צו לייענען די בריוו אין אָט דעם בוך. מער ווי 300 עמיגראַנטן פון פסס"ר שרײַבן אין זייערן אַ בריוו צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס קורט וואַלדהײַם: „מיר ווילן ניט איצטער זיך אַרײַנלאָזן אין די סיבעס פון אונדזער אַרויספאָר פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווײַל דאָס קען מען אויסדריקן מיט איין פראַזע, נעמלעך: באַוועגט אין גרעסטן טייל פון אונדזער קלייגבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע, האָבן מיר עמיגרירט קיין ייִסראָעל"[3]. קורץ גערעדט, די הויפּט־ראָליע האָט דאָ געשפּילט דער נידעריקער ניוואָ פון באַוווסטזיניקייט, די קלייגבירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע, דער באַגער ניסאַשער צו ווערן. דאָס נעמט אָבער ניט אַראָפּ די שולד פון די ציִעניסטן. „די ציִעניסטן, — רעדט זיך ווײַטער אין דעם דאָזיקן בריוו, — האָבן אונדז אויף אַ פאַרפירערישן אויפן אַרויסגעשלעפּט פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלנדיק אונדז פאַרוואַנדלען אין געהאָרכזאַמע שקלאַפן"[4].

די דאָזיקע מענטשן לײַדן איצט ביטערע נויט, וואָגלען אַרום איבער דער גאָרער וועלט. דורך דער אַמבאַסאַדע פון ייִסראָעל אין עסטרײַך האָבן אָט די געוועזענע בירגער פון פסס"ר

---

[1] «Белая книга». Изд-во «Юридическая литература», М., 1979.
[2] Там же, стр. 12.
[3] Там же, стр. 75.
[4] Там же.

איבערגעגעבן א מעלדונג־פּראָטעסט דער ייִסראָעלדיקער רעגירונג וועגן „דער ווײַטער אָנגייענדיקער אָפּנארערײַ פון בירגער פון ייִדישער נאציאָנאליטעט און פון דער וועלט־געזעלשאפט”[1].

ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקײַט זיך אײַנצואָרדענען אין ייִסראָעל, פארלאָזן א סאך מענטשן דאָס לאנד. זיי זײַנען צעזייט איבער פיל לענדער. א סאך באשליסן צו פאָרן קיין פשא.

אין 1975 האָט די אמעריקאנער רעגירונג, אונטערן דרוק פון ציעניסטישן לאָבי, אָנגענומען אן ענדערונג צום געזעץ וועגן אימיגראציע. אין העסקעם מיט אָט דער ענדערונג ווערן די מענטשן, וואָס פארלאָזן ייִסראָעל, ניט באטראכט ווי פליטים און קענען דערפאר ניט ארײַנגעלאָזט ווערן אין פשא. פונדעסטוועגן, געלינגט פיל מענטשן זיך ארײַנצושלײַכן אין אָט דעם לאנד. וואָס זשע דערווארט זיי דאָרטן? זיי קענען ניט די שפראך. זיי זײַנען ניט צוגעפאסט צו די אָרטיקע באדינגונגען, זיי קענען ניט, אלס קלאל, אָנקומען אף ארבעט לויט זייער ספעציאליטעט און זײַנען פארורטיילט צו פירן א שווער לעבן. אָט איז די טראגעדיע פון אסיע וואָלפע. אין פססר איז זי געווען קאנדידאט פון מעדיצין, געארבעט אלס פארטרעטער פונעם הויפט־דאָקטער אין א פּאָליקליניק. און אָט איז זי אין וואשינגטאָן. האָבנדיק א דרײַסיקיאָריקן סטאזש פון מעדיצינישער טעטיקײַט, האָט זי דאָ געקראָגן צײַטווײַליקע ארבעט אין הײַזער פון אלטע פארמעגלעכע מענטשן. זי האָט געראמט די דירעס, געקאָכט, געבאקן, גערייניקט טעפּיכער און געוואשן געפעס. סאָפ־קאָלסאָף האָט זי באקומען א שטעלע אלס מעדיצינישע שוועסטער בא אן אלטער פרוי, א מיליאָנערשע. אָט וואָס זי האָט דערציילט וועגן איר ארבעט: „די באלעבאָסטע פון א פּרעכטיקער דרײַגאָרנדיקער ווילע האָט מיך אופגענומען, זיצנדיק אין א טיפן פאָטעל. אף די פינגער פון אירע זקיינישע הענט האָבן געבלישטשעט א סאך רינגען, אין די אויערן גאָלדענע אוירינגלעך, ווי רייפן. איך האָב געמאָלדן, ווער איך בין, און געזאָגט, אז איך בין געקומען פון רוסלאנד און האָב ניט קיין אמעריקאנער דיפּלאָם, בין איך געצוווּנגען דעריבער צו ארבעטן אלס מעדיצינישע שוועסטער... אין דער גרויסער קיך, ווו איך האָב געדארפט זײַן בייס מײַן דעזשורסטווע, האָט אויסער מיר זיך געפונען אויך דער באלעבאָסטעס הונט. איך האָב מיט אים געדארפט גוט אויסקומען און אים ארומזען... איך האָב באוויינט מײַן געוועזענע פולבלוטיקע, גליקלעכע פארגאנגענהײַט און פארשאָלטן מײַן איצטיק צעבראָכן אומנייטיק לעבן... אמעריקע איז דאָס לאנד פון דאָלאר. געלט באהערשט דאָס לעבן. געלט מישט זיך ארײַן אין די באציִונגען צווישן מענטשן, געלט אנטשיידט דאָס לעבן און דאָס געזונט פון קינדער. געלט מישט זיך ארײַן אפילע אין די סאמע הומאנע פּראָפעסיעס פון דער וועלט — אין דער פּראָפעסיע פונעם דאָקטער אויך, און עס ווערט פון מעדיצין א „ביזנעס”. ס׳איז שרעקלעך ווען מע שטויסט זיך מיט דעם צונויף...”[1].

צו שפּעט האָט דאָס פארשטאנען אסיע וואָלפע. צי דען האָט מען ניט גערעדט מיט איר וועגן דעם א סאך מאָל פריִער?

ניט זעענדיק קיין אויסוועג, האָט וואָלפע זיך גענומען דאָס לעבן. אזעלכע טראגעדיעס זײַנען באשריבן אין „ווײַסן בוך” ניט ווייניק. פאר די אויגן שטייט אוף די מארטיראָלאָגיע פון טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געוואָרפן זייער היימלאנד.

די טראגעדיע פון אָט די מענטשן ליגט אפן געוויסן פון די ציעניסטן.

אין זײַן באגריסונג צום 18־טן צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דעקאבער 1976, האָט דער צק קפסס געשריבן:

„די סאָוועטישע קאָמוניסטן פאָלגן נאָך מיט א געפיל פון סאָלידאריטעט דעם קאָנסעקווענטן קאמף פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל, דעם קאמפס־אוואנגארד פון די ייִסראָעלדיקע האָרעפאשניקעס, ייִדן און אראבער, קעגן דער עקספּאנסיאָניסטישער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע קרײַזן פונעם לאנד, פאר דער אלץ ארומכאפנדיקער, גערעכטיקער און דויערנדיקער רעגולירונג פונעם קריזיס אפן נאָענטן מיזרעך, קעגן דעם אָנגריף פון דער בורזשואזיע אף די דעמאָקראטישע רעכט און אפן לעבנס־ניוואָ פונעם האָרעפאשנעם פאָלק, פאר דעמאָקראטיע און סאָציאלן פּראָגרעס. די סאָוועטישע מענטשן ווייסן זייער גוט, אז זײַענדיק אן אקטיווער אָטריאד פון דער אינטערנאציאָנאלער קאָמוניסטישער באוועגונג, טרעט די קאָמוניסטישע פארטיי פון ייִסראָעל ארויס קאָנסעקווענט פאר דער אײַנהײַטלעכער טעטיקײַט פון די קאָמוניסטן פון דער גאָרער וועלט לויט די פּרינציפּן פון מארקסיזם־לעניניזם, פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם, קעמפט אנטשיידן קעגן אנטיקאָמוניזם און אנטיסאָוועטיזם, קעגן ציִעניזם און באליביקע אנטפּלעקונגען פון בורזשואזן נאציאָנאליזם”[2].

---

[1] «Белая книга», стр. 73.

---

[1] «Белая книга», стр. 114—118.
[2] «Правда», 17 декабря 1976 г.

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין אורוגווײַ באַקומט די רעדאַקציע פון אונדזער זשורנאַל בריוו פון לייענער, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דער לאַגע אין אָט דעם לאַנד. מיר דרוקן דאָ אַן אַרטיקל פון דער אורוגווײַער זשורנאַליסטקע פּאַטריציאַ באַטיסטאַ, אָנגעשריבן ספּעציעל פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד".

פּאַטריציאַ באַטיסטאַ

אורוגווײַ — אַ קיניגרײַך פון טרער

...מע קאָן זיך אָנשטויסן אַף זיי אין יעדן מאָמענט, זיי האַלטן אָבער פאַר ליבער די פינצטערע נאַכט. זיי באַווײַזן זיך אַמאָל אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם, אַמאָל ציוויל געקליידט, אָבער שטענדיק באַוואָפנט. זיי רײַסן זיך אַרײַן, ווי בייזע הינט, אין פרידלעכע הײַזער. אויב מע עפנט ניט טייקעף די טיר, וועלן זיי זי אויפברעכן. זיי ברעכן אַלץ, וואָס עס קומט זיי אונטער די הענט. זיי רײַסן אַראָפּ די קאָלדרעס פון שלאָפנדיקע מענטשן, רײַען איבער דאָס בעטגעוואַנט, טרײַבן צום וואַנט די עלטערן, די קינדער און זקיינים. זיי זידלען זיך און שלאָגן, שנאָרען אין יעדן ווינקל, לאָזן ניט דורך קיין איין שפּאַלט אַפילע. די ווערטפולע כפייצים פאַרשווינדן טייקעף אין זייערע טיפע קעשענעס, און די גרויסע ווערטפולע כפייצים, וועלכע מע קאָן ניט אַרויסטראָגן, פּאַקעווען זיי אײַן אַקוראַט און פאַרשלעפּן פון שטוב. זיי ווערן צערייצט, ווי ווילדע כײַעס, ווען זיי דערזעען ביכער. זיי צערײַסן די ביכער אָדער קאָנפיסקירן זיי אַלס אַ באַווײַז פונעם „פאַרברעכן". די דערשראָקענע קינדער האַלטן זיך באַ דער מאַמעס קלייד און וויינען, פאַר זיי אין די אויגן שלאָגט מען און מע פירט אַוועק דעם טאַטן. אויב דער „שולדיקער" איז אין שטוב ניטאָ, נעמט מען אַרוועסלײַט — פרויען, קינדער, זקיינים.

זאָל דער לייענער ניט מיינען, אַז דאָס איז אַ בילד פון אַ לאַנד, וואָס איז געוואָרן אָקופּירט דורכן סוינע. דאָס אַלץ קומט פאָר אין אורוגווײַ, אין דער קלייניקער מעלוכע, וועלכע געפינט זיך אַפן דאָרעם פון לאַטײַן־אַמעריקע. די אייגענע נאַציאָנאַלע באַוואָפנטע קרעפטן זײַנען דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָקופּאַציע־אַרמיי, וואָס פירט לעשעם דעם אָנטיקאָמוניזם אַן אומדערבאַרעמדיקע מילכאָמע קעגן דעם אייגענעם פאָלק.

דעם 27 יון 1973 איז אין אורוגווײַ פאָרגעקומען אַ מעלוכע־איבערקערעניש, וועלכע האָט דערקלערט אויסערן געזעץ אַלע דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן און רעכט. ערעוו דער דאָזיקער געשעעניש האָבן די פּראָגרעסיווע קרעפטן פונעם לאַנד און די פאָרשטייער פון דער דעמאָקראַטישער איינהײַט געזוכט אַן אויסוועג פון דער קריזיס־סיטואַציע, אָבער די מעלוכע־איבערקערעניש האָט געלוינט דער אורוגווײַער אָליגאַרכיע און דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. דער פּאַרלאַמענט איז פּאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן. די טעטיקײַט פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען איז פון דעמלט אָן פאַרבאָטן. אויסערן געזעץ זײַנען דערקלערט די לינקע פּאַרטייען און אויך די נאַציאָנאַלע קאָנווענץ פון די אַרבעטנדיקע, וועלכע האָט פאַראייניקט אין אירע רייען 93 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. די לידערס פון דער קאָנווענץ זײַנען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין טפיסע. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט דער פעדעראַציע פון די אוניווערסיטעט־סטודענטן, מיט די פּראָפאַריינען און מיט אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. עס איז פאַרבאָטן די גאַנצע פּרעסע, וועלכע איז געווען אין אָפּאָזיציע צום רעזשים. די בילדונג איז אונטערגעוואָרפן אַ קאָנטראָל פון די רעאַקציאָנערע קרעפטן.

ווידער ברענען ביכער־שײַטערס

קיינער האָט זיך ניט געריכט, אַז נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, וועלכע האָט געמאַכט אַ סאָף צום פאַשיזם, וועלן זיך ווידער אָנצינדן שײַטערס, אַף וועלכע עס וועלן ברענען, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש די אוצרעס פון דער מענטשלעכער קולטור אין אורוגווײַ.

אָבער דאָס איז פּאַרגעקומען. מע האָט געוואָרפן אין פײַער די ווערק פון די גרויסע קלאַסיקער פון דער וועלט־קולטור: מאַקסים גאָרקי, לעוו טאָלסטאָי, פעדעריקאָ גאַרסיאַ לאָרקאַ, כאָסע מאַרטי און אַנד. מיליאָנען ביכער האָט מען אַרויסגענומען פונעם פאַרלאַג „פּועבלאָס אוניִדאָס", פונעם ליטווישן צענטער, פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, פון אַלע שול־ביבליאָטעקן, פון די קולטור־אַנשטאַלטן. דער קרייצצוג אַף אומברענגען די קולטור פונעם פאָלק איז געווען דער ערשטער טראָט פון דער רעאַקציע. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן רעדיפעס איבערן קאָלעקטיוו פונעם טעאַטער „על גאַלפּאָן", וואָס איז איינער פון די גלענצנדיקסטע טעאַטער־קאָלעקטיוון אין לאַטײַן־אַמעריקע, — אַלע מיטגלידער פון דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו זײַנען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טפיסע. ווען מע האָט זיי אַרויסגעלאָזט, האָט מען קאָנפיסקירט זייערע פאַרמעגנס, און זיי האָבן געמוזט עמיגרירן פונעם לאַנד. עס איז אויך פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן דער באַרימטער מוזיקאַלער אַנסאַמבל „קאַמעראַטאַ", זײַנע אָנטיילנעמער האָט מען אַרײַנגעשלײַדערט אין טפיסע. צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך געפונען דער אָנגעזעענער יידישער פידלער מוישע לאַסקאַ. נאָך לאַנגע פּײַניקונגען איז ער באַפרײַט געוואָרן. איצט טרעט ער אַרויס אין מעקסיקע צוזאַמען מיט אַנדערע אורוגווײַער מוזיקאַנטן.

די רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט פאַרמאַכט דעם קולטור־אינסטיטוט „אורוגווײַ—סאָוועטנפאַרבאַנד", וואָס האָט מער פון 30 יאָר געפירט אַ פּרוכטבאַרע אַרבעט מיטן ציל צו דערנענטערן די צוויי פעלקער, דערשלאָגן זיך אַ קעגנזײַטיקע פאַרשטענדעניש און קולטור־מיטאַרבעט. עס איז אויך אויסגעשטאַנען רעדיפעס די אָנפירונג פונעם אינסטיטוט, זײַן פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

דאָס זעלבע האָט איבערגעלעבט דער קולטור־אינסטיטוט „אורוגווײַ—דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפובליק".

מע האָט פאַרמאַכט די פירמע „אַרטקינאָס", וועלכע פלעגט באַווײַזן די נײַס פון דער סאָוועטישער קינאָ־פּראָדוקציע. אַלע ווערטן פון אָט דעם רײַכן פילמען־פאָנד זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן. דער פאַרוואַלטער פון דער פירמע ראָדריגעס איז אײַנגעזעצט געוואָרן אין טפיסע. פון די פּײַניקונגען, וועלכע ער איז אויסגעשטאַנען, איז ער שפּעטער געשטאָרבן (שוין אַף דער פרײַ).

דעם פאַשיזם איז שטענדיק געווען פרעמד דער לאָגישער געדאַנקענגאַנג. אורוגווײַ איז ניט קיין אויסנאַם: די אורוגווײַער פאַשיסטן האָבן גערווידעפּט ניט בלויז די מענטשן מיט מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג, נאָר אויך מיט אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע אָנשויונגען.

די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז, ווי באַוווסט, היפּש באַגרענעצט, דאָך האָט אורוגווײַ זיך אויסגעטיילט מיטן ניוואָ פון בילדונג און קולטור־טעטיקײַט. אין דעם פּראַט האָט דאָס לאַנד פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער אַפן לאַטײַן־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. איצט ווערט אין אָט דער מעלוכע אומדערבאַרעמדיק גערווידעפּט יעדעס בוך און בילד, יעדע ליד אָדער פילם, וועלכע פּאָרן זיך ניט מיטן אָפּיציעלן אָבסקוראַנטיזם, וואָס איז אײַנגעפירט מיצאַד דער פאַשיסטישער קליקע.

אַלע אורוגווײַער פּראָגרעסיווע שרײַבער, קינסטלער, קאָמפּאָזיטאָרן, געלערנטע, אַרטיסטן, זינגער זײַנען פאַרשפּאַרט אין טפיסע אָדער זיי האָבן עמיגרירט פונעם לאַנד.

„איך בין אַ יידישע פרוי. קיין אורוגווײַ בין איך געקומען אין די 30־ער יאָרן, קעדיי צו ראַטעווען זיך פון די אַנטיסעמיטישע רעדיפעס אין פּוילן, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון פּילסודסקין. איך האָב געוואָלט געפינען דאָ רו און אַ נאָרמאַל לעבן. אין אורוגווײַ זײַנען געבוירן געוואָרן מײַנע קינדער און די אייניקלעך, און דאָ וועל איך שטאַרבן. איך האָב געמיינט, אַז די פאַרגאַנגענהײַט וועט זיך ניט אומקערן. הײַנט אָבער, אין 40 יאָר אַרום, איז די פאַרגאַנגענהײַט אין טויזנט מאָל ערגער. עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן מיר, נאָר אויך וועגן מײַנע קינדער". — די דאָזיקע ווערטער פון אַן אַלטער יידישער פרוי כאַראַקטעריזירן די לאַגע פון טויזנטער יידישע מישפּאָכעס אין הײַנטיקן אורוגווײַ. דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכן היטלערס יאָרשים פרײַדיקן אין די אָפּיציעלע קרײַזן, האָט דאָ דערגרייכט אַ גוואַלדיקן מאַסשטאַב, ער איז אַרײַנגעדרונגען אַפילע אין דער סיסטעם פון בילדונג. ווי עס איז געווען אינעם נאַצי־דײַטשלאַנד, פאַרנעמען זיך אויך אין אורוגווײַ די פאַשיסטן מיט אַרויסגאַנווענען מענטשן, מיט מאָרדן, פאַרגוואַלטיקן, פּײַניקן. באַזונדערס אומבאַראַכמאָנעסדיק זײַנען זיי צו די יידן.

פונוואַנען נעמען זיך אַזעלכע רעציכעס?

עס איז באַוווסט, אַז צווישן די אורוגווײַער אימיגראַנטן האָבן פאַרנומען אַ היפּש אָרט די יידן. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך באַזעצט באַ אונדז אין לאַנד, און אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין די רייען פון די אַרבעטנדיקע, מיטהעלפנדיק מיט זייערע קענטעניש און מיט זייער אַרבעט דער אַנטוויקלונג פונעם פּראָגרעס אין לאַנד. שטעלנדיק זיך אין אַ פּײַנטלעכער פּאָזיציע צום פאַשיזם, האָבן זיי גענומען אַן אָנטייל אין דער

טעטיקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט פון אורוגווײַ. אַ סאַך פון זיי זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אינעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. די אורוגווײַער ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געשאַפן פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען געווען אָפן פאַר די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

באַם פאַשיסטישן רעזשים האָט אַלץ זיך געענדערט, עס האָט אופגעהערט דערשײַנען די באַליבטע ייִדישע פּראָגרעסיווע טאָג־צײַטונג „אונדזער פרײַנט". ס'זײַנען אָבער דערלויבט און עס ווערן סטימולירט די פּובליקאַציעס פון די ציִעניסטישע נאָכטענצער פונעם אימפּעריאַליזם.

אַטענטאַטן און מאָרדן

זינט דער פאַשיסטישער מעלוכע־איבערקערעניש זײַנען אין אורוגווײַ פּאָרגעקומען אַ סאַך אַטענטאַטן אַף סינאַגאָגעס און אַף מאַגאַזינען, וועלכע געהערן צו ייִדן. דאָס אַלץ איז באַגלייט געוואָרן מיט אַנטיסעמיטישער ניבלפּע, מיט אויסמאָלן אַף די ווענט האַקנקרייצן. אין דעם ליגט די האַנט פונעם איצטיקן רעזשים. אין דער זעלבער צײַט שפּילן די אורוגווײַער פאַשיסטן קוצעניו־מוצעניו מיטן ציִעניזם, ווי אויך מיט די אַנדערע רעאַקציאָנערע ייִדישע שיטעס. עס איז דאָך ברייט באַוווּסט, אַז ייִסראָעל באַזאָרגט די אורוגווײַער רעאַקציאָנערן מיט געווער, האַלט אונטער ענגע פאַרבינדונגען מיט די ראַסיסטן פון דאָרעם־אַפריקע. און מיט אַנדערע פאָלקס־פײַנטלעכע רעזשימען. די בעסטע זין פון דער ייִדישער באַפעלקערונג מאַטערן זיך איצט אין די אורוגווײַער טפיסעס, אין עמיגראַציע, אָדער זײַנען פאַרטריבן אין אונטערערד. אַ סאַך פון זיי זײַנען שוין דערמאָרדעט געוואָרן, ווי דער יונגער אַקטיוויסט ראַול פעלדמאַן, וועמען די אַגענטן פון דער אורוגווײַער אָכראַנקע האָבן דערהאַרגעט אין בוענאָס־אײַרעס (אַרגענטינע). די אורוגווײַער אָכראַנקע באַנוגנט זיך ניט מיט די אייגענע מעגלעכקײַטן, זי טוט אירע נעוואָלעס אויך אַף פרעמדע טעריטאָריעס.

דער דאָקטער מאַנועל ליבעראָף איז אַרעסטירט געוואָרן אין אורוגווײַ, מע האָט אים אין אַ צײַט אַרום אַרויסגעלאָזט אַף דער פרײַ און אַרויסגעשיקט קיין אַרגענטינע (זײַן געבורטסלאַנד). אין אַרגענטינע האָט מען אים אַרויסגעגאַנוועט צוזאַמען מיט די געוועזענע פּאַרלאַמענטאַריער זעלמאַר מיטשעליני און העקטאָר גוטיערעס רוִיס. אין צוויי טעג אַרום האָט מען געפונען די טויטע קערפּערס פון די געוועזענע פּאַרלאַמענטאַריער מיט קלאָרע שפּורן פון פּײַניקונגען. ווּ איז אַהינגעקומען ליבעראָף, איז אומבאַוווּסט, מע האַלט, אַז מיט אים איז געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט אַ סאַך פאַרשוווּנדענע אורוגווײַער. אַפן יאַם־פּליאַזש אין אורוגווײַ האָט מען געפונען 16 באַרמינענס מיט שפּורן פון שרעקלעכע פּײַניקונגען. די מאַכט־אָרגאַנען זאָגן זיך אָפּ צו אויספאָרשן, ווער עס זײַנען די דאָזיקע קאָרבאָנעס.

צווישן די 6 טויזנט פּאַטריאָטן, וועלכע דער פאַשיסטישער רעזשים האָט פאַרשפּאַרט אין די טפיסעס און קאָנצלאַגערן, זײַנען פאַראַן פיל ייִדן־דעמאָקראַטן, וואָס זייער לעבן איז אין דער גרעסטער געפאַר.

די לערערן סאַראַ יוטשאַט איז אין מעשעך פון זעקס כאַדאָשים אַרומגעשלעפּט געוואָרן איבער פאַרשיידענע פּײַניקונגס־קאַמערן. די פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די דאָזיקע קאַמערן, דערציילן וועגן די שרעקלעכע פּײַניקונגען, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט. איר קערפּער איז באַדעקט מיט ווּנדן פון ברענענדיקע סיגאַרעטן, מע האָט מיט עלעקטרישן שטראָם געברענט די פילבאַרסטע ערטער פון איר קערפּער. זי האָט אָבער געשוויגן, מיט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט אַף די פראַגן פון אירע פּײַניקער. ענלעכע אַכזאָריעסן איז אויסגעשטאַנען די לערערן סאַראַ ליכטענשטיין. מע האָט זי אָנגעטאָן אין עטלעכע פּאָר סאָלדאַטישע שינעלן, קעדיי איר וואָג זאָל זײַן שווערער, און אופגעהאַנגען זי פאַר די האָר. אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען זי געהאַלטן עטלעכע טעג. אַף איר ברוסט האָט מען אופגעהאַנגען אַ ברעטל מיט אַן אופשריפט: „אַ ייִדישע פרוי, וואָס שווײַגט". איצט געפינט זיך ליכטענשטיין, ווי פיל אַנדערע פרויען, וועלכע האָבן איבערגעלעבט פּײַניקונגען, אינעם קאָנצלאַגער פּונטאַס דע ריעלעס, 14 קילאָמעטער פון מאָנטעווידעאָ. טויזנטער אַרעסטירטע, אָנגעהויבן פון יונגע מיידלעך און ביז זקיינעס, מוזן אַרויסגיין אַף צוואַנג־אַרבעט, דערבײַ באַקומען זיי אַזוי ווייניק עסן, אַז אייניקע זײַנען אויסגעשעפּט פון הונגער. בענעגייע די פרויען ווערט אָנגעווענדט אַ פּאָליטיק פון מאָראַלישער און פיזישער אויסראָטונג.

גוויִעס־אײדעס וועגן די פּײַניקונגען

נאָך דרײַ יאָר אַרעסט זײַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן פונעם לאַנד קיין שוועדן בעאַטריס ווײַסמאַן און איזאַבעל ליפּשיטאַס. די יונגע ליפּשיטאַס, וועלכע איז בייס דעם אַרעסט אַלט געווען סאַכאַקל 18 יאָר, דערציילט, אַז מע האָט זי עטלעכע מאָל פאַרגוואַלדיקט. בעאַטריס ווײַסמאַן דערציילט וועגן די שוידערן, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט אין די פּײַניקונגס־קאַמערן:

„מיך רופט מען בעאַטריס ווײַסמאַן דע לאַיִסאַ. איך בין געבוירן אין אורוגווײַ אין 1945. נאָך דרײַ יאָר פאַשיסטישע טפיסעס אין אורוגווײַ בין איך דעם 12 פעווראַל האַיאָר, ענדלעך, געקומען מיט מײַנע צוויי קינדער קיין שוועדן: מיטן 9־יאָריקן פעדעריקאָ און

6־יאָריקן דיוויס. איך וויל באַשטעטיקן, אַז דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, האָבן איבערגעלעבט אויך אַנדערע אורוגווײַער. טויזנטער מענטשן האָבן געליטן שוידערלעכע פּײַניקונגען אין די קאָנצלאַגערן. איצט לעבן דאָס זעלבע איבער טויזנטער מײַנע לאַנדסלײַט. איך וויל מיט מײַן מעלדונג רופן די וועלט־עפנטלעכקײַט, זי זאָל אָפּשטעלן די פאַרברעכערישע האַנט פון דער אורוגווײַער רעגירנדיקער קנופּיע, וועלכע פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער אָליגאַרכיע און פונעם אימפּעריאַליזם.

אַרעסטירט האָט מען מיך דעם 17 פעוורואַל 1976. מיט דרײַצן טעג פריִער האָט מען צוגענומען מײַן מאַן. וועגן זײַן גורל האָבן מיר גאָרנישט ניט געוווּסט. ער הייסט אַלסידעס לאַריסאַ.

ס׳איז געווען 2 אַזייגער באַנאַכט. איך און די קינדער זײַנען געשלאָפן. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט שטאַרקע קלעפּ אין טיר: „אין נאָמען פון די פאַראייניקטע קרעפטן (קריגס־פּאָליציי), עפנט!״. זיי האָבן זיך אַרײַנגעריסן, שרעקנדיק די קינדער מיט ווילדע געשרייען (די קינדער זײַנען דעמאָלט אַלט געווען 3 יאָר און 6 יאָר). ספּעציעלע אַגענטן האָבן איבערגעקערט די גאַנצע שטוב. דערנאָך האָט מען באַפוילן, איך זאָל גיין מיט זיי, ווײַל איך ווער באַשולדיקט אין אָנגעהעריקײַט צו דער קאָמפּאַרטיי. זיי האָבן געוואָלט איבערלאָזן די קינדער אין שטוב אַליין, אָבער נאָך מײַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד האָבן זיי מאַסקים געווען אָפּצופירן זיי צו דער באָבען אַהיים. זיי האָבן זיי דאָרט איבערגעלאָזט, ניט דערלויבנדיק מיר צו דורכריידן זיך מיט מײַן מאַמען. ווי נאָר מע האָט די קינדער אַרויסגעזעצט פון דער מאַשין, האָט מען מיר אָנגעטאָן אַ זאַק אַפן קאָפּ און אַכט כאַדאָשים צײַט מיך געהאַלטן אַזוי מיטן זאַק, אַז איך האָב די שײַן ניט געזען. טייקעף האָבן זיך אָנגעהויבן באַליידיקונגען און דראָונגען פאַר ניט מודיע זײַן זיך אין מײַן פּאָליטישער טעטיקײַט. מע האָט מיר אָבער צוגעזאָגט צו פאַרבעסערן מײַנע באַדינגונגען, אויב איך וועל מיטאַרבעטן מיט זיי. איך האָב געשוויגן.

מע האָט מיך געבראַכט צו פירן אין עפּעס אַן אָרט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען די קאַזאַרמע נומ. 13. עס זײַנען געשטאַנען אַ גרויסע צאָל צוגעדעקטע מאַשינעס, אַף לינקס פון מיר — מיט פרויען, אַף רעכטס — מיט מאַנצבלען. די אויגן האָט מען מיר פעסט פאַרבונדן מיט וואַטע, איך האָב גאָרנישט ניט געזען. אַפן האַלדז האָט מען מיר אויפגעהאַנגען אַ נומער. „פון איצט אָן, — האָט מען מיר געזאָגט, — האָסטו ניט קיין נאָמען. דו ווערסט אַ נומער״. מע האָט באַ מיר אָפּגענומען די פערזענלעכע זאַכן. אַרום זיך האָב איך געהערט, ווי מענטשן קלאָגן, אייניקע האָבן שרעקלעך געשריגן. שפּעטער האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז מע האָט מיך אוועקגעשטעלט לעבן איינעם פון די ערטער, ווו מע פּײַניקט.

אין עטלעכע שאָ אַרום האָט מען מיך אוועקגעפירט מיט די טרעפּ אַרויף, אַרײַנגעפירט אין עפּעס אַ צימער. מײַנע הענט זײַנען געווען פאַרדרייט מיט דראָט. מע האָט מיך געפרעגט, צי איך קלײַב זיך ריידן. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב ניט וואָס צו זאָגן זיי. אַלס ענטפער איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו אונטערהענגען מיך. אַף די הענט האָט מען מיר אָנגעטאָן לעדערנע הענטשקעס און פאַרדרייט די הענט אַף הינטן. מע האָט מיך אַרומגעבונדן מיט גראָבע שטריק און אַ ציִ געטאָן אַרויף. איך בין געבליבן הענגען אינדערלופטן. דער ווייטיק איז געווען אַ שרעקלעכער, ווי מע וואָלט מיר אַרויסגעריסן די הענט. אינגיכן האָבן די הענט גענומען גליווערן און דער ווייטיק האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן רוקנביין. איך האָב ניט געקאָנט עטעמען. צו דעם אַלעם האָט מען מיך באַליידיקט מיט ניבלפּע און געשלאָגן.

אין פיר שאָ אַרום האָב איך אָנגעהויבן זיך שטיקן. מע האָט מיר געגעבן אַ רעפּוע, וואָס פאַרברייטערט די לונגען, און אַ וואָרף געטאָן מיך אַפן דיל, אַף אַ שמוציקן מאַטראַץ. אין דער נאָענט האָבן זיך געהערט געשרייען און קרעכצן. ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ שאָ, און מע האָט מיך ווידער געשטעלט אַף די פיס. אַ שאָ שטיי איך, פינף מינוט זיץ איך, און אַזוי אַ גאַנצן טאָג. אין 10 שאָ אַרום האָט מען מיך ווידער אַרופגעפירט מיט די טרעפּ אַרויף. אַף דער פראַגע, צי איך קלײַב זיך ריידן, האָב איך געענטפערט, אַז איך האָב ניט וואָס צו זאָגן זיי. דאַן האָט מען מיך ווידער אונטערגעהאַנגען"...

ווײַטער דערציילט זי וועגן די אַנדערע שרעקלעכע פּײַניקונגען, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט אין דער טפּיסע.

אייניקע יעדיִעס וועגן אַרעסטירטע טוער, יידן לויט דער נאַציאָנאַליטעט

וואָלאָדימיר טוריאַנסקי (אַן אינזשעניער, 52 יאָר אַלט, אַ פאַמיליען־מענטש) — מיטגליד פון נעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וויצע־פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער קאָנווענץ פון די אַרבעטנדיקע, נאַציאָנאַלער דעפּוטאַט. ביזן אָפּיציעלן אַרעסט האָט מען אים אַ יאָר צײַט געהאַלטן אין טפּיסע און אָן אויפהער געפּײַניקט, אין רעזולטאַט דערפון איז ער אַ לענגערע צײַט אָפּגעלעגן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל.

וו. טוריאַנסקי איז אַ באַקאַנטער ספּעציאַליסט אין די פראַגן פון ענערגעטיק. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער ענערגעטיק־פּראָבלעם און דאָרט דעמאַסקירט די פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קלאַסן, זייער פאַרקויפט־קײַט צו די צווישן־נאַציאָנאַלע מאָנאָפּאָליעס.

אין 1973 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך „די אורוגווײַער אַרבעטער־באַוועגונג״, ווו ער האָט

געשילדערט דעם קאמף און די איינהייט פונעם אורוגווייער ארבעטער־קלאס. טוריאנסקי האָט געהערט צו די טוער פון דער ארבעטער־באוועגונג פון לאנד, וועלכע די רעאקציאָנערע מאכט־אָרגאנען האָבן זייער שטארק ארומגעזוכט. אין 1974 האָט מען ארויסגעשיקט פון לאנד זײַן פרוי, מיטן טערעץ, אז זי שטאמט פון ארגענטינע. זײַן טאָכטער (א פארהייראטע) האָט געמוזט אנטלויפן פון לאנד צוליב די שטענדיקע רעדיפעס. טוריאנסקיס דירע האָט מען בארובעוועט, זײַן פארמעגן קאָנפיסקירט. זײַן לעבן איז אין געפאר.

איזמאַיל וויינבערגער (50 יאָר אלט, א פאָטער פון דרײַ קליינע קינדער). נאָכן ארעסט האָט מען אים עטלעכע כאדאָשים נאָכאנאנד געפײַניקט. העכער 20 יאָר, הארט ביז דעם פארבאָט פון דער אָפּאָזיציאָנעלער פרעסע, האָט ער זיך פארנומען מיט זשורנאליסטיק, רעדאגירט די רובריק פון די פראָפאריינען אין דער איצט פארמאכטער צײַטונג „על פאָפּולאר”. ער איז געשטאנען בעראָש פון דער אורוגווײַער פרעסע־אסאָציאציע, האָט פיל מאָל אָנטיילגענומען אין דער ארבעט פון אינטערנאציאָנאלע בארטונגען.

עדואַרדאָ בײַער (אן אָדאָנטאָלאָג, 52 יאָר אלט, א פאָטער פון 4 קינדער). בײַער האָט קימאט קיינמאָל ניט געארבעט לויט זײַן פאך, ווײַל ער האָט זײַן גאנץ לעבן געשענקט דער רעוואָליוציע. ארײַנגעטראָטן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי נאָך אלס סטודענט, איז ער צום מאָמענט פונעם ארעסט געווען א מיטגליד פונעם צענטראל־קאָמיטעט. זײַן נאָמען שטייט אין איינער פון די רעשימעס פון די מענטשן, וועלכע זײַנען פארפאלן געגאנגען אין דער צײַט פונעם פאשיסטישן רעזשים. עטלעכע כאוויירים, וועלכע זײַנען צוזאמען מיט אים געזעסן אין טפיסע און צוזאמען מיט אים דורכגעמאכט די שיווע־מעדורע־געהענעם, זאָגן, אז צוליב זײַן אָנגעהעריקײַט צו דער קאָמפארטיי און צוליב זײַן ייִדישער אָפּשטאמונג איז אים אויסגעקומען אויסצוהאלטן באזונדערס אכזאָריעסדיקע פײַניקונגען. פאר די אויגן פון די ארעסטירטע פרויען האָט מען געפרווט באגראָבן לעבעדיקערהייט בײַערס פרוי, נאָר די פרויען האָבן זי אָפּגעראטעוועט: א האלב־טויטע האָט מען זי געבראכט אין א מיליטערישן שפיטאָל.

לעאָן־לעוו פאָניאטשניק (34 יאָר אלט, א פאָטער פון צוויי קליינע קינדער). ארעסטירט געוואָרן בײַס איינער פון די אונטערזוכונגען, ווען 1.500 פאטריאָטן זײַנען ארײַנגעפאלן אין פײַניקונג־קאמערן, מער ווי 300 פון זיי זיצן נאָך ביז איצט אין טפיסע. ווו עס געפינט זיך די טפיסע, ווייסט מען ניט. לעאָן־לעוו, אן אָנגעשטעלטן אין א באנק, א מיטגליד פון דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער יוגנט און פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, איז „פארפאלן געוואָרן”. די פאָליציי מאכט אן אָנשטעל, אז זי „זוכט אים” אין מעשעך פון עטלעכע יאָר. עס איז אָבער קיין סאָפעק ניט, אז פונקט ווי די אנדערע אנטיפאשיסטישע אָנפירער געפינט ער זיך אין טפיסע און ווערט אכזאָריעסדיק געפײַניקט.

הײַנע גערשוני פערעס. זעקס כאדאָשים נאָכאנאנד האָט מען אים געהאלטן פארשפארט אין א קאסטן, וואָס איז געשטאנען אונטער די ברענענדיקע זון־שטראלן, — האָבן דערקלערט אף א פרעסע־קאָנפערענץ אין בערלין די מיטגלידער פון דער פרויען־פעדעראציע פון ייִדישע וויסנשאפטן רענע ברייד (שוועדן), קריסטינא אלמיידא (שפאניע) און מערסעדעס אלווארעס פון דער אינטערנאציאָנאלער דעמאָקראטישער פרויען־פעדעראציע, געוועזענע מיטגלידער פון דער דעלעגאציע, וואָס האָט אין 1977 באזוכט אורוגווײַ.

הײַמע פערעס זיצט נאָך ביז איצט אין דער קריגס־טפיסע נומ. 1 (פאקטיש שוין זעקס יאָר — ער איז ארעסטירט געוואָרן אין 1974). ער ווערט די גאנצע צײַט געפײַניקט מיטן ציל צו אײַנברעכן זײַן גײַסט. ער איז פיל מאָל געלעגן אין מיליטערישן שפיטאָל, און ווי נאָר זײַן געזונט האָט זיך עטוואָס פאריכט, פלעגט מען אים ווײַטער ארײַנווארפן אינעם טפיסע־געהענעם. ווי ראָדנייע ארויסמענדי זאָגט, „געהערט הײַמע פערעס צו יענע, וועלכע האָבן ניט מוירע פארן טאָגטעגלעכן הערויִזם, ער שרעקט זיך אפילע ניט פאר א קויל, וואָס באפרײַט פון די פײַניקונגען”.

א זון פון ייִדישע עמיגראנטן, האָט הײַמע פערעס געמוזט פארלאָזן די מיטלשול און אָנקומען אלס שילער אין א פוטערווארג־קראָם. נאָך אלס ייִנגל איז ער ארײַנגעטראָטן אין דער פראָפאריינישער אָרגאניזאציע און איז גאָר גיך געוואָרן אן אָנגעזעענער פראָפאריינישער לידער. שפעטער איז זײַן וועלט־אָנשויונג אויסגעפורעמט געוואָרן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי.

אין 1953 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פונעם מוניציפאליטעט פון מאָנטעווידעאָ. דעם דאָזיקן פאָסט האָט ער פארנומען אין מעשעך פון 17 יאָר צײַט. אפן XVI צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, ווען ער איז אלט געווען 26 יאָר, איז ער געוואָרן א מיטגליד פונעם אויספירקאָם און גלײַכצײַטיק באשטימט געוואָרן אלס סעקרעטאר פונעם מוניציפאליטעט פון מאָנטעווידעאָ (אין דער הויפטשטאָט פון אורוגווײַ וווינט קימאט א העלפט פון דער גאנצער באפעלקערונג פונעם לאנד).

אין 1971 איז הײַמע פערעס אויסגעוויילט געוואָרן אלס נאציאָנאלער דעפוטאט לויטן צעטל פונעם „ברייטן פראָנט” (פאָליטישער פארבאנד פון די לינקע קרעפטן). זײַן שטים, וואָס האָט געקלונגען פון דער פארלאמענט־טריבונע, האָט אָן אופהער דעמאסקירט דעם אנטינאציאָנאלן טאָך פון דער אורוגווײַער אָליגארכיע און פונעם אמעריקאנער אימפעריאליזם, וועלכע האלטן אין צוואנגען די עקאָנאָ־

מיק פונעם לאַנד. ער האָט אומדערמידלעך דערמאַסקירט דעם רעפּרעסיוון אַנטיפאָלקישן כאַראַקטער פונעם רעזשים. היימע פּערעס, אַ פאָטער פון דריי קינדער, האָט זיין גאַנץ געזונט און אַלע זיינע לעבנס־קרעפטן געשענקט דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק.

די אַלפאָלקישע דראַמע

אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט אויסגעמיטן דעם טפּיסע־געהענעם, לעבט אין דאַלעס און ווייסט ניט, וואָס עס פאַרגרייט אים דער מאָרגעדיקער טאָג. ניטאָ אין לאַנד קיין איין געזינד, וואָס זאָל ניט האָבן געליטן פון די רעפּרעסיעס. 700 טויזנט איינוווינער (יעדער פערטער) זיינען אַנטלאָפן פונעם לאַנד. 13 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג איז אַרבעטסלאָז.

די אינפליאַציע, וועלכע האָט אין 1978 דערגרייכט 46 פּראָצ. פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער האַכנאָסע, וועט האַיאָר, לויט אַלע אויסרעכענונגען, איבערשטייגן די דאָזיקע ציפער. אין רעזולטאַט וועט דער הונגער אַריינעמען אין זיינע ביינערדיקע אָרעמס פיל נייע געזינדן. די הינטערשטעליקייט אין געביט פון געזונט־פאַרהיטונג און פון בילדונג האָט געבראַכט צו אַ נייעם וווקס פון דער שטערבלעכקייט און אַנאַלפאַבעטיזם. טויזנטער קינדער גייען ניט אין שול און פאַלן אַריין אין די רייען פון די עקספּלואַטירטע. העכער 54 פּראָצ. פונעם נאַציאָנאַלן בודזשעט ווערט פאַרשווענדט אויף דער רעפּרעסיע־פּאָליטיק, ווען די אויצרעס פונעם לאַנד פאַלן אַריין צו די אויסלענדישע מאָנאָפּאָליעס. אָט אַזאַ איז די פּאָליטיק פונעם אורוגווייער פאַשיזם.

דער קאַמף און די סאָלידאַריטעט

די דאָזיקע רעאַקציאָנערע פּאָליטיק קאָן ניט פאַרניכטן אין דעם פאָלק די פרייהייט־ליבע און דעם קאַמפס־גייסט. שוין אינעם ערשטן טאָג נאָך דער מעלוכע־איבערקערעניש האָבן די אַרבעטנדיקע, לויטן רוף פונעם אַרבעטער־צענטער, פאַרכאַפּט די אונטערנעמונגען און דערקלערט אַ שטרייק, וואָס האָט אין משך פון 15 טעג פּאַראַליזירט דאָס לאַנד. די דיקטאַטור האָט שוין אין די ערשטע טעג פאַרלאָרן די שטיצע פונעם פאָלק. פון דעמלט אָן איז דער קאַמף ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף קיין רעגע: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די נאַציאָנאַלע קאָנווענץ פון די אַרבעטנדיקע, די סטודענטן־פעדעראַציע און דער פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט זעצן פאָר זייער אַרבעט אין אונטערערד, אָרגאַניזירנדיק דעם קאַמף פון אַלע אַנטיפאַשיסטישע קרעפטן. דער פאַשיזם לאָזט אין גאַנג די רעפּרעסיעס, אָבער עס הערט ניט אויף צו דערשיינען די אונטערערדישע פּרעסע, טויזנטער פלוגבלעטלעך גייען איבער פון האַנט צו האַנט.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, די שטים פון דער פּראָגרעסיווער וועלט־עפנטלעכקייט, וואָס פאַרורטיילט די פאַרברעכנס פונעם רעזשים, איז אַ זיכערע שטיצע אינעם קאַמף פון די אורוגווייער פּאַטריאָטן, וועלכע וועלן אָפּהאַלטן אַ זיג איבער דער רעאַקציע און פאַשיזם.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

שלוימע מיכאָעלס
1948 — 1890

יִצחאָק־יויעל לינעצקי
1915 — 1839

נאָכעם שטיף
1933 — 1879

פון רעדאַקציע

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 90־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן בינע־מײַסטער און געזעלשאַפטלעכן טוער, פאָלקס־אַרטיסט פון פססר שלוימע מיכאָעלס דרוקן מיר דאָ דעם געקירצטן טעקסט פון זײַנע צוויי אַרויסטרעטונגען איבער פראַגן פון קונסט (1935 יאָר).

שלוימע מיכאָעלס

פון וואָס הייבט זיך אָן דער פלי פון א פויגל

איך וועל דאָ ברענגען מײַן לעצטן שמועס, וועלכן איך האָב געהאַט מיט קאָנסטאַנטין סערגייעוויטש סטאַניסלאַווסקין אין באַרוויכע אין 1937. סטאַניסלאַווסקין איז שוין אָנגעקומען שווער דאָס אָטעמען. איינמאָל האָט ער מיך א פרעג געטאָן: „ווי מיינט איר, פון וואָס הייבט זיך אָן דער פלי פון א פויגל?”. אַן עמפּירישׁ דענקענדיקער מענטש, ווי איך בין, האָב איך געענטפערט, אַז צום פליִען צעשפּרייט דער פויגל פריִער זײַנע פליגל. „בעשום־אופן ניט. קעדיי צו פליִען, נייטיקט זיך דער פויגל פריִער פון אַלץ אין קענען אָטעמען פרײַ. דער פויגל נעמט אָן לופט אין ברוסט־קאַסטן, ווערט שטאָלץ און הייבט אָן צו פליִען”. דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין א פּריוואַטן שמועס. אפילע באַם פאָרמולירן א פיזיאָלאָגישן זעלבסטגעפיל האָט סטאַניסלאַווסקי געטראַכט בילדעריש...

טשעכאָוו איז ניט בלויז א רעאַליסטישער שרײַבער, וואָס „אַנטפּלעקט פּסיכאָלאָגישע טיפקײַטן”. ער איז אפילע א סימבאָליסט. „די מעווע”, „דער ווײַנשל־גאָרטן”, „די דרײַ שוועסטער”, — אין אָט די פּיעסן איז פאַראַן א סאַך סימבאָלישקײַט אין בעסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, א סאַך בילדערישקײַט. און נאָך וועגן עפּעס דאַרף מען זיך פאַרטראַכטן. פונוואַנען שעפּן מיר די קינסטלערישע אידייען, מיט וועלכע אונדזער טעאַטראַלע קונסט דאַרף זײַן אָנגעפילט? פון דער פּובליציסטיק? איז קלאָר, אַז דאָס איז ניט גענוג. אַוודע איז די פּובליציסטיק וויכטיק פאַר דעם קינסטלער. זי באַרײַכערט דעם פּראָצעס פון אונדזער דענקען, אונדזער באַוווּסטזײַן. דאָס אַלץ איז ריכטיק. אָבער ביז די וועלט פון אידייען ווערט פאַר אונדז ניט באַקליידט אין א בילדערישער פאָרם — איז ניט פאַראַן קיין קונסט.

מע האָט מיר דערציילט, אַז סטאַניסלאַווסקי האָט איינמאָל, געבנדיק אַן אָנווײַזונג פאַר א זינגענדיקן אַקטיאָר, געזאָגט: „איר זינגט, איר ווערט אַנשוויגן. דער פינגער אײַערער אָבער זעצט נאָך פאָר דאָס זינגען”. אָבער נאָך פאַר סטאַניסלאַווסקין האָט א פּאָעט, וועמענס סאָציאַלע לאַגע איז ניט געווען א גאָר פויגלדיקע, ווײַל ער איז אין דער זעלבער צײַט געווען אויך א קייסער (איך מיין דאָ דאָוויד האַמײַלעך), אַזוי דעפינירט זײַן לידער־געזאַנג:

ש. מיכאָעלס טרעט ארויס אַף דער פארזאמלונג פון קונסט־טוער
אין דעם פיליַאל פונעם באָלשאָי טעאטער. 1939

„אלע מייַנע ביינער ריידן, אלע ביינער זינגען" (קאָל האצמויסיַי טוימארנו), עס זינגט דאָס וועזן פון דעם מענטש אינגאנצן. אָבער אויב ביים דער ארבעט איבער א סצעניש געשטאלט רייַסט מען ארויס פון דעם גאנצן סינטעטישן קאָמפּלעקס בלויז איינס — זייַן פּסיכאָלאָגישע זייַט, בלויז דאָס געפיל, איז עס אוודאי ניט גענוג. די פּלאסטישע זייַט, דער זשעסט, געהערן ניט צום פאָרמאליסטישן אָפּשטאם, דער זשעסט איז דאָס וועזן אליין. וואָס איז אזוינס א וואָרט? א וואָרט קען מען זיך פאָרשטעלן אין דער פאָרם פון פישפאנג. דער מעכאבער, דער דראמאטורג, רעזשיסער פארווארפן די ווענטקע און פאנגען ארויס א פישעלע אין דער פאָרם פון א וואָרט, און דאָס פישעלע צאפּלט, לעבנדיק נאָך מיט דער אינערציע פון פאנג. אָט האָט איר אונטערטעקסט. דאָס זייַנען ניט בלויז די פויזעס, די שווייַג־פיגורן, עס קומט נאָך צו די פילגעשטאלטיקע אויסדרוקפולע קראפט פון די ווייניקע אנטפלעקטע טיילן פונעם מענטשלעכן קערפּער — זייַנע הענט, זייַן געזיכט, און ווער עס האָט מאזל — אויך זייַן פּליך.

אין דעם זייער ווערטפולן, אינטערעסאנטן און אקטועלן ארטיקל, וואָס דער כאַווער פּאדייעוו האָט ניט לאנג צוריק פארעפנטלעכט אין דער צייַטונג „פּראוודא", איז מיר איין אָרט געבליבן ניט פארשטענדלעך. וואָס מיינט עס: „ניט זייַן ענלעך איינער אפן אנדערן"? אין קונסט קען עס ביכלאל ניט זייַן א זעלבסטציל.

איוואן איוואנאָוויטש און איוואן ניקיפאָראָוויטש זייַנען ניט געווען ענלעך איינער אפן אנדערן. בא איוואן איוואנאָוויטשן איז דער קאָפּ געווען ענלעך צו א רעטעך מיט א ווײדל אַף אראָפּ. בא איוואן ניקיפאָראָוויטשן — צו א רעטעך מיטן ווײדל אַף ארוף. פונדעסטוועגן, זייַנען זיי ביידע געווען געראָטן איינער אין אנדערן ווי צוויי טראָפּן וואסער. די פראגע באשטייט ניט אין יאָ אָדער ניט זייַן געראָטן איינער אין אנדערן, נאָר, אין אלגעמיין, אין „זייַן ענלעך אַף עפּעס".

אין דער ארבעט ארום א סצענישן געשטאלט איז וויכטיק צו האָבן אן אייגענעם קויעך, אן אייגענעם אינערלעכן געדאנק, אן אייגן אָריגינעל פארשטיין, אן אייגענעם צוגאנג באם לייזן די געשטעלטע אופגאבע.

דער גרויסער מייַסטער פון אונדזער סאָוועטישן טעאטער וולאדימיר איוואנאָוויטש נעמיראָוויטש־דאנטשענקאָ, דער ווונדערלעך קלוגער, פייַנער דענקער, דערציילט אין זייַן בוך „פון דער פארגאנגענהייַט", וויאַזוי עס איז געבוירן געוואָרן די שטעלונג „די מעווע". דאָס איז דאָס בעסטע אָרט אין בוך. דאָרט ווערט איבערגעגעבן, וויאַזוי עס איז געפונען געוואָרן אין דער אופירונג דער ווירקנדיקער פּרינציפּ, וועלכער איז געלעגן באהאלטן אונטער דעם געוויינלעכן שטייגער־טעקסט פון דער פּיעסע. ווייַזט אויס, אז די גאנצע טעאטער־קונסט באשטייט אין געפינען אין אן אומדערווארט אָרט דעם „שליסל" צו דער פּיעסע, וואָס ווערט גע־

שטעלט. געלינגט עס — האָט מען געפונען, אָבער אויב מע האָט ניט געפונען, איז עס אַן אָפענער שעפערישער דורכפאַל. אַ „שליסל״ דאַרף מען זוכן אויך צו שעקספּירן, אויך צו מאָליערן, אויך צו טורגענעוון און אויך צו דאָסטאָיעווסקין, אָבער באַזונדערס איז וויכטיק צו געפינען אַ דעם „שליסל״ באַם שטעלן הײַנטצײַטיקע פּיעסן.

די צאָרע אונדזערע באַשטייט דערין, וואָס פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר מיר לייענען איבער אַ פּיעסע, הייבן מיר אָן אויסטײַטשן ריין פּובליציסטיש דאָס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר איר אידייִש־בילדערישער סינטעז, און דערנאָך טרעטן מיר צו צו אַ לאַנגן דע־טאַליזירטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. אַזאַ אויפן טויג ניט. פריִער דאַרף געבוירן ווערן דאָס געשטאַלט, די סיסטעם פון געשטאַלטן, די וועלט פון געשטאַלטן. אין דעם ליגט דער איקער און דער זין פון יעדער אויפירונג. מע דאַרף שטעלן ניט אַזוי דעם „וואָלף״ אָדער די „פּאַלאָוו־טשאַנסקער סעדער״, ווי, קוידעמקאָל, לעאַנאָוון, די וועלט פון געשטאַלטן, דעם אויפן פון פּילן און פאַרשטיין דיווירקלעכקײַט פון אַ דעם גרויסן סאָוועטישן קינסטלער. פאַרוואָס האָב איך איצט זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן „וואָלף״, ווי וועגן עפּעס פּאָזיטיווס און אינטערעסאַנטס?

ווײַל פאַר מיר ווי אַן אַקטיאָר איז וויכטיק, אַז דער טעקסט, וואָס איך ברענג פאַר דער בינע, זאָל באַשטיין ניט פון שטרוי, נאָר פון עכטע לעבעדיקע און גײַסטפולע ווערטער. און באַ לעאַנאָוון איז דער טעקסט פון זײַנע פּיעסן — עכטע פולווערטיקע ליטעראַטור. דאָס דאַרף גענומען ווערן אין אַכט, דאָס דאַרף מען קענען שעצן און ליב האָבן באַ דעם דראַמאַטורג.

איך וויל ענדיקן מײַן וואָרט מיט אַ ווונטש. איך בין ניט באַרופן דאָ עמעצן צו לערנען, נאָר אויב עס איז מיר דערלויבט, וואָלט איך געזאָגט אַ וואָס: די פראַגע שטייט דאָ ניט וועגן דער פאַרוואַלטונג מיט דער קונסט, נאָר וועגן איר אָנפירונג. און איך האָב געפונען אַ באַרוּיקנדיק וואָרט אין דעם רעפעראַט, וועלכן מיר האָבן הײַנט אויסגעהערט — דאָרט, ווו עס רעדט זיך, אַז עס וועלן פּרעמירט ווערן די בעסטע פּיעסן, די בעסטע אויפירונגען. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָ גייט ניט אין דעם, וואָס אייניקע פון אונדז וועלן באַקומען פּרעמיעס, נאָר וואָס באַם פּרעמירן וועט זיך אַרויסווײַזן אַ באַשטימטער געשמאַק, דער פּרינציפּ פון אָפּקלײַבן דאָס בעסטע אין אונדזער טעאַטער־קונסט. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז די בעסטע פאָרם פון אָנפירונג מיט דער קונסט.

דאָס רעכט אויף אַן אייגענעם צוגאַנג

די דיסקוסיע אַרום דער פּראָבלעם פון פּאָרטרעט האָט אויפגערופן אַ סך פראַגן, וועלכע באַאומרוּיִקן אונדז און צו וועלכע מע קען ניט בלײַבן גלײַכגילטיק. פאַרשטייט זיך, אַז די זאַך איז ניט נאָר אין דעם, וויאַזוי אָנ־צומאָלן אַ פּאָרטרעט. ס׳קומט פאָר אַ שטרײַט פון שעפערישע ריכטונגען, אַרײַנגערעכנט אונדז, טעאַטער־טוער. מע דאַרף אָבער מודה זײַן, אַז באַ אונדז געהערט עס שוין אַ ביסל צו דער פאַרגאַנגענהײַט. אַ גאַנצע ריי טעאַ־טערן, וואָס האָבן פריִער געקעמפט פאַר דער באַשטעטיקונג פון זייערע פּרינציפּן, פאַר אַן אייגענעם צוגאַנג, זײַנען אין דער לעצטער צײַט אַ ביסל געוואָרן ניוועלירט — און דאָס איז ווײַט פון צו זײַן פּאָזיטיוו... בלויז איינער פון די גרעסטע קעמפער פאַר אַ סינטעטישן טעאַטער הייבט אויף איינזאַם די פאָן, דער טעאַטראַלער ריטער פון אונדזער צײַט — ווסע־וואָלאָד מייערכאָלד.

אין וואָס גייט עס? צי דען קאָן מען לייקע־נען, אַז אין דער קונסט עקזיסטירן נאָך דער־שײַנונגען פון פאָרמאַליזם? ניין, עס איז אוי־מעגלעך דאָס ניט צו אָנערקענען. קאָן מען דען לייקענען, אַז עס עקזיסטירט אויך איצט אַ פאַרײנפאַכט פאַרשטיין דעם רעאַליזם, וואָס דערגייט ביז נאַטוראַליזם? די געפאַר פון נאַ־טוראַליזם קאָן מען ניט פאַרבײַגיין, זי עקזיס־טירט. דער, וואָס איז אַרומגעפאָרן איבער אונדזערע שטעט, האָט זיך באַגעגנט מיט די סקולפּטור־שאַפונגען פון נאַטוראַליסטישער גע־שמאַקלאָזיקײַט.

מיר, אַקטיאָרן, פאָרן אָפט אַרום. מיר רופן עס, און זייער ריכטיק, דאָס באַדינען אונדזער צושויער. מיר קומען מיט אים אין אַ לעבעדיקן באַריר, מיר דערלערנען אים, מיר קוקן זיך צו אים צו. נאָר מיר דאַרפן דעם צושויער טרעפן אַ צוגעגרייטן, ער דאַרף וואַקסן פון יאָר צו יאָר. צי העלפט איר, כאַווײרים קינסטלער, אין דער אַנטוויקלונג פון זײַן געשמאַק? ניין. איך שטעל עס פעסט, אורטיילנדיק לויט אַ גאַנצער ריי לענין־מאָנומענטן, אַלצײַנס אין וואָראָ־ניעזש, וויטעבסק אָדער בערדיטשעוו — אין ערגעץ אַנטשפּרעכן נאָך ניט אײַערע סטאַטועס די פאָרשטעלונג וועגן דעם גרעסטן אַקטיאָ־בער־גאָען.

איצט וועגן פאָרמאַליזם. דער אָנהייב פון פאָרמאַליזם שטעקט דאָרט, ווו באַ אונדז, אָפן אַקטיאָרישן לאָשן, הייבט זיך אָן שטאַמפּ. דער מענטש ווערט פאַרשטאַמפּעוועט. דער מענטש האָט שוין ניט קיין לעבעדיקע, אָרגאַנישע פאַר־בינדונג מיט דער טעמע, מיטן מאַטעריאַל, מיט די קאָנקרעטע דערשײַנונגען פון אונדזער וווירק־לעכקײַט. ער איז פאַרליבט אין זײַן מעטאָד. דאָס, וואָס באַם פּלאַסטישן קינסטלער רופט זיך פאָרמאַליזם, ווערט אין דער דראַמאַטורגיע אָפט אָנגערופן סכעמאַטיזם. אַ סכעמע שטעלט

צום 90־טן געבורטסטאָג פון שלוימע מיכאָעלס

מיטן פאָלקס־אַרטיסט פון פססר באָריס שטשוקין. 1935

צוזאַמען מיטן פאָלקס־אַרטיסט פון פססר איוואַן מאָסקווין אויף אַן אופּנאַם לעקאָוועד דעם 40־יאָריקן יובילײ פונעם מאָסקווער אַקאַדעמישן קונסט־טעאַטער. 1938

מיט בינ־אָמין זוסקינען. 1946

מיטן פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פּסטר
וואסילי קאַטשאַלאָוו. 1935

ש. מיכאָעלס און א. טאָלסטאָי פּילן אויס א קאָמישע סצענע. טאַשקענט, אין די מילכאָמע־יאָרן

זיך מיר פאָר ווי אַ מין אַפּטייק, אין וועלכער עס זײַנען פאַראַן קעסטעלעך מיט אויפשריפטן „נאַטריום בראָמאַט“, „נאַטריום סולפּודיציום“ אאַז. אין אַזעלכע קעסטעלעך ליגן זיי — סײַ די באַלעגופים, סײַ די מיטעלע פויערים, סײַ די פויערשע אָרעמקײַט. דערנאָך ווערט עס אַלץ איבערגעמישט, און עס באַקומט זיך: סיק טראַנזיט — 0,5, גלאָריאַ מונדי — 0,5[1]. און אין וואָס באַשטייט אונדזער קאָנקרעטע ווירקלעכ־קײַט? לייענענדיק אייניקע קאָלווירטישע פּיעסן, איז שווער צו פאַרשטיין די דאָזיקע ווירקלעכ־קײַט. נאָר ווען מע האָט מיר אין גרוזיע דער־ציילט, ווי אַזוי עס איז דורכגעפירט געוואָרן די קאָלעקטיוויזאַציע, האָב איך דעמלט דערפילט אונדזער צאַפּלדיק, קאָנקרעט לעבן. מע האָט מיר דערציילט, אַז די גרוזינער פויערים, איי־דער זיי זײַנען געוואָרן קאָלווירטלער, באַם באַהאַנדלען די פראַגע פון דער קאָלעקטיוויזאַ־ציע, פלעגן זיי פרעגן: זאָגט נאָר, זײַט אַזוי גוט, איז ווי אַזוי וועלן מיר דאָס אופנעמען און מעכאַבעד זײַן אונדזערע געסט? די זאַך איז, וואָס אין גרוזיע איז גאַסטפרײַנטשאַפט אַן איניען פון קאָנקרעטן לעבנסשטייגער. דאָס איז אַ דערשײַנונג פונעם אַלטעגלעכן לעבן. און עס איז זייער אינטערעסאַנט, אַז די קאָלכאָזן איז געוואָרן אויסגעטיילט אַ באַזונדערער פאָנד פאַר געסט.

דאָ טרעפן מיר זיך אָן מיט ניט קיין אַבסט־ראַקטן באַגריף וועגן קאָלעקטיוויזאַציע, נאָר מיט קאָנקרעטע פאָרמען, וועלכע עס האָט אָנ־גענומען דער קאָלעקטיוויזאַציע־פּראָצעס אין אונדזער ווירקלעכקײַט.

פון איין זײַט — בלײַבן געטרײַ אָט דער קאָנ־קרעטער ווירקלעכקײַט, און פון דער צווייטער זײַט — סינטעזירן, דערהייבן און פאַראַלגעמיי־נערן זי ביז צו אַ געשטאַלט, אַ בילד. אָט ווו עס ליגט די פּראָבלעם פאַר אונדזער קונסט, אָן אונטערשייד, צי דאָס איז באַם פאַרקערפּערן דאָס בילד אויף דער בינע אָדער דורך פּלאַסטי־שער קונסט. יענע קינסטלער, וואָס רודערן אונדז אויף נאָך הײַנט, וואָס ווײַזן נאָך ביז הײַנט אונדז אַ וועג, וואָס באַלויכטן מיט זייער שײַן־וואָרפער אונדזערע שעפערישע זוכונ־גען, — רעמבראַנדט, רובענס אָדער די אַנדערע גרויסע מײַסטערס — צייכענען זיך אויס דער־מיט, וואָס, שילדערנדיק די סאַמע קאָנקרעטע מאַטעריע, די קערפּערלעכקײַט אין וועלט, דערהייבן זיי זי צו אַ געשטאַלט פון מעכטי־קער קראַפט, צו אַ געשטאַלט פון גרויסער מענטשלעכקײַט. זייערע פּאָרטרעטן זײַנען פּאָר־טרעטן פון אינערלעך־נעשאָמעדיקער אויס־דריקלעכקײַט און גלײַכצײַטיק פון איבערגע־

[1] ש. מיכאָעלס דערמאָנט דאָ דעם פאַנטאַס־טישן רעצעפּט פון אַ העלד פון טשעכאָווס איינאַק־טער „די נאַכט פאַרן געריכט“ — מיטן נאָמען זײַ־צעוו, וועלכער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ מעדיקער און פאַרשרײַבט אַ רעצעפּט: צוויי דראַכמעס „סיק טראַנזיט“ (אַזוי גייט פאַריבער), איין אונץ „גלאָריאַ מונדי“ (דער רום פון דער וועלט) אאַז. דאָס איז אַ בײַשפּיל פון פולשטענדיקן אומזין.

געבנסשטער באַציִונג צו דעם קאָנקרעטן מענטש. און דורכגעטראָגן האָבן זיי אָט די געשטאַלטן דורך יאָרהונדערטער, דערטראָגן זיי ביז אונדז, ווי עס האָט דערטראָגן שעקספּיר זײַנע גע־שטאַלטן דורך דרײַ הונדערט יאָר.

און מע וואָלט דאָך זייער לײַכט געקענט פאַ־רעכענען שעקספּירן פאַר אַ פאָרמאַליסט. אַלע זײַנע מעטאָדן, פון אָנהייב ביזן סאָף, זײַנען קאָנווענציאָנעלע. ניט אומזיסט איז לעוו טאָל־סטאָי געוועזן זײַנער אַ קעגנער. ער האָט באַ־שולדיקט שעקספּירן אין בוטאַפאָרישער לײַדנ־שאַפטלעכקײַט, אין אומגלייבלעכקײַט, אין פאַר־קריפּלען די ווירקלעכקײַט, אין דעם אַלץ, אין וואָס מע באַשולדיקט די פאָרמאַליסטן.

אָבער טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן זײַן קרי־טיש אַרטיקל מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק[1]. ווען ער האָט זיך פונדעסטוועגן דער־נעענטערט צום קיניג לירס עלטער, האָט ער געטאָן עטוואָס ענלעכס צו לירן. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, ווי דער קיניג ליר איז אוועק פון זײַן קיניגרײַך.

איך האָב בעשום־אויפן ניט אין זינען צו מאַכן פון דעם צופאַל וועלכע־עס־איז ווײַט־גייענדיקע אויספירן. אָבער איך זאָג, אַז מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק און מיט אויפמערקזאַמ־קײַט זיך באַציִען צו די דאָזיקע פראַגן. צומאָל אַן איבערגערוקטע פּערספּעקטיוו (און אין „קי־ניג ליר“ האָבן מיר אָט די איבערגערוקטע פּערספּעקטיוו) פאַרוואַנדלט נאָך ניט אַ קינסט־לער אין אַ פאָרמאַליסט.

אַ קינסטלער האָט רעכט אויף אַן אייגענעם צו־גאַנג. עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל, וועלכן עס האָט מיר איבערגעגעבן אונדזער גרימירער. ער האָט דערציילט בעערעך אַזוי: איך גיי און זע — עס ליגט אַ מענטש; איך קוק — באַקאַנטע האָר. ער האָט אופגענומען אָט דעם אומגליקס־פאַל פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער פריזור.

און איך האָב הײַנט, לויטן פּראָפעסיע־רעפּ־לעקס, זיך צוגעקוקט צו דיינעקאַ[2] בייס ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע. ווען איר זאָלט זען זײַנע זשעסטן, וואָלט איר געזאָגט, אַז ער זשעסטיקולירט ווי אַ פאָרמאַליסט. באַ אים איז איין אַקסל עטוואָס אונטערגעהויבן, דער צווייטער אַראָפּגעלאָזט. ער קראַצט זיך דעם קאָפּ. ווען ער רעדט, טאַנצט ער אונטער אַ ביסל. אונדזער מענטשלעכע נאַטור אַנט־פּלעקט זיך און קומט צום אויסדרוק דורך אָן אַ שיר פאַרשיידנאַרטיקע אופאַנים, און מיינט ניט, אַז די סכעמע פון אַ פּאָנעם, לויטן פּרינ־ציפּ פון צוויי אויגן באַ די זײַטן און אַ נאָז אינמיטן — איז דער איינציקער סאָד פון מאָלן אַ פּאָרטרעט.

[1] ש. מיכאָעלס האָט דאָ אין זינען געהאַט ל. טאָלסטאָיס באַקאַנט אַרטיקל „וועגן שעקספּיר און וועגן דראַמע“, אָנגעשריבן אין 1903. זאָגנדיק, אַז טאָלסטאָיס אַרטיקל איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק, איז זיך מיכאָעלס אין 1935 טויע אויף גאַנצע פיר צענדליק יאָר.

[2] אַ. דיינעקאַ — אַ באַוווּסטער סאָוועטישער מאָלער.

אָנרופֿן נעמען? איך קאָן אָנרופֿן נעמען פֿון די, בא וועמען איך האָב זיך גאָרניט אויסגעלערנט. מײַן געדאנק האָבן געוועקט די, וועלכע האָבן, באגלײַך מיט א וויכטיקער טעמע, אויך באוויזן א באדײַטנדיקן אייגענעם צוגאנג.

איך וויל זיך דאָ נאָך אָפּשטעלן אָט אױף וואָס. עס עקזיסטירט א פאריינפאכטע פאָרשטעלונג, אז קונסט שפּיגלט בלויז אָפּ די ווירקלעכקײַט. דאָס איז ניט ריכטיק. קונסט איז ניט נאָר די אָפּשפּיגלונג פֿון דער ווירקלעכקײַט, וואָס מיר זעען, גליטשנדיק דעם געדאנק איבער דער אויבערפלאך פֿון דערשײַנונגען. קונסט — דאָס איז די אופדעקונג פֿון דער ווירקלעכקײַט און גלײַכצײַטיק די באפרײַונג פֿון דער באהאלטענער אין דער ווירקלעכקײַט בילדערישער ענערגיע. און וואָס איז אזוינס בילדערישע ענערגיע אין דער קונסט? דאָס איז דאָס געפינען בילדער, וואָס זאָלן זײַן גלײַך עקוויוואלענט צו דער ווירקלעכקײַט, וואָס זאָלן זײַן גלײַכווערטיק צו דער ווירקלעכקײַט, אָבער ניט איר קאָפּיע.

און וואָס מיינט אן אייגענער צוגאנג? דאָס איז דער מעטאָד צו באפרײַען די בילדערישע ענערגיע, וועלכע איז בא יעדן קינסטלער אן אייגענער.

מ. ליניעצקי־גרײדנבערג

מײַן פֿאָטער יִצחאָק־יואל ליניעצקי

ס׳איז שוין אזוי פאמעלעכן דרײַסיק יאָר[1], אז דער טאטע איז ניטאָ, און איך זע אים אזוי קלאָר, גלײַך ווי ער שטייט פאר מײַנע אויגן.

א דארער גוף, נערוועזע, ביינערדיקע הענט, א הויכער, קלוגער שטערן, ליכטיקע, טיף ארײַנדרינגענדיקע אויגן. פֿון דער גאָרער פיגור שטראָמט מיט ניט־געצוימטער ענערגיע, מיט דראנג צום לעבן, צו ווירקן.

דאָס איז געווען א מענטש מיט א ברענענדיקן טעמפעראמענט, מיט א שטײַפן אינערלעכן קויעך, מיט גרויסע פייִקײַטן.

געבוירן און אופגעצויגן אין אן אויסערסט אָפּגעשטאנענער סוויווע, ווו א „ביכל" איז געווען טרייף־פּאָסל, האָט ער אליין, דורך זעלבסטבילדונג, זיך אײַנגעשאפן גרינטלעכע קענטענישן אין דער אויסלענדישער און רוסישער ליטעראטור, אין דער דײַטשישער שפּראך. ער האָט איבערגעזעצט פֿון דײַטש גרעצס „געשיכטע פֿון ייִדן", לעסינגס „נאָסן דער כאָכעם", א סאך שילערס, הײנעס לידער אאוו. פֿון רוסיש — פּושקינס „צי בלאָנקע איך איבער גאסן רוישיקע" און דעם „לעבנס־וואָגן", לערמאָנטאָווס „בעכער" און נאָך אנדערע רוסישע ווערק (א העפט מיט ליניעצקיס איבערזעצונגען מיט אן אופשריפט „די אייראָפּעיִשע מוזע" האָט פאר דער מילכאָמע זיך געפונען אין אָדעסער מוזיי פאר ייִדישער קולטור).

צוויי דעוויזן האָט ער דאָס גאנצע לעבן זײַנס פארמאָגט — „פאָלק" און „עמעס". ער האָט ניט ליב געהאט, נאָך מער — פײַנט געהאט

טאכלעס־סינע זיך צופּאסן, „אײַנפּאסן", ער האָט עס פײַנט געהאט ניט נאָר בא זיך — בא אנדערע אויך. וויפל צאָרעס איז ער אויסגעשטאנען צוליב אָט דער מידע: טאָמיד און אלעמען אין די אויגן ארויסצוברענגען דעם עמעס!

אצינד, ווען מיר קומט אויס אף דער עלטער צו מאכן מײַן אייגענעם „כעזשבן־האנעפעש", פארשטיי איך ערשט, הייב איך רעכט

[1] איבערגעדרוקט פֿון דער צײַטונג „אייניקײַט" פֿון 27 סענטיאבער 1945.

אַן צו באַגרײַפֿן דעם גרויסן אופּטו פֿון מײַן פֿאָטערס גאָרן לעבן — אַ לעבן פֿון גאָלע נויט, נאַוונאַד, שטיינער אין וועג און פֿריִער פֿאַר אַלץ קאַמף — קאַמף פֿון דער פֿריִער יוגנט אָן: קעגן טאַטן, קעגן פֿאַנאַטיזם און ווילדקייט פֿור־נעם אָרום, פֿאַרן שטיקל ברויט... אַזוי איז אַפּ־געלאָפֿן דאָס לעבן.

שוין אָן אַנגעזעענער שרײַבער, דאָס פֿאָלק האַלט פֿון לינעצקין, האָט אים ליב. דער שרײַ־בער האָט אָבער אַ גרויסע מישפּאָכע, מע דאַרף זי מעפּאַרנעס זײַן. נאָר אויסהאַלטן זי פֿון לי־טעראַטור איז אומעגלעך... טראָגט אָרום דער „מעכאַבער” אונטערן אָרעם דאָס סייפֿערל איבער הײַזער און געשעפֿטן און באַקומט גע־צאַלטסן!

וויפֿל געזונט האָט עס אים געקאָסט! וויפֿל מאָל האָט ער זיך געגעבן אַ ניידער — מער שרײַבט ער ניט. ניט שרײַבן האָט ער אָבער ניט געקאָנט.

וואָס האָט דער מענטש ניט געטאָן, קעדיי שפּײַזן דאָס געזינד! נאָר קיינמאָל האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו זײַן ער. ווי אַ צוגויפֿגעדריקטע פּרוזשינע פֿלעגט די נעשאָמע זײַנע זיך געבן אַ גלײַך־אויס, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם באַ־לאַסט, און לינעצקי פֿלעגט ווידער ווערן לי־נעצקי — מיטן אומרויִקן, אייביק זוכנדיקן גײַסט, מיטן כאַריפֿעסדיקן קאָפּ, פֿול מיט לי־טעראַרישע און אַנדערע — מיט טאָמיד רעאַ־לע — פּלענער און אײַנפֿאַלן, מיטן קריגערישן כאַראַקטער, מיט דער שאַרפֿער און בייזער צונג. פֿאַר זײַנס אַ צונעמעניש, אַ געפֿעפֿערט וואָרט האָט מען געציטערט, — דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ סאַך סאָנים. ער האָט אָבער פֿאַר־מאָגט אויך גאָר ניט ווייניק פֿרײַנט און פֿאַרערער.

אין מעשעך פֿון 50 יאָר האָט דער פֿאָטער צוזאַמען מיט דער מוטער און מיט אונדז, קינ־דער, אַ מאָל צוואַנציק, אויב ניט מער, זיך אַריבערגעקליבן פֿון איין אָרט אין אַ צווייטן. ניט אַלע מאָל האָט אים געטריבן די נויט — געמאַכט האָט זיך, אַז פּאַרנאָסע איז געווען, און דאָך פֿלעגט ער ניט אַרויסלאָזן פֿון האַנט דעם וואַנדער־שטעקן — ער האָט געזוכט ראַכ־וועס, טעטיקײַט, אַ נאָענטע סוויווע.

אײנעם קאַליידאָסקאָפּ פֿון אונדזערע וואַנ־דערונגען שווינדלען פֿאַרבײַ אַ ריי שטעטלעך און דערפֿער פֿון אוקראַיִנע, אויך שטעט פֿון רומעניע און גאַליציע, ווו דער פֿאָטער האָט אַרויסגעגעבן פֿריִאַדישע שריפֿטן. אין 1882—1883 צִיִען מיר זיך אַריבער קיין אָדעס. דאָ וווינט שוין אָפּ דער פֿאָטער ביזן טויט.

אויך דאָ האָט ער קיין האָניק ניט געלעקט. דאָך האָט אָדעס פֿאַרמאָגט אַזוינס, וואָס אים האָט געפֿעלט. איך בין נאָך געווען אַ קינד. איך געדענק אָבער די לאַנגע אָוונטן, היציקע שטרײַטן, פֿאַרלעזונגען, וואָס האָבן זיך פֿון דעמלט אָן אַנגעהויבן באַ אונדז אין שטוב. צו אונדז פֿלעגן גאַנץ אָפֿט אַרײַנקומען גאָלדפֿאַ־דען, לילייענבלום, ספּעקטאָר, ראַוויניצקי און אַנדערע.

ס'האָט זיך געשאַפֿן אַ מין קרײַז, דער קרײַז האָט געגרינדעט אַ ביבליאָטעק. לעטוויוועס דער ביבליאָטעק פֿלעגט מען אײַנאָרדענען אָוונטן אין פּריוואַטע הײַזער, אַמאָל באַ אונדז אויך. דער פֿאָטער פֿלעגט פֿאָרלייענען זײַנע ווערק. געלייענט האָט ער מײַסטערהאַפֿט, — ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿײַנעם כוש פֿאַר קינסטלערישן לייענען.

מיר זײַנען פֿון קינדוווײַז אָן געווען צוגע־וווינט צו הערן דעם טאַטן לייענען זײַנע איי־גענע זאַכן און די ווערק פֿון אַנדערע יִדישע שרײַבער. ביכלאַל האָט לייענען פֿאַרנומען אַ גרויס אָרט אינעם לעבן פֿון אונדזער געזינד. איך געדענק ווי הײַנט דעם קײַלעכדיקן טיש, אַרום וועלכן מיר פֿלעגן זיך אויסזעצן אין אָוונט. באַ אָט דעם טיש האָט מען פֿאַרגעלייענט טאָלסטאָיס „קריג און פֿרידן” און „אַנאַ קאַרע־נינאַ”, הוגאָס „פֿאַרשטויסענע” און אַ סאַך אַנ־דערע ווערק.

דער פֿאָטער האָט פֿאַרמאָגט נאָך אַן אייגנ־שאַפֿט (ווייניק ווער עס ווייסט וועגן דעם) — ער איז געווען מוזיקאַליש באַגאַבט. זײַנע לי־דער פֿלעגט מען זינגען, זיי זײַנען באַם פֿאָלק געווען שטאַרק באַליבט. ווען ער איז שוין געווען אין די זעכציקער, האָט ער מיטאָמאָל זיך אַ נעם געטאָן שטודירן נאָטן און האָט פֿאַר־שריבן די מעלאָדיעס פֿון זײַנע לידער (דעם אַלבאָם מיט די פֿאַרשריבענע נאָטן האָב איך אָוועקגעגעבן דעם מוזיי פֿאַר יִדישער קולטור אין אָדעס).

די באַדערפֿעניש צו זײַן טעטיק האָט אים ניט פֿאַרלאָזט מאַמעש ביז דער לעצטער מינוט. אין טאָג פֿון זײַן טויט, דעם 23 סענטיאַבער 1915, האָט ער אײַנדערפֿרי זיך אַ הייב געטאָן פֿון בעט און פֿאַרשריבן דעם לעצטן געדאַנק פֿון זײַן ניט פֿאַרענדיקט ווערק: „די עטיק פֿון טאַלמוד” — „ווער ס'איז ניט אימשטאַנד צו גיין פֿאַרויס, דער מוז פֿאַלן”...

צוועלף באַנאַכט איז דער פֿאָטער, אַרומגע־רינגלט פֿון פֿרײַנט, קינדער און אייגענע, שטיל אויסגעגאַנגען.

געשטאָרבן איז ער רויִק, באַם קלאָרן גע־דאַנק, מיט אַלעמען זיך געזעגנט. דעם עלטערן זון האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט — „זײַ געזונט, מוישע”. דאָס זײַנען געווען זײַנע לעצ־טע ווערטער.

די לעווײַע איז געווען אַ גרויסאַרטיקע. אונד־זער דירע האָט ניט געקאָנט אַרײַנעמען אַלע־מען, וואָס ס'איז געקומען זיך געזעגענען. דער הויף איז געווען פֿול מיט מענטשן.

דאָס פֿאָלק, וועמען לינעצקי האָט געשענקט זײַן גאַנצן טאַלאַנט, אַלע זײַנע געדאַנקען, דאָס ביסל יאָרן, האָט ניט פֿאַרגעסן דעם באַליבטן שרײַבער. די גאַסן זײַנען געווען שוואַרץ פֿון מענטשן. אָפּן וועג צום בעסוילעם זײַנען אַלע שולן, אײַנגעהילט אין טרויער, געווען אָפֿן.

אומעטום האָט מען באַגעגנט מיט „אל מלא רחמים׳ם" דעם קערפּער פונעם „אַלטן ליי־נעצקי", ווי מע האָט אים גערופן אין אָדעס.

נאָך אַ צײַט פאַרן טויט האָט דער פּאָטער אָנגעשריבן די עפּיטאַפיע, וואָס איז אויסגע־קריצט אַף זײַן מאַצייווע. די עפּיטאַפיע לייענט זיך אַזוי:[1]

פּ"ן (פּוי ניטמאַן) יענער,
וועלכער האָט אַלעמען געטראָגן ליבע און צוטרוי.
אַליין אָבער ניט געוווּסט
ניט פון מיטגעפיל, ניט פון ליבע.
מיט אַ ריין האַרץ, האָט ער פון קינדווײַז אָן געשטרעבט בלויז צום עמעס.
דערפאַר זײַנען, ווי די רוצ׳עס,
אַלע אַרויסגעטראָטן קעגן אים.
דער מענטש איז געבוירן געוואָרן — אַ זאָקן
און געשטאָרבן — אַ ייִנגל.
דער מענטש איז
ייִצכאָק־יויעל באַר יויסעף לינעצקי,
אַ פאָלקס־שרײַבער,
וועלכער געשריבן האָט מיט בלוט,
וואָס פאַרגאָסן האָט ער ווי וואַסער
זײַן גאַנץ לעבן,
ביזוואַנען די נעשאָמע זײַנע
האָט ניט פאַרלאָזט דעם גוף.

[1] איבערגעזעצט פון העברעיִש.

באַל־דימיען (נ. שטיף)

דער ערשטער ייִדישער ספּעקטאַקל אין רוסלאַנד

אין „פּינקעס" (ווילנע, 1913) דערציילט אווראָם־יאַנקעוו פּאַפּערני וועגן אַן אַמאַטאָרן־שפּיל אין זשיטאָמיר, ווען מע האָט אופגעפירט צום ערשטן מאָל דר. עטינגערס „סערקעלע". דער אופּטו האָט געהערט צו כ.־ז. סלאָנימסקיס פּרוי (כ.־ז. סלאָנימסקי איז דעמלט געווען אינ־ספּעקטאָר אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול), און געשפּילט האָבן שילער פון דער ראַ־בינער־שול, צווישן זיי אווראָם גאָלדפאַדען. געשען איז דאָס אין יאָר 1862. לויט פּאַפּערניס מיינונג, זאָל דאָס געווען זײַן „דער ערשטער ייִדישער ספּעקטאַקל" אין רוסלאַנד.

ס׳איז אָבער אַ סוואָרע, אַז דאָס איז געווען ניט דער ערשטער, שוין ניט צו ריידן דערפון, וואָס מיר ווייסן אַפילע ניט, צי איז דאָס געווען אַן עפנטלעכער ספּעקטאַקל. באַ דעם צושטאַנד, וואָס מיר ווייסן איצט (ריכטיקער: ווייסן ניט) וועגן דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד, איז זייער שווער צו זאָגן, ווען און וואָס איז דאָ בעעמעס געווען די ערשטע ייִדי־שע טעאַטער־פאָרשטעלונג. ס׳איז אָבער זייער מעגלעך, אַז איינער אַזאַ פּרווו, און גראָד אַן עפנטלעכער, איז געווען פריִער פאַר דעם, וואָס איז באַשריבן באַ פּאַפּערנין. געווען איז דאָס אין יאָר 1854, און וועגן דעם זאָל דאָ גערעדט ווערן.

דער אופּטו געהערט דאָ אויך, ווי אין פּאַ־פּערניס מײַסע, די שילער פון דער זשיטאָמי־רער ראַבינער־שול.

וועגן דער ראָליע פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול אין אָנהייב פון אונדזער מאָדער־נער ייִדישער קולטור איז נאָך קימאַט גאָר־

נישט ניט געשריבן געוואָרן. אַ רעמעז דערוף האָט די לעצטע צײַט געגעבן באַל־מאַכשאָוועס אין זײַן ביכל „דאָרעם־ייִדנטום און ייִדישע לי־טעראַטור". אָבער ניט מער ווי אַ רעמעז, מער מיטן כוש פאַר אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, איידער אייגנטלעך מיט געשיכטע. די ראַבינער־שול האָט באַ אונדז אַ שלעכטן שעם, ווײַל אונדזער דאָר ליגט נאָך גוט אין טאָם דער טיפ

„קאַזיאָנע ראַבינער", דער „טשינאָווניק", וואָס איז געוואָרן אַ ווילדפֿליייש אין ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. מע דאַרף אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָס זײַנען שוין געווען עפּיגאָנען, נאָכקרימענישן פֿון אַן עלטערן, שענערן, ערלעכן דאָר ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס האָט גראָד געהאַט באַגײַסטערונג פֿאַר גרויסע קולטור־אויפֿטוען צווישן ייִדן, פֿאַר אַ ייִדישער קולטור־רעפֿאָרמאַציע, און ניט שטענדיק אָפּילע איז בײַ אים געווען אָפּגעפֿרעגט קולטור־אַרבעט אַף ייִדיש אויך. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן דערפֿון מיט דער ברייטקייט, וואָס די טעמע פֿאַרדינט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז צווישן די לערער פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול זײַנען געווען אַזוינע, ווי אַ.־ב. גאָטלאָבער, אַ.־צ. צווייפֿעל, וואָס זיי גופֿא האָבן געשריבן אַף ייִדיש. אין דער סוויווע און בײַ דעם דאָזיקן פּײַערל האָבן אויסגעוואַקסן די פֿליגל אַזוינע, ווי י.־י. לינעצקי און ש.־י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע), און דירעקט פֿון דער דאָזיקער ראַבינער־שול איז אַרויס אַוורהאָם גאָלדפֿאַדען (דעמלט נאָך גאָלדינפֿאָדעם), דער פֿאָטער פֿון דעם מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער. עפּשער איז ניט צופֿעליק דער טעאַטער־אויפֿטו אויך, וואָס פּאַפּערני באַשרײַבט: די זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט אין דעם פּראַט שוין געהאַט אַ שטיקל טראַדיציע. דער אָנהייב איז שוין, ווי געזאָגט, געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1854, און גאָלדפֿאַדען האָט געהאַט אַ פֿאָרגייער: וואָלף קאַמראַש, וואָס האָט זיך, זיכער, געוואָלט פֿאַרמעסטן ברייטער, נאָר מע האָט אים גאָר גיך אָפּגעהאַקט די פֿליגל.

ידיעס וועגן דעם געפֿינען מיר אין ארכיוו פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. אין צוויי אַקטן, נומ. 23 און 36, פֿאַר דעם יאָר 1854 איז וועגן דעם דערציילט אַזוי:

דעם 5 נאָיאַבער 1854 האָבן 9 שילער פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול: וואָלף קאַמראַש (פֿונעם 7־טן קלאַס), בינימין ראַבינאָוויטש, דאַוויד באַגוסלאַווסקי, מוישע שעפּטעלזאָן, קעהוס פּראַסיאַן, יאַנקעוו טאַפּט, מוישע נירנבערג, כאַיִם בראַמבערג און בער האַרנשטיין זיך געווענדט צו זייער דירעקטאָר (באַוואַלעווסקי) מיט אַ ראַפּאָרט: יאָמטויווים, דאָס יאָר, ווען זיי זײַנען געווען אין בערדיטשעוו, האָבן זיי דעם 9 אָקטיאַבער געשטעלט אַ ספּעקטאַקל לטובֿת די פֿאַרווונדעטע סאָלדאַטן (דאָס איז געווען דאָס יאָר פֿון דעם קרימער קריג) מיט אַ דערלויבעניש פֿונעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר און פֿון דעם „גאָראָדניטשי" (שטאָט־פּרעפֿעקט). די אָפּגעלייזטע 100 רובל האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם „גאָראָדניטשי", ער זאָל דאָס אָפּשיקן וווּהין ס'געהער. די גוטע באַציִונג מיצאַד דעם גאַנצן אוילעם באַוועגט זיי צו בעטן דעם דירעקטאָר, ער זאָל זיי לאָזן אין דער פֿרײַער צײַט שפּילן אַ ספּעקטאַקל אין דעם היגן (זשיטאָמירער) טעאַטער אויך פֿאַר דעם זעלבן צוועק.

אַזאַ „פּאַטריאָטיזם" האָט אויסגענומען בײַם דירעקטאָר. דעם 13 נאָיאַבער ווענדט ער זיך וועגן דעם מיט אַ פּאַפּיר נומ. 760 צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, דעם גענעראַל־אַדיוטאַנט פֿירשט וואַסילטשיקאָוו אין קיִעוו (דער קיִעוו־וואָלין־פּאָדאָליער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז אין יענער צײַט געווען קוראַטאָר פֿונעם לערן־ראַיאָן אויך). ער דערציילט איבער דעם מעמאָראַנדום פֿון זײַנע שילער און בעט פֿאַר זיי אַ דערלויבעניש צו שפּילן „טעלעכע פּיעסן אַף ייִדיש און אַף רוסיש".

דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר איז די מײַסע אויך געפֿעלן, אָבער מיט אַ טנאַי. אין זײַן ענטפֿער (פֿונעם 1 דעקאַבער, נומ. 6708) בעט ער דאַנקען די דערמאָנטע שילער פֿאַר זייער „פּאַטריאָטישן אויפֿטו" אין בערדיטשעוו. ער דערלויבט דעם דירעקטאָר, זיי זאָלן שפּילן אין זשיטאָמירער טעאַטער נאָך איין ספּעקטאַקל „פֿון רוסישע און ייִדישע פּיעסן", אָבער די דאָזיקע פּיעסן זאָל מען פֿריִער צושטעלן אַף צו באַווייליקן.

דעם דאַנק האָט דער דירעקטאָר איבערגעגעבן זײַנע שילער אַף זייער אַ פּײַערלעכן שטייגער. מע האָט מיט פּאַראַד צונויפֿגערופֿן אַלע שילער אין גרויסן זאַל, דער דירעקטאָר האָט איבערגעגעבן דעם דאַנק מיט אַ פּאַסיקער דראָשע. אין דער ראַבינער־שול איז דערפֿון געוואָרן אַ שטיקל יאָמטעוו, און אונדזערע שפּילער זײַנען בײַ זיך שטאַרק דערהויבן געוואָרן.

אָבער דער טנאַי, וואָס דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געשטעלט, האָט, ווי מיר וועלן זען, אײַנגיכן פֿאַרשטערט די סימכע און דעם גאַנצן אײַניען.

וואָלף קאַמראַש האָט זיך ניט געפֿוילט, און דעם 29 דעקאַבער צוגעשטעלט דעם דירעקטאָר אַ דראַמע אין דרײַ אַקטן אַף ייִדיש, וואָס ער גופֿא האָט אָנגעשריבן מיטן נאָמען „קאָהאָל אין אַ שטעטל" (דעם נאָמען זעץ איך איבער פֿון רוסיש). ער בעט איבערשיקן די דראַמע וווּהין ס'פֿאָדערט זיך אַף אַ דורכקוק.

דעם 4 יאַנוואַר 1855 שיקט דער דירעקטאָר אָפּ קאַמראַשס דראַמע דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר.

דעם 25 יאַנוואַר קומט אָן אַן ענטפֿער, וואָס האָט געמאַכט צונישט אַלע שיינע פּלענער: קאַמראַשס פּיעסע איז לויטן צענזאָרס שטאַנדפּונקט „געפֿערלעך". ניט בלויז, וואָס מ'קאָן ניט דערלויבן שפּילן אַזאַ זאַך, מע דאַרף זי לאַכ־לוטן פֿאַרווערן. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר שיקט דעם דירעקטאָר אַ קאָפּיע פֿונעם צענזאָרס ראַפּאָרט (אין די אַקטן האָב איך די קאָפּיע ניט געפֿונען) און האַלט פֿאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז די באַגריפֿן וועגן פּערזענלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע באַציִונגען, וואָס קאַמראַש האָט אויסגעדריקט אין זײַן דראַמע, באַווײַזן ניט, אַז ער זאָל האָבן געקראָגן אין זײַן בילדונג אַ „גוטע ריכטונג". מ'דאַרף אויפֿמערקזאַם מאַכן דעם אינספּעקטאָר (אין דער ראַבינער־שול) אייכנבוימען, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אַף קאַמראַשס

כאוויירים אין אלע פּראָטים און זאָל אים געבן די „ריכטיקע באגריפן" וועגן די זאכן, וואָס ער, קאמראש, האָט וועגן זיי געשריבן.

ס'איז, ריישיס, צו זען, אז דער ספּעקטאקל, וואָס וואָלף קאמראש און זײַנע כאוויירים האָבן געשפּילט אין בערדיטשעוו, איז געווען אן עפנטלעכער. אזוינע צוויי פאקטן, ווי געשפּילט אין טעאטער און אָפּגעלייזט 100 רובל (פאר יענער צײַט אין אזא שטאָט ווי בערדיטשעוו איז דאָס א היפּשער באטרעף) — זײַנען די בעסטע איידעס.

דאָ איז גאָרניט געזאָגט געוואָרן וועגן דער שפּראך פונעם בערדיטשעווער ספּעקטאקל. איך מיין אָבער, אז מ'קאָן זיכער זאָגן, אז זיי האָבן געשפּילט אף ייִדיש.

דאָס איז ארויסצוזען קוידעמקאָל דערפון, וואָס זיי האָבן געוואָלט שפּילן אין זשיטאָמיר אף ייִדיש. צו וואָס וואָלטן זיי אזוינס געטאָן אין זשיטאָמיר, אויב זיי האָבן דאָס פריִער ניט געטאָן אין בערדיטשעוו? מ'דארף זיך פאָרשטעלן, אז רוסיש וואָלט זיי אין א סאך פּראָטים אָנגעקומען גרינגער: אף רוסיש זײַנען געווען פארטיקע פּיעסן, ווען אף ייִדיש האָט קאמראש ערשט באדארפט ווערן א דראמאטורג; אף רוסיש וואָלט מיסטאמע אָנגעקומען גרינגער צו באקומען א דערלויבעניש. אף רוסיש, ווען זיי זאָלן האָבן געשפּילט אף דער שפּראך אין בערדיטשעוו, וואָלטן זיי שוין געהאט א פאָרטיק־אײַנגעשטודירטע פּיעסע און פארשפּאָרט שטודירן א נײַע, גאָר ניט קיין גרינגע זאך פאר אמאטאָרן־אָנפאנגער, דערצו נאָך פארנומענע שילער.

קאמראש האָט צוגעשטעלט זײַן דראמע בעערעך אין מעשעך פון א כוידעש צײַט. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אז א שילער, פארנומען אין דער ראבינער־שול (און געלערנט האָט מען דאָרטן זייער א סאך, וועלטלעכע לימודים און ספּעציִעל ייִדישקײַט!), זאָל אין א כוידעש צײַט אָנשרײַבן א פריש־נײַע דראמע אין דרײַ אקטן. ס'איז אויך א קנאפּע סוואָרע, אז ער זאָל שרײַבן דראמען אף יעדן פאל סטאם אין דער וועלט ארײַן, ניט האָבנדיק קיין האָפענונג (יענע צײַט!) דאָס צו שטעלן אָדער צו דרוקן. ס'איז דעריבער גיכער צו גלייבן, אז דאָס איז די זעלבע דראמע, וואָס איז שוין געשפּילט געוואָרן פריִער, דעם 9 אָקטיאבער, אין בערדיטשעוו (און געשריבן געוואָרן מיסטאמע אין דער פרײַער זומער־צײַט). די קורצע צײַט האָט קאמראש געקאָנט און געדארפט איצט האָבן אף צו פײַלן און שלײַפן די פּיעסע, אפילע פּאָשעט זי איבערשרײַבן מיט דעם פײַנעם קסאוו פאר „נאטשאלסטווע".

די טעמע „קאָהאָל אין א שטעטל" האָט זיכער געפּאסט פאר בערדיטשעוו, וואָס מענדעלע האָט פון דאָרטן אינגיכן געצאפּט אזויפיל מאטעריאל און פּארשוינען.

אויב זיי האָבן געוואָלט שפּילן אין זשיטאָמיר דאפקע אף ייִדיש, ניט געקוקט דערוף, וואָס דאָס האָט ניט געקאָנט שטארק אויסנעמען סײַ באם דירעקטאָר, סײַ בא דער „נאטשאלסטווע", ניט געקוקט דערוף, וואָס די הויפּט־פיגור, קאמראש, האָט זיכער געהאלטן פון ייִדיש ניט מער, ווי אנדערע ייִדישע האלב־רוסיפיצירטע אינטעליגענטן (וואָרעם, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט ער אין אלע פּראָטים געשטימט מיט דער קולטור־פּראָגראם פון די דאָזיקע אינטעליגענטן), — איז דאָס א סימען, אז עפּעס איז זיי געלעגן אין דעם. דאָ האָט זיכער געשטעקט די מאסקיליש־פּראָפּאגאנדיסטישע טענדענץ אופצוקלערן דעם ייִדישן אוילעם זײַן וויסטן לעבנסשטייגער ביכלאל און די קאָהאָלשע פירונג ביפראט, פריידיקן בילדונג און בירגער־געפיל.

דער אינהאלט פון קאמראשס „געפערלעכער" דראמע איז אונדז געבליבן אומבאוווסט. אין ארכיוו פונעם קיִעווער צענזור־קאָמיטעט, וועלכן איך האָב דורכגעשטודירט אינגאנצן (אין זײַן ייִדישן טייל), איז די דראמע ניט געבליבן, אזוי ווי ס'איז ביכלאל פארפאלן געוואָרן א סאך וויכטיקע זאכן, כוץ די קורצע אָפיציִעלע צענזאָר־ראפּאָרטן. אָבער א שארפער רעמעז דערוף איז דאָך געגעבן אין דעם נאָמען פון דער פּיעסע, און נאָך מער אין דער באציִונג פון דער ייִדישער צענזור. די דראמע האָט באהאנדלט קאָהאָל, דה. די ייִדישע געזעלשאפטלעכע פירונג אין יענער צײַט. און אויב דעם צענזאָר און דעם גענעראל־גובערנאטאָר האָט זי אויסגעזען געפערלעך, איז ניט אנדערש נאָר דערפאר, ווײַל דאָס איז געווען א שארפע קריטיק אף קאָהאָל. אָט די קריטיק, וואָס איז געווען דעמלט א קלאל בא מאסקילים, וועלכע מיר טרעפן פריִער אין י.־ב. לעווענזאָנס „העפקער־וועלט", שפּעטער אין מענדעלעס „טאקסע" (1869) און אין אנדערע ווערק (בא לינעצקין). דאָ וואָלט מען עפּשער געקאָנט געפינען דעם פּראָטאָטיפּ פון די סאטירישע דראמעס און שריפטן בא מענדעלען (איבערהויפּט די „טאקסע") און בא אנדערע ייִדישע שרײַבער, מאסקילים, וואָס האָבן זיך באוויזן אין די זעכציקער יאָרן.

בא דעם קיִעווער גענעראל־גובערנאטאָר פאר ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן האָט אזא געזעלשאפטלעכע קריטיק, דערצו נאָך געשריבן פון א יונגנמאן אן ענטוזיִאסט, וואָס האָט מיסטאמע ניט געקארגט קיין פעפער, — געמוזט הייסן „צעשטערן די יעסוידעס". די דאָזיקע קאָנסערוואטיווע „יעסוידעס" האָט מען געזען צו דערהאלטן אין גאנצן לאנד, און בא ייִדן אויך, כאָטש מע האָט אָפיציִעל אָפּגעשאפט קאָהאָל און מע האָט לעפּאָנעם געשטרעבט ארויסצופירן ספּעציִעל ייִדן פונעם „פינצטערן פאנאטיזם". די „געפאר" פון דער דראמע האָט אונטערגעזאָגט דעם גענעראל־גובערנאטאָר דער ייִדישער צענזאָר. וואָס זשע האָט ער, דער צענזאָר, דערזען דאָ פאר א געפאר? האָבן מיר דאָך א באגריף פון ייִדישע צענזאָרס פון יענער צײַט (זייבערלינג, שפּעטער באראץ אין קיִעוו, די טוגענהאָלדס אין ווילנע און ווארשע). דאָס

זײַנען געווען מאַסקילים, וואָס האָבן געשטיצט
די „פּראָגרעסיווע״ פּאַרטיי קעגן דער „פאַנאַ־
טישער״. בעמיילע האָט אַזאַ צענזאָר געדאַרפט
שטיצן קאַמראַשס אופּטו, ניט שטערן.
דער ענטפער דערויף איז: פּיאַדאָראָוו! קיִע־
ווער צענזאָר אויף ייִדישע ספֿאָרים איז דעמאָלט
געווען דער געוויסער מעשומעד וולאַדימיר
פּיאַדאָראָוו. אין דער יוגנט (דעמאָלט נאָך: צווי
גרינבוים) אַ מאַסקיל, אַ טאַלמיד פון י.־ב. לע־
ווינזאָן און אַ.־ב. גאָטלאָבער, שטודירט אין
קאַמענעצער גימנאַזיע, געענדיקט דעם קיִע־
ווער אוניווערסיטעט, האָט ער זיך שפּעטער
געשמאַדט, געוואָרן אַ לערער אין דער צווייטער
קיִעווער גימנאַזיע, און אין 1852 געוואָרן
אַ ייִדישער צענזאָר אין קיִעוו אויף זייבערלינגס
אָרט. פּיאַדאָראָוו האָט פון דער ערשטער מינוט
ראַדיקאַל געענדערט די באַציִונג פון דער ייִדי־
שער צענזור צו די צוויי „פּאַרטייען״ און צו
זייערע ליטעראַרישע אויסגאַבעס. ביז פּיאַדאָ־
ראָוון איז געווען דער קלאַל, אַז די ייִדישע
צענזאָרס האָבן געדרוקט קאַבאָלע־ און כסי־
דעס־ספֿאָרים, האָבן געקוקט קרום אויף אַ גרויסן
טייל פרומפּאַרצײַטיקע ספֿאָרים ביכלאַל (און
דאָס האָט י.־ב. לעווינזאָן דאָ דער ערשטער
געגעבן דעם טאָן). פּונקט פאַרקערט האָט גע־
האַנדלט פּיאַדאָראָוו. שוין אין זײַן ערשטן
אַרויסטריט אין דער צענזור, אין דער אינסט־
רוקציע פאַר ייִדישער צענזור, וואָס ער האָט
געשאַפן, ברענגט ער דעם געדאַנק, אַז מ'דאַרף
דערלויבן צו דרוקן קאַבאָלע־ספֿאָרים מיט די
זעלבע צענזור־פּרינציפּן ווי טאַלמוד און פּסאָ־
קים (קאַבאָלע־ספֿאָרים איז שוין געווען פאַר־
ווערט צו דרוקן, ווייניקסטנס פון יאָר 1839
אָן). דאַקעגן דאַרף מען האָבן אַ „שטרענגע
צענזור־האַזשגאָכע״ אויף „וועלטלעכע ספֿאָרים״
דה. אויף האַסקאָלע־ליטעראַטור.
אין דער גאַנצער צענזור־אַרבעט האָט פּיאַ־
דאָראָוו דעם דאָזיקן פּרינציפּ שטרענג דורכגע־
פירט, דערבײַ קונציק ספּעקולירט אויף „נאַ־
טשאַלסטווע״, אויף זייער קאָנסערוואַטיזם און
מוירע פאַר יעדער פרײַדענקערײַ, „ניהיליזם״.
פּיאַדאָראָוו האָט, אַשטייגער, פאַרווערט דעם
„מוירע־נעוווכים״ פאַר פרײַדענקערײַ, כאָטש
דער סייפער איז אין פּעטערבורגער צענטראַלן
צענזור־אינדעקס פאַר יול 1844 געווען פאַ־
רעכנט צווישן די קאָשערע. און דאַקעגן האָט
ער געשטיצט די פרומע שאַפּירעס זשיטאָמירער
דרוק און איר פאַרלאַג־אַרבעט, ניט געלאָזט
אויף איר קיין שטויב פאַלן, און אונטער זײַנע
פליגל איז אויסגעוואַקסן אַ פּריווילעגירטע
פעסטונג פון פרום־כאַסידישער פאַרלעגערײַ,
וואָס האָט קיין האַסקאָלע־ביכל אויף דער שוועל
ניט אַרופגעלאָזט, אַזוי אַז האַסקאָלע־שרײַבער
אין אוקראַיִנע, אין זשיטאָמיר גופע (גאָטלאָ־
בער, צווייפּעל, לערנער) האָבן געמוזט וואָג־
לען קיין ווילנע און וואַרשע, צו דרוקן דאָרט
זייערע ווערק.
איצט דאַרף אונדז שוין קיין וווּנדער ניט
זײַן, וואָס פּיאַדאָראָוו האָט זיך אַזוי איבערגע־
שראָקן פאַרן „רעוואָליוציִאָנער״ קאַמראַשס
דראַמע: דאָס האָט געהערט צו זײַן גאַנצער סיִ־
סטעם — שטיצן די אָרטאָדאָקסיע, מעמיילע קאָ־
האָלשע רעדלפירער אויך. אויב ס'איז ריכטיק
מײַן האַשאָרע, אַז די דאָזיקע דראַמע (אָדער
אַן ענלעכע) איז געשפּילט געוואָרן פריִער אין
בערדיטשעוו, האָט דאָ מיסטאָמע ניט גע־
שמעקט די בערדיטשעווער „סיפּאַקעס״ און
גאָטספאָרכטנדיקע נעשאָמעס, וואָס האָבן עקס־
פּלואַטירט אַן איידע אַפן שענדלעכסטן אויפן.
טאַקיפים האָבן אין בערדיטשעוו ניט געפעלט
(לאָמיר דאָ דערמאָנען אַזאַ טאַקיף אין יענער
צײַט, ווי דער פרומער באַנקיר יאַנקעוו־יאָסיע
האַלפּערן). וואָס סע טוט זיך אין גענעראַל־
גובערנאַטאָרס קאַנצעליאַריע, ספּעציִעל וועגן
ייִדן, האָבן זיי אויסגעצייכנט געוווּסט, און זיי
האָבן שוין מיסטאָמע באַזאָרגט, אַז קאַמראַשס
דראַמע זאָל די ברעטער ניט דערזען און דער
גאַנצער „הולטײַסקער״ טעאַטער־אופּטו זאָל
באָטל און מעוווּטל ווערן. בײַ פּיאַדאָראָוון איז
דאָס ניט שווער געווען צו פּויעלן.
אַזוי האָט אַ מעשומעד, אַן אַגענט פון גאָטס
סטראַפּטשעס, מיסטאָמע אין יאַדאַכעס מיט די
דאָזיקע לײַט, אָפּגעהאַקט די פליגל פון אַן ער־
לעכן פּרווו פון אַ יונגן ענטוזיִאַסט, אָפּגעפּליקט
פון אָנהייב אָן דאָס ערשטע צווײַגל פון אַ
הײַנטוועלטיק ייִדישן טעאַטער.

טאַטיאַנאַ זנאַמענסקאַיאַ

די פּאַראַדאָקסן אין דער שאַפונג פונעם שרײַבער סאָל בעלאָו

די ליטעראַטור איז שטענדיק, באַזונדערס אין אונדזער צײַט, ניט נאָר דער שפּיגל פונעם גײַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט, וועלכער באַווײַזט די פאַרשיידענע סאָציאַלע פּאָזיציעס און אידייִשע שיטעס. די ליטעראַטור איז גלײַכצײַטיק איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וועלכע ווירקן אַף דער אויספורעמונג פון די געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען און פאָרשטעלונגען. די ראָליע פונעם שרײַבער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, גלײַכצײַטיק אָבער וואַקסן אויך די פאָדערונגען, וועלכע ווערן צו אים אַרויסגעשטעלט, דער גראַד פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר זײַן שאַפונג, פאַר זײַנע אָנשויונגען. דער שרײַבער קאָן מער ניט און האָט קיין רעכט ניט צו קוקן אַף דער וועלט פון די הייכן פונעם „טורעם פון העלפאַנד־ביין”, ער מוז פאַרלאָזן די דאָזיקע באַהעלטעניש און אַקטיוו אַרײַנמישן זיך אין די סאָציאַלע, פּאָליטישע און גײַסטיקע פּראָבלעמען פונעם הײַנטיקן טאָג.

„מיר קאָנען ניט אויסמײַדן די אַרײַנמישונג אין פּאָליטיק”, — שרײַבט דער באַוווּסטער אַמעריקאַנער ליטעראַט, לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע פון 1976 סאָל בעלאָ (בעלאָוו), — „ווײַל אויסער אַלעם איבעריקן, איז נייטיק צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז. נאָך מער, די פאָרקומענדיקע געשעענישן דערלויבן אונדז ניט צו שטיין אין א זײַט”.

מע דאַרף אָבער זאָגן, אַז דער שרײַבער טראָגט ניט בלויז אַרײַן זײַן צושטײַער אינעם גײַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט, אַף אים גופא ווירקן אויך פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע שיטעס, וועלכע האָבן א וועזנטלעכן אײַנפלוס אַף זײַן וועלט־אָנשויונג. זיי צווינגען צומאָל אייניקע שרײַבער מיט סוביעקטיוו הומאַנישע אָנשויונגען, זיי זאָלן דינען אָביעקטיוו די צילן פון דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנדע, האַגאַם די דאָזיקע שרײַבער באַמיִען זיך מיט אַלע מעגלעכקײַטן צו פאַרהיטן זייערע פּאָזיציעס פון אומאָפּהענגיקע באַאָבאַכטער. טאַקע פון אַזאַ שטאַנדפּונקט דאַרף מען באַטראַכטן די שאַפונג פון סאָל בעלאָו — אײנעם פון די סאַמע באַוווּסטע שריפטשטעלער פון דער הײַנטיקער אַמעריקע.

די אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיק רופט אָפט בעלאָון, „אַמעריקאַניש־ייִדישער שרײַבער”, אייניקע ליטעראַטור־קענער באַהויפּטן אַפילע, אַז גראָד די נאַציאָנאַלע מאָטיוון זײַנען דער איקער אין זײַן שאַפונג. אַזעלכע אַרויסזאָגונגען האָבן אָפט א גאַנץ באַשטימטן ציל: אויסנוצן צוליב פּראָפּאַגאַנדיסטישע צילן די נעמען פון ברייט באַקאַנטע אַווטאָרן, ספּעקולירנדיק אַף די נאַציאָנאַלע באַזונדערקײַטן אין זייער אייגנאַרטיקער שאַפונג. מיט אַזאַ מין פאַלסיפיקאַציע פאַרנעמט זיך, באַזונדערס, די פּראָציִעניסטישע ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע דערקלערט, אַז בעלאָו איז דער „שרײַבער פונעם ייִדישן גאָלעס”.

וואָס עמעס איז עמעס, פאַר דער שאַפונג פון סאָל בעלאָו איז אין א געוויסער מאָס כאַראַקטעריסטיש א נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט. זי לאָזט זיך פילן קוידעמקאָל אין זײַן מעטאָד פון אָפּקלײַבן פּערסאָנאַזשן, וואָס די מערהײַט פון זיי זײַנען ייִדן, טיילווײַז אויך אין דער פּראָבלעמאַטיק פון זײַנע ווערק. מע דאַרף אָבער שטענדיק געַנוי פאַנאַנדערגרענעצן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און דעם קאָלאָריט, וואָס באַפּוצט אַף זײַן אויפן דאָס ווערק, דעם עטנאָצענטריזם, נאַציאָנאַליזם, וועלכע מאַכן אָרעמער דעם שרײַבערס שאַפונג. עס איז א גרויסער ספק, צי מע קאָן האַלטן בעלאָון פאַר דעם פאָרשטייער פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע — שוין דערפאַר, וואָס איינער פון די אָבליגאַטאָרישע קאָמפּאָנענטן, וועלכע באַווײַזן די אָנגעהערײַקײַט פון א שרײַבער צו דער אָדער אַנדערער ליטעראַטור, איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך. די שפּראַך איז דאָך ניט בלויז די פונקציאָנאַלע צייכן־סיסטעם, וואָס דינט אַלס פאַרקער־מיטל, אין איר ליגט די טיפע היסטאָרישע דערפאַרונג, די פּסיכאָלאָגיע פון דער גײַסטיקער קולטור באַם געגעבענעם פאָלק.

בעלאָו אַליין שרײַבט וועגן דער פראַגע אַזוי: „איך האַלט זיך פאַר א געבוירענעם פון מיטלמײַרעוו. מיך רופט מען אָפט ייִדישער שרײַבער. דאָס איז א ביסל מאָדנע. איך בין א ייִד, און איך האָב אָנגעשריבן עטלעכע ביכער. איך האָב געפּרוּווט אײַנפּרעסן זיך אין די ראַמען פון א ייִדישן שרײַבער, נאָר איך פיל זיך אין אַזעלכע ראַמען זייער ניט באַקוועם”. אַפילע די אויסגעשפּראָכן ציִעניסטישע פּובליציסטקע מערי סירקין האָט געמוזט אָנערקענען, אַז עס איז א גרויסער ספק, צי מע קאָן בעלאָון אָנרופן אויסדריקער פון די האָפענונגען פון די גאָלעסייִדן. די פּראָבלעמאַטיק פון דעם שרײַבערס שאַפונג רירט אָן בעלי־ספק די פּראָבלעמען

פון דער גאנצער הייַנטיקער אמעריקע, און טאקע אדאנק אָט דער אלזייַטיקייַט איז בעלאָו געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע שרייַבער אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע.

אין פשא האלט מען סאָל בעלאָון אלס שרייַבער פון קריטישן רעאליזם. אין געגעבענעם פאַל איז עס ניט בלויז א ליטעראטור־קריטישער טערמין. דעם שרייַבערס שאפונג, וואָס אין פיל הינזיכטן קאָן מען מיט איר שטרייַטן און זי איז ווידערשפּרעכיק, טיילט זיך אויס מיטן קרענקלעכן אויפן פון אופאסן פיל זייַטן פונעם סאָציאַלן לעבן אין דער הייַנטיקער אמעריקע. בעלאָו מאָלט זייער פּינקטלעך די שטימונג און די וועלט־אָנשויונג פון זייַן סוויווע — פון דער אמעריקאנער בורזשואזער שעפערישער אינטעליגענץ מיט דער כאראקטעריסטישער פאר איר אומזיכערהייַט אין דער צוקונפט, אנטוישונג אין די אָפּטימיסטישע אידעאלן פון דער „נייַער וועלט”, אינערלעכער אָפּגעפרעמדטקייַט, שרעק פאר דער אכזאָריעס און געוואלט פון דער געזעלשאפט פון „אַלגעמיינעם וווילשטאנד”. „אמעריקע, — רופט אויס מיט ביטערער איראָניע סעמלער, איינער פון די העלדן פון בעלאָוס ווערק, — וועלכע ווערט רעקלאמירט פאר דער גאנצער וועלט אלס די סאמע געווונטשענע, סאמע מוסטערהאפטע פון אלע נאציעס! ווי שווער עס איז דאָ דאָס לעבן, וואָס איז פארגליווערט אין די פאָרמען פון דער בורזשואזער זינד”. דעם אווטאָר אליין פעלט אויס א קלאָרע סאָציאַלע פּאָזיציע, ער פארלירט זיך צווישן די פארקריפּלטע דערשייַנונגען פון דער בורזשואזער ווירקלעכקייַט, און דאָס ברענגט דערצו, אז די רעאלע קאָנפליקטן באקומען אין זייַן שאפונג אַן אבסטראקטן, עסכאטאָלאָגישן[1] כאראקטער פון אַלגעמיינער שקיע און אונטערגאנג פון דער ציוויליזאציע אין גייַסט פון שפּענגלערס פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס.

דאָך דארף מען אָבער זאָגן, אז בעלאָו איז ווייַט פון פולן איגנאָרירן דעם פּראָגרעס, ווייַל ער האלט, אז „פאר דעם מענטשן איז אייגנטימלעך דער ווילן צו לעבן, די אכטונג צו שעפערישער בויונג, און די דראָשעס וועגן דעם סאָף פון דער וועלט זייַנען אויסן בלויז ענדגילטיק צו דעמאָראליזירן די זיטלעכע יעסוידעס פון דער געזעלשאפט, פארשפּרייטן וואָליונטאַריזם און געוואלט”.

לויט דער מיינונג פונעם שרייַבער באשטייט די הויפּט־קרענק און די גרונט־צאָרע פון דער הייַנטיקער געזעלשאפט ניט אין דער פעלערהאפטיקייַט פון דער עצעם סאָציאַל־פּאָליטישער סיסטעם, נאָר אין דעם „אינדיווידואליזם, וואָס שטייט אויסער יעדן קאָנטראָל”, און דעם אינדיווידואליזם פון יענע, פאר וועלכע עס עקזיסטירן ניט קיין שום מאָראַליש־עסטעטישע אידעאלן פון דער קולטור. בעלאָו פארטראכט זיך ניט איבער דעם, אז אָט דער „קאָנטראָללאָזער אינדיווידואליזם” איז אליין א פּראָדוקט פון דער געזעלשאפטלעכער סיסטעם. ער טראָגט איבער דעם קאָנפליקט פון א קאָנקרעט־סאָציאַלער ספער אין דער ספער פון עטישע ווערטן. דעריבער האלט ער, אז מע טאָר ניט צעוואקלען די יעסוידעס פון דער קראנקער געזעלשאפט און דערמיט גופע נאָך טיפער מאכן איר קרענק, מע דארף, פארקערט, מיט אלע מעגלעכקייַטן פארשטארקן די דאָזיקע יעסוידעס, שטרעבנדיק צו דער אינערלעכער און געאויסערלעכער הארמאָניע פון מענטש און געזעלשאפט. אזא אבסטראקטע קאָנצעפּציע דערפירט סאָפקאָלסאָף דעם שרייַבער צו גייַסטיקן קאָנפאָרמיזם און פּאָליטישן קאָנסערוואטיזם, צום אָפּלייקענען די רעוואָליוציאָנערע איבערגעשטאלטונגען, ווייַל זיי טראָגן א כאראקטער פון געוואלט בענעגייע באזונדערע פּערזענלעכקייַטן, זיי פלאנצן די רעכט פון דער מערהייַט צו באגיין זיך הארב מיט דער מינדערהייַט (ווען בא די עליטארע רעזשימען איז דאָס געווען א פּריווילעגיע פון א הייַפל אריסטאָקראטן, וועלכע זייַנען, ווייַזט אויס, ווי בעלאָו מיינט, געווען באקאנט מיט די קולטור־ווערטן). אלזאָ, „די הייַנטיקע דעמאָקראטיע” (און בעלאָו זעט ניט קיינע אונטערשיידן צווישן דער סאָציאַליסטישער און בורזשואזער דעמאָקראטיע) איז, לויט זייַן פאָרשטעלונג, דאָס אלגעמיינע רעכט פון געוואלט. „ניט דער איסטעבלישמענט, נאָר די גרענעצלאָזע וואָכעדיקייַט פון יענע, וואָס פארבייַטן אים, איז דער גרעסטער סוינע פונעם פּראָגרעס”. די דאָזיקע עליטארע און קאָנפאָרמיסטישע קאָנצעפּציע וועגן פארהיטן באשטענדיקייַט און סטאבילקייַט פון דער געזעלשאפט דארף מען האָבן אין אויג, ווען מע אנאליזירט בעלאָוס שאפונג.

אזא מין ניט פארשטיין מיצאד איניקע ליבעראלע אינטעליגענטן פון מייַרעוו די עמעסע סיבעס פונעם סאָציאַלן אומיוישער דערפירט זיי, טראָץ זייערע סוביעקטיוו הומאנישע שטרעבונגען, דערצו, אז זיי קאָנען לייַכט אריינפאלן אין דער נעץ פון דער פּראָפּאגאנדע פון אנטיקאָמוניזם און אנטיסאָוועטיזם, און דאָס איז די סיבע, פארוואָס זיי קייַקלען זיך אָביעקטיוו אראָפּ אף רעאקציאָנערע פּאָזיציעס, וועלכע ווידערשפּרעכן זייערע אייגענע אָנשויונגען. אויסנוצנדיק, פון איין זייַט, די סוביעקטיוו הומאנישע איבערצייַגונגען פון באזונדערע פאָרשטייער פון דער מייַרעוודיקער שעפערישער אינטעליגענץ, פון דער צווייטער זייַט — איר צערודערונג און אומבאהאָלפנקייַט באם אנאַליזירן די עמעסע וואָרצלען פונעם סאָציאַלן אומיוישער, מאסקירנדיק זיך מיט „אלגעמיינמענטשלעכע” לאָזונגען, גיט זיך אין א באַשטימטער מאָס איין די בורזשואזע אידעאָלאָגן צו באארבעטן די אינטעליגענץ אין העסקעם מיט זייערע אופגאבן.

[1] עסכאטאָלאָגיע — דער סכום פון די רעליגיעזע אָנשויונגען וועגן דעם קלוימערשטן אונטערגאנג פון דער וועלט און וועגן דעם גוירל פון דער מענטשהייַט.

דעם דאָזיקן פּראָפּאגאנדיסטישן אײַנפלוס האָט ניט אויסגעמיטן אויך סאָל בעלאָו. און דאָס איז, ווען מע נעמט אין אכט דעם אבסט־ראקטן כאראקטער פון זײַן מאָראליש־עסטעטי־שער קאָנצעפּציע, טראָץ דער שטרעבונג פו־נעם אויטאָר גופא (און עפשער אדאנק אָט דער שטרעבונג) צו פארהיטן די פּאָזיציע פון א „ניט־פארינטערעסירטן" אָביעקטיוון באָאבאכ־טער, ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון זײַנע פּערסאָנאזשן, וועמען „דאָס לעבן און דער גוירל האָט געצווונגען צו שטיין אין א זײַט און אדאנק זײַנע מעגלעכקײַטן טראכטן בלויז וועגן אוניווערסאלע זאכן" („די פּלאנעט פונעם הער סעמלער").

די שאפונג פון סאָל בעלאָו איז אייגנארטיק. אין איר ווײַזן זיך ארויס אויך אייניקע שטריכן פון דער ייִדישער נאציִאָנאלער פּסיכאָלאָגיע און קוידעמקאָל — די דערינערונגען וועגן די טראגישע קאָרבאָנעס אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, דאָס געפיל פון שולד בענעגייע די אומגעקומענע. אָבער די דאָזיקע געפילן, ווי אויך די עצעם טראגעדיע, די רעציכעס פונעם פאשיסטישן גענאָציד, ווען זיי זײַנען ארויסגעריסן פון דער קאָנקרעטער היסטאָרישער סיטואציע און ווערן באטראכט אבסטראקט, אויסער די סאָציִאלע אומשטענדן, פארוואנדלען זיי די ווירקלעכע טראגעדיע אין א גרויזאמען סימבאָל, צעבלאָזנדיק קינסטלעך דעם קאָמפּלעקס פון דער שולד און פלאנצנדיק צווישן דער ייִדישער געזעלשאפטלעכקײַט דעם געדאנק, אז איר גליק און ווױלשטאנד זײַנען קלוימערשט אויך איצט ניט זיכער און עפּעמע־ריש, ווײַל זי שטייט אייביק פאר דער סאקאָנע פון א נײַעם „האָלאָקאָוסט". אזא מין אויפן פון באגיין זיך מיטן פאָלקס־אומגליק, כאָטש דאָס ווערט אפילע געטאָן ניט בעקיוון, איז ניט דער־לאָזבאר און א פארשוועכונג פונעם הייליקן אָנדענק. דער פאשיזם איז די טראגעדיע פון דער גאנצער מענטשהײַט. האלטן אים בלויז אלס א נאציִאָנאלע טראגעדיע באטײַט פאר־שמעלערן די מאסשטאבן, נאָך מער, אויסבא־האלטן די עמעסע סאָציִאלע וואָרצלען פון דער טראגעדיע, אירע קלאסן־וואָרצלען, און דאָס לוינט סאָפּקאָלסאָף פאר דער בורזשואזער, בא־זונדערס פאר דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע.

מע דארף גלײַך באמערקן, אז דער ציִעניזם גייט בעהאדראָגעדיק אוועק אלץ ווײַטער און ווײַטער פון די אופגאבן פון א שמאָל־נאציִאָ־נאליסטישער אידעאָלאָגיע. די הײַנטיקע אינ־טערעסן פון דער ייִדישער בורזשואזיע ווערן נאָך ענגער, איידער ביז איצט, פארבונדן מיט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון דער בורזשואזיע פון אנדערע נאציִאָנאליטעטן, ווײַל אין דער אונטערשטער שורע פאראייניקט זי די געמיינזאמקײַט פון די קלאסן־אופגאבן. אין העסקעם דערמיט בײַטן זיך אויך די פאָר־מען און מעטאָדן פון דער ציִעניסטישער אידעאָ־לאָגיע. ניט אָפּלייקענענדיק די ספּעציפיק, וואָס איז כאראקטעריסטיש פארן ציִעניזם, דארף מען דאָך אָפּמערקן, אז הײַנט־צו־טאָג שטייען אין דער ערשטער ריי די אלגעמיין־קלאסעווע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אופ־גאבן פון דער גרויס־בורזשואזיע. און אָט די געמיינזאמקײַט סטימולירט די ציִעניסטן צו פּרוּוון אריבערציִען אף זייער זײַט, קעדיי אויס־נוצן צוליב פּראָפּאגאנדיסטישע צילן, די אײַנ־פלוסרײַכע און פּאָפּולערע שעפער פון דער אינטעליגענץ.

וועלכע פּסיכאָלאָגישע און עמאָציִאָנעלע סטי־מולן נוצט אויס די בורזשואזע ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע און אין וואָס פאר א מאָס גע־פינט דאָס אָן אָפּשפּיגלונג אין דער שאפונג פון סאָל בעלאָו? דעם שטארקסטן אײַנדרוק אף דער פּסיכאָלאָגיע פון דער ייִדישער געזעל־שאפטלעכקײַט האָבן געמאכט די טראגישע גע־שעענישן בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, דאָס בארבארישע אומברענגען 6 מיליאָן ייִדן.

פאר בעלאָוס העלדן, באזונדערס פאר יענע, וואָס זײַנען דעם אויטאָר אמנאָענטסטן לויטן גײַסט, לעמאָשל, פאר דעם מיסטער סעמלער („די פּלאנעט פונעם הער סעמלער"), ווערט אָט דאָס געפיל א צווייטע רעאליטעט, אן אייגנ־ארטיקער פאָן, וואָס שפּיגלט אָפּ די געשעענישן אויך פון דעם הײַנטיקן טאָג. פונדאנען שטאמט דער פאקט, וואָס די העלדן פון בעלאָוס ראָ־מאנען פּאסן אויף די ווירקלעכקײַט אף א פאר־שארפטן אויפן, זיי פילן זיך עקזיסטענציִאליס־טיש אף דער גרענעץ פון לעבן און טויט. פאר בעלאָון איז די מילכאָמע איינצײַטיק געווען סײַ א טראגעדיע, סײַ א קאָנטראָל פונעם מענטשנס בעסטע אייגנשאפטן, אומאָפּהענגיק פון דער נאציִאָנאלער אָנגעהעריקײַט. סעמלער, אשטיי־גער, אין א מינוט פון סאקאָנע, ראטעוועט פון טויט אן אלטן מאן, א פּאָליאק, ריזיקירנדיק דערבײַ מיטן אייגענעם לעבן. אינעם מענטשן, — זאָגט בעלאָו, — האָט זיך פארהיט דער אוראל־טער טיפּ (ארכיטיפּ) פון גוטס, וואָס באקומט זײַן אויסדרוק אינעם געפיל פון אייניקײַט און קעגנזײַטיקער הילף אין א צײַט פון טויט־גע־פאר. אין אָט דעם גלויבן אינעם מענטשן איז דער קוואל פון דעם שרײַבערס הומאניזם.

דאָס טאָגטעגלעכע לעבן אָבער איז געפער־לעך פארן מענטשן. מיליאָנען בירגער ווערן פארנארט דורך די נישטיקע טײַוועס, פאלשע ווערטן, עס לעבן אוף די אלטע אָבערגלויבנס, אָדער „אומזיניקײַטן", ווי בעלאָו רופט זיי, און איינער פון אָט די אומזיניקײַטן איז — דער אנ־טיסעמיטיזם. די עצעם שטעלונג פון דער פרא־גע, דאָס קוואליפיצירן דעם אנטיסעמיטיזם אלס איינע פון די „אומזיניקײַטן", וועלכע זײַ־נען אייגנטימלעך דער מענטשהײַט, פארטונקלט דעם סאָציִאלן אינהאלט און דעם קלאסן־מעהוס פון אָט דער דערשײַנונג, און דאָס ווידער־שפּרעכט סאָפּקאָלסאָף בעלאָוס געדאנק וועגן דער איינהײַט פון די מענטשן. די אָפּוועזנהײַט פון געניטע באגריפן וועגן די סאָציִאלע וואָרצ־לען פונעם אנטיסעמיטיזם צווינגט בעלאָון און זײַן גלײַכן, וועלכע דענקען מיט „אלמענטש־

לעכע״ קאַטעגאָריעס דורך דער פּריזמע פון פילאָסאָפיש־עסטעטישע קאָנצעפּציעס, צו גיסן אָביעקטיוו וואַסער אף די מיל־רעדער פונעם ציִוניזם און זײַן פּראָפּאַגאַנדע, אַז דער „אַנטי־סעמיטיזם לעבט אייביק״.

מע דאַרף אָפּמערקן, אַז אויך די דאָזיקע ציִע־ניסטישע דאָגמע האָט דורכגעמאַכט באַשטימ־טע ענדערונגען. אין דער לעצטער צײַט טומלט די ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע וועגן דעם אַזוי־גערופענעם „סאָציאַליסטישן״ און „לינקן״ אַנ־טיסעמיטיזם, וואָס איז פּאַקטיש א פאָרם פון אָפענער רעכילעס־טרײַבערײַ אף דער סאָציאַ־ליסטישער און קאָמוניסטישער באַוועגונג און איז געווענדט קודעמקאָל קעגן דעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד. בעלאָוס שטעלונג אין אָט דער פראַ־גע דעמאָנסטרירט אָנשוילעך, ווי ווײַט ווידער־שפּרעכלעך עס קאָנען זײַן די אָנשויונגען פון א שרײַבער, וואָס כאַפּט אוף אינטויִטיוו דעם לעבנס־מאַטעריאַל און איז, אַלס פאָרשטייער פון די בורזשואַזי־ליבעראַלע שיכטן, אונטערגע־פאַלן אונטערן אײַנפלוס פון דער ציִוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

עס איז גענוג צו פאַרגלײַכן בעלאָוס ראָמאַן „דער קאָרבן״ מיט זײַן פובליציסטיש ווערק „א רײַזע קיין ירושאָלאַיִם און צוריק״. אין אָט דעם ווערק, אין וועלכן בעלאָו פאַרופט זיך אף סיניאַווסקין, נעוורואַזאָוון און אַנד. „קעמפּער פאַר דעם רעכט פונעם מענטשן״, וועלכע זײַנען ביטערע סאָנים פון דער סאָוועטנמאַכט, דער־קלערט ער דעמאַגאָגיש וועגן דער עקזיסטענץ פון א „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם״. ער איז, פאַרשטייט זיך, ניט אימשטאַנד צו ברענגען כאָטש איין איבערצײַגנדיקן פאַקט און פאַרופט זיך דעריבער בלויז אף די זעלבע דיסידענטן. זײַנע ידיִעס וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד שעפּט ער אויסשליסלעך פון די פילצאָליקע פאַרשפּרייטע אַנטיסאָוועטישע מאָנאָגראַפיעס פון די „סאָוועטאָלאָגן״, וואָס זיי זײַנען געוויינ־לעכע סכאָלאַסטישע זאַמלונגען פון אַנטיסאָווע־טישע פּראָפּאַגאַנדיסטישע שטאַמפּן. אין בעלאָוס אַרויסזאָגונגען וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז ניטאָ און קאָן ניט זײַן ניט קיין לעבנס־עמעס, ניט קיין קינסטלערישער עמעס. אויב מע זאָל זיך אָבער האַלטן בא דעם שרײַבערס לאָגיק, וועט זײַן געזעצמעסיק צו מיינען, אַז אין א געזעלשאַפט, ווו עס הערשט די „פרײַע דעמאָקראַטישע מײַרעוו־סיסטעם״, טרעפט מען ניט אַזאַ דערשײַנונג, ווי אַנטיסעמיטיזם. אָבער גראָד די פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם פאַר־נעמט דאָס צענטראַלע אָרט אינעם ראָמאַן „דער קאָרבן״.

אַזוי לילײַענטאַל, דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן, איז קרענקלעך פּילבאַר צו יעטווידער דערשײַנונג פון ביטל־באַציִונג צו זײַן נאַציאָ־נאַלער ווירדע. ער האַלט אין איין וואַרטן אָנ־געשטרענגט אף אַן אָרדנטלעכן אָנפאַל מיצאַד די מענטשן, וועלכע רינגלען אים אַרום, און אפילע פון די מענטשן, וועלכע זײַנען מיט אים נאָענט. לויט א צופאַל ווערט גראָד לילײַענטאַל די סיבע פון שווערע איבערלעבונגען פונעם דײַטש אַלבי, וועלכער האָט פריִער דערקוטשעט לילײַענטאַלן מיט זײַנע אַנטיסעמיטישע אַרויס־זאָגונגען. די ראָלן בײַטן זיך: לילײַענטאַל ווערט איצט באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליסטישע אָבער־גלויבנס, און מע פאָדערט בא אים מיטגעפיל און קאָמפּענסאַציע. „דער קאָרבן״ איז א סימ־באָלישער נאָמען. א קאָרבן איז דער הויפּט־העלד אַליין און אויך דער אַנטיסעמיט אַלבי, א קאָרבן פון די סאַמע עקלהאַפטע נאַציאָנאַ־ליסטישע פאָרורטיילן, וועלכע ווידערשפּרעכן דער נאַטירלעכער שטרעבונג פון דער מענטש־הײַט צו האַרמאָנישער קאָעקזיסטענץ. בעלאָו אָבער שטעלט זיך אָפּ בא דעם דאָזיקן עטישן מאָטיוו, ער האָט קיין כיישעק ניט צו פאַנאַנ־דערקלײַבן זיך ווײַטער אין די עמעסע סאָציאַלע סיבעס פון אַזעלכע פאָרורטיילן, ער דערקלערט זיי ווידעראַמאָל אַלס „אַלגעמיינעם אומזין״. אין דעם פאַל לײַדט אין א געוויסער מאָס פון דער „אומזין־קרענק״ אויך דער אווטאָר אַליין.

אַזאַ מין פאַרשמעלערן די פּראָבלעם, אַזאַ פּרווו צו לייזן זי בלויז אפן ניוואָ פון דער פּסיכאָלאָגיע ברענגט דערצו, אַז ניט בלויז דאָס ווערק גופע ווערט אָרעמער, נאָר אויך דער שרײַבער קומט צו פאַלשע און געפערלעכע אויספירן. בעלאָו, וואָס פּראָטעסטירט קעגן יעטווידן מין נאַציאָנאַלער ראַסעווער דיס־קרימינאַציע, דערלויבט זיך פונדעסטוועגן צו שטעלן אין איין ריי דעם נאַציסטישן ייִדן־מאָרד און דעם אויסגעטראַכטן „סאָוועטישן אַנטיסע־מיטיזם״, פאַרגעסנדיק, אַז טאַקע דאָס סאָוועטי־שע פאָלק, איך באַטאָן — דאָס גאַנצע סאָוועטי־שע פאָלק, האָט, שטעלנדיק א ווידערשטאַנד דעם פאַשיזם, באַפרײַט די קאַצעטניקעס פון אַלע געטאָס און טויט־לאַגערן, פון אָשווענ־טשים, בוכענוואַלד און אַנד.

דאָס, וואָס געוויסע פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ ווייסן ניט די עמע־סע פאַקטן וועגן דעם אָנטייל פון די סאָוועטי־שע ייִדן, צוזאַמען מיטן גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, אינעם קאַמף פאַר אופבויען דעם קאָמוניזם, די ווירקלעכע לאַגע פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג אין די סאָציאַליסטישע לענדער, גיט די מעגלעכקײַט דער ציִוניסטי־שער פּראָפּאַגאַנדע צו באַאַרבעטן אין גײַסט פון אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם אפילע די קריטיש דענקענדיקע שרײַבער. די טענדענץ צו אָפּזונדערן איין דערשײַנונג, באַטראַכטן זי אויסער דער קאָנקרעטער היסטאָרישער סיטואַ־ציע, היפּערטראָפירן זי, איז א טיפּישער גאַנג אינעם פילאָסאָפיצירן די ווירקלעכקײַט, און אַזאַ גאַנג נוצן אויס די בורזשואַזע אידעאָלאָגן. די אופגאַבע פונעם שרײַבער, וועלכער פּרעטענ־דירט צו זײַן אָביעקטיוו, באַשטייט אין אופ־שטעלן דעם ווירקלעכן היסטאָרישן קאָנטעקסט און אף זײַן פאָן באַטראַכטן און אָפּשאַצן די פאַרקומענדיקע געשעענישן.

אינעם בוך „א רײַזע קיין ירושאָלאַיִם און צוריק״ כאַזערט בעלאָו איבער די באַוווסטע

דאָגמעס וועגן דעם „אראבישן אנטיסעמיטיזם", וועלכער איז באזירט אף די טראדיציעס פונעם איסלאם. בעלאָו פּרוּווט אפילע ניט א טראכט טאָן וועגן דעם, צי עס האָט עפּשער אָן אָרט ניט דער האס צו די ייִדן, מיט וועמען די אראבער לעבן צוזאמען קאמע יאָרן, נאָר א פּראָטעסט קעגן דער עקספּאנסיע־פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, וואָס האָט דערפירט מיליאָנען אראבער צו אן אומגליקלעך לעבן. אליין בעלאָו באשרײַבט זייער ווארעם זײַנע באגעגענישן מיט דער אראבישער באפעלקערונג פון ייִסראָעל, ער איראָניזירט איבער זײַן גיד — א דיכטער פון ייִסראָעל, וואָס איז אָפן אומצופרידן פון אָט די באגעגענישן און איז געשטימט פײַנטלעך צו די אראבער. בעלאָו דער הומאניסט טרעט ארויס קעגן דער ייִסראָעל־אגרעסיע, ער פארגלײַכט זי מיט דער „הייליקער מילכאָמע" פון די מוסולמענער אָדער מיט די קרייץ־צוגן. בעלאָו איז געווען צווישן יענע, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דעם בריוו צו דער בעגין־רעגירונג, פּראָטעסטירנדיק קעגן די אגרעסיווע אקציעס פון ייִסראָעל. מיט די ליפּן פון איינעם פון זײַנע פּערסאָנאזשן — סעמלער — דערציילט דער שרײַבער וועגן די קאָרבאָנעס און אכזאָריעסן, וועלכע די אָקופּאנטן האָבן פארשאפן די אראבער, אין דער זעלבער צײַט הערט ער אָבער ניט אוף צו טײַנען וועגן דעם „אראבישן אנטיסעמיטיזם". עס באקומט זיך דער אײַנדרוק, אז מיר זעען פאר זיך צוויי מענטשן: איינער דענקט זעלבשטענדיק, דער צווייטער זינגט מיט א פרעמדער שטים.

ספּעקולירנדיק אף די עמאָציעס פון דער וועלט־עפנטלעכקײַט, פּרוּווט די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע שילדערן ייִסראָעל אלס א מאָקעם־מיקלאָט פאר די קאָרבאָנעס פונעם פאשיזם און די ייִסראָעל־געזעלשאפט אלס א זײַל פון דעמאָקראטיע. דערין העלפט מיט אין א געוויסער מאָס דער פאקט, וואָס אייניקע בורזשואזע אינטעליגענטן, צווישן זיי סאָל בעלאָו, האָבן זיך אנטוישט אין דער אזויגערופענער מײַרעוו־דעמאָקראטיע. „די דעמאָקראטיע, — שרײַבט בעלאָו, — איז אין טאָך ניט מער ווי פּראָפּאגאנדע, די דיסקוסיעס אָן א סאָף זײַנען ניט מער ווי א פאָרם פון קײַען קלאָטשע — א מין מאלעגיירע זײַן די ליבעראלע פּרינציפּן". ייִסראָעל, אלס א ייִנגערע מעלוכע, האלט דער אווטאָר, האָט עפּשער נאָך ניט באוויזן צו יארשענען און אנטוויקלען די מערהײַט קרענק פון דער אלטער גויסעדיקער ציוויליזאציע. עס איז כאראקטעריסטיש, וואָס אזעלכע קאָנצעפּציעס וועגן דער יונגער פּילצוזאָגנדיקער געזעלשאפט זײַנען בעשײַטע געווען פּאָפּולער אויך בענעגייע די פארייניקטע שטאטן, נאָר זיי האָבן ניט אויסגעהאלטן דעם קאָנטראָל פון דער צײַט. די ספּייקעס, ווי ווײַט רעאל עס זײַנען די דאָזיקע טעאָריעס בענעגייע דער ייִסראָעל־געזעלשאפט, באהערשן אויך בעלאָון, האגאם ער באמיט זיך מיט אלע קויכעס צו גלייבן אין זיי און שאפן אילוזיעס בא זײַנע לייענער. „עס פארבלײַבט, — שרײַבט בעלאָו, — די פּאלעסטינער פּראָבלעם, — די שווערסטע, ניט אויסהיילבארע קרענק פון ייִסראָעל. מיר זײַנען אהער געקומען, קעדיי אויסבויען א יוישערדיקע געזעלשאפט. און אָט וואָס עס איז געשען אין סאמע אָנהייב".

אייניקע ליטעראטור־קריטיקער, אשטייגער אלווין ראָזענפעלד, ווארפן פאָר בעלאָון, אז אין זײַן בוך „א רײַזע קיין יערושאָלאַיִם און צוריק" פילט זיך זײַן פרעמדקײַט צו די ייִסראָעל־אידעאלן. עס איז טאקע עמעס, אז בעלאָו האלט אין איין באטאָנען, אז ער איז געקומען קיין ייִסראָעל, קעדיי זען און הערן און ניט ארויסזאָגן זײַנע אייגענע געדאנקען. אזא מין אײַנגעהאלטנקײַט איז צו דערקלערן קוידעמקאָל דערמיט, וואָס דער שרײַבער איז באהערשט פון ספּייקעס וועגן דער רעאלקײַט פון די ציִעניסטישע אידעאלן. פון דער צווייטער זײַט, פארלאָזט אים ניט דאָס געפיל, אז ער איז אין אָט דעם לאנד קוידעמקאָל אן אויסלענדער, אן אמעריקאנער. דעריבער האָט ער קיין רעכט ניט צו אָנבינדן דאָ זײַן מיינונג, אָבער ער האָט יאָ רעכט צו האלטן זיך בא איר.

טאקע אָט די פּאָזיציע פון א זײַטיקן באאָבאכטער, וואָס קוקט אף דער ייִסראָעל־געזעלשאפט פון זײַן „פּרעכטיקן ווײַטן קאנט", פארפירט דעם אווטאָר אזוי ווײַט, אז ער דערלויבט זיך ניט צו זאָגן א וואָרט קריטיק קעגן ייִסראָעל, ער בארעכטיקט אלע סאָציִאלע און פּאָליטישע פעלערן מיט די „הארבע לעבנס־באדינגונגען", מיט דער „שטענדיקער סאקאָנע פאר דעם קיִעם פון דער מעדינע".

בעלאָו איז אנציקט פונעם שטאָט־מער פון יערושאָלאַיִם טעדי קאָלעק, וועלכער טוט, ווי אים, בעלאָון, דוכט, אלץ, וואָס מעגלעך איז, קעדיי צו פארבעסערן דאָס לעבן פון די אראבער אין אָט דער שטאָט. ווען די אראבער וואָלטן נאָר געקאָנט אָפּשאצן „אלע גוטע זאכן", וועלכע ער טוט פאר זיי! — קרעכצט בעלאָו, נאָר לײדער קאָנען זיי דאָס ניט טאָן צוליב די קעמפערישע טראדיציעס פונעם איסלאם, וואָס דערלויבט זיי ניט צו אָפּשאצן די באמיִונגען פונעם יערושאָלאַיִמער מער און לעבן פרידלעך אונטער זײַן עגידע. און דאָס שרײַבט אן אווטאָר, וועלכער טרעט ארויס קעגן נאציִאָנאליזם, פאר די אידעאלן פון הומאניזם און יוישער! צי דען איז אָבער שווער צו פארשטיין, אז קיינע מאטאָנעס און נעדאָוועס קאָנען ניט פארבײַטן א היים, אז דאָס ברויט, וואָס מע באקומט פון פרעמדע הענט, האָט שטענדיק א ביטערן טאם? אזא אייגנזײַטיקע פּאָזיציע, אזא געפיל פון אומצוטרוי צו די אראבער העלפט ניט מיט דער קאָעקזיסטענץ פון די צוויי פעלקער.

באטראכטנדיק ווײַטער ייִסראָעל בלויז אלס א „מאָקעם־מיקלאָט פאר די מילכאָמע־קאָרבאָנעס און אלס שוץ קעגן נײַע אויסברוכן פון גענאָציד", אונטערשטרײַכנדיק אין צוזאמענהאנג דערמיט ספּעציִעלע מאָראלישע יעסוידעס,

מאכט בעלאָו דעם אויספיר, אז „די ייִדן זײַנען געקומען אין דעם לאנד, קעדיי סאָפּקאָלסאָף נאָרמאליזירן זייער לעבן". „די קוים לעבעדיקע קאליקעס, וועלכע זײַנען ארויסגעקראָכן פון אָשווענטשים, האָבן דערוויזן, אז זיי קאָנען קולטיווירן דעם מידבער, שאפן דאָרט אן אינדוסטריע, אויסבויען שטעט, א געזעלשאפט, א וויסנשאפט, ליטעראטור און פילאָסאָפיע און שאפן אן ארמיי פון קרעפטיקע שלאכטלײַט".

אָבער דאָס קעסיידערדיקע דערמאָנען וועגן דער „באזונדערער מאָראלישער טראדיציע", וועלכע שטעלט אוועק דאָס ייִסראָעל־פאָלק אין א געוויסער אויסנאם־לאגע, דאָס קעסיידערדיקע פארופן זיך אָף דער „סאקאָנע פארן קיִעם פון דער מעדינע", די אטמאָספער פון אָנגעשטרענגטקײַט און שרעק, וואָס ווערט צעבלאָזן דורך דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע, העלפט ווייניקער פון אלץ צו נאָרמאליזירן דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן. כוץ דעם, האָט, אפּאָנעם, בעלאָו, וואָס האלט זיך בא זײַן קאָנצעפּציע וועגן „שטיצן די יעסוידעס פון דער געזעלשאפט" און בא זײַן פּאָזיציע פון א זײַטיקן באָאבאכטער, דערמאָנט בלויז אויבערפלעכלעך וועגן די עקאָנאָמישע און סאָציִאלע שוועריקײַטן, וועלכע עס שטייען אויס די ייִסראָעל־בירגער. לייענענדיק בעלאָוס בוך „א רײַזע קיין יערושאלאיִם און צוריק", באקומט מען דעם אײַנדרוק, אז דאָ רעדט זיך בלויז וועגן עפּעס א געזעלשאפט א פאנטאָם, וואָס קען נאָר כקירעדן וועגן שארפע פּאָליטישע אידייען און צווישנפעלקערלעכע געשעענישן און טראכט ניט וועגן רעאלע מענטשן מיט זייערע אקטועלע טאָג־זאָרגן. „דאָ אין יערושאלאיִם, — שרײַבט דער אווטאָר, — ווען איך פארמאכט די טיר פון אײַער שטוב, פאלט איר ארײַן אין א סטיכיי פון רייד: שטרײַטן, אנאליזן, טעאָריעס... אין דער אונטערשטער שורע איז די טעמע פון דער באהאנדלונג — די מאָראלישע געזעלשאפט, וועלכע איז פאר די לעצטע צען יאָר געשאפן געוואָרן אין ייִסראָעל".

די רייד פון אָט דעם מין — „וועגן דער ספּעציפישער מאָראלישער געזעלשאפט" — ווען עס עקזיסטירט די פּאלעסטינע־פּראָבלעם, די פּראָבלעם פון מיליטאריזירטע ייִסראָעל־ייִשווים אָף דער ערד פון אָקופּירטע געגנטן, און עס האָבן אָרט קריגס־אקציעס אין דאָרעם־ליִבאן, קלינגען, ווייך גערעדט, צוויִעסדיק און פארוואנדלען דעם שרײַבער אין א דורכפירער פון דער נאציִאָנאליסטישער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע.

זײַן באציִונג צו די קאָרבאָנעס פונעם פאשיסטישן גענאָציד טראָגט בעלאָו אריבער אָף דער גאנצער ייִסראָעל־געזעלשאפט, באטראכטנדיק זי ווי אן אײנהײַטלעך גאנצעס, וואָס דאָס שטימט לאכלוטן ניט מיט דער ווירקלעכקײַט, ווײַל היינט־צו־טאָג איז די דאָזיקע געזעלשאפט אין העכסטן גראד ניט אײנארטיק, ניט אין סאָציִאלן זין, ניט אין עטנישן, ניט אין דער קולטור, און אוודאי קאָן מען זי ניט האלטן פאר א געזעלשאפט, וואָס באשטייט אויסשליסלעך פון פּליטים פון פאשיסטישן גענאָציד. צוגלײַך מיט דער גרויסער צאָל אימיגראנטן, וועלכע שטאמען פון פארשיידענע לענדער און בעמייסלע זײַנען זיי די טרעגער פון פארשיידענע סאָציִאלע און פּאָליטישע איבערצײַגונגען, איז אין ייִסראָעל אויסגעוואקסן א דאָר פון סאברעס — יוגנט, וואָס זייערע אָנשויִונגען זײַנען פאָרמירט געוואָרן אין א גאנץ אנדערן אידעאָלאָגישן קלימאט, איידער דער קלימאט, אין וועלכן עס האָבן געלעבט זייערע פאָרגייער. אָף דעם סאָברע־דאָר האָבן די מילכאָמעס פון 1967 און 1973 געווירקט שטארקער, איידער די צווייטע וועלט־מילכאָמע.

ווי בעלאָו זאָגט, האָט פאר אים ייִסראָעל א צווייענדיקן זין. „עס עקזיסטירן צוויי מעדינעס מיטן נאָמען ייִסראָעל. דאָס רעאלע ייִסראָעל איז טעריטאָריעל די גרייס, ווי א גענעץ..." דאָס צווייטע ייִסראָעל מאָלט בעלאָו אלס א מאָראלישן סימבאָל, פארדעקנדיק דערמיט דאָס עמעסע ייִסראָעל מיט זײַנע רעאלע שוועריקײַטן און פּראָבלעמען. אזא שטרויסן־טאקטיק מאכט נאָך טיפער די קאָמפּליקאציעס און קאָנפליקטן פון דער ייִסראָעל־געזעלשאפט און העלפט אין קיין פאל ניט צו נאָרמאליזירן דאָס לעבן פון די ייִסראָעל־בירגער. דאָס פארשטייען שוין אויך א סאך מענטשן אין ייִסראָעל גופע. ווי דער פּראָפעסאָר פונעם יערושאלאיִמער אוניווערסיטעט טאלמאָן דריקט זיך אויס (טאלמאָנס שטאנדפּונקט ברענגט גענוי בעלאָו), „ווערט ייִסראָעל אלץ מער און מער פארוואנדלט אין א געטאָ־מעלוכע". די רעאלע ווירקלעכקײַט גיט דאָ צו וויסן וועגן זיך אָף יעדן טראָט, מאכנדיק א טעל פון דעם אידעאליזירטן סימבאָל, וועלכן די ציִעניסטן האָבן אויסגעטראכט. „נאָך דער מילכאָמע פון 1967, — שרײַבט ווײַטער פּראָפעסאָר טאלמאָן, — איז ייִסראָעל געוואָרן א מיליטאריסטישע מעלוכע".

שטימונגען פון פעסימיזם זײַנען כאראקטעריסטיש פאר א סאך ייִסראָעל־בירגער, וועלכע זײַנען אנטוישט אין די ציִעניסטישע לעגענדעס וועגן דער ספּעציפישער מאָראלישער דעמאָקראטישער געזעלשאפט. איינער א באוווסטער שרײַבער, בעלאָו רופט זײַן נאָמען ניט אָן, איז איבערצײַגט, אז ייִסראָעל האָט צופיל געזינדיקט. „ייִסראָעל האָט פארלאָרן זײַן מאָראלישן סימבאָל, און איצט האָט עס ניט פאר וואָס צו קעמפן". בעלאָו אליין אָבער, וואָס אנערקענט טיילווײַז, אז די פאָרווורפן זײַנען ריכטיקע, קלאָגט זיך פונדעסטוועגן, אז „אומעטום, ווו מע הייבט אָן ריידן וועגן ייִסראָעל, שיטן זיך אָן א סאָף פון אלע זײַטן מאָראלישע פאָדערונגען". בעלאָו פארגעסט אָף א ווײַל וועגן זײַנע אייגענע כקירעס מיקויעך דעם אומגעווײנלעכן מאָראלישן יעסאָד פון דער ייִסראָעל־געזעלשאפט, און ער גייט דאָס מאָל אריבער צו כקירעס וועגן די אומבאגרינדעטע מאָראלישע פאָדערונגען, וועלכע ווערן ארויסגעשטעלט צו ייִסראָעל, האגאם מע קאָן דען האלטן פאר צו

הויך די פאָדערונג צו אָפּשטעלן די אַגרעסיע און געבן דעם אומגליקלעכן פּאַלעסטינער אַראַבער פאָלק נאָרמאַלע עקזיסטענץ־באַדינגונגען?

אין זײַן שטרעבונג צו פאַרייניקן דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרייניקן, צופּאַסן דאָס רעאַלע לעבן צו די פּראָפּאַגאַנדיסטישע שטאַמפּן, דערבײַ נאָך פאַרהיטן זײַן פּאָזיציע פון אַ שרײַבער אַ הומאַניסט, האָט בעלאָו זיך ענדגילטיק פאַרפּלאָנטערט, און וואָס ער איז זיך אָפן מוידע: „אַזעלכע פראַגן, ווי די געשיכטע פונעם איסלאַם, די פּאָליטיק פון ייִסראָעל, די אינערלעכע און אויסערלעכע פּראָבלעמען פון אַמעריקע, וואַלגערן זיך אָן איינע אויף דער אַנדערער, שוין אָפּגערעדט וועגן דער וואַרשײַנלעכקײַט פון אַ דריטן וועלט־אופרײַס און פון אַ קריזיס פון דער מײַרעוו־ציוויליזאַציע. אָנשטאָט קלאָרקײַט קומען מיר צו אַ כאַאָס!”.

אין אַזאַ כאַאָס פאַלן אַרײַן אומבאַדינגט יענע, וואָס נעמען אַנאַליזירן דיווירקלעכקײַט, ניט אַראָפּגייענדיק פון די אַבסטראַקטע אַלמענטשלעך־עטישע פּאָזיציעס. בעלאָו פּרוּווט זיך שטעלן אויסער אידעאָלאָגיע, פאַרהיטן די אומאָפּהענגיקײַט פון די באַהאַנדלונגען, און ער פאַלט אומגערן אַרונטער אונטער דעם אײַנפלוס פון פּראָפּאַגאַנדיסטישע שטאַמפּן, הייבט אָן אַליין צו פּריידיקן די שטאַמפּן, אין ווידערשפּרוך מיט זײַנע אייגענע איבערצײַגונגען.

באַטראַכטנדיק ייִסראָעל אַלס עפּעס אַ געזעלשאַפט, וואָס שטייט אויסער דער רעאַלער ווירקלעכקײַט, נאָר זי „קומט אויף אין געדאַנק”, פאַלט בעלאָו אַרײַן (און צוזאַמען מיט אים אַ סך בורזשואַזע אינטעליגענטן) אין פאַרצווייפלונג, וואָס די געגאַרטע אידעאַלן זײַנען ניט מקוּיִם געוואָרן, און אין אַזאַ פאַל דערגייען זיי צו אַן עסכאַטאָלאָגישן עקסטאַז, אַרופוואַרפנדיק די שולד אויף דער גאַנצער מענטשהײַט, אָדער זיי זײַנען געצוווּנגען ווײַניט־איז אויסדרייען זיך, באַקן ליגנס פאַר זיך און פאַר אַנדערע. בעלאָו האָט ניט איין מאָל געקלאָגט זיך, לעמאָשל, אויף די בלוטיקע געשענישן אין ליבאַן, אויף „אָט דער ברודער־מילכאָמע”, ווי ער וואָלט ניט באַמערקט די סאָציאַלע קרעפטן, וועלכע פּראָוואָצירן די מאַסנגוואַלדטאַטן אין לאַנד, און די ראָליע, וואָס ייִסראָעל שפּילט אין אָט דער טראַגעדיע.

האַלטנדיק זיך באַ זײַנע אַבסטראַקטע קאָנצעפּציעס, דערקלערט בעלאָו, אַז די ייִסראָעלגעזעלשאַפט איז באַזירט אויף „אוראַלטע ייִדישע טראַדיציעס”. אָבער קיין איין געזעלשאַפט, קיין איין מעלוכע פון XX יאָרהונדערט קאָן ניט פאַרהיטן אומבאַרירט און גאַנץ די טראַדיציעס פון אַלטערטום, און דאָס איז פולשטענדיק נאַטירלעך, עס באַווײַזט די דינאַמיק און די לעבנספעיִקײַט פון דער געגעבענער געזעלשאַפט. אַ נאַציאָנאַלע סוויווע קאָן ניט בלײַבן דוירעסלאַנג מיט דער איינציקער אינערטער מאַסע, בפרט אַזאַ נאַציאָנאַלע סוויווע, וואָס לעבט און אַנטוויקלט זיך אין לענדער, וועלכע זײַנען פאַרשיידן לויט זייער פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן קלימאַט. אויך אין ייִסראָעל עקזיסטירן אידעאַלן פון דער רעאַקציאָנערער ציוניסטישער בורזשואַזיע, טראַדיציעס פון דער קלעריקאַלער אָרטאָדאָקסיע, שאָוויניסטישע טראַדיציעס פון „גרויס ייִסראָעל”, וועלכע האָבן דערפירט דאָס לאַנד צו בלוטיקע מילכאָמעס; גלײַכצײַטיק עקזיסטירן אין ייִסראָעל דעמאָקראַטישע טראַדיציעס און אידעאַלן פון די אַרבעטנדיקע, אידעאַלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע פאָדערן ניט פון דער מעדינע קיין ספּעציפישע מאָראַלישע סימבאָלן, זוכן ניט פאַר ייִסראָעל „מאָראַלישע ריינקײַט”, נאָר זיי קעמפן קאָנסעקווענט און אַקשאָנעסדיק פאַר קאָנקרעטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע איבערגעשטאַלטונגען אין לאַנד און אַזויאַרום פאַר פאַרווירקלעכן די עמעסע דעמאָקראַטישע אידעאַלן פון די אַרבעטנדיקע אין ייִסראָעל.

ווען מע לייענט די ווערק פון בעלאָו און מע פאַרגלײַכט זיי מיט אייניקע זײַנע אַרויסזאָגונגען, שאַפט זיך אַ צווייענדיקער אײַנדרוק וועגן דעם שרײַבערס פּערזענלעכקײַט. סוביעקטיוו שטרעבט בעלאָו צו פאַרהיטן זײַנע אומאָפּהענגיקע, הומאַנישע אָנשוויונגען, אָביעקטיוו אָבער גייט ער זייער אָפט האַנט בא האַנט מיט דער בורזשואַזער און, קוידעמקאָל, ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

בעלאָו אַליין האָט קיינמאָל זיך ניט געהאַלטן פאַר אַ ציוניסט, ער האָט ניט איין מאָל אויסגעלאַכט יעטווידע נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקײַט און פעטישיזירונג פון פאַרעלטערטע טראַדיציעס. די העלדן פון זײַנע ווערק זײַנען אָדער געשטימט קאָסמאָפּאָליטיש, אָדער זיי האַלטן זיך אַזוי, ווי עס איז אָנגענומען אינעם לאַנד, ווו זיי לעבן. „איך בין אַן אַמעריקאַנער, — זאָגט שוין אויף די ערשטע זײַטן אָגי מאַרטש (דער העלד פונעם ראָמאַן „די פּאַסירונגען פון אָגי מאַרטש”), — איך בין געבוירן געוואָרן אין טשיקאַגאָ”... דעם הער סעמלער, וואָס איז לויט די אָנשויונגען אַמנאָענטסטן צום אוטאָר, באַאומרויִקן מער די אוניווערסאַלע פּראָבלעמען פונעם מענטשנס לעבנסשטייגער און דער גוירל פון דער הײַנטיקער ציוויליזאַציע, איידער די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אַ פילאָסאָף, אַן אינטעלעקטואַל, אַ לײַדנשאַפטלעכער אַנגלאָמאַן, פילט ער שאַרפער זײַן אָפּגעפרעמדטקײַט און איינזאַמקײַט צווישן די הײַנטצײַטיקע נאָרמאַטיוון און גײַסטיקע ווערטן, וועלכע ער פאַרשטייט ניט, איידער זײַן אָנגעהעריקײַט צו אַ וועלכער־ניט־איז נאַציע.

בעלאָוס העלדן האַלטן פאַר בעסער צו בלײַבן פרײַ, ניט פאַרבונדן מיט קיינע קרויווישע אָדער גײַסטיקע פעדעם. דער שרײַבער איז אַ קעגנער פון דער ציוניסטישער קאָנצעפּציע וועגן דער „ריינקײַט פונעם בלוט”, ער האַלט ניט פון די טעאָריעס, אַז ייִדן קאָנען זיך ניט אײַנלעבן מיט אַנדערע פעלקער. אַ סך פון זײַנע פּערסאָנאַזשן האָבן כאַסענע מיט פאָרשטייער פון אַנדערע נאַציעס, זיי באַציִען זיך אינדיפערענט צו די פראַגן פון רעליגיע.

דער פּראָפעסאָר מאָזעס הערצאָג, אשטייגער, האָט מוירע, אַז די געזעלשאַפט וועט פאַרכלינעט ווערן אין דער „שטיקנדיקער אַטמאָספער פון קלויסטערס און סינאַגאָגעס". די הויפּט־מײַלע פונעם מענטשן, האַלט הערצאָג און צוזאַמען מיט אים אויך דער אַוטאָר אַליין, איז דער אינטעלעקט, וואָס איז פרײַ פון פאָרורטיילן, דער פאַרשנדיקער און אומאָפּהענגיקער סייכל. די מענטשהײַט האָט אָבער דעם סייכל פאַרביטן אָף זאַכן און פאַרווײַלונגען, זי האָט אַרײַנגעלאָזט זיך אינעם כוישעך פון אומזין, בלויז ווייניקע זײַנען געבליבן טרײַ די אייביקע גײַסטיקע ווערטן. דער פאַרנונפט, האַלט בעלאָו, איז דער גרונט־קריטעריי פון די ווערטן און פון דער באַדײַטונג פונעם מענטשנס פערזענלעכקײַט.

בעלאָון זעען אויס לעכערלעך פּרעטענזיעס אָף א באַזונדערער גײַסטיקער נאָענטקײַט צווישן מענטשן, וואָס זי באַזירט זיך אָף דער קרויוועשאַפט פונעם בלוט און פון דער נאַציאָנאַליטעט. אין א וועלט פון אַלגעמיינער צעשיידטקײַט און אָפּגעפרעמדטקײַט אַנערקענט דער שרײַבער אַלס איינציקע נאָענטקײַט צווישן מענטשן — די גײַסטיקע, וואָס איז באַזירט אָף דער געמיינזאַמקײַט פון מאָראַלישע און עסטעטישע אידעאַלן. אָף די צוויִעסדיקע רייד וועגן ליבע און פרײַנטשאַפט, וואָס זייער קוואַל איז, קלוימערשט, די איינהײַט פונעם בלוט, די נאַציאָנאַליטעט, ענטפערט מאָזעס הערצאָג מיט אומצוטרוי.

בעלאָוס העלדן און אויך דעם שרײַבער גופא באומרויִקן מער פאַר אַלץ די אָנגעווייטעקטע פּראָבלעמען פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער הײַנטצײַטיקער געזעלשאַפט: די יערידע פון די מאָראַלישע ווערטן, פון דער קולטור, די מעמשאָלע פונעם ביזנעס, וועלכער איז געוואָרן דער הערשער איבער דעם מענטשנס לעבן און איבער זײַנע גײַסטיקע פּרינציפּן. אין דעם פּראַט איז בעלאָו נאָענט צו די בעסטע טראַדיציעס פון דער אינטעלעקטועלער קריטישער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. זײַנע פאַרדאַכטן און ספּייקעס, וואָס האָבן א שײַכעס צום הײַנט און צום מאָרגן פון דער אַמעריקאַנער קולטור, פאַלן זיך צונויף מיט די אָנשויונגען פון א צווייטן אַמעריקאַנער שרײַבער פונעם אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, — ט. ס. עליִאָט: „ווּ איז דאָס לעבן, וואָס מיר האָבן אויסגענוצט, קעדיי צו לעבן? ווּ איז די כאָכמע, וואָס מיר האָבן געשענקט צוליב דערקענטעניש? ווּ איז די דערקענטעניש, וועלכע מיר האָבן פאַרלוירן אין די שטראָמען פון אינפאָרמאַציע? די הימל־וועגן פון XX יאָרהונדערט וועלן אונדז אַוועקפירן אַלץ ווײַטער פון גאָט און אַלץ נעענטער צום באַרמינען"... אין די קריטישע גרונט־מאָטיוון און אין דער פּראָבלעמאַטיק פון זײַן שאַפונג פאַרנעמט בעלאָו א באַשטימט אָרט אין די טראַדיציעס פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דעם מענטשנס לעבן, — באַהויפּט בעלאָו, — דאָס איז א שטענדיקע שאַפונג, וואָס קאָן ניט פאַרטראָגן קיין פּראַגמאַטיזם און ביזנעס. „דאָס לעבן פון יעדן מענטשן איז געוואָרן א ביזנעס, — קלאָגט זיך הערצאָג און צוזאַמען מיט אים בעלאָו. — דאָס איז די ערגסטע פאַרשטעלונג וועגן דעם זין פונעם מענטשנס לעבן. דאָס לעבן פונעם מענטשן איז ניט קיין ביזנעס".

בעלאָו מאַכט א פּרוּוו צו פאַרטיידיקן די פרײַהײַט פונעם שרײַבער, וועמען עס שטיקט די אָפּהענגיקײַט פון די מוישלים פון דער וועלט, פון דער מאַכט פון געלט. ער שטעלט ניט בלויז אונטער א סאָפּעק דעם ניוואָ פון דער גײַסטיקער קולטור פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, נאָר אויך די עצעם צוקונפט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, אירע פריידיקע פּערספּעקטיוון, וועגן וועלכע עס שרײַען אַזוי אייניקע אָפּטימיסטן. „פּונקט ווי פריִער, — שרײַבט אין זײַנע פילצאָליקע בריוו הערצאָג, און ס'איז אויך אין דעם פאַל ניטאָ קיין נייטיקײַט צו קעגנשטעלן אים דעם אַוטאָר, — האָב איך געמיינט, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד וועט ווערט זײַן א גרויסע טקופע, און דער אינטעלעקט וועט סאָפקאָלסאָף אַרויסווײַזן זיך אין די מעלוכע־איניאָנים... אָבער דער מענטשלעכער אינסטינקט האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאַרנונפט, זײַנע אידייען און געשטאַלטן, ניט אָנטרויענדיק זיי, ווי גלײַך זיי וואָלטן געווען עפּעס פרעמדס. ער האָט געהאַלטן פאַר בעסער צו אָנטרויען זיך אַזעלכע זאַכן, וועלכע מע זעט. אַלץ קומט פאָר אַזוי ווי פריִער: יענע, וואָס טראַכטן א סאַך, קאָנען גאָרנישט ניט ענדערן. יענע אָבער, וואָס פון זיי איז אַלץ אָפּהענגיק, טראַכטן ביכלאַל ניט".

אַלזאָ, דער „כאָלעם פונעם פאַרנונפט געבוירט מאָנסטערס" — אָט דאָס איז בעלאָוס ענדגילטיקער אויספיר, און דאָס איז, לויט זײַן מיינונג, די אורסיבע פון אַלע מענטשלעכע צאָרעס. די געזעלשאַפט איז אָנגעשטעקט מיטן גײַסט פון גיריקײַט צו אָנלעבן אויצרעס. דער מאַטעריעלער פּרינציפּ, וואָס איז דער סאַמע אַקטיווער און לעבנספייִקער, שלינגט אײַן דעם שוואַכערן גײַסטיקן פּרינציפּ. דערפון איז געדרונגען, אַז די סאַמע טעטיקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע שטייען בא דער מאַכט, זײַנען מער פון אַנדערע אָנגעשטעקט מיט פּראַגמאַטיזם און גיריקײַט. אין דער צײַט, ווען די עמעסע און אייביקע אידעאַלן פון דער קולטור זײַנען צוטריטלעך בלויז אומבאַהאָלפענע יעכידים, ווען עס איז פרעמד די אַלגעמיינע ערגײַציקײַט. פון אַזאַ קריטישן קוק אָף דער געזעלשאַפט שטאַמט אויך די געוויסע עליטאַרישקײַט פונעם שרײַבערס וועלט־אָנשויונג. בעלאָו כאַפּט פילבאַר אוף די פעלערן פון דער הײַנטיקער אַמעריקאַנער ווירקלעכקײַט, קריטיקירט איר פּאָליטישע מאַכט, אָבער אײַנגאַנצן גענומען באַגרענעצט ער זיך מיט דער קריטיק פון די מאָראַלישע נאָרמאַטיוון און ווערטן, ער רירט ניט אָן זייערע סאָציאַל־פּאָליטישע יעסוידעס.

אין סאמע אָנהייב האָבן מיר גערעדט וועגן
בעלאָוס מעסיקן קאָנסערוואַטיזם אַלס אַ רע־
זולטאַט פֿון זײַנע אַבסטראַקטע קאָנצעפּציעס
וועגן דער געזעלשאַפֿט. זעענדיק אַרום זיך גע־
וואַלט און אַכזאָריעס, דעגראַדאַציע פֿון דער
גײַסטיקער קולטור, זוכט דער שרײַבער די סי־
בע ניט אין די יעסודעס פֿון דער פּאָליטישער
סיסטעם, נאָר אין דעם ווילקיר, אינעם כאָרעוו
מאַכן אָן אַ סיבע די דאָזיקע יעסודעס, אינעם
העפקערדיקן וואָליונטאַריזם פֿון דער פּערזענ־
לעכקייט. „איך האַלט, — זאָגט סעמלער, — אַז
דאָס אַרויסבאַפֿרײַען די פּערזענלעכקייט אין
דער אינדיווידואַליטעט האָט קיין דערפֿאָלג ניט
געהאַט. די הערצער זײַנען פּוסט, די נעשאָמע
האָט ניט קיין שפּײַז, אומבאַגרענעצט זײַנען די
פּרעטענזיעס, אומבאַגרענעצט די מעגלעכקייטן,
אומבאַגרענעצט די צוויִעס". דאָס אַלץ, האַלט
בעלאָו, איז אַ רעזולטאַט דערפֿון, וואָס עס פֿעלט
אויס אַ שטאַרקע מעלוכע־מאַכט, וועלכע גייט
אַליין אַנטקעגן די פֿאַרדאָרבענע מאַסן. „ניטאָ
קיין שטאַרקער רעגירנדיקער קלאַס. די מאַכט־
אָרגאַנען אַליין בוקן זיך שטילערהייט צום האַ־
מוין, פּרוּוון אויסמישן זיך מיט אים". זײַנע
פֿאָרשטעלונגען וועגן דער מאָראַלישער יערידע
פֿונעם באַזונדערן אינדיווידוּום שטעלט בעלאָו
אַרויס אַלס אַ מוסטער פֿון דער גאַנצער
מענטשהײַט, זעענדיק די סיבע פֿון אַלע אומ־
גליקן אינעם אינדיווידואַליזם, וואָס האָט קיין
קאָנטראָל ניט. ער פֿאַרטראַכט זיך ניט איבער
דעם, אַז דער אינדיווידואַליזם, אָט דער גערימ־
טער וואָלאַד און גלײַכצײַטיק יעסאָד פֿון דער
מײַרעוודיקער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, איז
ניט די עמעסע פֿרײַהייט און אַנטשקלאַפֿונג פֿון
דער פּערזענלעכקייט, נאָר בלויז די אָפּפֿרעמ־
דונג פֿון דער פּערזענלעכקייט בענעגייע דער
געזעלשאַפֿט, און אין סאַכאַקל ברענגט עס צו
דער דיסהאַרמאָניע צווישן דעם מענטשן און
דער געזעלשאַפֿט, צו דעם, אַז דער מענטש
פֿאַרלירט דעם אינערלעכן קאָנטאַקט מיט די
אַרומיקע און בעמײַלע צו וואָליונטאַריזם און
אַנטווערטונג פֿון דער עצעם פּערזענלעכקייט.

די פּערזענלעכקייט, האַלט דער שרײַבער,
איז קוידעמקאָל דער טרעגער פֿון טיפֿע מאָראַ־
לישע אידעאַלן, וועלכע זי באַקומט דורך אָנגע־
שטרענגטע זוכונגען און אינערלעכן קאַמף. דער
גרונט־מאַסע מענטשן פֿעלן אָבער די נייטיקע
עטישע און גײַסטיקע יעסודעס, דעריבער
ווערט דער אינדיווידואַליזם פֿון דער מערהײַט
דעגענערירט אין אַ גראָבן, וווּלגאַרן וואָליונ־
טאַריזם, וואָס איז אַ סאַקאָנע פֿאַר דער גאַנ־
צער געזעלשאַפֿט. דער האַמוין, ד.ה. דער מיטל־
קלאַס, האָבנדיק פֿאַרכאַפּט די מאַכט, נאָר קול־
טורעל און מאָראַליש איז ער ניט גרייט צו
אַזאַ ראָליע, יאַרשנט פֿון דער אַלטער געזעל־
שאַפֿט אירע פּריווילעגיעס צו באַנוצן געוואַלט
און ברענגט ניט מיט זיך קיין שום פּאָזיטיווע
נײַס. „דער מיטלקלאַס האָט ניט געשאַפֿן זײַן
אייגענעם ערע־קאָדעקס. דעריבער קאָן ער ניט
אײַנשטיין קעגן דער פֿאַרבלענדונג פֿון גע־
וואַלט און מאָרד. דער מיטלקלאַס, וואָס האָט
ניט געקאָנט שאַפֿן זײַן אייגן גײַסטיק לעבן און
געיאַרשנט בלויז די מאַטעריעלע פּרעטענזיעס
פֿון דער פֿאָריקער געזעלשאַפֿט, וועט קומען צו
אַ קאַטאַסטראָפֿע". אונטערן „מיטלקלאַס" מיינט
בעלאָו די פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלע־
טאַרישע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג.

אַז בעלאָו זאָגט מענטש, מיינט ער בלויז די
שאַפֿונג פֿון דער נאַטור. ער מאַכט ניט קיין
קוואַליטאַטיוון אונטערשייד צווישן אַ מענטשן,
וואָס איז דערצויגן אין דער סאָציִאַליסטישער
אָרדענונג, און אַזאַ, וואָס איז דערצויגן אין די
קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען. אַלע פֿעלערן פֿון
דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט, פֿון דער בור־
זשואַזער אָרדענונג נעמט ער אויף אַלס אַן
אימאַנענטע אייגנשאַפֿט פֿון דעם מענטשנס נאַ־
טור. עס ענדערן זיך בלויז די לעבנס־באַדינ־
גונגען, אָבער דער טאָך פֿונעם לעבן איז אַ
באַשטענדיקער.

דעם אַווטאָרס אַבסטראַקטע פּאָזיציע, זײַן
דורכפֿירן אַ פּאַראַלעל־ליניע צווישן די פֿעלערן
פֿונעם מענטשן פֿון דער בורזשואַזער געזעל־
שאַפֿט און דעם מענטשנס נאַטור ביכלאַל
ברענגט אים צו פּעסימיזם אינעם סאָציִאַלן
פּלאַן. „אַ ניט־דעמאָראַליזירטע געזעלשאַפֿט?" —
רופֿט אויס סאַרקאַסטיש סעמלער און צוזאַמען
מיט אים, דאַרף מען האַלטן, אויך בעלאָו. „ווען
ער האָט געפּרוּווט פֿאָרשטעלן זיך די סאָציִאַלע
אָרדענונג, איז דאָס אים ניט געלונגען. אין זײַן
זיקאָרן איז ניט געווען קיין איין רעוואָליוציע,
וואָס זאָל ניט האָבן דורכגעפֿירט געוואָרן אין
נאָמען פֿון יוישער, פֿרײַהייט און גוטס. אָבער
די לעצטע סטאַדיע פֿון דער רעוואָליוציע איז
שטענדיק געווען נאָך אַ מער ניהיליסטישע,
איידער די פֿאָריקע".

די פּעסימיסטישע פֿאַרבלענדונג גיט צײַטנ־
ווײַז ניט בעלאָון אויך די מעגלעכקייט צו זען
דעם פּרינציפּיעלן כילעק אַפֿילע צווישן דעם
אַמעריקאַנישן און סאָוועטישן לעבנס־אויפֿן,
צווישן די פּרינציפּן און די יעסודעס פֿון די
צוויי קעגנזעצלעכע סאָציִאַלע סיסטעמען. „פֿאַר
סעמלערן זײַנען די פֿאַרייניקטע שטאַטן און
ססר געווען אָן אוטאָפּיע, אומעטום איז היג־
טער פֿאַרגעניגן געלעגן באַהאַלטן אַנטוישונג.
דער טויט האָט געשלײַכט און צוגעוווּנקען דורך
דער גאָלדענער זון פֿון אוטאָפּיע".

בעלאָו האַלט, אַז אַן אַנטיטעזע דעם קאַפּי־
טאַליזם מיט זײַנע וואָליונטאַריסטישע, אינדי־
ווידואַליסטישע פּרינציפּן קאָן זײַן בלויז דער
טאָטאַליטאַריזם. אַזאַ מין דערקלערונג באַטײַט
אַמווייניקסטן — ניט וועלן פֿאַרטיפֿן זיך אינעם
מעהוס פֿון דער סאָציִאַלערווירקלעכקייט. אויב
טאָטאַליטאַריזם (און מיטן וואָרט טאָטאַליטאַ־
ריזם מיינט בעלאָו, לויט אַלע וואַרשײַנלעכ־
קייטן, די סאָוועטישע אָרדענונג) איז אַן אַנטי־
טעזע דעם קאַפּיטאַליזם, איז וויִאַזוי זאָלן מיר
דערקלערן דעם מעהוס פֿונעם הײַנטיקן טאָ־
טאַליטאַריש־דיקטאַטאָרישן רעזשים אין טשי־
לי און אין אַ ריי אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לאַ־

טײַן־אַמעריקאַנישע לענדער? און די לעצטע
פראַגע — װעלכע פּאָליטישע סיסטעם האָט גע־
בוירן דעם סאַמע אומבעראַכמאָנעסדיקן טאָטאַ־
ליטאַרן רעזשים — דעם פאַשיזם? און װיאַזוי
האָט דאָס סאָװעטישע פאָלק, װאָס איז קלוי־
מערשט דערשטיקט דורך דעם טאָטאַליטאַרן
רעזשים, געקאָנט געפינען אין זיך גענוג װילן
און מוט, אַזאַ הייסע ליבע צום היימלאַנד, אַז
ער זאָל צעשמעטערן דעם פאַשיזם?

װען דעם שרײַבער װילט זיך ניט און ער
קען ניט אַרײַנקוקן דעם עמעס אין די אויגן,
װען ער פאַרמאָגט סומבורישע, האַלב באַלע־
בעסלדיקע אָנשויוּנגען װעגן דער נאַטור פונעם
מענטשן און פון דער געזעלשאַפט, פירט דאָס
אים אומפאַרמײַדלעך אין שויס פון דער בורזש־
זשואַזער רעאַקציע, און דאָס העלפט געװיסע
קרײַזן אויסצונוצן אים, עפשער קעגן זײַן װילן,
צוליב אַנטיסאָװעטישע פּראָפּאַגאַנדיסטישע
צילן. בעלאָוס אַנטיסאָװעטישע אַרויסזאָגונגען
זײַנען װאַרשײַנלעך ניט אַ רעזולטאַט פון זײַ־
נע פּאָליטישע איבערצײַגונגען, נאָר גיכער פון
אַלץ אַ רעזולטאַט פון דעם, װאָס אים פעלן
אַזעלכע איבערצײַגונגען. אָבער אַזאַ פּאָליטישע
קורצזיכטיקײַט באַרעכטיקט אים לאַכלוטן ניט
און דינט אים ניט אַלס אַן אַנטשולדיקונג, װײַל
אין די הײַנטיקע צײַטן, אויב אַ שרײַבער האָט
ניט קיין פּאָליטישע קלאָרקײַט, װערט ער אַ
שפּיל־צײַג אין די הענט פון יענע, װאָס פאַר־
נעמען זיך מיט פאַרשפּרייטן די בורזשואַזע
פּראָפּאַגאַנדיסטישע שטאַמפּן.

בעלאָוס אָנשויוּנגען שפּיגלען אָפּ, אײַנגאַנצן
גענומען, די שטימונגען פון דער קריטיש דענ־
קענדיקער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. אָבער
די אַלגעמיינע אַנטוישונג אין דער װירקלעכ־
קײַט, װאָס עקזיסטירט הײַנט אין די פאַרייניק־
טע שטאַטן, װען עס פעלן דערבײַ אויס קלאָרע
פּאָליטישע איבערצײַגונגען, קאָן שטויסן דער־
צו, אַז מע זאָל װערן אַ קאָרבן פון דער בורזש־
זשואַזער אַנטיסאָװעטישער פּראָפּאַגאַנדע. דער־
מיט זײַנען צו דערקלערן די פּאַראַדאָקסן אין
דעם שרײַבערס ליטעראַרישער שאַפונג און אין
זײַן געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט. אַזוי, לעמ־
מאָשל, האָט סאָל בעלאָו אין 1965, צוזאַמען מיט
אַנדערע שרײַבער פון אַמעריקע, גענומען אַן
אָנטייל אינעם פּראָטעסט־מאַרש קיין װאַשינג־
טאָן „פאַר אַ שאָלעם אין װיעטנאַם". פון דער
צװייטער זײַט, איז בעלאָו אַ מיטגליד פונעם
טרויעריק באַרימטן אַנטיסאָװעטישן „קאָמיטעט
װעגן דער עקזיסטירנדיקער געפאַר".

די פּאַראַדאָקסן אין סאָל בעלאָוס שאַפונג
נעמען זיך פונעם אײַנרײַס צװישן זײַנע סוב־
יעקטיװ הומאַנע קאַװאָנעס און דער װירקונג,
װאָס עס װײַזט אַרויס אויף אים די בורזשואַזע
פּראָפּאַגאַנדע. אַזעלכע װאַקלונגען זײַנען כאַ־
ראַקטעריסטיש פאַר אַ סאַך ליבעראַלע אינטע־
ליגענטן פון מײַרעװ, װעלכע שטייען אויף אַמאָר־
פישע אַבסטראַקטע פּאָזיציעס. װי אַ קינסטלער,
כאַפּט בעלאָו פילבאַר אויף די קרענקלעכע פּראָ־
בלעמען פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט,
אָבער זײַן װעלט־אָנשויוּנג פון אַן אָנגעשראָ־
קענעם באַלעבעסל לאָזט אים ניט טיף אַנאַ־
ליזירן זייער סיבע.

די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, פון איר זײַט,
פּרוּװט אויסנוצן די פאָרשטייער פון דער שע־
פערישער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ, װאָס
זײַנען אידעאָלאָגיש ענלעך צו בעלאָון, אין
זייערע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, דער גרונט־אַק־
צענט פון װעלכע עס װערט געמאַכט אויפן אַנ־
טיסאָװעטיזם און אַנטיקאָמוניזם.

צי איז דאָס אַן אויסגעבעסערטע אויפלאַגע?

ניט לאנג צוריק איז דערשינען די „צווייטע, אויסגעבעסערטע אויפלאַגע" פון וולאַדימיר בעגונס בוך „אַן אינוואַזיע אָן געווער"[1]. אויפן ערשטן קוק קאָן זיך דוכטן, אַז די אויסגעבעסערטע אויפלאַגע פאַרמאָגט דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך, קעדיי דאָס בוך זאָל טאַקע אַף אַן ערנסטן אויפן זײַן געצילט קעגן ציוניזם: דער טאָך פונעם ציוניזם איז דאָ פאָרמולירט ריכטיק, פונעם שטאַנדפונקט פון מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס, מע קאָן ניט האָבן קיין טײַנעס צו דער פאָרמולירונג פון דער ראָליע, וועלכע דער ציוניזם שפּילט אינעם אימפּעריאַליסטישן לאַגער, צו דעם, ווי עס ווערט דערציילט וועגן זײַנע אינטריגאַנישע מעטאָדן פון קאַמף קעגן די סאָציאַליסטישע מעלוכעס, וועגן זײַן ראַסיסטישער און פאַרכאַפּערישער פּאָליטיק אפן נאָענטן מיזרעך.

אַזוי זעט עס אָבער אויס בלויז אפן ערשטן קוק. נאָר אַז מע לייענט אויפמערקזאַם דאָס בוך, פילט מען אַן אומבאַפרידיקטקײַט, ווײַל עס ווערט קלאָר, אַז דער אויטאָר האָט ניט געקאָנט באַהערשן דעם אויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל, און דער פאַרלאַג האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ בוך מיט היפּשע פעלערן. און דאָס קומט פאָר, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אין בעגונס צוויי פאָריקע אַרבעטן („די קריכנדיקע קאָנטררעוואָליוציע" און די ערשטע אויפלאַגע פונעם רעצענזירטן בוך — „אַן אינוואַזיע אָן געווער") זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן ערנסטע דעפעקטן, וועלכע די פײַנטלעכע פּראָפּאַגאַנדע האָט גערן אויסגענוצט צוליב אַנטיסאָוועטישע צילן.

אין דער נײַער אויפלאַגע פונעם בוך זײַנען פאַראַן אומדערלאָזבאַרע ווידערשפּרוכן. גלײַכצײַטיק מיטן פאָרמולירן דעם טאָך פונעם ציוניזם פון שטאַנדפּונקט פון ריכטיקע מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס, מאַכט דער אויטאָר פולשטענדיק אַנטיוויסנשאַפטלעכע אויספירן, וועלכע זײַנען אַ רעזולטאַט פון אומקריטישן אויסנוצן די ציוניסטישע און אַנדערע בורזשואַזע מעקוירים.

וו. בעגונס פעלערן האָבן אַ שײַכעס ניט צו קלייניקײַטן, נאָר צו אַ ריי קאַרדינאַלע פּראָבלעמען פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אויך אין דער נײַער אויפלאַגע דעפינירט בעגון ניט ריכטיק דאָס אָרט, וואָס דער ציוניזם פאַרנעמט אין דער סיסטעם פון די אימפּעריאַליסטישע קרעפטן. ער רעדט אַמאָל וועגן די ציוניסטן, אַמאָל וועגן דער ייִדישער בורזשואַזיע, אַמאָל וועגן זייביידע (די גרויסע צאָל ציטאַטן פון ציוניסטישע אויטאָרן שטערט צו פאַרשטיין עס), ווי וועגן אַ „באַזונדערן אַטריאַד פונעם אימפּעריאַליזם, אַ צווישנפעלקערלעכן טרעסט פון קאַפּיטאַליסטן, וועלכע עקספּלואַטירן די וועלט. אַזאַ ציל שטעלט פאַר זיך נעמלעך דער ציוניסטישער קאָנצערן מיט זײַנע צענטערס אין ייִסראָעל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן" (ז. 44. אונדזער קורסיוו. — רעצענזענטן). בעגון שרײַבט, אַז דער סטראַטעגישער הויפּט־ציל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אײַנשטעלן די הערשאַפט איבער דער וועלט („די קריכנדיקע קאָנטררעוואָליוציע", ז. 43, ערשטע אויפלאַגע פונעם איצטיקן בוך „אַן אינוואַזיע אָן געווער", ז. 44, צווייטע אויפלאַגע — ז. 43).

וו. בעגון וואָלט, דוכט זיך, געמעגט וויסן, אַז דאָס אָרט, וואָס די ייִדישע בורזשואַזיע און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמען אין דער וועלטעקאָנאָמיק, איז אַזאַ, אַז זיי קאָנען אַפילע ניט טרוימען וועגן אײַנשטעלן זייער הערשאַפט איבער דער וועלט פונעם סאָציאַליזם, אַז אַפילע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט שפּילן זיי אַ צווייטראַנגיקע ראָליע אין פאַרגלײַך מיט די אַנדערע אָן אַ שיר מעכטיקערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קרעפטן, וועלכע זײַנען די עמעסע הערשער אין די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס.

פאָרמולירנדיק ניט ריכטיק די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן די אָנגערופענע קרעפטן, קומט בעגון צום אויספיר, אַז דער ציוניזם איז „אויסשליסלעך אַ קאַפּיטאַליסטישע ייִדישע אונטערנעמונג" און אַז יענע ניט־ייִדן, וועלכע האָבן „געקעמפט פאַרן ציוניזם און זײַנען געווען זײַנע אָנהענגער... זײַנען פּאָליטיש נאַיווע מענטשן, פאַרפירטע, אָדער אונטערגעקויפטע דורך די ציוניסטן, מאָראַליש אומרייניע". בעגון באַהויפּט, אַז די ציוניסטן גיט זיך אײַן צו „באַקומען די שטיצע פון מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע טוער, שרײַבער, געלערנטע אאוו. ...דורך זינגען שוואָכים זייערע באַשיצער, דורך אויסנוצן די שוואַכקײַטן פון זייערע כאַראַקטערן, דורך בוקן זיך, טרײַבן כניפע, געבן מאַטאָנעס" („די קריכנדיקע קאָנטררעוואָליוציע" — ז. 36, ערשטע אויפלאַגע פון „אַן אינוואַזיע אָן געווער — ז. 24, צווייטע אויפלאַגע — ז. 23—24).

קעדיי מאַכן אַזעלכע אויספירן, דאַרף מען זײַן אַ העכסט נאַיווער מענטש אָדער, אין טאָך, ניט האָבן קיין שום אַכטונג צו די אייגענע לייענער. ווײַל אויב אָנעמען דאָס געזאָגטע פאַר אַ קאָשערער מאַטבייע, באַקומט זיך, אַז דער לאָרד באַלפור, די פּרעזידענטן פון אַמעריקע — פון טרומענען ביז קאַרטערן, דער געוועזענער איראַנער שאַך, די ניט־ייִדישע באַנקירן און אינדוסטריעלע מאַגנאַטן — דזשאָוואַני, ראָקפעלער און פיל־פיל אַנדערע האָבן

[1] В. Бегун. Вторжение без оружия. Изд. 2-е, исправленное. М., «Молодая гвардия», 1979.

מיט אלע מעגלעכקייטן אונטערגעהאלטן און האלטן
אויך איצט אונטער דעם ציוניזם, פינאנסירן אים
מיט א ברייטער האנט דערפאר, ווייל זיי זיינען נאַי־
ווע לייט, וועלכע פארשטייען גאָרנישט, אָדער זיי
זיינען אונטערגעקויפט, אָדער ס׳האָבן זיי געפאנגען
די ציוניסטישע קאָמפלימענטן.

די פראגע וועגן די קעגנזייטיקע באציונגען צווישן
דעם ציוניזם און דעם אימפעריאליזם איז דאָ אזוי־
ארום געשטעלט מיטן קאָפ אראָפ און מיט די פיס
ארויף. לויט בעגונען באקומט זיך, אז ניט דער ציוע־
ניזם שפילט די ראָליע פון א געצייג פונעם וועלט־
אימפעריאליזם, נאָר אז דער וועלט־אימפעריאליזם
איז ניט מער ווי א מעשאָרעס באם ציוניזם.

פארשטייט זיך, אז מע טאָר אין קיין פאל ניט
מאכן צו קליינגעלט דעם איינפלוס פון די ציוע־
ניסטישע לאָביסטן אף דער אויסערן־פאָליטיק פון
דער פירנדיקער אימפעריאליסטישער מעלוכע — די
פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע. אזא איינפלוס
קאָן אָבער פאסירן בלויז דעמלט, ווען די אינטער־
רעסן פונעם ציוניזם פאלן צונויף מיט די אימפער־
ריאליסטישע שטרעמונגען פון די רעגירנדיקע קרייזן
פון אָט דעם לאנד.

וו. בעגונס באהויפטונגען פירן אָביעקטיוו צום ניט
דערשאצן די אימפעריאליסטישע קרעפטן, וועלכע
קעמפן קעגן סאָציאליזם און פראָגרעס. ווען בעגון
וואָלט זיך געהאלטן בא מארקסיסטישע פאָזיציעס
אין דער פראגע וועגן די קרעפטן, וועלכע שטיצן
די ציוניסטן אין יזראָעל, וואָלטן זיינע אויספירן
געווען גאָר אנדערע. די דאָזיקע קרעפטן באשטייען
ניט פון „פאָליטיש נאיווע מענטשן", און ניט פון
„פארפירטע", נאָר פון געניטע פאָליטיקער, וועלכע
זיינען די רעגירער פון דער קאפיטאליסטישער
וועלט, און דאָס זיינען, אין קאָנקרעטן פאל, די אָנ־
פירער פון די נאפט־מאָנאָפאָליעס און פון די קריגס־
אינדוסטריעלע מאָנאָפאָליעס, וועלכע רייסן זיך צום
נאָענטן מיזרעך, ווילן ארייננעמען אין זייערע הענט
די נאפט־אויצרעס פון די אראבישע לענדער, „דער־
ביי אויסנוצן די טעריטאָריע פון דעם דאָזיקן ראיאָן
אלס א סטראטעגישן פלאצדארם קעגן דער קאָלאָ־
ניאלער באפרייונגס־באוועגונג און מיט אנטיסאָוועט־
טישע צילן.

אן ערנסטן פלאָנטער האָט בעגון דערלאָזט אויך
באם אנאליזירן דעם אנטיסעמיטיזם, אָט די אויס־
געשפראָכענע סאָציאלע דערשיינונג.

אין די ערשטע זייטלעך פונעם קאפיטל „טרערן,
וועלכע מע דארף ניט גלייבן", זיינען ריכטיק אופ־
געדעקט די וואָרצלען פונעם אנטיסעמיטיזם, עס
ווערט גאנץ באגרינדעט אָפגעמערקט, אז די ציוע־
ניסטן קלעפן צו די יארליקעס „אנטיסעמיטן" אף
אלע זייערע אידעאָלאָגישע קעגנער. אָבער דעם
מארקסיסטישן אנאליז פון די סיבעס פונעם אנטיי־
סעמיטיזם „דערגאנצט" דער אוטאָר מיט אן איי־
גענער מיינונג, וואָס רופט ארויס ערנסטע דערווי־
דערונגען.

דעקלארירנדיק, אז מע טאָר ניט רעכענען פאר
אנטיסעמיטיזם דעם קלאסנקאמף, טרעט בעגון אליין
ארויס פון אזא שטאנדפונקט, דערקלערנדיק צומאָל
די אנטיסעמיטישע דערשיינונגען ווי א קאמף צווישן
קלאסן. אין דער אויסגאבע, וועלכע מיר רעצענזירן,

שרייבט בעגון: „יודאָפאָבישע שטימונגען קאָנען
אופקומען אויך אין רעזולטאט פון דער מאסן־איינ־
וואזיע פון דער יידישער בורזשואזיע אין די וויכ־
טיקסטע ספערן פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן..."
(ז. 65). ווי זאָל מען פארשטיין אזא פראזע? אין בוך
„די קריכנדיקע קאָנטררעוואָליוציע" זאָגט זיך בעגון
ארויס אָפענער, ער באטראכט דעם אנטיסעמיטיזם
אלס „א סטיכייִשן ענטפער פון די פארשקלאפטע
שיכטן פון דער האָרעפאשנער באפעלקערונג אף דער
בארבארישער עקספלואטאציע מיצאד דער יידישער
בורזשואזיע" (ז. 79). פון אָט די „יודאָפאָבישע שטי־
מונגען" אָדער „סטיכייִשע ענטפערס" האָט דאָך
אָבער געליטן ניט די יידישע בורזשואזיע, וועלכע
האָט זיך געפונען אונטער דער שוץ פון דער פאָליי־
ציי און זשאנדארמעריע, נאָר די יידישע אָרעמ־
שאפט, וואָס איז פונקט אזוי עקספלואטירט גע־
וואָרן, ווי די האָרעפאשניקעס פון אנדערע נאציאָנא־
ליטעטן. וועגן וואָס פאר א קלאסנקאמף אין דער
פאָרם פון „יודאָפאָבישע שטימונגען" קאָן גיין א
רייד? צוליב וואָס האָט בעגון זיך פאקטיש גענומען
צו אזא אומדאנקבארער אופגאבע, ווי רעווידירן
דעם קלאָרן און בוילעטן שטאנדפונקט פון וו. אי.
לענין און פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אף דער
פראגע וועגן דעם טאָך פונעם אנטיסעמיטיזם?

פרווונדיק דערקלערן די „יודאָפאָבישע שטימונ־
גען", האלט בעגון אין זיין לעצטער ארבעט, ווי אין
די פאָריקע, אין איין טיינען, מיט אן איינגעשפארט־
קייט, וואָס וואָלט געמעגט אויסגענוצט ווערן אף
בעסערע זאכן, אז „די יידישע באפעלקערונג פון
רוסלאנד איז, טראָץ איר פאָליטישער ניט־גלייכבאַ־
רעכטיקייט, געשטאנען העכער פון דער גרונט־
באפעלקערונג פונעם „טכום־האמוישעוו" לויטן ני־
וואָ פון ווילשטאנד, גראמאָטנעקייט, בילדונג און פון
אנדערע וויכטיקסטע סאָציאל־עקאָנאָמישע צייגערס,
וועגן וואָס עס איז באקאנט פון די מאטעריאלן פון
דער סטאטיסטיק" (ז. 66).

האלטנדיק פאר בעסער צו מאכן א שווייג וועגן
דעם, וועלכע און קאָנקרעט וועמענס מאטעריאלן ער
האָט אויסגענוצט, זאָגט דערביי בעגון, אז „אויב
ביזן יאָר 1917 איז די איבערוועגנדיקע מערהייט
ווייסרוסן געווען אנאלפאבעטיש, איז די יידישע באַ־
פעלקערונג פון ווייסרוסלאנד געווען קימאט איינ־
גאנצן גראמאָטנע". די דאָזיקע בעגונס „קאָנסטאטאַ־
ציע" ווערט אינעם בוך אונטערגעהאלטן מיט א ציי־
טאטע פונעם אמעריקאנער ציוניסט שוב, אז דער
„פראָצענט גראמאָטנע יידן אין יעדן שטעטל איז
געווען א סאך העכער פונעם פראָצענט גראמאָטנע
צווישן די גרויסרוסן, אוקראינער אָדער ווייסרוסן".
דערצו פארזיכערט ער, אז „ביז דער אָקטיאבער־
רעוואָליוציע האָבן קימאט 42 פראָצענט פון דער
יידישער באפעלקערונג פון רוסלאנד זיך פארנומען
מיט האנדל" (ז. 66).

וועגן דעם, ווי ווייט שובס און בעגונס אָנגאבן
וועגן דעם בילדונגס־ניוואָ פון דער יידישער באַ־
פעלקערונג פון רוסלאנד אנטשפרעכן דער וויר־
קלעכקייט, קאָן מען אורטיילן לויט דעם, אז אין 1920
זיינען צווישן די ארבעטנדיקע יידן נאָך געווען
66,1 פראָצענט אנאלפאבעטן, און אפילע לויט די
אָנגאבן פון דער אלפארבאנדישער ציילונג פון דער

באפעלקערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1926, האָט די צאָל ייִדן אַנאַלפאַבעטן באַטראָפן 36,7 פראָצענט פון זייער אַלגעמיינער צאָל.

וואָס אַנבאַלאַנגט דער צאָל ייִדישע הענדלער, ווייסט ניט בלויז א ספּעציאַליסט, נאָר יעדער קולטורעלער מענטש, וועלכער לייענט די פּרעסע און די ליטעראַטור, וואָס פאַר א האַנדל עס איז געווען אין „טכום", ווו די מערהײַט ייִדן — „לופטמענטשן" — האָבן ניט געהאַט קיין שום לעבנסמיטלען, געהאַנדלט האָבן ייִדן בוכשטעבלעך מיט זייער דאַלעס.

אַפילע דער צאַרישער סענאַטאָר פּאַלען, וואָס איז געשטאַנען בעראָש פון דער „קאָמיסיע וועגן דער ייִדן־פראַגע", האָט קאָנסטאַטירט, אַז „ייִדן אין רוסלאַנד — דאָס איז א מאַסע, וואָס לעבט טאָג־אויס, טאָג־אײַן אין דאַלעס און אין שרעקלעכע היגיִענישע און שטייגערישע באַדינגונגען"[1].

בא איינעם פון די אוטאָרן פון דער געגעבענער רעצענזיע האָבן דער מוטערס קרוויים געלעבט אין א ייִדיש שטעטל אַף אוקראַיִנע. דער זיידע איז געווען אַן אַרבעטער אין א צוקער־זאַוואָד. א געזינד פון 13 קינדער האָט געלעבט אין הונגער און נויט, אַכט קינדער זײַנען געשטאָרבן פון ניט דערעסן און פון קרענק. באַם קרעמער פלעגט מען קויפן אַף שאַבעס ניט קיין הערינג, נאָר א שטיקעלע הערינג, ניט קיין טיי, נאָר א קאַפּעלע וואַסער פאַרקאָכט אַף טיי, א רעפוע האָט מען געבעטן בא גאָט, געהיילט זיך האָט מען בא זנאַכערקעס. די מערהײַט אײַנוווינער פונעם שטעטל האָט ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט — אין דעם ראַיאָן איז ניט געווען קיין שום אינדוסטריע, און באַאַרבעטן די ערד איז פאַר ייִדן געווען פאַרבאָטן.

צי דאַרף מען באַזונדערס ריידן וועגן דעם, אַז דער אוטאָר פון א בוך, וואָס גייט אַרויס אין א סאָוועטישן פאַרלאַג, האָט באַדאַרפט בויען זײַנע אויספירן ניט אַפן סמאַך פון די צווייפלהאַפטע מאַטעריאַלן פונעם אַמעריקאַנער ציִעניסט שוב און פון אַנדערע ציִעניסטישע און פּראָציִעניסטישע אוטאָרן, נאָר אַפן סמאַך פון די אָנגאַבן פונעם גרעסטן פאָרשער פון דער געשיכטע און עקאָנאָמיק פונעם צאַרישן רוסלאַנד, — וולאַדימיר איליטש לענין. כאַראַקטעריזירנדיק די ייִדישע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, האָט וו. אי. לענין געשריבן וועגן דער „סאַמע אונטערדריקטער און געהעצטער נאַציע, דער ייִדישער"[2]. וועגן דעם, אַז די ייִדן פון רוסלאַנד זײַנען „אומגליקלעכע, דערשלאָגענע, רעכטלאָזע, דערשטיקטע דורך די פּורישקעוויטשעס"...[3] אַפילע בריוו פון פרידריך ענגעלסן נוצט אויס בעגון צוליב זײַן אייגענער טענדענץ (ז. 65), וואָס דאָס קאָן שאַפן באַם ניט־באַהאַוונטן לייענער א פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דעם געשטאַלט פון איינעם פון די גרונטלייגער פונעם וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם. פרידריך ענגעלס האָט דאָך געשריבן ניט נאָר און ניט אַזוי וועגן יענע אַנטיסעמיטישע געפילן, וועלכע ס'האָבן געקאָנט אַרויסרופן בא ווער־ניט־איז די רײַכע ייִדן. ענגעלס האָט קלאָר באַטאָנט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11 פון 1977, די רוסישע רעזומע, ז. V.

[2] В. И. Ленин. Полн. собр. соч., т. 24, стр. 122.

[3] Там же, стр. 125.

פאַרקריפּלט די עמעסע לאַגע, בא וועלכער פיל טויזנטער ייִדישע פּראָלעטאַריער פון אייראָפּע און אַמעריקע „האָבן אויסצושטיין די שטאַרקסטע עקספּלואַטאַציע, און זייער לעבן איז ביז גאָר אָן אָרעמס"[1].

אוואַדע זײַנען געווען (און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זײַנען אויך איצט פאַראַן) רײַכע און זייער רײַכע ייִדן — סאָכרים, אינדוסטריִעלער, מאָנאָפּאָליסטן. זיי האָבן געקאָנט און קאָנען אַרויסרופן ווידערגעפיל. צי דען אָבער דאַרף מען דערמיט דערקלערן, זאָל זײַן כאָטש טיילווײַז, דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס א סאָציאַלן פענאָמען? בעגון, א סאָוועטישער פּובליציסט, איז מעכוּיעוו צו האַלטן זיך בא וו. אי. לענינס באַוווסטער האַנאָכע, אַז עס איז פאַראַן א „זיכערע פאַרבינדונג צווישן דעם אַנטיסעמיטיזם און די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און ניט פון די אַרבעטער־שיכטן פון דער באַפעלקערונג"[2]. לענין האָט באַטאָנט, אַז דער „געזשלשאַפטלעכער כאַראַקטער פונעם הײַנטיקן אַנטיסעמיטיזם ענדערט זיך ניט צוליב די פאַקטן, וואָס אין דעם אָדער אַנדערן פּאָגראָם נעמען אָנטייל ניט בלויז צענדליקער, נאָר אויך הונדערטער ניט־אָרגאַניזירטע און אַף נײַן צענטל לאַכלוטן נאָך פינצטערע אַרבעטער"[3]. אַף אַנאַלאָגישע פּאָזיציעס איז געשטאַנען אויך פרידריך ענגעלס, וועלכער איז געקומען צום גאַנץ באַשטימטן אויספיר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם דינט „בלויז די רעאַקציאָנערע צילן, מאַסקירנדיק זיך מיט א קלוימערשט סאָציאַליסטישער מאַסקע"[4].

אין א גאַנצער ריי אַנדערע פראַגן כאַזערט בעגון איבער די ערנסטע פעלערן, וועלכע ער האָט דערלאָזט אינעם בוך „קריכנדיקע קאָנטררעוואָליוציע" און אין דער ערשטער אויפלאַגע פונעם בוך „אָן אינוואַזיע אָן געווער".

קריטיקירנדיק אַפן וואָרט דאָס אַנטימאַרקסיסטישע שטעלן אַף איין ברעט די באַגריפן „ייִד" און „ציִעניסט", שלעפּט וו. בעגון פאַקטיש דורך אַזאַ ליניע. פון איין זײַט, ווײַזט ער אָן, אַשטייגער, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן לעבן זעקס מיליאָן ייִדן, און פון דער אַנדערער זײַט, שטעלט ער, ווי אין דער פאָריקער אויסגאַבע, די שײַלע: „פאַרוואָס ליקווידירן ניט די מיליאָנען ציִעניסטן זייערע אָרגאַניזאַציעס און פאָרן ניט אַרויס פון אַמעריקע קיין ייִסראָעל..." (אין דער ערשטער אויפלאַגע ז. 55, אין דער צווייטער — ז. 58 — 59). וועגן וועלכע מיליאָנען רעדט בעגון?

עס איז אומדערלאָזבאַר אויך בעגונס ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערטע באַשולדיקונג קעגן דער סאָוועטישער פּרעסע פון די ערשטע יאָרן סאָוועטנמאַכט, אַז זי האָט „געפירט א העפטיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם ניט עקזיסטירנדיקן אַנטיסעמיטיזם. עס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביכער, בראָשורן, רעפעראַטוֹר־זאַמלונגען פאַר אַמאַטאָרן־קרײַזלעך, עס זײַנען

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Соч., т. 22, стр. 54—55.

[2] В. И. Ленин. Полн. собр. соч. т. 7, стр. 121.

[3] Там же.

[4] К. Маркс и Ф. Энгельс. Соч. т. 22, стр. 54.

געשריבן געוואָרן אַרטיקלען קעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ און פאַקטיש האָט ער ניט עקזיסטירט, אין דער צײַט, ווען וועגן דעם רעאַל עקזיסטירנדיקן ציִעניזם האָט מען גערעדט ווייניק און ניט קלאָר" (ז. 67).

וו. אי. לענין האָט אויך אין 1919 אַנטשיידן גע־שטעמפּלט דעם אַנטיסעמיטיזם (זע פּולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 38, ז. 342 — 343). מ. אי. קאַלינין, א. וו. לונאַטשאַרסקי, ג. אי. פּעטראָווסקי, וו. ד. באָנטש־ברויעוויטש, פּ. ע. דזערזשינסקי און פיל אַנדערע אָנגעזעענע טוער פון אונדזער פּאַרטיי, דער גרויסער פּראָלעטאַרישער שרײַבער מאַקסים גאָרקי, דער דיכטער פון דער רעוואָלוציע וולאַדימיר מאַיאַ־קאָווסקי, פיל אַנדערע מײַסטערס פון דער סאָווע־טישער נאַציאָנאַלער קולטור זײַנען אין די צוואַנ־ציקער יאָרן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו דינען אַלס איינס פון די הויפּט־מיטלען פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. וו. בעגון מיינט, אַפּאָנעם, אַז מיטן פאַרענדיקן דעם בירגערקריג זײַנען אַליין פון זיך פאַרשוווּנדן די געוועזענע לײַט פון „אָכאָטני ריאַד", די מיטגלידער פונעם פאַריין פון מיכאַיל אַרכאַנגעל, די ניט־דערשלאָגענע רעשטן פון די ווײַסגוואַרדייער, פּעטליוראָווצעס, מאַכנאָווצעס? צי האַלט ער ניט, אַז די שוואַרצמייעניקעס האָבן אויטאָמאַטיש געמאַכט אַ סאַך צו די פּרוּוון צו שפּרייטן נאַציאָנאַלע רײַ־סערײַען, צעצינדן נאַציאָנאַלע סינע קעגן די ייִדן, אָנרופן די סאָוועטנמאַכט מיטן נאָמען „זשידאָ־באָל־שעוויסטישע", בעמיילע איז אָפּגעפאַלן די נויט צו קעמפן קעגן דעם „ניט־עקזיסטירנדיקן אַנטיסעמי־טיזם", דערונטער אויך מיט די מיטלען פון פּראָ־פּאַגאַנדע?

ווען בעגונס באַהויפּטונג וואָלט געשטימט מיט דערווירקלעכקייט, וואָלט די פּאַרטיי אין די צוואַנ־ציקער יאָרן ניט פאַרעכנט דעם אַנטיסעמיטיזם צו די באַזונדערס געפערלעכע מינים קאָנטררעוואָלו־ציע.

אין טאָך, טראָגט אַ כאַראַקטער פון רעכילעס בע־גונס רייד, אַז „וועגן דעם רעאַל עקזיסטירנדיקן ציִעניזם איז גערעדט געוואָרן ווייניק און ניט קלאָר". די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן דאָך אַנטשיידן און אַקשאָנעסדיק געקעמפט קעגן דעם ציִעניזם. צווישן אַנדערע צוועקן זײַנען צוליבן קאַמף קעגן דעם ציִעניזם געשאַפן געוואָרן אין 1918 אין די פּאַרטיי־אָרגאַנען ייִדישע סעקציעס און אַ צענט־ראַל־ביוראָ פון די ייִדישע סעקציעס באַם צק פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָל־שעוויקעס). אינעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר די אָנ־געלעגנהײַטן פון די נאַציאָנאַליטעטן איז אין 1918 געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישער קאָמיסאַריאַט, פון 1921 — אַ ייִדישער אָפּטייל. טאַקע זיי זײַנען געווען די איניציאַטאָרן פון דער פאַראָרדענונג פון דער סאָוועטנמאַכט וועגן פאַרבאָטן די טעטיקייט פון די ציִעניסטן. אַדאַנק די גאַנץ פילבאַרע באַמיִונגען פון די אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי און רעגירונג איז אין די גרענעצן פון פּסר געמאַכט געוואָרן אַ סאָף צום ציִעניזם. ווי מיר זעען, פאַלסיפיצירט בעגון די גע־שיכטע אויך אין דעם פּראַט.

אינעם בוך, וועלכן מיר רעצענזירן, איז פאַראַן אַ גאַנץ היפּשע צאָל אויך אַנדערע פעלערהאַפטע האַ־נאָכעס, העפקערדיקע אַרויסזאָגונגען. עס קומט אויף די פראַגע, צי איז טאַקע די נײַע אויפלאַגע אַן אויס־געבעסערטע?

באַ אונדז אין לאַנד ווערן אַרויסגעגעבן אַ סאַך ביכער און בראָשורן, און נאָך מער דרוקן זיך זשור־נאַל־ און צײַטונגס־אַרטיקלען, וועלכע זײַנען וויסנ־שאַפטלעך באַגרינדעט און זייער ציל איז דעמאַס־קירן דעם ציִעניזם אַלס איינעם פון די באַזונדערס געפערלעכע אָטריאַדן פון דער אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע. דער פּראַנט פון קאַמף קעגן דעם ציִע־ניזם גייט דורך די הערצער פון אַ סאַך מענטשן. אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער באַמיִען זיך אויסצונוצן צוליב זייערע צילן יעטווידע אפילע פּאַשעט ניט געראָטענע פּראַזע אין אונדזערע אַר־בעטן אין געביט פון דער אַנטיציִעניסטישער פּובלי־ציסטיק. דעריבער איז אַבסאָליוט ניט דערלאָזבאַר דער פלאָנטער אין פראַגן, וועלכע מיר האָבן דאָ באַריירט.

ר. בראַדסקי,
פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן.

י. שולמײַסטער,
קאַנדידאַט פון יורידישע וויסנשאַפטן.

וויקטאָר טעלפּוגאָוו

אַ וועלט אַ גרויסע און אַ ראַכוועסדיקע

נאָטיצן וועגן אָרן ווערגעליסעס פּאָעזיע

דער סאָוועטישער דיכטער אָרן ווערגעליס שרײַבט לידער אַף זײַן מאַמע־לאָשן, אַף ייִדיש, אָבער פון לאַנג זײַנען זײַנע לידער ברייט באַקאַנט באַ אונדז אין לאַנד. די סיבעס זײַנען וואָגיקע. אַ. ווערגעליס איז אַ קינסטלער מיט אַ פײַנעם כוש, מיט שטרענגע פאָדערונגען, אים האָבן שטענדיק באַאומרויִקט און עס באַאומרויִקן אים אויך איצט די טעמעס מיט אַן עכט בירגערלעכן אָפּקלאַנג. וועגן וואָס ער זאָל ניט שרײַבן, — וועגן דער מילכאָמע־צײַט צי וועגן דער פרידנס־צײַט, וועגן העלדנטאַטן, וועגן שוועריקײַטן, וועלכע עס האָבן אויסצושטיין זײַנע לאַנדסלײַט, וועגן דער געדיכטער טײַגע, צי וועגן די שיינקײַטן פונעם דאָרעם, — פילט ער שטענדיק מיט אַ באַזונדערער קלאָרקײַט, אַז ער איז אַן אָרגאַניש טיילעכל פון אונדזער גאַנץ פאָלק, וואָס איז גויווער די מעכיצעס און שוועריקײַטן, באַזיגט און גייט קעסיידער פאָרויס.

מיר איז נאָענט און טיף סימפּאַטיש דער לירישער העלד פון ווערגעליסעס לידער. אין אָט דעם העלד איז ניטאָ קיין סימען פון מעליצע, פון גיין אַף שטאָלצן, ער איז נאַטירלעך, מענטשלעך און שטענדיק מוטיק. מיט אים ווילט זיך פאַרבלײַבן אויג־אַף־אויג, אַ שמועס טאָן וועגן אַלץ, וואָס עס רעגט, — וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט, וועגן דעם הײַנט און, פאַרשטייט זיך, וועגן דער צוקונפט. איך בין פּערזענלעך מיט ווערגעליסן ניט באַקאַנט אָדער, ריכטיקער, קימאַט ניט באַקאַנט, נאָר שטענדיק, ווען איך לייען איין מאָל און אַ צווייט מאָל זײַנע לידער, דוכט זיך מיר, אַז מיר זײַנען צוזאַמען דורכגעגאַנגען הונדערטער ווערסט איבער דער טײַגע און אַפן פראָנט, צוזאַמען געפרוירן אין איין אָקאָפּ, געוואַרעמט זיך באַ איין פײַער, געבריט די ליפּן מיט אָקרעפּ פון איין אַליומיני־קענדל, געלייענט איינער דעם אַנדערן לידער פון באַליבטע פּאָעטן...

מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט דער פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור״ אַרויסגעגעבן אַן אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון אָרן ווערגעליסעס „אויסגעווײלטס״. דאָס איז אַ קלוג, פילזאָגנדיק און דעריבער רעגונגספול בוך. אין דער אײנבענדיקער אויסגאַבע זײַנען, ווי עס איז אָנגענומען פאַר אויסגאַבעס פון דעם מין, צונויפגעזאַמלט דעם דיכטערס בעסטע לידער פאַר אַ גאַנץ לאַנגן צײַט־פּעריִאָד. דאָ זײַנען פאַראַן שורעס, וועלכע זײַנען דאַטירט מיטן אָנהייב פון די ווײַטע דרײַסיקער יאָרן, מיט די מילכאָמע־יאָרן, נאָכמילכאָמע־יאָרן, ענדלעך — מיט די איצטיקע, די זיבעציקער יאָרן, וועלכע זײַנען אויך אָפּגעמערקט מיט אופטוען און געשעענישן פון אַ קאָלאָסאַלער היסטאָרישער באַדײַטונג. פאַר די לייענער פון די לידער, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט אין אַ כראָנאָלאָגישן סיידער, וועט זײַן באַזונדערס אָנשוילעך די אָרגאַנישע, שטענדיקע צונויפגעגאָסנקײַט פונעם דיכטער מיט זײַן לײַבלעך אייגענעם סאָוועטישן פאָלק, מיט דער צײַט, אין וועלכער און צוליב וועלכער ער לעבט און שאַפט.

פאַר די יאָרצענדליקער, וואָס ער אַרבעט אין דער פאָטערלענדישער ליטעראַטור, האָט ווערגעליס אָנגעשריבן אַ סאַך שטאַרקע לידער. די אַלע לידער זײַנען געוואָרן דאָס אייגנס פונעם רוסישן און אַלפאַרבאַנדישן לייענער אַדאַנק די איבערזעצונגען פון אַזעלכע מײַסטערס, ווי מ. סוועטלאָוו, ס. נאַראָווטשאַטאָוו, אי. פרענקעל, יע. יעווטושענקאָ, וו. סאָקאָלאָוו, ב. אָקודזשאַווא, ס. קאַזאַקאָווא, וו. באָקאָוו, וו. ציבין, ק. וואַנשענקין, אַ. מעזשיראָוו, ל. אָזעראָוו, ב. סלוצקי, מ. לוואָוו.

די טעמע, וועלכע דרינגט דורך ווערגעליסעס גאַנצע שאַפונג, דאָס איז די טעמע וועגן דעם היימלאַנד, די טעמע וועגן דעם מענטשן דעם שעפער. דעם דיכטערס לירישער העלד איז געקומען אַף דער דאָזיקער ערד, קעדיי צו זײַן אַף איר אַ מענטש, דערהייבן זי מיט זײַן מי, איבערלאָזן אַף איר זײַן שפּור.

אינעם מילכאָמע־יאָר 1944 שרײַבט דער דיכטער מיט אומרו וועגן דער היים־ערד, וועגן דעם אָרט, וואָס יעדער מענטש דאַרף פאַרנעמען אין דער אַלגעמיינער ריי, וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אַלפאָלקישער זאַך:

ס'האָט געהוידעט א טיַפון מיַן וויג,
נעמט מיך איצט קיין ווינט ניט און קיין
פראָסט ניט,
וויפל בלוט דער קריג זאָל מיך ניט קאָסטן,
סיַוויסיַ געווונען כ'וועל דעם קריג.

מאָרגן וועט דאָס לעבן מיך דערמאָנען,
אויב אפילע פאַלן וועל איך טויט.
אף די ברעגן ליכטיקע בידזשאַנער
אין א זאַנג כ'וועל אופגיין מיטן ברויט.

און באַם דניעפּער, אין דעם דאָרף וואַגיַיקאַ,
וועט א מוטער, הוידענדיק די וויג,
שעפּטשען עפּעס וועגן מענטש פון טיַיגע,
וואָס אף אייביק אין וואַגיַיקאַ ליגט.

דאָס האָט געשריבן א מענטש, וואָס איז פאַרליבט אינעם לעבן, וואָס ווייסט די פּריַיז פון לעבן און די פּריַיז פון טויט.

אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן ווערט דעם דיכטערס מוזע אַלץ ריַיפער, איר שטים קלינגט אַלץ אויסדריקלעכער, ריינער און הערט זיך אַלץ וויַיטער. דער קריַיז פון ווערגעליסעס לייענער האַלט באַ אונדז אין איין וואַקסן — וועגן דעם ריידן די בריוו, וועלכע קומען אָן פון אַלע עקן לאַנד, די טיראַזשן פון זיַינע ביכער. איך האָב געזען ווערגעליסעס לידער אויך אין אויסלאַנד — אין די סאָציאַליסטישע לענדער, אין פראַנקריַיך, אין דער שווייץ. אויך דאָרט, אף יענער זיַיט גרענעץ, לויבן די לידער דאָס ניַיע לעבן, אונדזער סאָוועטיש לעבן, זיי דערציילן וועגן אונדזער מאָראַל, וועגן אונדזערע אידעאַלן. דער דיכטער איז אַליין געוועזן אין פאַרשיידענע ווינקעלעך פון דער וועלט — אין נאָענטע און אין וויַיטע. אין רעזולטאַט פון אָט די ריַיזעס זיַינען געבוירן געוואָרן גאַנצע לידער־ציקלען, וועלכע זיַינען מיט רעכט אריַין אין זיַין בוך „אויסדערווילטס". באַזונדערס שטאַרק האָבן מיר אויסגעזען די לידער, געווידמעט פּוילן, געווידמעט די מענטשן, וועלכע זיַינען פאַרפּיַיניקט געוואָרן דורך די פאַשיסטן. פאַרפּיַיניקט, פאַרטיליקט געוואָרן, אָבער ניט אונטערגעגעבן זיך, זיי זיַינען אומגעקומען, אָבער אויך היַינט פאַרבליַיבן זיי אין די רייען פון יענע, וועלכע קעמפן פאַר א ליכטיקער צוקונפט, וועלכע רופן צו וואַכזאַמקיַיט, צו פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. אינעם געוועזענעם טויט־לאַגער טרעבלינקע זיַינען צונויפגעפירט שטיינער פון גאַנץ פּוילן, פון א סאַך לענדער פון אייראָפּע לעקאָוועד די דערשאָסענע, דערשטיקטע, לעבעדיקערהייט באַגראָבענע. און אף יעדן שטיין איז אויסגעקריצט דער נאָמען פון דער שטאָט אָדער פונעם שטעטל, ווו די דערמאָרדעטע האָבן אַמאָל געלעבט. די לידער וועגן אָט דעם דענקמאָל די העלדן פונעם קאַמף קעגן דעם פאַשיזם זיַינען אַליין געוואָרן דענקמעלער.

וואַלד... וואַלד... וואַלד...
גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!
א וואַלד פון שטיינער אף מענטשנס ביינער.
שטיינער, שטיינער,
וואָס טוט איר מיט זיך פאַרדעקן?
לוקאָוו און זשאַרקאָוו —
שטיין... שטיין...
ווערזשבניק און סאַרנאָוו —
שטיין...
עפּשער געבליבן פּינטשאָוו? ניין...
עפּשער א סימען פון ראַדזין? ניין...
יודענריין!
געבליבן בלויז שטאַרצן
ניסראָפּים־קוימענדלעך.
ניטאָ ניטאָ שוין
די מוישעלעך, שלוימעלעך...
און דאָ, אין דעם וואַלד,
די שטיינער, פאַרוויינט,
שטייען געבויגן אף מענטשנס געביין.

א טיפן שפּור לאָזן איבער אף דער ערד די העלדן פון ווערגעליסעס לידער — אַרבעטסליַיט, קריגסליַיט, קעמפער קעגן דעם היטלעריזם, שעפער פון דער צוקונפט. ווי א הערלעך זיַיטל אין אונדזער דיכטונג גייען אריַין די לידער פונעם פּאָעט וועגן די דאָזיקע מענטשן. די לידער זיַינען קורצע, אָפטער פון אַלץ זייער געפּרעסטע. אָבער דער איקער איז דאָך, ווי באַוווּסט, ניט די גרייס פון א קונסט־ווערק. אויך אין א קליינעם מושל קאָן מען דערהערן דעם רויש פונעם אָקעאַן, אויב דער מושל איז ניט פאַרמיסטיקט מיט זאַמד און מיט שליים. קימאַט אין יעדער ליד ווערגעליסעס הערט זיך דער רויש פון דער אָקעאַן־כוואַליע קלאָר און דיַיטלעך.

נאַטירלעך, ניט יעדעס ווערק דערגרייכט דעם גראַד פון די בעסטע. עס זיַינען פאַראַן געראָטענע לידער און ניט גאָר געראָטענע, פאַראַן בלויזן. אָבער די מיַיסטערשאַפט ווערט אָפּגעפּיַילט, פאַרפולקומט, דער קינסטלער זוכט ניַיע פאַרבן, ער עקספּערימענטירט. אף אַנדערע לידער ליגט, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, דער כויסעם פון אָנגעצויגענער באַדיַיטלעכקיַיט, פון באַשריַיבערישקיַיט, א מין „דרויבלען" די וויכטיקע טעמע. שוואַכער פון אַנדערע זיַינען, לעמאָשל, די לידער „אין א שענק לעבן באַלאָניע", „אין א מוזיי", „די שווייצערישע שפּראַך". נאָר דאָס זיַינען קליינע אויסנאַמען. אינגאַנצן גענומען, איז דער איַינדרוק פון די לידער די סאַמע בעסטע. בילדעריש, ריכטיק און פּינקטלעך האָט געזאָגט אין זיַין פאָרוואָרט צום בוך סערגיי נאַראָווטשאַטאָוו: „א גרויסע, ראַכוועסדיקע, אינטערעסאַנטע וועלט עפנט זיך פאַר אונדז אין אָרן ווערגעליסעס דיכטונג. אין איר בושעווען ווינטן, ווי לײַדנשאַפטן, און לײַדנשאַפטן, ווי ווינטן... אין דער וועלט לעבן שטאַרקע און מוטיקע מענטשן, זיי זיַינען באַהערשט פון א שיינעם טרוים, פאָרויס פאַר זיך זעען זיי א פּרעכטיקן ציל".

„פּראַוודאַ" פון 26 אָקטיאַבער 1979.

קינסטלער הערש אינגער

(וועגן ה. אינגערס שאפונג זע אף דער זײַט 154)

דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש

ניקאָלאָ פּאַגאַניני



לידוויג וואַן בעטהאָווען

ו. קאָראָלענקאָ, „דער בלינדער מוזיקאַנט“



שאָלעם-אליכעם, „די פריילעכע קאָמפּאַניע“

פון דער סעריע „מײַן קינדהײט":

דער שוכפּוצער

אין קיך



ב לעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

צ א ל ע ל ב ל י ץ

ווּהין גייט דער זשורנאַל „יידישע קולטור"?

דער ניו־יאָרקער איקוף איז קיינמאָל ניט געווען די גרויסע מוסטער־אינסטיטוציע, וואָס זאָל ארומנעמען, אַזוי ווי בא אונדז אין ארגענטינע, דאָס גאַנצע פּראָגרעסיוו־געזעלשאַפטלעכע לעבן אַף אַ צענטראַליזירטן אופן. ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן דער אינסטיטוציאָנעלער רוקנביין פון דער גאַנצער באַוועגונג. דער דאָרטיקער איקוף־אָרגאַן „יידישע קולטור" האָט נאָך דערצו פון שטענדיק אָן געטראָגן אַף זיך אַ ריין־פּערסאָנאַליסטישן כּוסעם, פריִער פון נאַכמען מײַזלען און שפּעטער — פון איטשע גאָלדבערגן.

מײַזלס פּעריאָד האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט אידעאָלאָגישער אומראַפינירטקײַט און מיט ליטעראַרישער דילעטאַנטישקײַט. די איצטיקע אידעאָלאָגיע, קאָן מען זאָגן, איז אַזאַ: אַבסטראַקט־יידישיסטישער „סעקוראַליזם" פּליוס פּראָגרעסיוויסטישע קלאָל־יִסראָעלדיקײַט, פּליוס דאָס שטרעבן געפעלן צו ווערן די סאָנים פונעם איקוף, פּליוס אַנטיסאָוועטישקײַט אין קוואַדראַט. ווי מיר זעען, איז עס, קיין אײַנהאָרע, אַ גאַנץ פּײַנער אידעאָלאָגישער פּלוראַליזם, אָבער פון אַלע פּליוסן באַקומט זיך איין גרויסער מינוס.

דאָס, וואָס עס סטאַרטשעט אַרויס צום נעגאַטיוון, איז די אַנטיסאָוועטישקײַט און דער פּערסאָנאַליזם.

א נ ט י ס א ָ ו ו ע ט י ש ק ײ ַ ט

דער קורס אַף אָפענעם אַנטיסאָוועטיזם האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ יאָר פופצן צוריק, פריִער — בעלאַבאַש, און נאָכדעם אַלץ הילכיקער און הילכיקער, אַף דער באַזע פון ווינדן־קראַצעניש, אַף די זעלבע אויסגעדינטע פערדלעך, אַף וועלכע עס רײַט קעסיידער די רעאַקציע, מיטן אונטערשייד, וואָס אי. גאָלדבערגס זשורנאַל טוט עס לויט אַ „סאָציאַליסטישער" אײַנשטעלונג און מיטן מײַן צו געבן אַ לעקציע דעם ראַטנפאַרבאַנד.

די ארגענטינער איקופישע פּרעסע, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קאָנסעקווענט פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס אין דער וועלט, האָבן ניט איין מאָל אָפּגעוויזן אַף דער גרונטלאָזיקייט פון די באַשולדיקונגען, אָבער אַזוי ווי גאָלדבערגס אַנטיסאָוועטישע פּראָזע האָט אַלציינס אָנגעהאַלטן ווײַטער איר גאַנג, האָט מען זיך צוגעוווינט צו איר, ווי מע געוווינט זיך צו צו אַ שלעכטן וועטער...

אָנהייבנדיק פונעם יאַנואַר־נומער פאַרן 1975 האָט „יידישע קולטור" גענומען פאַרעפנטלעכן אויך אַנטיסאָוועטישע פּאָעזיע, מאַכנדיק אַ „פּאַטשאָטאַק" מיט מ. בירנבוימס אַ ליד קעגן דעם רויטן שטערן... אַפילו נאָוויק האָט זיך דאַן אָפּגערופן אַ דערצאָרנטער מיט אַ בריוו אין רעדאַקציע, ווו ער האָט געשריבן, אַז אַזאַ ליד „איז ניט דערלאָזבאַר אין אַ פּראָגרעסיוון זשורנאַל".

נו, און געבן אָן אָרט אַף צו באַשמוצן בערגעלסאָנען, זאָל זײַן אַפילו אומדירעקט, מעג מען אין אַן איקוף־זשורנאַל? אי. גאָלדבערג האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַלטע בריוו פונעם שרײַבער זיסקינד לעוו צום ניו־יאָרקער שרײַבער לעאָן ירמאַן, אין וועלכע בערגעלסאָן ווערט גראָב באַלײדיקט. לעוו, וואָס האָט אַ צײַט געלעבט אין דײַטשלאַנד און אין דענעמאַרק, האָט אין מיטן פון די 30־ער יאָרן עמיגרירט קיין ראַטנפאַרבאַנד. עס זעט אויס, ווי ער זאָל זיך האָבן פריִער אויפגעפירט ניט ווירדיק, ווען ער איז געווען אַרעסטירט בא די נאַציס און איז דערפאַר אָפּגעשטעלט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער דײַטשישער קאָמפּאַרטיי. האָבנדיק אָן אומבאַגרינדעטן כּשד, אַז בערגעלסאָן האָט וועגן דעם דערציילט ד. טשאַרנין, באַצייכנט ז. לעוו בערגעלסאָנען אַט ווי אַזוי: „דער אַפּטריט בערגעלסאָן". („ייד. קולטור" נומ. 1, 1975), אָדער „מײַן אינצידענט מיט דער טאַלאַנטפולער בעסטיע רעב דאַוויד האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ גרויסן פּיאַסקאָ פאַר אַלע בלאָטיקע באַשעפענישן... מײַן אָפּרעכענען זיך מיט דער טאַלאַנטירטער בעסטיע דאַרף ערשט קומען" („ייד. קולטור" נומ. 2, 1975). אויסער דעם, ווען לעוו וויל זאָגן, אַז עפּעס איז לאַנגווײַליק, זאָגט ער: „פּונקט ווי בא בערגעלסאָנען". ער פּאַסקנט אויך, אַז בערגעלסאָנס „עטיודן" און „ביראָבידזשאַנער" זײַנען „נאַריש און גאָרנישט־זאָגנדיק", אַז דאָס איז אַ „פאַלן און פאַלן", אַז אַפילו דער צווייטער טייל „באַם דניעפּער" „טויג נישט (צו) גאָרנישט", און ער כּויזעקט פון די, וואָס „בערגעלסאָנעווען". מיט דעם אַלעמען שעפּן מיר נאָך ניט אויס דאָס אַלץ, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אַף בערגעלסאָנען אין אי. גאָלדבערגס אָרגאַן.

לעוו הייבט ארויס זײַן אייגענע „גרויסקײַט". וועגן די ייִדישע שרײַבער אין ראטנפארבאנד זאָגט ער אזוי: „פאראן עטלעכע אויסנאמען. אָבער עס איז דאָ נאָך מער מיסט"...

פרעגן מיר, צי די דאָזיקע פריוואטע בלאָטע־וואַרפּערײַ אָף דער שפּיגל־געשטאלט פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראטור האָט געמעגט פארעפנטלעכט ווערן דאָרט, ווו זי איז פארעפנטלעכט געוואָרן? מיר זײַנען זיכער, אז לעוו אליין וואָלט עס ניט דערלויבט, ווײַל דאָס זײַנען דאָך געוועזן פארטרוילעך־פריוואטע ווערטער צו א כאווער. מעג אן איקופּ־אָרגאן פארעפנטלעכן וועגן אזא פיגור, ווי בערגעלסאָן, ניט אווטאָריזירטע זידל־רייד פון וועמען דאָס זאָל ניט זײַן, ביפראט, אז לעוו איז א ליטערארישׁ שטויבעלע אין פארגלײַך מיט בערגעלסאָנען? צי מעג מען אָף אזא אויפן פארשוועכן דעם אָנדענק פון א גרויסן שריפטשטעלער?

לעווס סעריע בריוו האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין לעצטן נומער „ייִד. קולטור" פון יאָר 1974, אָבער דער נומער איז ניט דערגאנגען צו אונדז, און מע קען אים ניט באקומען אין ארגענטינע. ווייסן מיר ניט, צי דער רעדאקטאָר האָט געמאכט אין דאָזיקן נומער אוועלכע־ניט־איז רעדאקציאָנעלע באוואָרעניש[1], אָבער אזוי צי אזוי, איז עס מיִעס און אומדערלאָזבאר.

דערפאר אָבער האָט סאָלזשעניצין באקומען בא איטשע גאָלדבערגן איקופּישן קאָוועד. דער שאַרבלאט פון נאָיאבער כוידעש „ייִד. קולטור" פארן 1970 יאָר איז אויסגעפוצט געוואָרן מיט סאָלזשעניצינס פּיקטשע צו זײַן באקומען די נאָבעל־פּרעמיע, כאָטש אלע האָבן געוווּסט, אז דער גאנצער איניען איז א העסלעכע אנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאציע. גאָלדבערג האָט זיך ניט געשטערט צוצולייגן זײַן בײַטראָג צו אָט דער פּראָוואָקאציע...

נו, און וואָס קאָן מען זאָגן וועגן אי. גאָלדבערגס פערזענלעכער אנטיסאָוועטישער פּובליציסטיק אין דער „ייִדישער קולטור", קימאט נומער־אײַן, נומער־אויס? ער האלט אין איין מאָנען דאָס „צוריקשטעלן די ייִדישע קולטור אין ראטנפארבאנד" און מאכט זיך ניט ווויסנדיק, אז איבער דעם, וואָס דאָס ייִדישע לעבן איז אין דער מילכאָמע אזוי בלוטיק־טראגיש רעדוצירט און צעקרישלט געוואָרן, קאָנען געוויסע קולטור־פּאָזיציעס ניט „אופגעשטעלט ווערן" פּונקט אזוי ווי פריִער. אזוי, לעמאָשל, איז דער דעמאָגראפישער באָדן פאר ריין־ייִדישע שולן, צו אונדזער גרויסן אומגליק, פארשווונדן. פון דער צווייטער זײַט, איז אין ראטנפארבאנד גילטיק מיט דער גאנצער קראפט דער פּרינציפּ „בילדונג אין דער מוטער־שפּראך", אָבער עס זײַנען איצט ניטאָ אין ראטנפארבאנד קיין ייִדיש־ריידנדיקע קינדער און אפילע ניט קיין ייִדיש־ריידנדיקע עלטערן פון שולקינדער. ווען אין ביראָבידזשאן וואָלט די ייִדישע קינדער־באפעלקערונג, אפילע בלויז אין געוויסע פּונקטן, באטראָפן 51 פּראָצענט, וואָלט דער סאָציאַליסטישער אינהאלט פון די דאָרטיקע שולן באקומען די געהעריקע נאציאָנאלע פאָרם, און ייִדיש, לעכאָלהאפאָכעס ווי א צוגאָב־שפּראך, וואָלט געוועזן אָבליגאטאָריש אפילע פאר ניט־ייִדישע שילער[1]. די עקזיסטענץ פון א טעגלעכער צײַטונג אף ייִדיש באווײַזט, אז די שפּראך־באדערפענישן פונעם דערוואקסענעם ייִדיש־ריידנדיקן שיכט ווערן אין ביראָבידזשאן בעקאָוועד־גאָדל גענומען אין אכט.

דאָס שליסט ניט אויס, אז עס זאָלן שוין איצט אָרגאניזירט ווערן מעלוכישע אָדער געזעלשאפטלעכע ייִדיש־קורסן פאר די, וואָס ווילן עס, און עס זאָל באנײַט ווערן דער אינטערעס פאר ייִדיש, וואָס איז אופגעלעבט געוואָרן דורך די ייִדישע בינע־ספּעקטאקלען, ארויסגעגעבענע ביכער און בעיִקער דורך „סאָוועטיש היימלאנד", דעם שפּיגל־זשורנאל ניט נאָר פון דער סאָוועטישער, נאָר פון דער גאנצער פּראָגרעסיוו־ייִדישער וועלט־ליטעראטור.

און גראָד קעגן דאָזיקן אָרגאן איז אי. גאָלדבערג אייש־לעהאָוואָ. זינט דער זשורנאל האָט גענומען אנטשיידן צו קריטיקירן דעם אבסורד פון „איקופּישער" אנטיסאָוועטישקײַט און פּראָציִעניזם...

ווער עס לייענט „סאָוועטיש היימלאנד", ווייסט, אז די רייד, וואָס גאָלדבערג טוט דאבערן, גרענעצן מיט אומזין און פּראָפּאנאציע און אז קיינמאָל האָט נאָך א ייִדישער פּראָגרעסיווער זשורנאל ניט באפרידיקט אזוי האנאָעדיק דעם ייִדישן פאָלקסמענטש און ניט אויסגעדריקט אזוי טרעפלעך דאָס, וואָס עס באקומט זיך אים אפן הארצן. אזוי איז אין ארגענטינע, און אזוי איז זיכער אין אמעריקע, אָפּגערעדט שוין פונעם ראטנפארבאנד.

דאָס טשיקאוועסטע איז, וואָס איטשע גאָלדבערג האָט די האָזע צו לערנען די סאָוועטישע רעגירונג, וועמען זי זאָל שיקן אלס אירן א קולטור־שעליִעך קיין אויסלאנד, און ער פאָדערט נאָך, הערט און שטוינט, צו „שאפן א ייִדיש־נאציאָנאלע אינסטאנץ", וואָס זאָל רעדאגירן דעם זשורנאל. פון דער צווייטער זײַט, גיט ער אין ניו־יאָרק אינסטרוקציעס, וויִאזוי א ייִדישער זשורנאל אין מאָסקווע דארף רעדאגירט ווערן. צי פארשטייט ער ניט די לעכערלעכקײַט פון אזא מין כוצפּע?

אָ, זעט איר, ווען דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" וואָלט געהאט א שטיקל דיסידענטישן צוגאנג, וואָלט אים אי. גאָלדבערג ניט געזשאלעוועט קיין סמיכעס אף רעדאקטאָרשאפט. זאָל זיך גאָלדבערגן אָבער ניט כאָלעמען, אז די ייִדישע קולטור־שעפער אין ראטנפארבאנד ווילן האָבן אן אנדער צוגאנג צו פּראָבלעמען ווי דער ראטנפארבאנד גופע, און ניט ווײַל מע „מוז", נאָר

---

[1] די רעדאקציע פונעם זשורנאל „ייִדישע קולטור", פארקערט, מאכט א רעקלאמע פאר זיסקינד לעווס ארויסזאָגונגען. אינעם אַרײַנפיר צו דער בריוו־פּובליקאציע שרײַבט זי, אז ז. לעוו איז דאָ „אלעמאָל אויסגעהאלטן, כאָטש אָפט א ביסעלע שאַרסטקע אין זײַנע מיינונגען און אין זײַן אָפּשאץ פון כאוויירים. ער טרעט ניט אָפּ פון זײַן פּראָלעטארישער אײַנשטעלונג, איז קריגעריש אין זײַן ליטערארישן אײַנשטעל. זײַן צוגאנג צו כאוויירים־שרײַבער איז א געמיש פון מאָנונג, ניט קאָמפּראָמיסלעכקײַט, אָבער גלײַכצײַטיק ווארעם, אופמערקזאם און לערעריש"... („ייִדישע קולטור", נומ. 9, דעקאבער 1974). רעד. „סאָוועטיש היימלאנד".

[1] ווי מיר האָבן שוין מיטגעטיילט, ווערט איצט אין ביראָבידזשאן געפירט אן ארבעט אף צו אײַנפירן אלס לימעד, די ייִדישע שפּראך אין די קינדערשולן. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד".

ווײַל דאָס איז א קאָנסעקווענץ פון ריינסטע סאָוועטישע איבערצײַגונגען, פון סאָציִאליסטישער איבערגעגעבנקייט צו דער ייִדישער פאָלקס־קולטור.

אי. גאָלדבערג רעדט מיט אזא טאקיפעס, פונקט ווי ער וואָלט געווען דער שליִעך־ציבור פון איקופישער אלוועלטלעכקייט. אין דעם זינען איז ער א „סאמאָזוואנעץ" (אזא, וואָס האָט זיך אליין באשטימט). דער ארגענטינער איקוף, מיט זײַן גאנצן פאָלקס־קויעך, דעזאוואָריזירט אים פון אָנהייב ביזן סאָף און שטעלט פעסט, אז אפילע די ייִדישע צאָפן־אמעריקאנער פראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכקייט, ווי א גאנצע, האָט אים ניט באפולמעכטיקט צו ריידן אזוי, ווי ער טוט עס אין זשורנאל „ייִדישע קולטור", וועלכן ער האָט פארוואנדלט אין זײַנעם א האלב־פערזענלעכן טאָגבוך...

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אז איטשע גאָלדבערג רעדט מיט אזא „ראזמאך", ווי ער וואָלט געווען דער פויסעק־אכרוין, דער העכסטער וואָרטזאָגער אין פראגן פון איקופישער אלוועלטלעכקייט. ער ווייסט זייער גוט, ווער עס זײַנען די מי־וואָמי־ההוילכים הינטער אים. פונדאנען זײַן דראנג, ווי מיר וועלן זען ווײַטער, צו א גרעסערן „לעבנס־רוים", צו שליסן א פאקט מיט אנטי־איקופישע עלעמענטן און צו איבערצײַגן זיי נאָכאנאנד, אז ער איז שוין גענוג ווייך אף איבערצומאָדעלירן זיך, אף מאכן „עכט נאציִאָנאל־ייִדישלעך" דעם איקוף. אָבער דער צאד־שעקנעגעד, צו וועמען ער אפעלירט, איז אזוי דורכגעפרעסן מיט גאליקער אנטי־איקופישקייט, אז ניט געקוקט אף אלע גאָלדבערגס קניקסן, האלט מען אים דאָרט אלציינס ווי אן אָנגעהעריקן צו דער „קאָמוניסטישער טומע"...

פון דער צווייטער זײַט, איז פאלש איטשעס אָנדײַט, אז דער הויפט־רעדאקטאָר איז דער איינציקער דייעזאָגער אין „סאָוועטיש היימלאנד". עס באגלייטן דעם הויפט־רעדאקטאָר 12 באוווּסטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, אָנגעזעענע רעדאקציע־מיטגלידער פונעם זשורנאל. נו, און ווער באגלייט דען אי. גאָלדבערגן? נאָוויק און גרין פיגורירן בלויז דעקאָראטיוו אף דער שילד פונעם זשורנאל „ייִדישע קולטור".

די 12 שרײַבער, וועלכע פאָרמירן אויס, אין פולער סאָלידאריטעט מיטן הויפט־רעדאקטאָר, די ליגיע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", האָבן אף א פלענארער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע, פאָריקן דעקאבער, אָנגענומען אזא רעזאָליוציע: „די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע דריקן אויס זייער שטוינונג אין צוזאמענהאנג מיט דער פײַנטלעכער, אין באצוג צו דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור און איר פעריִאָדישער אויסגאבע, פראָפאגאנדע, וועלכע עס פירן סיסטעמאטיש אין זייערע פרעסע־אָרגאנען די רענעגאטן פון דער פראָגרעסיווער ייִדישער באוועגונג אין צאָפן־אמעריקע, ייִסראָעל, קאנאדע אא." („סאָוועטיש היימלאנד", נום. 2, 1979).

די דאָזיקע קאָלעקטיווע פארמישפעטונג איז, פארשטייט זיך, כאָל אויך אף איטשע גאָלדבערגן...

אף אומוועגן פון אידייִשער קאפיטוליאציע

דער פרוּוו צו קאפיטולירן פאר די סאָנים מיצאד די אויסגאבעס „ייִדישע קולטור" און „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט א לאנגע געשיכטע, אָבער דער איניען האָט אָנגענומען ביזאָיענדיקע פאָרמען, ווען גאָלדבערג און נאָוויק האָבן גענומען בעטן ראכמים, מע זאָל זיי צולאָזן צו דער שווינדלערישער פסעוודאָקאָנפערענץ פאר ייִדיש אין יערושאָלאיִם, — צו יענער אפעריסטישער מאכערײַקע, וואָס האָט זיך פארנומען אײַנצושפאנען די ייִדישע פאָלקס־קולטור אין פאָליטישן וואָגן פונעם ציִעניזם.

זיי האָבן זיך מאמעש געבעטן, מע זאָל זיי לאָזן ארײַנפאלן אין דער ציִעניסטישער פאסטקע, אָבער ניט געקוקט אף די אידעאָלאָגישע קאָנצעסיעס, וואָס זיי האָבן געמאכט אין די לעצטע יאָרן לויט דער ליניע סנע — מיקוניס, האָט מען זיי אלציינס, אין העסקעם מיט דער קרומער „פאָרווערטס"־לאָגיק, געהאלטן פאר „רויטע" און „יעווסעקעס"...

איטשע גאָלדבערג האָט דאן געשריבן: „מיר וואָלטן זייער שטארק געוואָלט זײַן א טייל, צוזאמען מיט די אנדערע, פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע (דה., צוזאמען מיט די געלע „פאָרווערטס"־עלעמענטן, צום בײַשפיל), און עס ארט אונדז גאנץ ווייניק, וואָס מיר זײַנען אין באשטימטע פראגעס איינער מיטן אנדערן ניט מאסקים". וואָס הייסט „עס ארט אונדז גאנץ ווייניק" די מיינונג־פארשיידנהײַט מיט דער רעאקציע? בלויז דערפאר, ווײַל אויך זי רעדט אף ייִדיש?.. אין א בריוו צום ניו־יאָרקער ייִסראָעל־קאָנסול האָט דער זעלבער גאָלדבערג געשריבן וועגן דער קאָנפערענץ: „מיר ווילן פון איר אראָפנעמען דעם פלעק פון דיסקרימינאטאָרישקײַט", דה., מיט פאָשעטע ווערטער: מיטן אָנטייל פון די צאָפן־אמעריקאנער איקוף־עלעמענטן קאשערן דעם צוויִעסדיקן שווינדל און אָפטאָן עס איבערן קאָפ פון דער איקופישער פאָלקס־מאסע.

איטשע גאָלדבערג האָט געקערט וועלטן, געקליבן אונטערשריפטן און אליין, א ניט־געבעטענער, געפלויגן קיין ייִסראָעל, מיט דער האָפענונג ארײַנצובאקומען זיך אפן ציִעניסטישן ייִדיש־יאריד דורך דער הינטערטיר, אָבער פון זײַן איליוזיע זײַנען געבליבן בלויז שערבלעך...

זײַן קאפיטוליאנטישער אייפער איז אָבער פון דעם ניט געמינערט געוואָרן. ער האָט וועגן דעם „פילאָזאָפירט" אין זײַנע לייטארטיקלען און האָט דערגרייכט דעם הויכפונקט גראָד אין זײַן פײַערלעכן ארטיקל לעקאָוועד דעם 40־יאָריקן יובילײ פון דער „ייִדישער קולטור" (נום. 1, 1979), — אין זעלבן נומער, אין וועלכן ער האָט דורכגעפירט זײַן פען־אטענטאט אף „סאָוועטיש היימלאנד" און אף זײַן הויפט־רעדאקטאָר און אין וועלכן עס איז ווידער פאראן אן אנטיסאָוועטישע גראמען־פלעכטערײַ פון מ. בירנבוימען, ווו דער מעכאבער גיט צו וויסן „דיכטעריש", אז עס קערט אים ברעכן פונעם ראטנפארבאנד און דערפאר טאקע באזינגט ער די שטשאראנסקיס... שוין איינמאָל א באערונג פאר איקופישע 40 יאָר!..

אין זײַן אַרטיקל באָט אָן איטשע גאָלדבערג דעם „קולטור־קאָנגרעס״ (קוקאָ) און אפילע די „אזויגע־רופענע רעכטע״ זײַן גרייטקײַט צונויפצוגיסן זיך מיט זיי, און ער פּשעטלט אויס, אז דער קוקאָ איז דאָך „א רעזולטאט פון געבורט פון איקוף״. עס באַ־קומט זיך, אז דער קוקאָ איז מאמעש א לײַבלעך קינד פון איקוף... דארף מען דען דערמאָנען דעם רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „ייִדישע קולטור״, אז דער קוקאָ איז געבוירן געוואָרן, אף א צולאָכעס־דיקן אויפן, ווי די שארפּסטע אנטיטעזע פון איקוף, און פארקערפּערט אין זיך אלץ, וואָס אנטי־איקוף איז, אלץ, וואָס איז אנטיפּראָגרעסיוו — און וואָס שפּרודלט מיט האס צו די איקופישע פּאָסטולאטן?

אָבער די צײַטן האָבן זיך געביטן, זאָגט אי. גאָלד־בערג, און אויב אזוי, וואָלט עפּשער ביכלאל געווען א פּלאן אָפּצוזאָגן זיך פונעם ארכאישן, אומבאקווע־מען און פארעלטערטן נאָמען „איקוף״, אף דער שוטפישער באזע פון אנטיסאָוועטישקײַט...

איטשע גאָלדבערג איז גרייט צו קאפּיטולירן צום אנטי־איקוף ווי א בײַטראג, זאָגט ער, „לעטויוועס אונדזער מאמע־לאָשן״, אָבער וועגן וועלכן ייִדיש האנדלט זיך דאָ?

צי קען א פּראָגרעסיווער ייִד ריידן וועגן ייִדיש אבסטראקט, סטאם אין דער וועלט ארײַן? אין דער זעלבער קיילע, וואָס הייסט ייִדיש, קאָן מען דאָך ארײַנגיסן סאם און מע קאָן ארײַנגיסן האָניק. אָבער איטשע זוכט די פּראָצעדור, וויאזוי אויסצומישן האָ־ניק מיט סאם... פאר אונדז איז גילטיק בלויז יענער ייִדיש, וואָס האָט הינטער זיך א סאָציאל־אידעאלאָ־גישן אָנשפּאר, וואָס איז אן אינסטרומענט פון דער־הייבונג פארן ייִדישן פאָלקסמענטש, וואָס איז א געווער אין קאמף קעגן אלטן און נײַעם טאקיפּנ־טום.

מיט אונדזער ליבע צו ייִדיש, ניט ווי צו א פעטיש, נאָר ווי צום איידעלן פאָלקס־אינסטרומענט, און באזונדערס מיט אונדזער געשיכטלעכן איקוף־גאנג און אידעאָלאָגישער רײַפקײַט מוזן מיר פּאָס־לען איטשע גאָלדבערגס האנאָכעס פארן אנטי־איקו־פישן וואָלף.

מיר פארשטייען, אז עס קאָנען זיך אמאָל שאפן באדינגונגען, וואָס צווינגען, אז די שוואכע זאָלן קאפּיטולירן, אָבער אין גאָלדבערגס פאל איז די קאפּיטוליאציע א פרײַוויליקע. קיינער דראָעט אים ניט מיט א רעוואָלווער, אָבער אלציינס האלט ער אופגעהויבן די הענט...

פערסאָנאליזם

אן אנדער מידע פונעם זשורנאל „ייִדישע קול־טור״ איז אי. גאָלדבערגס פערסאָנאליזם. ווי נאָר ער האלט א רעדע אָדער א דראָשע אף א באנקעט, אָדער, לעהאוודל, א העספּעד־וואָרט, אָדער א ספּיטש אף א „סעקולערן״ פּייסעך־סיידער; ווי נאָר אן ארא־טאריע, וואָס ער שטעלט צונויף, אָדער סטאם ער־געץ אן איניציאטיוו זײַנע, מוז עס אומבאדינגט דערשײַנען אין זשורנאל „ייִדישע קולטור״. דערבײַ פּילט ער זיך דאָרט אזוי, אז ער שעמט זיך ניט צו שרײַבן אין די פּוסנאָטעס אונטער די טעקסטן פון זײַנע פּובליקירטע רעדעס אין אָט אזא נוסעך — „רייד, וואָס איך האָב געזאָגט״. ס׳קומט אויס, ווי ער וואָלט געהאט פּריוואט־באזיצערישע רעכט אינעם זשורנאל: פאראן א באלעבאָס, וואָס רעדט בעלאָשן „איך״ און פארטיק...

א צווייטע מידע איז דאָס קעסיידערדיקע ציטירן זיך אליין, קעדיי מע זאָל, כאלילע, ניט פארגעסן, וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן און אייערנעכטן...

וואוהין ווערט געפירט „ייִדישע קולטור״?

צי האָט זיך ווער געקאָנט ווען־ניט־איז ריכטן, אז דער צאָפן־אמעריקאנער איקוף־זשורנאל וועט ארוף אף אזא אבסורדאלן וועג, ווי „איקופישע אנטיסאָ־וועטישקײַט״, אָדער וועט שטרעבן צו קאפּיטולירן פאר אנטי־איקופישע קנופּיעס אין נאָמען פון א ייִדישיזם, וואָס איז אויסגעהוילט פון א פּראָגרעסיוו־אידעאָלאָגישן קערן?

צי מעג אן איקוף־זשורנאל אָנגעפּירט ווערן אָן א וועלכן־ניט־איז קאָלעקטיוו־געזעלשאפטלעכן קאָנ־טראָל און איבערגעלאָזט ווערן אָפן באראָט פון איין־איינציקן מענטשן, וואָס נוצט אויס זײַנע פּער־סאָנאליסטישע נייגונגען אף אָנצורירן די רומפּולע איקוף־טראדיציעס און אנטקעגנטאנצן דעם אנטי־איקוף?

מיר זײַנען זיכער, אז די פאָלקס־קרײַז פון דער ייִדישער צאָפן־אמעריקע וועלן סאָפּקאָלסאָף זאָגן זייער וואָרט. סימאָנים פון דעם פעלן ניט.

(„אונדזער לעבן״, בוענאָס־איירעס).

ש. בוים

וועמען געפעלן זייערע רעכילעס און ליגנס

די רעדאקטאָרן פונעם זשורנאל „ייִדישע קולטור״ און פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט״ זײַנען אזוי נידעריק געפאלן, אז זיי זינקען פּאָשעט אין דער שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט די לעצטע יאָרן אף זייערע ליטערארישע און פּובליציסטישע זײַטלעך. אָפּטמאָל פארגעסן זיי, ווו זיי האלטן אין דער וועלט און וועלכן „גאָט״ זיי דינען.

מיר האָבן ביז איצט געמיינט, אז די געפאר פאר דער מענטשהײַט און פאר די פעלקער אף דער וועלט שטעלט מיט זיך פאר דער אימפּעריאליזם און זײַנע פארשיידענע פארבינדעטע, דער נאטאָ־פּאקט, דער פּאקט צווישן דעם אמעריקאנער אימפּעריאליזם מיט די פירער פון עגיפּעט און מיט די פירער פון ייִסראעל, וועלכע באדראָען דעם נאָענטן מיזרעך מיט

א נייַער מילכאָמע. ווייַזט זיך ארויס, אז מיר זייַנען „טעמבעלעס״, ווייַל מיר האָבן ניט געלייענט די „מאָרגן־פרייַהייַט״. איצט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די סאָקאָנע איז גאָר דער אַנטיציוניזם, ווי די „מאָרגן־פרייַהייַט״ האָט געשריבן דעם 13 סענטיאַבער 1979.

ווען די רעדאַקטאָרן פון די ניו־יאָרקער אויסגאַבעס „מאָרגן־פרייַהייַט״ און „יידישע קולטור״ ריידן וועגן דעם יידישן קיום, וועגן קלאַל ייִסראָעל, וועגן ריינער יידישער קולטור, וועגן „אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד״ איז דאָס ניט קיין נייַס, דאָס איז ניט זייער פּאָליטישער פּאַטענט, נאָר א קאָפּיע פונעם אַלוועלטלעכן רעאַקציאָנערן פּאָליטישן שלאַגער.

אין ייִסראָעל הערן מיר דאָס יעדן טאָג, די הערשער אונדזערע לאָזן ניט ארויס פון זייערע מייַלער די „הייליקע״ רייד וועגן „יידישקייט״, וועגן קיום און יידישער קדושע, וועגן „שאָלעם״ און „דעמאָקראַטיע״ לויט זייער פאַרשטאַנד.

אזוי גייט שוין די שפּיל אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט: מע רעדט וועגן דעמאָקראַטיע, וועגן „מענטשן־רעכט״, און מע דערשטיקט בייַסמייַסע דאָס פרייַע מענטשלעכע וואָרט, דאָס לעבן פון די שאָלעמליבנדיקע פעלקער.

מע פאַרזייט קראַפּעווע, און מע זאָגט, אז דאָס זייַנען בלומען. און ריידנדיק און שרייַבנדיק, פאַרטומלען זיי אזוי די מענטשלעכע מויכעס, אז איינצקע ווייסן שוין ניט, ווו עס וואַקסט בעעמעס די בייזע גיפטיקע קראַפּעווע, ווו עס וואַקסט אַנטיסעמיטיזם, נעאָנאַציזם און ווו עס וואַקסן בלומען, ווו איז די בראָכע און ווו איז די קלאָלע.

אין איניען פון זען און קענען שילדערן די סאָציאַל־פּאָליטישע ווירקלעכקייט, פון זען, ווו עס וואַקסן ווילדגראָזן, ווו עס לייגן זיך אָן בערג מיט פּאָליטישן מיסט, דאַרף מען שטיין אף א געוויסער פּאָליטישער הייך. דער רוסישער פּאָלקס־שרייַבער מאַקסים גאָרקי האָט געזאָגט, אז וואָס העכער א שרייַבער שטייט, אַלץ ווייטער זעט ער.

דאָס קאָן מען אָבער ניט פאָדערן הייַנט פון די רעדאַקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט״, די געוועזענע, וועלכע קלאַפּן זיך הייַנט אַלכעט פאַר זייערע אַמאָליקע „רויטע זינד״, האַלטן זיך גרויס מיט זייערע הייַנטיקע פּראָציוניסטישע זינד.

די וועלט ארום זיי איז פול מיט מילכאָמע־געפאַרן; דער אַנטיסעמיטיזם און דער נעאָנאַציזם ליגן אונטער זייער נאָז; די סינע צו פעלקער, צו פרייַהייַטס־קעמפער וואַקסט פון טאָג צו טאָג אין דער אימפּעריאַליסטישער וועלט; די פּאָליטיק פון דער רעאַקציע אין אַמעריקע באַדראָעט די פיזישע עקזיסטענץ פון די יידישע פּאָלקסמאַסן אין דער גאַרער וועלט. און זיי שרייַען אין איין קאָל, צוזאַמען מיט אַלע פּאָלקספייַנטלעכע הערשער, אז יידן זייַנען אין געפאַר, און ווו? אין סאָוועטנפאַרבאַנד...

ווייַל עס פעלט דאָרט א „ריין יידישע״ קולטור, א קולטור פאַר „קלאַל ייִסראָעל״.

זיי ווילן, אז קולטור זאָל זייַן סטאַם קולטור און יידיש זאָל זייַן סטאַם יידיש, אָן קיין אונטערשייד פון קלאַסן־כאַראַקטער, פון סאָציאַלן אינהאַלט.

ס'איז אָבער אָך און ווי צו דער קולטור, וועלכע פאַלט אַרייַן אין די הענט פון די ייִסראָעלדיקע רעאַקציאָנערע הערשנדיקע „קולטור״־טוער. די פּריידיקער פון „יידישער קולטור״ אין ייִסראָעל פּאַרטומלען די מויכעס, ווען זיי גיבן צו לייענען דעם יידישן לייענער גאָלדע מעירס „מייַן לעבן״, הערש סמאָליאַרס „פון אינעווייניק״, בערל פּרימערס „יידישע האָריזאָנטן״, נ. שימענס „קדושע אין יידישן פאַמיליען־לעבן״, ייִצכאָק קאָרנס „יידן אפן שיידוועג״ און א „טהילימל אף יעדן טאָג״.

מיט אַזעלכע ליטעראַרישע „פּערל״ שייַנט די הערשנדיקע יידישע ליטעראַטור אין ייִסראָעל, זי פאַרשפּרייט פינצטערניש, מיט וועלכער טאַרעאַדאָרן פון א יידישער קולטור פאַר קלאַל־ייִסראָעל קוויקן זיך. גוט, וואָס די רעדאַקטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זאָגן זיך אָפּ פון אזא ליטעראַרישער קולטור־טויווע מיצאַד דער יידישער בורזשואַזיע, ווייַל איר הויפּט־ציל איז צו באַשמוצן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, צו איזאָלירן די יידישע פּאָלקסמאַסן אין דער וועלט פונעם אַלוועלטלעכן קאַמף פאַר פּראָגרעס און שאָלעם.

ווען „סאָוועטיש היימלאַנד״ זאָגט, אז אָט די בורזשואַזע רעאַקציאָנערע יידישע קולטור אין ייִסראָעל איז דעקאַדאַנס, אָפּגעשטאַנענקייט, פאַרדאַרבנקייט און פּאָלקספייַנטלעכקייט, הייסט דאָס באַ די געוועזענע כאַווײרים פון מוישע אָלגין, פון ווינטשעווסקין און מוישע קאַץ, אז דאָס איז אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע. די דאָזיקע לייַט פירן אָן אָפענע שמורציקע העצעריַי קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס עס איז א דירעקטע הילף און אונטערשטיצונג פאַר דער רעאַקציע, פאַר די, וועלכע שלעפּן צוריק צום פינצטערן אָוואַר, פאַר די פּאָלקספייַנטלעכע פּאָליטיקער און פאַר די אַזוגערופענע „קולטור״־טוער אין ייִסראָעל, די ציוניסטישע פירער, וועלכע פאַראָרעמען מאַטעריעל און גייַסטיק די יידישע קולטור און די יידישע מאַסן.

יאָ, עפּשער קומט זיי א לויבגעזאַנג, די נאָוויקס, גאָלדבערגס, סולערס און זייערע אונטערהעלפער פאַר זייער „קאָשערער״ אַרבעט. ווער אָבער דאַרף זיי לויבן? די רעדאַקטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ — זיכער ניט. די פּראָגרעסיווע יידישע פּאָלקסמאַסן, די קעמפער קעגן אימפּעריאַליזם — אוודאי ניט. איז בלייַבט פאַר זיי בלויז די לויב פון דער יידישער בורזשואַזיע, פון דער שאָוויניסטיש־ציוניסטישער רעאַקציע אין ייִסראָעל, פאַר וועלכער זיי קניִען און נייגן בידעריק די קעפּ, מיט זייער אָרעמער נאַקעטקייט האָבן זיי ניט וואָס צו זאָגן דער קעמפנדיקער מענטשהייט, די שעפער און בויער פון א סאָציאַליסטישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

● ● ●

ייִדישע שפראך אין די שולן פון ביראָבידזשאן

אָנהייבנדיק פונעם לויפנדיקן לערניאָר איז אין אייניקע ביראָבידזשאנער שולן אײַנגעפירט דער לימעד פון ייִדישער שפראך. אין צוזאמענהאנג מיט דער דאָזיקער וויכטיקער געשעעניש אינעם קולטור־לעבן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" פאָרגעקומען א באגעגעניש מיט פאָרשטייער פונעם בילדונגס־אָפטייל פון דער געגנט, אין וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען דער מעטאָדיסט פון ייִדישער שפראך פונעם געגנטלעכן בילדונגס־אָפטייל ד. אורינא, איינער פון די אווטאָרן פונעם „אלעפבייס", וועלכן ס'האָט צוגעגרייט א גרופע כאווירים פון ביראָבידזשאן, נ. קראוועץ און דער אינספעקטאָר פונעם אָפטייל פון נאציִאָנאלע שולן באם בילדונגס־מיניסטעריִום פון דער רוסלענדישער פעדעראטיווער סאָציִאליסטישער רעפובליק ג. בארישעוו.

מיר גיבן דאָ א שמועס, וועלכן די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט געהאַט מיט דעם פאָרשטייער פונעם ביראָבידזשאנער בילדונגס־אָפטייל ד. וו. אורינא.

פ ר א ג ע. וויִאזוי איז געגאנגען די צוגרייטונגס־ארבעט צום אײַנפירן דעם ייִדיש־לימעד אין די ביראָבידזשאנער שולן?

ע נ ט פ ע ר. צום אלעם ערשטן, איז באם בילדונגס־אָפטייל געשאפן געוואָרן א לערן־מעטאָדישער ראט בעראָש מיט דער פארוואלטערן פונעם געגנטלעכן בילדונגס־אָפטייל פ. ג. כאנוקאָווא. אלס מיטגלידער פונעם ראט זײַנען באשטימט געוואָרן די פארוואלטערן פונעם אָפטייל פון וויסנשאפט און שולן פון דעם געגנטלעכן פארטיי־קאָמיטעט נ. פ. ברידאָווא, די שטעלפארטרעטערן פונעם בילדונגס־אָפטייל ז. מ. קאשטשייעווא, די שרײַבער ב. מילער און ה. ראבינקאָוו, דער רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן" נ. קאָרטשמינסקי, דער לערער־וועטעראן נ. קראוועץ, די פארוואלטערן פונעם קאבינעט פאר אָנפאנג־שולן באם געגנטלעכן אינסטיטוט פאר פארפולקומען די לערער וו. אי. פאנטשענקאָ, דער מעטאָדיסט פונעם בילדונגס־אָפטייל ד. וו. אורינא, דער דירעקטאָר פון דער וואלדהיימער מיטלשול, פארדינסטפולער לערער פון רספסר א. א. פרישקאָלניק, די לערער ז. ל. בעלמאן, ב. י. לאָזשקינא, ר. מ. גערשאָוויטש. דער ראט איז געבילדעט געוואָרן אין מארט 1978.

פ ר א ג ע. וועלכע פראגן האָט באהאנדלט אף זײַנע זיצונגען דער ראט?

ע נ ט פ ע ר. אף דער ערשטער זיצונג איז געוואָרן ארומגערעדט די פראגע וועגן אײַנפירן דאָס פאקולטאטיווע דערלערנען די ייִדישע שפראך, ווי אויך וועגן די לערנביכער און געהילפס־מאטעריאלן, וועלכע דארפן צוגעגרייט ווערן צום לערניאָר. אף וויפל די לערנביכער פון ייִדיש, וועלכע זײַנען ארויסגעלאָזט געוואָרן נאָך פאר די מילכאָמע־יאָרן, זײַנען מערסטנטייל שוין פארעלטערט און מע קאָן זיך ניט באנוצן מיט זיי, האָט מען קוידעמקאָל געדארפט לייזן די פראגע וועגן שאפן נײַע לערנביכער, און קוידעמקאָל — א נײַעם אלעפבייס. מיר האָבן באופטראָגט צו טאָן די דאָזיקע ארבעט ה. ראבינקאָוון און נ. קראוועצן, וועלכע פארמאָגן א גרויסע פעדאגאָגישע דערפארונג, און זיי האָבן אין משך פון עטלעכע כאָדאָשים געשאפן דעם מאנוסקריפט פונעם אלעפבייס. איצט איז דער מאנוסקריפט איבערגעגעבן געוואָרן אין אָפטייל פון נאציִאָנאלע שולן באם בילדונגס־מיניסטעריִום פון רספסר און אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" אף רעצענזיע.

פ ר א ג ע. אן אלעפבייס איז, ווי באוווּסט, בלויז דער אָנהייב פאר דערלערנען די שפראך. און ווי האלט עס מיט שאפן לערנביכער פאר די שילער און געהילפס־מאטעריאלן פאר די לערער אף די ווײַטערדיקע שטופעס?

ע נ ט פ ע ר. יאָ, דאָס איז זייער וויכטיק, האָבנדיק אין זינען די פערספעקטיוו. ערשטנס, דארפן די שילער אין אָנפאנג־פעריִאָד האָבן א באוועגלעכן און איליוסטרירטן אלעפבייס. א באוועגלעכן אלעפבייס האָבן מיר צונויפגעשטעלט, און ער איז אָפגעדרוקט געוואָרן אין דער ביראָבידזשאנער געגנטלעכער דרוקערײַ. וואָס איז שײַעך דעם איליוסטרירטן אלעפבייס, דארף דאָס זײַן א ווערק פון א פראָפעסיִאָנעלן קינסטלער אָדער גרופע קינסטלער, און מיר האָבן זיך שוין וועגן דעם צונויפגערעדט. ס'זײַנען באשטימט געוואָרן די קומענדיקע אווטאָרן פון לייענביכער פאר באזונדערע קלאסן פון דער אָנפאנג־שול, ווי אויך פון לערנביכער פון גראמאטיק און אָרטאָגראפיע, מעטאָדישע הילפס־ביכער פאר די לערער. דער דאָזיקער וויכטיקסטער טייל פון דער ארבעט וועט זיך פירן לויט א פלאן. עס איז ארויסגעזאָגט א ווונטש, אז צוליב דער ארבעט מיט די שילער זאָל איבערגעדרוקט ווערן דאָס רוסיש־ייִדיש ווערטערביכל פאר דער אָנפאנג־שול (אווטאָר — ע. פאלקאָוויטש) און ס'זאָל אײַנצײַטיק צונויפגעשטעלט ווערן א ייִדיש־רוסיש ווערטערביכל פאר די שילער פון 2־טן — 3־טן קלאסן. לערנביכער פון ייִדישער שפראך און ליטעראטור פאר די עלטערע קלאסן פון דער מיטלשול זײַנען פארפלאנירט אין די ווײַטערדיקע יאָרן.

פ ר א ג ע. ווי אונדז איז באוווּסט, דערלערנט מען

שוין איצט אין אייניקע ביראָבידזשאַנער שולן די ייִדישע שפּראַך. צי קאָנט איר וועגן דעם דערציילן עטוואָס גענויער?

ע נ ט פ ע ר. יאָ, עקספּערימענטאַל האָבן מיר דעם לימעד ייִדיש אײַנגעפירט פאַקולטאַטיוו אין אייניקע שולן נאָך פאַראיאָרן. פאַר אָט דער צײַט האָבן מיר אָפּגעקליבן 12 פּעדאַגאָגן, וועלכע האָבן די נייטיקע צוגרייטונג און דערפאַרונג — אַלע מיט פילאָלאָגישער הויכבילדונג. מיר האָבן דורכגעפירט מיט זיי א ספּעציעלע באַראַטונג, אויסגעקלאָרט זייער מעגלעכקײַט צו אונטעריכטן די שפּראַך, באַזאָרגט זיי מיט נייטיקע הילפס־מאַטעריאַלן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שילער פון פאַרשיידענע קלאַסן דריקן אויס א פאַרלאַנג צו דערלערנען ייִדיש. אין לויפנדיקן לערניאָר האָבן מיר אײַנגעפירט דעם לימעד ייִדיש אין דער צווייטער און דריטער מיטלשולן פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן און אין דער וואַלדהיימער שול. אין דער צווייטער ביראָבידזשאַנער שול אונטעריכט די ייִדישע שפּראַך די לערערין בעלאַ איסאַקאָוונאַ לאָזשקינאַ, אין דער דריטער שול — ראָזאַ מאָיִסייעוונאַ גערשאָוויטש, ביידע מיט א היפּשן פּעדאַגאָגישן סטאַזש. אין וואַלדהיים פירט דעם לימעד דער דירעקטאָר פון דער שול איסאַק אַבראַמאָוויטש פּריישקאָלניק. די לימודים קומען פאָר צוויי מאָל אין וואָך.

פ ר א ג ע. איר האָט, אפּאָנעם, אויך דורכגעטראַכט דעם איניען וועגן צוגרייטן פּעדאַגאָגן אויף די ווײַטערדיקע יאָרן?

ע נ ט פ ע ר. אַוודאי, קוידעמקאָל האָבן מיר געשאַפן צוויי גרופּעס בא דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול: איינע — אין דער פאָרשול־אָפּטיילונג, די צווייטע — אין דער שול־אָפּטיילונג, צו 15 סטודענטן אין יעדער גרופּע. די לימודים פירט א באַוואוסטער פּעדאַגאָג — זינאַיִדאַ לוואָוונאַ בעלמאַן. אויף דער ווײַטערדיקער שטופע פּלאַנירן מיר זיך ווענדן אין כאַבאַראָווסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וועלכער וועט גרינדן אן אָפּטיילונג פון צוגרייטן לערער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור מיט א העכערער קוואַליפיקאַציע.

פ ר א ג ע. מיט וועלכע הילפס־מאַטעריאַלן באַנוצן זיך איצט די לערער פון ייִדישער שפּראַך אין די מיטלשולן און אין דער פּעדאַגאָגישער שול?

ע נ ט פ ע ר. מיר האָבן הײַנט אין אונדזער רעשוס א ריי לערנביכער, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די ייִדישע שולן ערעוו דער מילכאָמע, צווישן זיי — פ. בורגאַנסקיס אַלעפבייס. א גרויסע הילף ווײַזן אונדז אַרויס די לעקציעס פון ייִדישער שפּראַך, וועלכע עס האָט געדרוקט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — מ. שאַפּיראָס און ע. פאַלקאָוויטשעס, און איצט באַנוצן מיר זיך אויך מיט ש. סאַנדלערס לעקציעס.

כראָניק

פּ ר ע מ י ע ר ע א י ן ב י ר אָ ב י ד ז ש א נ ע ר י י ִ ד י ש ן מ ו ז י ק א ל י ש ־ ד ר א מ א ט י ש ן פ אָ ל ק ס ־ ט ע א ט ע ר

דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער מוזיקאַליש־דראַמאַטישער פאָלקס־טעאַטער האָט באַרײַכערט זײַן רעפּערטואַר מיט א נײַעם ספּעקטאַקל — בוזי מילערס „דרײַ און דרײַסיק גיבוירים". די קאָמעדיע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעקאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1978 יאָר. די הויפּט־העלדן — טעוויע פליישמאַן (אַרטיסט מ. שיין) און זײַן פרוי גאָלדע (ב. שילמאַן) — דאָס זײַנען מענטשן, וועמענס יוגנט איז אויסגעפאַלן אויף די יאָרן פונעם ערשטן פינפיאָר. איצט איז געקומען א נײַער דאָר, וועלכער רופט אַרויס ניט ווייניק כידעש בא די עלטערן.

א פרישן שטראָם טראָגן אַרײַן אינעם ספּעקטאַקל די לאָורעאַטן פון דעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן פעסטיוואַל פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט מאַקס און כײַע עפּשטיין (אין די ראָלן איסאַק מאַרקאָוויטש און זײַן פרוי) און די דערציִערן פונעם ביראָבידזשאַנער קינדערהיים ס. אָרדינאַ (אין דער ראָל פון טעוויעס אייניקל לאָרע), ווי אויך די דרײַ יונגעלײַט: דער סערזשאַנט (אַרטיסט א. זשאַגאַ), דער מאַטראָס (אי. ווײַסמאַן) און עדוארד גליקנבערג (אי. ציפּערמאַן). עס פאַרגעדענקען זיך די עפּיזאָדישע ראָלן אין דער אויספירונג פון ר. אַמאַיעוואַ, ב. גערשקאָוואַ און אי. ציפּערמאַן.

אינעם נײַעם ספּעקטאַקל נעמען באַזונדערס אויס די טענץ, וועלכע עס האָט געשטעלט דער לאָורעאַט פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן פעסטיוואַל פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט פון די אַרבעטנדיקע ל. ווישנעוועצקי. א גוטן אײַנדרוק מאַכט די מוזיק (קאָמפּאָזיטאָר מאַקס עפּשטיין) און די אויספאָרמירונג (קינסטלער ס. באַבילעוו).

אונדזער רעפּליק

די „דאַמע פון בראָדוויי" גריבלט זיך מיטן גראָבן פינגער

מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דעם 4 און 11 פעווראַל פונעם פאַריקן יאָר האָט די ניו־יאָרקער צײַטונג „פאָרווערטס" פאַרעפנטלעכט מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען זיכער אויסגערעכנט אויף אַן אַנטיסאָוועטישער סענסאַציע און זײַנען אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט מײַן נאָמען.

דעם 11 פעווראַל 1979 האָט דער „פאָרווערטס", אונטערן קעפּל „פאַרוואָס הערט מען נישט וועגן דעם דיכטער אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו", אַרויסגעבראַכט פאַר די לייענער אויסצוגן פון מײַנע פּריוואַטע בריוו, געשריבענע מיט גוטע זעקס יאָר צוריק. די בריוו זײַנען צונויפגעשטוקעוועט מיט רעדאַקציאָנעלע קאָמענטאַרן, פון וועלכע די לייענער האָבן געדאַרפט מאַכן אַן אויספיר, אַז: 1) עפּעס א בייזער קויעך שטערט אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוון אין זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלענדישע ייִדישע קולטור־טוער, און 2) אַז דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וויל ניט דרוקן בעלאָוסאָווס לידער, „אין וועלכע דער דיכטער ברענגט אַרויס זײַנע טיפע ייִדישע נאַציאָנאַלע געפילן, ווי אין דער ליד „לא אמות כי אחיה", וואָס מיר האָבן פאָריקע וואָך געדרוקט".

דעם 4 פעווראַל 1979 האָט דער „פאָרווערטס", באַנאַנד מיט דער דערמאָנטער ליד, פאַרעפנטלעכט א רעדאַקציאָנעלן מאַטעריאַל פון פּונקט אַזאַ „סענסאַציאָנעלן" כאַראַקטער, אויסנוצנדיק מײַנעם א „פּריש־צאַפּלדיקן" בריוו צו דער שרײַבערן בעלאַ גאָלדווירט פונעם 19 אָקטיאַבער 1969 (!). דער בריוו איז, אַגעוו, געווען בעשײַטע אָפּגעדרוקט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט".

וואָס קאָן מען זאָגן בענעגייע דעם אַלעם?

עס רופט אַרויס צאָרן און אופגעבראַכטקײַט די אומפאַרשעמטקײַט, מיט וועלכער דער „פאָרווערטס", שוין יאָרצענדליקער לאַנג אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטיסאָוועטישע צײַטונג, מישט זיך אַרײַן אינעם לעבן און אין דער אַרבעט פון א סאָוועטישן פּאָעט, וואָס האָט ניט און האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין שום מאַגע־אומאַסע מיט דער דאָזיקער בלאַט, און דערבײַ ווערן אויסגענוצט דעם פּאָעטס פּריוואַטע בריוו, וועלכע די רעדאַקציע טײַטשט אויס קווער און קרום און, כוץ דעם, פאַרעפנטלעכט זי זײַן ליד אָן זײַן וויסן און האַסקאָמע, וועלכע וואָלט, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט געגעבן געוואָרן. די ליד איז אָנגעשריבן מער ווי מיט אַכט יאָר צוריק, זי איז קינסטלעריש א גאַנץ שוואַכע, דער אוטאָר האָט קיינמאָל אַפילע ניט געטראַכט פאָרלייגן זי צום דרוק, און דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט קיינמאָל פאַר זײַנע אויגן זי ניט געזען.

ווי זעט דאָס אַלץ אויס פון דער מאָראַלישער זײַט, ראַבויסײַ? כאָטש — ס'איז לאַכלוטן איבעריק צו רעדן דאָ וועגן מאָראַל און עטיק. ניט אומזיסט האָט מען שוין מיט 50 יאָר צוריק געזונגען א קופּלעט וועגן דעם דעמלטיקן רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס" אייב קאַהאַנען, אַז ער איז א „דאַמע פון בראָדוויי". פאַר די פאַרגאַנגענע 50 יאָר איז די צײַטונג בעסער ניט געוואָרן...

אויב די ראַבויסים פון „פאָרווערטס" האָבן שוין יאָ אַזאַ שלעכטן ליטעראַרישן געשמאַק, אַז זיי האַלטן א ליד, וואָס איז פול מיט קינסטלעריש ניט־באַרעכטיקטער מעליצע, פאַר נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, איז זאָל זיי, סאָפּקאָלסאָף, וויל באַקומען. ס'איז פּאָשעט צוועקלאָז צו פירן מיט זיי וויקוכים, וואָס הײַנט־צו־טאָג הייסט זײַן נאַציאָנאַל. זיי האַלטן, אַז דאָס הייסט בלויז „אָפּן באַווייַנען און קאַדיש זאָגן אָפּן אומקום פון אונדזערע מיליאָנען קדושים" („פאָרווערטס" פון 4 פעווראַל). אויב אַזוי, האָט די רעדאַקציע פון דעם „פאָרווערטס" שלעכט איבערגעלייענט די ליד מײַנע, ווו עס שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווײַס: „איך וואָלט פאַרשעמט דעם אָנדענק פון די קדושים, אויף קייווער־אָוועס לאָזנדיק א טרער און האַנדלענדיק מיט הייליק בלוט". אָט מיט דעם דאַפקע פאַרנעמט זיך דער „פאָרווערטס" אין געגעבענעם פאַל, ווי אויך אין א סאַך אַנדערע פאַלן.

אין דעם זעלבן אַרטיקל פאַרן 4 פעווראַל לייענען מיר שוין אָן אָפּענעם ליגן, אַז בעלאָוסאָווס לידער „האָבן זיך אויסגעטיילט פון די מערסטע שאַפונגען אין דעם דאָזיקן זשורנאַל" („סאָוועטיש היימלאַנד". — א. ב.) מיט „אָפּן באַווייַנען" די קדושים. יעדער לייענער פונעם זשורנאַל ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס איז מאַמעש ניט פאַראַן קיין איין סאָוועטישער ייִדישער דיכטער, אין וועמענס שאַפונג די טעמע פון אַזויגערופענעם „באַווייַנען" זאָל ניט פאַרנעמען גאָר א וויכטיק אָרט. אָט נעם איך די ערשטע בעסטע נעמען, וועלכע קומען אויף אין זיקאָרן: אַרן ווערגעליסעס „וואַלד, וואַלד, גוואַלד!", אַווראָם גאָנטאַרס „לייעלע" און „מײַן אַלטער זיקאָרן". שוין אָפּגערעדט פון די צו פרי אַוועקגעגאַנגענע פון אונדז מאָטל גרוביאַן און שיקע דריז — בײַ זיי ביידן איז דאָס געווען איינע פון די פירנדיקע טעמעס... וואָס איז דאָ לאַנג צו ברײַען — דאָס ווייסן אַלע, און די „פאָרווערטס"־לײַט בעסויכעם. דעם עמעס דאַרפן זיי אָבער ניט האָבן — זיי דאַרפן א סענסאַציע, און אויב קיין סענסאַציע איז ניטאָ, גריבלען זיי זיך מיטן גראָבן פינגער: טאָמער וועט עמעצער זיי גלייבן...

ס'איז אַפילע ניט באַקוועם צו ציטירן די אומגעלומפּערטע „שוואָכים", וואָס דער „פאָרווערטס" שיקט אָפּ בעלאָוסאָוון פאַר די „טיף נאַציאָנאַלע לידער מיט ייִדישע אימאַזשן און א פאָלקסטימלעכן

כיין, וואָס נאָר איינער פון די אין רוסלאַנד פאַר־בליבענע יידישע שרייבער האָט פאַרמאָגט — דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער שיקע דריז...״ צי איז נייטיק צו דערווייזן די לעכערלעכקייט פון אַזא פאַר־גלייך? אַזוינס צו שרייבן הייסט דאָך פאַרלירן יעט־ווידע מאָס פון רעאַליטעט. אינדערעמען זעט אויס די זאַך אַזוי: א דאַמע פון בראָדווי פאַרנאַרט צו זיך א קליענט: „אין רוסלאַנד איז שוין סיווי קיי־נער ניט געבליבן — קום צו מיר, וועט מען דיך רופן נאַציאָנאַלער יידישער דיכטער״... ניין, דאַמע, ניט איך וועל ווערן אַן איסתרא בלגינתכם (א גראָשן אין אייער פושקע).

נו, און וואָס איז שייך דער פראַגע, פאַרוואָס מע הערט ניט פון דעם דיכטער בעלאָוסאָוו, ווילט זיך מיר קודעמקאָל זאָגן, אַז ווען דער דאָזיקער איניען זאָל געווען אינטערעסירן די ראַבויסים פו־נעם „פאָרווערטס״ — ניט צוליב מאַכן מינדערווער־טיקע סענסאַציעס, נאָר טאַקע אַף אַן ערנסטן אופן, וואָלטן זיי געוויס געפונען נאָרמאַלע מעגלעכקייטן אָפּצולייקענען אַזא פיקציע: ס'איז גענוג געווען א בלעטער טאָן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, אין וועלכן איך דרוק מיינע לידער.

און צום סאָף נאָך איינס. מיט צען יאָר צוריק, ווען כ'האָב ערשט אָנגעהויבן זיך באַווייזן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך ניט איין מאָל שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם, אַז די אַמעריקאַנער ציי־טונגען זאָלן פאַרעפנטלעכן מיינע פריוואַטע בריוו. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. דעריבער, אָנ־הייבנדיק פון 1975, ווען די גאַנצע יידישע פּרעסע אין די פשא, איינגעשלאָסן, ליידער, אויך די „מאָרגן־פרייהייט״, האָט ענדגילטיק פאַרנומען אַן אָפן אַנ־טיסאָוועטישע און נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציע, האָב איך זיך דערזען געצווּנגען אָפּצושטעלן מיין קאָ־רעספּאָנדענץ מיט אַמעריקע. איך בין זיכער, אַז יענע אַלע, וואָס האַלטן זיך נאָך פאַר מיינע פריינט און זיינען אופריכטיקע פריינט פונעם סאָוועטנפאַר־באַנד, וועלן פאַרשטיין מיך ריכטיק און „דאַנקען״ פאַר דעם די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען.

איך וויל אויך האָפן, אַז ס'וועט קומען אַזא צייט, ווען מיר וועלן ווידער צוזאַמען אַרבעטן אַף די שפּאַלטן פון דער פּראָגרעסיווער „מאָרגן־פרייהייט״.

און וואָס איז שייך דעם „פאָרווערטס״, דוכט מיר, אַז מיט זיין איצטיקער „סענסאַציע״ האָט ער, ווי אויך פריער, פאַרדינט פונקט אַזויפיל קאָוועד, וויפל אים קומט: לפום צערא אגרא.[1]

אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו

קישינעוו, 4 דעקאַבער 1979

---

[1] לויטן צאַר קומט די באַלוינונג.

בראָניק

געשלאָסן אין מאָנטעווידעאָ די איינציקע יידישע צייטונג

אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן זיינען אין דער הויפּטשטאָט פון אורוגוויי מאָנטעווידעאָ דערשינען דריי טאָג־צייטונגען אַף יידיש: „אונדזער פריינט״, „פאָלקסבלאַט״ און „דער הײַנט״.

ווי ס'איז שוין באַוווּסט, האָט ניט לאַנג צוריק, נאָכן פאַשיסטישן פוטש, אופגעהערט צו עקזיסטירן די טריבונע פון די פּראָגרעסיווע יידישע פאָלקסמאַסן — „אונדזער פריינט״. פאַר דעם האָט אופגע־הערט דערשיינען די „פאָלקס־בלאַט״. איצט האָט אויך „דער הײַנט״ זיך צוגעמאַכט.

■ ■ ■

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

װעגן ה. אינגערס שאַפונג

מע קאָן אָנװײַזן, צו װעלכער ריכטונג אין דער װעלט־קונסט עס איז נאָענט הערש אינגערס שאַפונג, מע קאָן געבן אַ דעפיניציע זײַן קונסט־מעטאָד. אָבער ניט דאָס איז װיכטיק. די הויפּט־באַדײַטונג פון אינגערן באַשטייט ניט אינעם צװיגענען זיך מאַנירן פון עקספּרעסיאָניזם אָדער אינפאַנטיליזם, נאָר אין דעם, װאָס מיר האָבן פאַר זיך אַ טיף אָריגינעלן קינסטלער, מיט זײַן אינערלעכער װעלט, מיט זײַנע שעפּערישע זוכונגען, מיט זײַנע אייגענע טעמעס. די מערקװירדיקע, צײַטנװײַז באַדינגלעכע, מאַניר פון זײַן גראַפיק װאַקסט אַרויס פונעם מעהוס פון זײַן קונסט, פון זײַן אַרט דענקען און האָט ניט קיין שום אַלגעמיינס מיט די מאָדערנע ריכטונגען, מיט װעלכע אַנדערע זײַנען פאַרכאַפּט אָן אַ שום זין און נויטװענדיקײַט — מע בײַט דעם „אַבסטראַקציאָניזם" אויפן „סיורעאַליזם", אײַלנדיק כאַפּט מען אונטער „היפּער־" און „פאָטאָרעאַליזם" אאַװ. די אינפאַנטילקײַט, די עקספּרעסיע, דער בעקיװנדיקער דילעטאַנטיזם פון אינגערס אַרבעטן האָבן ניט קיין שײַכעס צו דער מאָדע. זיי דריקן אויס פול און טיף די געפילן, געדאַנקען, װאָס לעבן אינעם קינסטלערס נעשאָמע און פאָדערן פאַרקערפּערט צו װערן אין זע־בילדער. זיי דריקן אויס די װעלט פונעם קינסטלערס נעשאָמע. די דאָזיקע „װעלט" באַשטייט פון צװיי גרונט־טעמעס — מוזיק און פאַרגאַנגענהײַט, דערינערונגען פון דער קינדהײַט. אָט אָ־די צװיי טעמעס באַשטימען אין דער ערשטער ריי אינגערס שאַפונג, ער גיט זיי אָפּ די לעצטע יאָרן דעם גרעסטן טייל פון זײַנע קויכעס, ער קערט זיך אום אָפט צו איינע און די זעלבע סוזשעטן, צו איינע און די זעלבע העלדן, איבערכאַזערנדיק שוין איינמאָל געפונענע קאָמפּאָזיציעס.

מוזיק איז פאַר אים ניט פּאָשעט אַ לײַדנשאַפט, נאָר איינע פון די װיכטיקסטע טעמעס אין זײַן שאַפונג. פון קינדװײַז אָן איז ער געװען פאַרכאַפּט מיט מוזיק, ער האָט געטרוימט צו זײַן אַ מוזיקאַנט, דורך זײַן גאַנץ לעבן האָט ער דורכגעטראָגן די פײַיִקײַט צו אָפּגעבן זיך דער האַרמאָניע פון קלאַנגען, אָטעמען מיט מוזיק װי מיט לופט. איבער אַ שװערער קרענק האָט ער ניט געהאַט די מעגלעכקײַט צו הערן מוזיק, אָבער ער האָט זי פאַרהיט אין זײַן נעשאָמע און האָט זיך װי באַמיט זי „פאַרזאַכלעכן" אין זײַן שאַפונג, פאַרקערפּערן זי אין זע־געשטאַלטן, „אַרײַבערפירן" זי פון דער קלאַנגען־װעלט אין דער װעלט פון בילד. צװיי גרויסע סעריעס האָט ער געװידמעט בעטהאָװענען (1929—1979) און פּאַגאַנינין (1939—1978), װי אויך דמיטרי שאָסטאַקאָװיטשן (1958—1979). דאָס איז מערער װי פּאָרטרעטן פון גרויסע מוזיקאַנטן, מערער איידער אַ פּרוּװ צו שילדערן דעם פּראָצעס פון קונסט־שאַפן. דאָס איז אַ שטרעבונג אויסצודריקן דאָס מערקװירדיקע, דעם ניט באַגרײַפטן פאַרן געװיינלעכן מענטשן צושטאַנד פונעם לעבן אין מוזיק, אָנמאָלן די מוזיק אַליין.

די גרויסע קאָמפּאָזיציעס, דערפירטע ביז דער העכסטער שטופע פון עקספּרעסיע, געמאָלטע מיט שװאַרצן גואַש, אַנטהאַלטן ניט אין זיך קימאַט קיין שום סוזשעטיש־דערציילערישע מאָטיװן. דאָס געשטאַלט פון בעטהאָװענען אַנטשטייט װידער און װידער: אָפּט נאָר דער קאָפּ, אַמאָל װערט דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר באַװיזן באַם ראָיאַל. ס׳דוכט זיך, אַז ער פירט אָן מיט אַן אָרקעסטער, װעלכן מיר זעען ניט. בלויז אין איין געמעל װערט ער געװיזן פונדערװײַטנס אַ גיכשפּרײַזנדיקער אויפן פּאָן פון אַ געװיטערדיקן הימל. אין דעם גרעסטן טייל געמעלן איז ער דערנעענטערט צום צושויער, אָפּטער פון אַלץ — פאַרגרעסערט. אין אייניקע געמעלן איז ער קימאַט רויִק, אין אַנדערע ביז גאָר אָנגעשטרענגט, נאָר שטענדיק איז ער פאַרטיפט אין זיך, אין זײַן אינערלעכער װעלט. אַ שװערער, אַ ריזיקער, מיט צעפּאַטלטע האָר, איז ער, דוכט זיך, אָפּגעצוימט פונעם „ערדישן". זײַן שטאַרער קוק זעט גאָרניט, זײַנע צונױפגעפּרעסטע ליפּן קענען ניט אַרויסברענגען קיין װאָרט. דעם מאָלער האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפן אַן עמפּינדונג פון אומגעהייערער מענטשלעכער קראַפט, װאָס האָט אין זיך פאַרצוימט אַ שטורעם. אַ װירבל־װינט פון שײַן־פלעקן, שאַרפע צייכענונגען, אַ קאָנטראַסט פון שװאַרץ און װײַס שאַפן דעם אײַנדרוק פון אַ ראָמאַנטישן פּייזאַזש, און אויף זײַן פּאָן אַנטשטייט די פיגור פון בעטהאָװענען. דער באַנאַכטיקער הימל, דער װילדער װינט, די לעװאָנע־שײַן, װאָס רײַסט זיך דורך די װאָלקנס, — דאָס אַלץ איז אָבער ניט קיין רעאַלער פּייזאַזש, ס׳איז אַ פּרוּװ איבערצוגעבן דאָס, מיט װאָס עס איז פול דעם קאָמפּאָזיטאָרס נעשאָמע: די גרויזאַמע, שטורמישע, לײַדנשאַפטלעכע קראַפט פון זײַן מוזיק. דאָס איז אַן אויפגאַבע ביז גאָר אַ שװערע, קאָן זײַן, אַפילע אַן אומעגלעכע צו פאַרװירקלעכן אין מאָלערײַ. נאָר אינגערן האָט זיך אײַנגעגעבן אין אַ ריי געמעלן אַרויסרופן די עמפּינדונג פון מוזיק, איר קלאַנג.

די סעריע „פּאַגאַניני" איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער סעריע „בעטהאָװען", אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר איין „מוזיקאַלישן ציקל".

אין צענטער פון דער קאָמפּאָזיציע שטייט נאָכאַמאָל דאָס געשטאַלט פון אַ מענטשן, װעלכער איז איבערגעפּולט מיט מוזיק. זײַן „אויסערלעכקײַט" — אַ מאָדנע, אַ פאַרשאַרפּטע, קימאַט אַ פאַרקריפּלט פּאָנעם, ביינערדיקע הענט, ענלעכע אויף די נעגל פון

א רויב־פויגל, אויסגעקרימטע פינגער. דאָס קאָן אופגענומען ווערן טאקע בלויז ווי אַן אויסערלעכע פאָרם. פונקט ווי לאַווע אונטער דער ערד, אַזוי קאָכט די סטיכיע פון מוזיק.

די טעכניק פון איבערגעבן מוזיק, די מאַניר פון פארקערפערן די אידייע זײַנען די זעלבע. קאָנטראַסטירונג פון שוואַרץ און ווײַס, אָנגעשטרענגטע עקספּרעסיע פון פלעקן, שאַרפע שטריכן, וועלכע דער קינסטלער וואַרפט ספּאָנטאַן אַפן בויגן פּאַפּיר, דאַרפן איבערגעבן די סטיכיע פון מוזיק, איר עמאָציאָנעלע אופווירקונג אַפן מענטשן.

די פּאָרטרעטן פון שאָסטאַקאָוויטשן זעצן פאָר דעם זעלבן ציקל. ס׳ווערט איבערגעגעבן פונקט אַזאַ קאָנטראַסטירונג פון קאָליר, די זעלבע מענטשלעכע קראַפט, ווי גלײַך דער קאָמפּאָזיטאָר הערט זיך צו צו זיך, הערט זיך צו צו דער מוזיק, וואָס קלינגט בא אים אין דער נעשאָמע, און כאָטש אין דעם געמעל איז פאַראַן א פּאָרטרעט־ענלעכקײַט, איז דאָס פונדעסטוועגן ניט קיין פּאַשעטער פּאָרטרעט, נאָר דאָס געשטאַלט פון א שעפער, פון א גרויסן מוזיקאַנט.

דעם „מוזיקאַלישן ציקל" זײַנען קינסטלעריש נאָענט א סאַך אינגערס פּאָרטרעטן, מערסטנטייל פון קונסט־לײַט, מאָלער, וועלכע ווערן געוויזן אין פּראָצעס פון שאַפן. די סעריע פּאָרטרעטן פון 1965 יאָר איז טאַקע אַזוי אָנגערופן „שאַפונג".

גאָר אומדערוואַרט קאָנען זיך אויסווײַזן די אַרבעטן, געווידמעט דער מילכאָמע און די אַכזאָריעסן פון נאַציזם. די דאָזיקע ווערק, און אין דער ערשטער ריי דער טריפּטיך „דאָס פּאָנעם פון נאַציזם" (1977), טראָגן אין זיך די זעלבע ראָמאַנטישע עקספּרעסיע, די זעלבע אָנשטרענגונג, וואָס אין דער בעטהאָווענישער סעריע. זיי זײַנען געמאָלט אויך מיט שוואַרצן גואַש, זיי פעלן צונויף ניט צופעליק מיט איר סטיליסטיש. אָן שום ספק, האָט דער קינסטלער פאַרטראַכט די דאָזיקע אַרבעט ניט ווי א רעאַלע פאַרקערפּערונג פון דער ווירקלעכקײַט, נאָר ווי א מין רעקוויעם, א טראַגישע ליד וועגן די אומגעקומענע מענטשן, וועגן א פאַרלאָרן לעבן.

אין ערשטן לינקן געמעל פון דעם טריפּטיך איז טאַקע באַוויזן „דאָס פאַרלאָרענע לעבן" — דער סאָף פון דער וועלט, אין וועלכע ס׳האָבן געלעבט דוירעס מענטשן. שוואַרצע רויִנען פון הײַזער מיט אויסגעקרימטע, אויסגעדרייטע דעכער, מיט צעבראָכענע פענצטער, פונוואַנען מע זעט די אינגעווייַדן פון די צימערן, אַנטשטייען פאַר אונדז, ווי א פּאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פון פאַרניכטונג. דעם אומקום פון די מענטשן איז געווידמעט דער מיטעלער טייל פון דעם טריפּטיך. פרויען מיט קינדער אַף די הענט, א זאָקן אין א טאַלעס, פּראָסטע פרידלעכע מענטשן זײַנען צונויפגעפּרעסט, צונויפגעקוועטשט מיט א געדיכטער שוואַרצקײַט, אַרויסגעריסן פון דעם מענטשלעכן לעבן, פון דער נאָרמאַלער וועלט. זיי זײַנען אַרײַנגעוואָרפן אין דער דאָזיקער פינצטערקײַט, זיי זײַנען פאַרורטיילט צום טויט, זיי זײַנען שוין טויט, זיי זײַנען שוין קימאַט געשפּענסטער מיט אויסגעדאַרטע פּנעמער, מיט אויסגעטריקנטע לײַבער. די רעכטע זײַט פון דעם טריפּטיך — „די שטיינער פון טרעבלינקע" — שטעלט מיט זיך פאָר א טרויער־דענקמאָל לעזיכּאָרן די דאָזיקע מענטשן. עס דוכט זיך, אַז די גרויע שטיינער וואַקסן אַרויס פון דער ערד, אַליין די ערד וואַרפט אַרויס פון זיך שטיינערנע שאָטנס פון די אומגעקומענע.

די מילכאָמע האָט פאַרניכטעט די וועלט, ווו ס׳האָט אַמאָל געלעבט דער קינסטלער, ווו ס׳איז אַדורך זײַן קינדהײַט. ס׳איז ניט געבליבן קיין זייכער פון דעם העלן קאָלאָריטפולן שטייגער, פון די מענטשן, וואָס האָבן געדינט אַלס מאָדעלן פאַר שאָלעם־אַלייכעמס העלדן, פון דעם אַמאָליקן דוירעסדיקן שטייגער. די טעמע פון זײַן פאַרגאַנגענער קינדהײַט — דאָס איז די צווייטע וויכטיקע ליניע אין אינגערס שאַפונג. די איליוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען פלעכטן זיך איבער מיט די ניט איליוסטראַטיווע קאָמפּאָזיציעס, שטעלן מיט זיך פאָר סטיליסטיש איין גאַנצעס.

אינגער באַמיט זיך ניט אופלעבן דאָס פאַרגאַנגענע, פאָרשטעלן עס ווי א ווירקלעכע רעאַליטעט, שאַפן אַן איליוזיע, אַז עס עקזיסטירט. דאָס פאַרגאַנגענע אַנטשטייט ווי א ווײַטע דערמאָנונג, ווי א מײַסעלע, געזען מיט די אויגן פון א קינד. דער קינסטלער האָט זיך געווענדט צו א גאַנץ ריזיקאַלישער מאַניר, מאַכנדיק ענלעך זײַנע קאָמפּאָזיציעס צום קינדערשן געמעל, אָנזעטנדיק זיי מיט בונטע לאָקאַלע קאָלירן, אַרײַנפירנדיק אין זיי די נאַיווע מעשונע קינדערשע קאַראַקולן. דאָס נאָכמאַכן דעם קינדערשן געמעל איז ניט קיין נײַס אין דער מאָלערײַ. די דאָזיקע מאַניר האָט ניט זעלטן צוגעצויגן יענע קינסטלער, וועמען עס האָט זיך געדוכט, אַז אַזוי איז לײַכט. אָבער די לײַכטקײַט האָט ניט איין מאָל אונטערגעפירט די, וואָס האָבן זיך צו איר געצויגן, זייערע ווערק זײַנען געווען צוגעטראַכטע, פאַלשע, פּרימיטיווע.

אינגער איז איינער פון די ווייניקע קינסטלער, וועלכע האָבן באַרעכטיקט אָט דעם גאַנג. אין די קינדערשע געמעלן האָבן אים צוגעצויגן ניט די באַפרײַונג פון די נאָרמעס פון פּראָפעסיאָנאַליזם, ניט די באַרעכטיקונג פון ווילקיר, פון ניט וויסן, ניט קענען. דאָס קינדערשע אופנעמען האָט אים איבעראַשט מיט איר שאַרפקײַט פון זען, פון וויסן, פון קענען איבערגעבן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע זײַטן פון א דערשײַנונג.

די פאַרגאַנגענע וועלט אַנטשטייט בא אינגערן אומגעווײנלעך קאָנקרעט. מע האָט זי געדאַרפט קענען אין אַלע אירע איינצלהײַטן, קעדיי אַזוי ריכטיק אופשטעלן דעם שטייגער פון א באַשיידן אָרעם לעבן — אָרעמע צימערלעך מיט הילצערנע פּאָדלאָגעס, מיט זייגער־כאָדיקעס, צו וועלכע, אָנשטאָט געוויכט, איז אָנגעהאַנגען א פּרעסל, און א קוואָרט, מיט א גרויסן גראַמאָפאָן, מיט א קרום אײַזערן בעט און מיט א בילד, אַף וועלכער ס׳איז אָנגעמאָלט א ווײַסע שיף. מע האָט געדאַרפט גוט געדענקען און ליב האָבן די מענטשן, וואָס האָבן באַוווינט די דאָזיקע, צײַטנווײַז אומגעלומפּערטע, אָפט רירנדיקע, וווּנדערבאַרע לעבעדיקע וועלט פונעם יִדישן שטעטל, קעדיי איבערגעבן מיט אַזאַ אומגעהייערן מיטלײַד דאָס געשטאַלט פון פאַן טולטשינסקי — דעם לעכערלעכן אינטעליגענט אין פּענסנע, איבערגעבן מיט אַזאַ סאַרקאַזם די פּריצע אין בוסן, אין א קלייד, וואָס פאַרנעמט דאָס גאַנצע געמעל, דעם זעלבסטצופרידענעם פּאַרעץ אין א קורץ געקעסטלט פּידר־

זשאקל, דעם גימנאזיסט, וועלכער איז בונט, ווי א פאוולין.

די קינדערשע אופאסונג פארשארפט אלץ, אנט־פלעקט און היפערבאַליזירט. די פּראָזאַישע סצענע „מיר פארניכטן די מײַז“ באקומט בעעמעס „ביבלי־שע מאסשטאבן“ — דער זאָקן, וואָס באשיט מיט פּראָשעק דעם דיל, אנטשטייט קימאט ווי א נאָווי, ווי מוישע ראביינו, ער איז א הייליקער, און הייליק איז אויך דאָס דארע קוטשעראווע ייִנגעלע מיט די אופגעשטעלטע אויערן און גרויסע אויגן, און עס גלייבט זיך, אז מיט אָט די נאַיווע קינדערשע אויגן האָט מען דערזען די פּרעכטיקע, רויטע מיט א בלאָוון שירעם „מײַן שוועגערן בראָכע“, און דאָס דערשלאָגענע גרינע הינטל „ריאבטשיק“, דעם גראַ־מאָפאָן, וואָס שײַנט, ווי א רעגנבויגן, און די אומ־געלומפּערטע, אויסגעטראכטע און דאָך אינגאנצן עמעסע סצענע אפן קרעשטשאטיק, ווו א גאסן־שור־סטער רייניקט דעם באָרוועסן פוס פון אן אָפּגע־ריסענעם שלעפער. אין די דאָזיקע אויגן זעט אויס דער שאָכן, דער גימנאזיסט א סאך גרעסער און בונטער, ווי זײַנע עלטערן, און די פידעלעך אינעם פענצטער פונעם מוזיק־מאגאזין שײַנען מיט אומ־געוויינלעכע פארבן.

דער קינסטלער האָט דערפילט די לאָגיק פון דעם קינדס אופנעמען די וועלט. אינגערס „קינדערשע געמעלן“ זײַנען ניט קיין שפּיל, קיין פארווײַלונג פון א דערוואקסענעם, וואָס האָט באשטימט צו שפּילן אין א קינד, — זיי זײַנען ערנסטע, און דורך דער קאריקאטורישקײַט, בעקיוונדיקער לעפּישקײַט פון דער פאָרם טרעט דײַטלעך ארויס א רעאלער טרויער, א נאָגנדיקע בענקשאפט נאָך דער קינד־הײַט, נאָך די נאָענטע, וואָס וועלן זיך ניט אומ־קערן. עס קלינגט די זעלבע נאָטע, וואָס אין מאר־שאקס לידער:

אזויפיל טעג זײַנען אדורך פון דער קינדהײַט,
שווער אין איר זיך צו דערמאָנען,
עס שטייט ווײַט מײַן קינדהײַט,
ווי מיט פארמאכטע לאָדנס א הויז,
אין דעם דאָזיקן הויז זײַנען אלע לעבעדיק,
געזונט —
די, וועלכע זײַנען שוין לאנג ניטאָ,
און דער הענגלאָמפּ אין עסצימער
גיסט, ווי אמאָל, ווארעמע ליכט.
שפּעט אפדערנאכט האָבן זיך פארזאמלט אלע שטוביקע
ברידער, שוועסטער, טאטע און מאמע.
ס׳טוט אזוי באנק, וואָס אינגיכן קומט אויס
זיך געזעגענען און זיך לייגן שלאָפן.
(בוכשטעבלעכע איבערזעצונג).

אינעם געשטאלט פון טשארלי טשאפּלין האָט אינגער דערפילט עפּעס נאָענטס צו זײַן העלד פון די „קינדערשע“ סעריעס, צו דעם „ייִנגעלע מיט די גרויסע אויגן“. טשאפּלינען האָט ער געווידמעט א ריי געמעלן, יאָמטעוודיק העלע, נאַיווע און פונקט אזעלכע טרויעריקע, ווי די געמעלן צו „מאָטל פּיי־סי דעם כאזנס“, צום „פּארקישעפטן שנײַדער“, ווי צו די קאָמפּאָזיציעס „פון מײַן קינדהײַט“, טשאפּלין פון די פילמען „נײַע צײַטן“ און „פײַערן פון דער גרויסער שטאָט“. אָט דאָס קליינע מענטשעלע, וואָס איז שוצלאָז קעגן די אכזאָריעסן פון דער וועלט און איז שטארקער פון אלע אכזאָריעסן, איז געווען נאָ־ענט דעם קינסטלער, וועלכער האָט צוגעגעבן צו זײַן געשטאלט עפּעס פון זיך אליין, פּערזענלעכס. מע קאָן דאָ דערקענען אליין דעם קינסטלער — פונקט אזוי ווי מע קאָן אים דערקענען אינעם קליי־נעם פידלער, וואָס שפּילט אף די שטעקעלעך, ווי מע קאָן דערפילן אינעם טראגישן געשטאלט פון בעטהאָווענען די אָפּקלאנגען פון דעם קינסטלערס טראגעדיע, וואָס איז אָפּגעשניטן איבער זײַן טויב־קײַט פון דער וועלט, ווי מע זעט אין די מיליטער־געמעלן די טיפע ניט פארהיילבארע ווונד פון א מענטשן, וואָס זײַנע נאָענטע זײַנען אומגעקומען אין באבי יאר, אין די פאשיסטישע געטאָס.

די פייִקײַט זיך אינגאנצן אָפּגעבן דער שאפונג, ניט שאנעווען דעם זיקאָרן, ניט מוירע האָבן אופ־לעבן דאָס איבערגעלעבטע, די פייִקײַט אָנצופילן דאָס אלץ מיט אייגענעם גורל איז איינע פון די הויפּט־אייגנשאפטן פון אן עכטן קינסטלער.

הערש אינגער פארמאָגט אָט די אייגנשאפט. און אין דעם איז די גרויסע ווערט פון זײַן קונסט.

מ א ר י ַ א   ט ש ע ג אָ ד א י ע ו ו א



לייב ווילסקער

א ביכער־אויסשטעלונג אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק

אין דער אָפּטיילונג פון די ליטעראַטורן פון אזיע און אפריקע פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק ווערן סיסטעמאַטיש אײַנגעאָרדנט ביכער־אויסשטעלונגען אַף פילאָלאָגישע, היסטאָרישע און אנדערע וויסנשאַפטלעכע טעמעס, געווידמעט די שפּראַכן, וועלכע זײַנען אין די ביכער פון דער ביבליאָטעק פאָרגעשטעלט.

איינע פון די אויסשטעלונגען איז לעצטנס געווען געווידמעט די ווערטערביכער אַף העברעיִש.

די לייענער האָבן געהאַט א מעגלעכקײַט זיך באַקאַנען מיט די ווערטערביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אַף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד ביז און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווי אויך אין אויסלאַנד, אָנהייבנדיק פון די 50־ער יאָרן פונעם 20־טן יה.

די ווערטערביכער פון דער העברעיִשער שפּראַך האָבן שוין א געשיכטע פון העכער טויזנט יאָר, זיי זײַנען ענג פאַרבונדן מיט דער פאָרשונג פון דער העברעיִשער גראַמאַטיק. דאָ קומען אפן געדאַנק, קוידעמקאָל, די פאָלגנדע יִדישע געלערנטע.

סעאַדיע־גאָען (881—942), דער אווטאָר פונעם העברעיִשן ווערטערבוך „אגרון” (עגראָן). די ווערטער האָט ער צונויפגעשטעלט אין צוויי זעלבשטענדיקע רייען: איינע — לויטן אלעפבייס־סיידער פון די אָנהייבן פון די ווערטער, די צווייטע — פאַרקערט, לויטן אלעפבייס־סיידער פון די ענדן פון די ווערטער. דער ווערטערבוך איז קאָמענטירט אין אראַביש.

מענאַכעם בען סארוק (10־טער יאָרהונדערט) האָט דער ערשטער צוזאַמענגעשטעלט א העברעיִשן ווערטערבוך לויט די וואָרצלען פון דער שפּראַך. זײַן „מחברת” (מאַכבערעט — אייגנטלעך: העפט) נעמט אויך ארום די אראַמעיִשע ווערטער, וועלכע זײַנען פאַראַן אין טאַנאַך. דאָס איז דער ערשטער ווערטערבוך, ווו אלע קאָמענטאַרן צו די אַרטיקלען זײַנען געשריבן אין העברעיִש.

גרויס זײַנען די פאַרדינסטן אין דעם פראַט פון דונאַש בען לאַווראַט (920—990) — דעם באַוווּסטן גראַמאַטיסט און דיכטער, סעאַדיעס א שילער, ווי אויך פונעם רויפע, גראַמאַטיסט און לעקסיקאָגראַף יאָנאַ איבן דזשאַנאַך (990—1050) — דעם אווטאָר פון „ספר השרשים” (סעפער האַשאָראַשים — דאָס בוך פון וואָרצלען) און פונעם דיכטער, פאָליגלאָט און מעלוכע־מאַן שמועל האַנאָגיד (993—1055), וועלכער האָט אָנגעשריבן א פולן ווערטערבוך צום טאַנאַך.

א טיפן שפּור אין דער לעקסיקאָגראַפיע האָט איבערגעלאָזט די מישפּאָכע קימכי (קאַמכי): דער פאָטער יאָסעף (1105—1170), וועלכער איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער גראַמאַטיסט און איבערזעצער, און זײַנע ביידע זין: מאָשע (געשט. בעערעך אין 1190), א גראַמאַטיסט און קאָמענטאַטאָר, און דאָוויד (1160—1235), וועמענס בוך „מכלול” (מיכלאָל) באַשטייט פון צוויי טיילן: „הדקדוק” (האַדיקדוק — גראַמאַטיק) און ווערטערבוך — „השרשים”. אָט דער „מכלול” און, הויפּטזאַכלעך, זײַן צווייטער טייל — „השרשים”, איז געבליבן ביז גאָר דער נײַער צײַט אלס בעסט לערנבוך און ווערטערבוך פון העברעיִש, מיט וועלכן ס'האָבן זיך באַנוצט ניט נאָר יִדן, נאָר אויך קריסטן.

דאָ איז קעדײַ אונטערצושטרײַכן, אַז די לעקסיקאַלישע און גראַמאַטישע ווערק פון די דאָזיקע געלערנטע האָבן הויך געשעצט די בעסטע סעמיטאָלאָגן פון רוסלאַנד פּאַוועל קאָנסטאַנטינאָוויטש קאָקאָווצאָוו (1861—1942)[1] און אַווראָהאָם־עליִאָהו האַרקאַווי (1839—1919)[2].

ליידער, פאַרמאָגט ניט די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק די אויסגאַבעס פון די העברעיִשע ווערטערביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין 15־טן יה. — די אַזויגערופענע אינקונאַבלען. עס האַנדלט זיך, ערשטנס, וועגן קימכיס „השרשים”, וואָס איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין רוים נאָך פאַרן יאָר 1480, און די נעאַפּאָלער אויסגאַבעס, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין צוויי פאַרשיידענע טיפּאָגראַפיעס און זײַנען ארויס פון דרוק איינע — אין אווגוסט 1490 און די צווייטע — אין פעווראַל 1491, און, צווייטנס, האַנדלט זיך וועגן „מקרי דרדקי” (דער לערער פון קליינע קינדער) — א העברעיִש־איטאַליעניש־אראַביש (געדרוקט אומעטום מיט העברעיִשע אויסיעס) ווערטערבוך פון אַן אַנאָנימען אווטאָר (לויטן אָפּגעדרוקטן אקראָסטיך ווייסט מען בלויז זײַן נאָמען: יחיאל (יעכיִעל). אייגנטלעך איז דער „מקרי דרדקי” ניט מער ווי א געקירצטער וואַריִאַנט פון דאָוויד קימכיס „ספר השרשים”. מיר האַלטן פאַר נייטיק צו דערמאָנען דעם „ערוך” (אַרוך) פון נאַטאַן בען יעכיִעל (1030 — 1106), וועלכער איז אויך דערשינען אין רוים אין 1480, האַגאַם דער „ערוך”, זײַענדיק א ווערטערבוך צום טאַלמוד און מידראָשים, איז קוידעמקאָל אַן אראַמעיִשער און ניט העברעיִשער ווערטערבוך.

---

[1] Коковцов П. К. Новые материалы для характеристики Иехуды Хайюджа, Самуила Нагида и некоторых других представителей еврейской филологической науки в X, XI и XII веке. Санкт-Петербург, 1893.

[2] הרכבי א. א. זכרון לראשונים וגם לאחרונים. סנקטפטרבורג, 1891.

די לענינגראדער עפנטלעכע ביבליִאָטעק פארמאָגט ניט אלע העברעיִשע ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין 16־טן יה. דאָס איז אויך שײַעך ווערטערביכער. נאָר די דעמאָנסטרירטע אַף דער אויסשטעלונג ווערטערביכער פון דער דאָזיקער טקופע שטעלן מיט זיך פאָר ביבליִאָגראפישע זעלטנהײַטן, ווי אויך באלערעוודיקע עקספּאָנאטן פאר דער געשיכטע פון הומאניזם און רענעסאנס אין אייראָפּע. ס'איז ווייניק פאראן ביבליִאָטעקן אין דער וועלט, וועלכע פארמאָגן אזעלכע אוצרעס.

מיט ייִראס־האקאָוועד האָבן באהאוונטע לייענער באטראכט, לעמאָשל, דעם ווערטערבוך פונעם טאלאנטפולן דײַטשישן הומאניסט יאָהאן רייכלין (1455 — 1522) — De rudimentis hebraicis, וועלכער איז דערשינען דעם 6 אפרעל 1506 אין דער טיפּאָגראפיע פון טאָמאס אנשעלס אין פפאָרצהיים. דאָס בוך באשטייט פון א קורצער סקיצע פון דער העברעיִשער גראמאטיק און פון אן אויספירלעכן ווערטערבוך צום טאנאך. רייכלין איז געווען איינער פון די גרעסטע קריסטלעכע קענער פון העברעיִש אין זײַן צײַט. ער האָט געלערנט אין אָריגינאל דעם טאנאך מיט די מעפאָרשים. אונטער זײַן ווירקונג איז באָטל געוואָרן די גזיירע פון פארניכטן אלע העברעיִשע ספאָרים.

אַף דער אויסשטעלונג דעמאָנסטרירט זיך אויך די צווייטע אויסגאבע פונעם דערמאָנטן ווערק (באזעל, 1537), צו וועלכן עס האָבן שוין צוגעלייגט די הענט, הויפטזאכלעך, סעבאסטיאן מונסטער, ווי אויך דער באוווּסטער פאָרשער פון דער העברעיִשער גראמאטיק (אגעוו, אויך אן ערשטקלאסיקער איבערזעצער אין ייִדיש פונעם „בבא־בוך” און פון אייניקע ביכער פונעם טאנאך) עלייִאָהו אשקענאזי (1468 — 1549).

דאָ באקענען מיר זיך נאָך מיט עטלעכע ווערטערביכער פון סעבאסטיאן מונסטער, ווי אויך פון אנדערע קריסטלעכע געלערנטע פונעם 16־טן יה.: ל. פאגאניני, י. אווענאריִוס און ע. הוטער (דער זעלבער, וואָס האָט פארעפנטלעכט עטלעכע ביז גאָר אינטערעסאנטע פונעם פאָליגראפישן און אלגעמיין וויסנשאפטלעכן שטאנדפונקט אויסגאבעס פונעם טאנאך). באשײַמפערלעך זעט מען אין די אלע ווערטערביכער דעם וואָגיקן אײַנפלוס פון דאָוויד קימכיס „השרשים”.

אפן סטענד „פאָטערלענדישע אויסגאבעס” זעט מען אייניקע ווערטערביכער, וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן אַף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועטנפארבאנד (ווי אויך אין געוועזענעם צארישן רוסלאנד), געדרוקטע אין פעטערבורג, ווארשע, ווילנע און מאָסקווע, אָנהייבנדיק פונעם «Русско-еврейский словарь», וועלכן ס'האָט פארעפנטלעכט דאָס מיניסטעריִום פאר פאָלקסבילדונג (סאנקט־פעטערבורג, 1680), און ענדיקנדיק מיטן גוט באוווּסטן פ. שאפיראָס „מלון עברי־רוסי” (העברעיִש־רוסישער ווערטערבוך, מאָסקווע, 1963). די דאָזיקע ווערטערביכער האָבן געשפילט א גרויסע ראָליע אינעם דערלערנען די העברעישע שפראך אויך אויסער רוסלאנדס גרענעצן. די בעסטע רײַע דערצו איז יעהושוע שטיינבערגס (1825 — 1908) „משפט האורים” — א ווערטערבוך צום טאנאך. אָט דער ווערטערבוך, וואָס איז צוערשט פארעפנטלעכט געוואָרן אין 1897, האָט אויסגעהאלטן פיל אויסגאבעס ניט נאָר אין רוסלאנד. ער איז, לעמאָשל, אין א פארפולקומטער פאָרם פארעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע מאָל אין ייִסראָעל. י. שטיינבערג, וועלכער איז געווען א צענזאָר פון די העברעיִשע ביכער אין רוסלאנד, אָנהייבנדיק פון 1863, און אינספעקטאָר פונעם לערער־סעמינאר אין ווילנע ביזן 1904, האָט געשאפן אויך אייניקע אנדערע העברעיִשע ווערטערביכער, וואָס זײַנען דערשינען אין ווילנע: דעם העברעיִש־רוסישן, רוסיש־העברעיִשן, רוסיש־העברעיִש־דײַטשישן ווערטערביכער. אייניקע אויסגאבעס פון די דאָזיקע ווערק זײַנען דעמאָנסטרירט אַף דער אויסשטעלונג.

מע זעט דאָ אויסגאבעס פונעם „האוצר” (דער אויצער) פון ש. י. פין (1818 — 1890), וועלכער איז דער ערשטער פרווו פאָרצושטעלן די לעקסיק פון דער העברעיִשער שפראך אין פארשיידענע אנטוויקלונגס־פעריִאָדן. דעם ווערטערבוך האָט ש. י. פין ניט פארענדיקט. בלויז דער ערשטער טייל האָט זיך באוויזן אין דרוק, ווען דער אווטאָר האָט נאָך געלעבט. פארענדיקט איז ער געוואָרן אין דער פולער מאָס מיט דער מיטהילף פון ש. פ. ראבינאָוויטש (1845 — 1910). דער דאָזיקער ווערטערבוך אנטפלעקט בלויז איין זײַט פון דער פילפאכיקער ליטערארישער ארבעט פון ש. י. פין, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פארעפנטלעכט אין רוסלאנד א העברעיִשן זשורנאל — „פרחי צפון” (צאָפנדיקע בלומען, ווילנע, 1841 — 1844). ער האָט אויך געגרינדעט די ערשטע העברעיִשע וואָכנבלאט „הכרמל” (1860). אגעוו איז ער אויך באוווּסט אלס ביבליִאָגראף. זײַן „כנסת ישראל” איז א ביבליִאָגראפישער ווערטערבוך פאר דער „געשיכטע פון גרויסע לײַט בא ייִדן”.

די דעמאָנסטרירטע ווערטערביכער פון א. בען יעהודע — „העברעיִש־רוסישער טאשנבוך” (ווילנע, 1903 — 1914) — און „פולער רוסיש־העברעיִש־דײַטשישער ווערטערבוך” (ווארשע, 1911 — 1912) זעען אויס ווי קארליקעס אין פארגלײַך מיט ש. י. פינס „ווערטערבוך פונעם אלטן און נײַעם העברעיִש”, וואָס באשטייט פון 15 בענדער אכוץ דעם ארײַנפירבאנד, וועלכער איז פארעפנטלעכט געוואָרן אויסער די גרענעצן פון רוסלאנד (דײַטשלאנד, ייִסראָעל).

דאָס זעלבע — פארשטייט זיך, אין א קלענערן מאסשטאב — קאָן געזאָגט ווערן וועגן י. גראָזאָווסקיס (1862 — 1950) העברעיִשן טאשנבוך „מלון של כיס”, וועלכן ער האָט צוזאמענגעשטעלט מיט דער מיטהילף פון י. קלאוזנערן (1874 — 1958). דער טאשנבוך איז צוערשט פארעפנטלעכט געוואָרן אין ווארשע אין 1901, און דערנאָך האָט ער אויסגעהאלטן פיל אויסגאבעס.

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

(1950 — 1889)
נוסינאָוו, ייִצחאָק



— ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער. געבוירן אין טשערניכאָוו, וואָלין. געלערנט בא פריוואטע לערער און פארנומען זיך מיט זעלבסטבילדונג. אין 1910 געענדיקט עקסטערן א גימנאזיע אין ווארשע. פון 1914 שטודירט אין שווייצאריע און אין איטאליע פילאָלאָגישע וויסנשאפטן, פילאָסאָפיע און קונסט. אין 1917 זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע (1919) אריַינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי, אקטיוו זיך באטייליקט אין דער ליטערארישער באוועגונג, געלייענט לעקציעס וועגן דער ייִדישער, רוסישער און אויסלענדישער ליטעראטורן אין די הויכשולן פון מאָסקווע. אין 1924 פארטיידיקט א דיסערטאציע אף דער טעמע „די פראָבלעם פונעם היסטאָרישן ראָמאן. וו. הוגאָ און א. פראנס". געהאט דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן און פראָפעסאָר פון ליטעראַטור. ארויסגעלאָזט א ריי פאָרשונגען און ווערק וועגן די קלאסיקער און היַינטציַיטיקע שעפער פון דער רוסישער און ייִדישער ליטעראַטור.

אין זיַין וויסנשאפטלעכער ליטערארישער ארבעט האָט נוסינאָוו אָנגעווענדעט דעם מארקסיסטישן מעטאָד. ער איז איינער פון די אָנגעזעענע מארקסיסטישע סאָוועטישע ליטעראטור־קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער. דערביַי איז ער אָבער ניט זעלטן אריַינגעפאלן אין וווּלגארן סאָציאָלאָגיזם.

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט י. נוסינאָוו גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט פונעם ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. ער איז ארויסגעטראָטן מיט פאטריאָטישע ווערק און גערופן צום קאמף קעגן די דיַיטשישע פאשיסטישע אגרעסאָרן.

ווערק: „די פראָבלעם פונעם היסטאָרישן ראָמאן. וו. הוגאָ און א. פראנס" (רוסיש), מאָסקווע, 1927; „לעאָניד לעאָנאָוו" (רוסיש), מאָסקווע, 1935; „טעאָריעס" (ליטעראריש־קריטישע ארטיקלען. (רוסיש), מאָסקווע, 1926; „ל. טאָלסטאָי, מ. גאָרקי, א. פּ. טשעכאָוו" (רוסיש), מאָסקווע, 1930; „מ. גאָרקי" (רוסיש), מאָסקווע, 1932; „פּראָבלעמען פון דער פּראָלעטארישער ליטעראַטור", כארקאָוו, 1932; „כאווער אינזשעניער" (פּיעסע, צוזאמען מיט י. דאָברושינען; אופגעפירט געוואָרן אין די רוסישע און ייִדישע טעאטערן פון א ריי שטעט אונטערן נאָמען „ספּעץ"), מאָסקווע, ...19; „דאָס בלוט רופט צו נעקאָמע" (זאמלונג), מאָסקווע, 1941.

ביבליאָגראפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן", ב. 2; מ. ליטוואקאָוו, „אף צוויי פראָנטן", מאָסקווע — כארקאָוו — מינסק, 1931; י. בראָנשטיין, „אטאקע", מינסק, 1930; א. גורשטיין, „ציַיטשריפט", נומער 1, מינסק, 1926; כ. דונעץ, „פאר מאגניטבויען אין דער ליטעראַטור", מינסק, 1932; ד. קורלאנד, „אפן וויסנשאפטלעכן פראָנט", מינסק, 1934; ה. רעמעניק, „וועגן איינער א פאלשער טעאָריע", זשורנאל „שטערן", נומער 4 פארן 1930; ש. ניגער, זשורנאל „די צוקונפט", נומער 11 פארן 1934; וו. א. קאלאשניקאָוו, „נוסינאָוו, איסאק מארקאָוויטש", „קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע" (קלע, רוסיש), ב. 5, מאָסקווע, 1968.

סודארסקי, א.
(די דאטעס ניט באוווּסט)

— געזעלשאפטלעכער טוער, פּובליציסט. לויטן פאך אן אגראָנאָם. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אריַינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. אקטיוו זיך באטייליקט אין דער איַינאָרדענונג פון די ייִדן אף ערד־ארבעט אין די ייִדישע נאציאָנאלע ראיאָנען פון קאלינינדאָרף, סטאלינדאָרף, ניַיזלאטאָפּאָל, קרים און אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. געווען אן אקטיווער מיטארבעטער פון די ייִדישע סאָוועטישע ציַיטונגען „עמעס", „שטערן", פון די זשורנאלן „די רויטע וועלט", „פּראָליט", „באהערשן די טעכניק פון דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָדוקציע" אא.

ווערק: „ווּהין גייט די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פון די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסן אין די קאפּיטאליסטישע לענדער און אין ראטנפארבאנד", כארקאָוו, 1929; „ביראָבידזשאן און פּאלעסטינע", כארקאָוו, 1929; „די עקאָנאָמישע לאגע פון ייִדישן שטעטל", מאָסקווע, 1929; „פארוואָס קעמפן מיר קעגן רעליגיע", כארקאָוו, 1931; „די ייִדישע איבערוואנדער־פאָנדן אין אוקראַיִנע", קיִעוו, 1931; „דער ייִדישער פאשיזם און קלעריקאליזם צו דינסט דעם קאפּיטאל", כארקאָוו — קיִעוו, 1932; „קאלינינדאָרפער ראיאָן", מאָסקווע, 1932; „ניַיזלאטאָפּאָליער ראיאָן", כארקאָוו, 1932; „ביראָבידזשאן", כארקאָוו — קיִעוו, 1933.

Продолжение урока VIII. פאָרזעצונג פון לימעד VIII

Задание 7. Читайте вслух текст о подготовке к «Олимпиаде-80». Обратите внимание на то, как читаются числительные. Добейтесь беглого чтения.

די צוגרייטונג צו דער „אָלימפּיאַדע־80" (אכציק)

(לויט „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, פעוראַל, יאָרגאַנג 1979, ז. 174 — 175)

**1) די אָל׳ימפּישע פאַרמ׳עסטונגען וועלן פאָרקומען, כוץ אין מאָסקווע, אויך אין לענינגראַד, קיִעוו,
מינסק און טאַלין. 2) מיר וועלן אופבויען און רעקאָנסטרויִרן 99 (נײַן און נײַנציק) אָלימפּישע אָביעקטן.
3) אינג׳יכן וועט מען פאַר׳ענדיקן די בויונג פון דעם גער׳עקטן מאַנ׳יעזש פון דעם צענטר׳אַלן ספּאָרט־
קלוב פון דער סאָוו׳עטישער אַרמיי. 4) 16 (זעכצן) פון די 92 (צוויי און נײַנציק) ספּאָרט־ביני׳אָנים
וועלן זײַן גרייט שוין זומער 1979 (טויזנט נײַן הונדערט נײַן און זיבעציק). 5) דאָרט וועלן מיר דורכפירן
די פינ׳אַל־פאַרמ׳עסטונגען פון דער 7־טער (זיבעטער) ספּאַרטאַקיִאַדע פון די פעלקער פון פּססר. 6) דאָס
וועט זײַן אַ גענעראַלע רעפּעט׳יציע צו דער אָלימפּי׳אַדע. 7) אין דעם „אָל׳ימפּישן דאָרף" וועלן וווינען
העכער 12.500 (צוועלף טויזנט פינף הונדערט) ספּאָרטסמענער פון אומגעפער 130 (הונדערט דרײַסיק)
לענדער. 8) זיי וועלן וווינען צו 2 (צוויי) מענטשן אין אַ צימער. 9) זיי וועלן האָבן אין זייער רעש׳וס
18 (אכצן) 16־שטאָקיקע (זעכצנשטאָקיקע) הײַזער, אַ קולטור־צענטער מיט אַ טעאַטער־ און קאָנצ׳ערט־זאַל,
אַ רעסטאָר׳אַן, עטלעכע קאַפ׳ע און באַרן, אַן אוניווערס׳אַלן מאַגאַז׳ין — קורץ, אַלד׳אָס נייטיקע. 10) די
אַלגעמיינע צאָל קאָרעספּאָנד׳ענטן וועט באַטר׳עפן 7.400 (זיבן טויזנט פיר הונדערט). 11) פאַר די אומ־
געפער 600.000 (זעקס הונדערט טויזנט) טור׳יסטן וועט מען מוזן פאַרגר׳עסערן אין מ׳אָסקווע דעם
האָט׳על־פאָנד קימ׳אַט אין צוויי (2) מאָל. 12) מע וועט אויסבויען נײַע קעמפּינגען און מאָט׳עלן. 13) מע
וועט פאַרק׳ויפן אומגעפער 6.000.000 (זעקס מיליאָן) ביל׳עטן אַף די ספּאָרט־פאַרמ׳עסטונגען. 14) די
פרײַזן אַף די ביל׳עטן וועלן זײַן בײַ אונדז ביליקער איידער אין מאָנטרע׳אַל. 15) דאָס צענטר׳אַלע אָרט
אין דער קולטור־פּראָגר׳אַם וועט פאַרנ׳עמען דער קונסט־פעסטיוו׳אַל. 16) אין אים וועלן זיך באַט׳ייליקן
אַרום 250 (צוויי הונדערט פופציק) בעסטע קינסטלערישע קאָלעקט׳יוון, אַנס׳אַמבלען און סאָל׳יסטן פון
אַלע פאַרב׳אַנדישע רעפּובל׳יקן. 17) עס וועלן דורכגעפירט ווערן אַ טע׳אַטער־טאָג, אַ פּאָ׳עזיע־טאָג, אַ
מוז׳יק־טאָג, אַן עסטר׳אַדע־טאָג אאַוו. (און אַזוי ווײַטער). 18) מיר גלייבן, אַז די שפּילן פון דער 22־סטער
(צוויי־און־צוואַנציקסטער) אָלימפּי׳אַדע וועלן אַקטיוו מיטהעלפן פאַרשט׳אַרקן דעם שאָלעם און מיטאַר־
בעט צווישן די פעלקער.**

Новые слова

**א — 1) אויסבויען 2) אופבויען 3) אומגעפער 4) אַזוי 5) איידער 6) אינגיכן 7) אַלגעמיין 8) אַלדאָס
9) אַלע 10) אַרום. אָ — 11) אָלימפּיש 12) דאָס אָרט, ערטער. ב — 13) באַטייליקן זיך 14) באַטרעפן
15) ביליק — ביליקער 16) דער ביניען, ביניאָנים. ג — 17) געדעקט 18) גלייבן 19) גרייט. ד — 20) דאָרט
21) דאָס דאָרף, דערפער 22) דורכפירן. ה — 23) האָבן 24) דאָס הויז, הײַזער 25) העכער. וו — 26) ווײַט —
ווײַטער. ז — 27) דער זאַל, ־ן 28) דער זומער, ־ס. י — 29) דער יאָרגאַנג, יאָרגענג. כ — 30) כוץ מ — 31)
דאָס מאָל 32) די מיטאַרבעטער 33) מיטהעלפן. נ — 34) נייטיק. ע — 35) עטלעכע פ — 36) דער פרײַז, ־ן
פ — 37) פאַר 38) פאַרגרעסערן 39) די פאַרמעסטונג, ־ען 40) פאַרנעמען 41) פאַרענדיקן 42) פאַרקויפן
43) פאַרשטאַרקן.**

[а] — 1) выстроить 2) построить 3) примерно 4) так 5) чем; прежде чем 6) вскоре 7) общий, -ая, -ое 8) всё 9) все 10) около; вокруг **[о]** — 11) олимпийский, -ая, -ое **12) место, -а [б] — 13)** участвовать **14)** составлять 15) дешёво — дешевле 16) сооружение, -я **[г]** — 17) крытый 18) верить 19) готов **[д]** — 20) там 21) деревня, -и 22) проводить (игры и т. п.) **[h]** — 23) иметь 24) дом, -а 25) выше **[в]** — 26) далеко — дальше, далее **[з]** 27) зал, -ы 28) лето, -а **[й]** 29) год издания (газет, журналов) **[х]** — 30) кроме **[м]** — 31) раз 32) сотрудничество 33) содействовать **[н]** — 34) необходимое **[э]** — 35) несколько **[п]** — 36) цена,. -ы **[ф]** — 37) для, за, ради, перед 38) увеличивать 39) соревнование, -я (спортивные) 40) занимать 41) закончить 42) продавать 43) усилить.

Задание 8*. Переведите текст о подготовках к Олимпиаде на русский язык. Учтите при этом «Пояснения к тексту» (см. после текста)

Ключ к заданию 9: 1) Олимпийские соревнования состоятся, кроме Москвы, также в... 2) Мы построим и реконструируем... 3) Вскоре закончат строительство крытого манежа... 4) Из 92 спортивных сооружений будут готовы уже летом... 5) Там мы проведем... 6) Это будет... 7) в «Олимпийской деревне» будет проживать... 8) Они будут жить по два человека... 9) Они будут располагать 18-тью... 10) Общее число корреспондентов составит... 11) Для примерно 600.000 туристов надо будет почти в 2 раза увеличить жилую площадь (фонд) в гостиницах Москвы 12) Построят... 13) Будет продано билетов... 14) Цена на билеты будет у нас дешевле чем в Монреале 15) ...займет фестиваль искусств 16) В нем примут участие... 17) Будут проведены... 18) Надеемся (верим), что игры 22-ой Олимпиады будут активно содействовать упрочению мира и сотрудничества между народами.

דאָצענט שימען סאַנדלער

לויט דער באַקאַשע פון די לייענער כאַזערן מיר איבער דעם ייִדישן אַלעפבייס צוזאַמען מיט די דערקלערונגען צו אים (אַוטאָר — ע. פאַלקאָוויטש), וועלכע זײַנען פריִער געווען געדרוקט אין אונדזער זשורנאַל (נומ. 8 פאַרן 1978).

Русско-идиш алфавит:

а	א
б	ב
в	וו
г	ג
д	ד
е	ע, יע
ж	זש
з	ז
и	י, יִ
й	
к	ק
л	ל
м	מ, ם
н	נ, ן
о	אָ
п	פּ
р	ר
с	ס
т	ט
у	ו, וּ
ф	פֿ
х	כ, ך
ц	צ, ץ
ч	טש
ш	ש
щ	שטש
ъ	—
ы	—
ь	—
э	ע
ю	יו
я	יא

Буквы: печатные	Буквы: рукописные	Произношение	Примеры		Название		Числовое значение
א		а	אש	Аш	אלעף	алэф	1
אָ		о	אָש	Ош	קאָמעץ־אלעף	комец-алэф	
ב		б	באַאָבאַב	баобаб	בייס	бейс	2
ג		г	גאָנג	гонг	גימל	гимл	3
ד		д	דעקאַדע	декада	דאַלעד	далэд	4
ה		h	האַמבורג	Гамбург	הײ	hей	5
ו, וּ		у	בוזולוק	Бузулук	וואָוו	вов	6
וי		ой	הויז	дом (hойз)	וואָוו־יוד	вов-йуд	—
וו		в	וואַטע	вата	צוויי וואָוון	цвей вовн	—
ז		з	זאָאָלאָג	зоолог	זײַען	заен	7
זש		ж	זשורנאַל	журнал	זײַען־שין	заен-шин	—
ח		х	סחורה (סכוירע)	товар	כעס	хэс	8
ט		т	טוריסט	турист	טעס	тэс	9
טש		ч	טשוהון	чугун	טעס־שין	тэс-шин	—
י, יִ		и, й	וויזיט	визит	יוד	йуд	10
יי		эй	פּייזאַזש	пейзаж	צוויי יודן	цвей йудн	—
ײַ		ай	טראַמוויי	трамвай	צוויי יודן מיט א פּאַסעך	цвей йудн мит а пасэх	—
כ, ך		х	באַכראַך	Бахрах	כאַף, לאַנגע כאַף	хоф, ланге хоф	20
ל		л	וואָלייבאָל	волейбол	לאַמעד	ламед	30
מ, ם		м	אַמראָם	Амром	מעם, שלאָסמעם	мем, шлосмем	40
נ, ן		н	מינין	Минин	נון, לאַנגע נון	нун, ланге нун	50
ס		с	סאָרט	сорт	סאַמעך	самех	60
ע		э	עלעמענט	элемент	אײַען	айен	70
פּ		п	ספּאָרט	спорт	פּיי	пей	—
פֿ, ף		ф	פֿאָן, שאַרף	фон, шарф	פֿיי, לאַנגע פֿיי	фей, ланге фей	80
צ, ץ		ц	צונץ	Цунц	צאַדיק, לאַנגע צאַדיק	цадик, ланге цадик	90
ק		к	קאָנקורס	конкурс	קוף	куф	100
ר		р	רעסורסן	ресурсы	ריש	рейш	200
ש		ш	שעף	шеф	שין	шин	300
שׂ		с	שמחה (סימכע)	радость	סין	син	—
ת		т	תלמוד (טאַלמוד)	талмуд	סאָוו (סאָף)	сов (соф)	400
תּ		с	שבת (שאַבעס)	суббота	טאָוו (טאָף)	тов (тоф)	—

Идиш пользуется древнееврейским алфавитом, приспособленным к звуковой системе идиша. Письмо — справа налево.

В литературном идише 5 гласных: א, אָ, ו, י, ע; три дифтонга: יי, ײַ, וי;
21 согласная: ר, ש
ב, ג, ד, ה, וו, ז, זש, ט, טש, י, כ, ל, מ, נ, ס, פּ, פֿ, צ, ק.

Примечания к алфавиту:

1. Прописных букв в еврейской графике нет.

2. Буква א в начале слова перед гласными ו ,י и перед дифтонгами не произносится. Например:

университет אוניווערסיטעט институт אינסטיטוט

Ойстрах אויסטראַך Эйнштейн איינשטיין

Айзман אײַזמאַן Ушинский אושינסקי

В словах אאול (аул), אאודיטאָריע (аудитория), אאוקציאָן (аукцион) и т. п. второй א не произносится.

3. Буква ה произносится как «h» в латинском или как «Г» в некоторых русских междометиях. Например: aha! oho! hon!

Произнесите правильно слова:

היסטאָריע, הידראָפּלאַן, האמבורג, האמלעט, הינדענבורג

---

4. Буква וּ с точкой в значении «у» пишется перед י, перед (й) и рядом с וו, например: טוּונג (туунг — действие), בורזשוּי (буржуй), וווּקס (вукс — рост), צוּוווּקס (цувукс — прирост).

5. Буква י обозначает: 1) гласный «и», например: וויזיט (визит), מיטינג (митинг); 2) согласный «Й», например: יאַנוואַר (январь), יאָד (йод), מאַיאָר (майор), יונגער (юнгер — молодой), יונקער (юнкер), יוישער (йойшер — справедливость).

6. Буква יִ с точкой в значении «И» пишется рядом с главным, дифтонгом и י (Й). Например: ליניִע (линие), קליִענט (клиент), מאִס (маис), לעגיִאָן (легион), נעוויִים (нэвиим — пророки), ייִדיש, (язык идиш), בייִסק (Бийск), איניציִאַטיוו (инициатива).

7. Буква י служит иногда показателем мягкости предыдущего согласного. Например: זיאַמע (Зяма), עליע (Эле — Эля), מעניע (Мене — Меня).

8. Буквы ץ, ף, ן, ם, ך употребляются в конце слова: באַכראַך (Бахрах), אַמראָם (Амром), ווײַנשטיין (Вайнштейн), ווענדראָף (Вендроф), צונץ (Цунц).

9. Буквы ח ,ת ,ת ,ש (в значении «С») в советском идише бытуют только в цитатах из древнееврейских (ивритских) текстов. Например: חלה (халэ — булка), חתן (хосн — жених), תלמוד (талмуд), שטן (сотн — сатана).

10. В цитатах из древнееврейских (ивритских) текстов буквы א ,ב ,ה ,ו ,י ,ע могут обозначать и другие звуки, здесь не указанные. Например: אסתר (Эстэр — Эсфирь), אברהם (Авроhом — Авраам), דוד (Довид — Давид) שלמה (Шлойме — Соломон), שניאור (Шнэйер — Шнеер), עמרם (Амром).

11. Буква «Щ» обозначается буквами שטש. Например: באָרשטש (борщ), שטשעדרין (Щедрин), שטשעפּקין (Щепкин), שטשוקין (Щукин).

В ряде еврейских словарей слова располагаются в порядке древнееврейского алфавита; в них буква אַ и двузначные יי, ײַ, טש, זש, וו, וי не выделяются в качестве самостоятельных.

В ряде слов встречаются мягкие согласные звуки и сложные (аффрикаты), например: דאָדיע, עטיע — произносятся: Д-о-д-е, Э-т-е, не Додъе, Этъе, В словах גאַנדז (гусь), בלאָנדזשען (блуждать) звуки דז или דזש произносятся слитно.

Мягкость согласных в некоторых случаях играют фонематическую роль — способствующую различению значений слов, например: (האָדיע hоде) — (довольно), האָדע (hодэ) — Года (менское имя).

При обозначении буквами сложных чисел сначала, то есть справа, ставятся сотни, затем десятки и единицы. Например: ק׳ן — 150, רמח — 248; число 15 выражается обычно буквами טו а 16 — טז. Тысячи обозначаются единицами с апострофом после них (или с двумя точками над ними). Например: ה׳תשלז — 5737 — нынешний год по еврейскому летоисчислению (соответствует еврейскому 1976—1977 г.).

Being, or Adam. It is above essential that the few progressive Jewish writers who still practise their art should wake up from the sleep that has come over them in the last few years and should with all clarity and firmness put literature back in its rightful place, unceremoniously expelling the cold-hearted pretenders, the political prostitutes trying to reach the general public, if not with true literary works, at least with anti-Soviet and anti-communist abuse.

The atmosphere in the hall is excellent. When I answer the questions raised by members of the audience, a young black rises to his feet and, asking me about something, refers to a passage in my book "On the Jewish Street", published a few years ago in English by the Novosti Press Agency publishing house. It turns out that the organisers of the evening were selling the book today at the entrance to the Palm Hotel. Jack Kling says to me:

"All the available copies here are sold out. Now write another book. . ."

Translated by Alex Miller

כראָניק

אויסשטעלונג פון נאַטאַן אַלטמאַנס שאַפונג

אין מאָסקווע איז אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אויף קוזנעצקי מאָסט באַוויזן געוואָרן אין משך פון אַ כודעש צײַט אַן אויסשטעלונג פון די ווערק פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן קונסט־מײַסטער, פאַרדינסטפולן קינסטלער פון רספסר נאַטאַן אַלטמאַן (1970—1889).

די עקספּאָזיציע האָט אַרומגעכאַפּט אַלע פּעריאָדן און קימאַט אַלע זשאַנרען פון אַלטמאַנס שאַפונג (מאָלערײַ, גראַפיק, סקולפּטור, דעקאָראַטיווע קונסט, עסקיזן פון דעקאָראַציעס, קאָסטיומען צו טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען און קינאָפילמען).

אויף דער אויסשטעלונג איז באַוויזן געוואָרן דעם קינסטלערס באַוווּסטע לעניניאַנע — אַ סעריע עטיודן און אַ סקולפּטור־פּאָרטרעט פון וו. אי. לענינען, וועלכע אַלטמאַן האָט געצייכנט און געקלעפּט פון דער נאַטור, און דער עסקיז פון דער אויספּורעמונג פונעם אוריצקי־פּלאַץ בײַס די פײַערונגען פונעם 1־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד אין יאָר 1918.

אין אָט דער פולער עקספּאָזיציע האָט מען געקאָנט זען נאַטאַן אַלטמאַנס וווּנדערלעכע פּייזאַזשן, בילדער פון אַמאָליקן שטעטל, איליוסטראַציעס צו די ווערק פון די יידישע קלאַסיקער — מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אַליכעם און י.־ל. פּערעץ, פּאָרטרעטן פון שרײַבער און קולטור־טוער — לונאַטשאַרסקי, מיכאָעלס, אַכמאַטאָוואַ, ערענבורג אאַ.

אַ היפּש אָרט האָבן פאַרנומען אין דער אויסשטעלונג אַלטמאַנס דעקאָראַציעס צו יידישע ספּעקטאַקלען: ש. אַנ־סקיס „האַדיבוק", ק. גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ", שאָלעם־אַליכעמס „דער פאַרקישעפטער שנײַדער", צו אַ. גאָלדפאַדענס „דאָס צענטע געבאָט", אַ. וועוויאָרקעס „כאַוער שינדל", ש. האַלקינס „אַרן פרידמאַן" אאַ.

ספּעציעל צו דער אויסשטעלונג האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ מאָנאָגראַפישן קאַטאַלאָג מיט פילפאַרביקע און טאָן־רעפּראָדוקציעס און מיט אַן אַרטיקל פונעם קונסט־קענער אַלעקסאַנדער קאַמענסקי.

not real Jews and, what is more, that we, the Soviet Jews, are apostates if not actually antisemitic.

Let us rather return to Jack Kling's Chicago. We shall meet people with sane minds and high ideals there.

The name of Irving Steinberg came up during the stories about the trouble in Skokki. It was announced that he showed civic courage in addressing a protest meeting against the fascist plots, in spite of threats by them to apply force against the speakers. I was understandably pleased to see Irving Steinberg in the chairman's place during my meeting with the Chicago public in the Palm Hotel.

Jack Kling's Chicago had assembled in the beautiful hall of this popular hotel: not only elderly working-class people who had managed to lend a progressive social functionality of many decades' duration to Yiddish, the Jewish language preserved in their society, but also a large number of young people, Jews by origin, who express their freedom-loving ideas principally in English, the language of their adopted country. There were also many non-Jews, black and whites, who had come with their Jewish comrades to this evening which was dedicated to life in the Soviet Union. The organisers of the evening were at pains to ensure that their Soviet guest's talk was translated into English, and it came as a pleasant surprise to me that the interpreter who went up on to the stage was Joseph Elbein, a veteran of the anti-hitlerite war who had been my interpreter fifteen years ago when, on the day of President Kennedy's assassination, I had been interviewed by news commentator Price from radiostation WBBS.

(My diary for that period has the following entry: "On one of the streets, war veteran Joseph (Iosif-Leib) Elbein was waiting for our car. Elbein is one of the former progressive figures. He has left the movement, but has not broken off contact with it. Yesterday he handed be the manuscript of his poem, "Reflections on Those Who Mock the American Jew". But this is not the moment for verse. We put off the conversation for a more suitable occasion"...)

Hello, Joe! Are you really still a former progressive figure? Fifteen years is a long enough time to have had a good rest; but isn't it time you took up the old cause again?... Don't be afraid. All you have to do today is to translate what will be said in this hall by your old acquaintance who has come from Moscow again. It won't be very difficult for you, since there is much that the Chicagoans assembled in this hall understand without it having to be explained to them. Although...

Jack Kling whispers in my ear that I should look to the right, into the farthest corner of the hall. There are about fifteen toughs from the Jewish Defence League sitting over there, he tells me.

"How d'you know?"

"We know everybody in the hall."

"Why did you allow them to come in?"

"Let them listen. They're people too."

"What if they start trouble?"

"We'll help them to open the door."

And just imagine: the toughs from the "League" gradually forgot who they were and why they had come. They sat and listened until a woman came in and called them out of the hall.

There were many friends in the big hall of the Palm Hotel, and there were also the hesitant ones who had not yet defined their position—even those who object to our case; but they were all ready to listen to what was going to be said. There sat Irving Solk, a Chicago banker, a member of the Peace Movement. And that was Gitsis, Moishe Gitsis, an old Jewish writer; he will be 85 in a couple of months. We chat during the intermission.

"Manya!" He turns to his wife. "Explain to Vergelis why we have to go on being published by the magazine "Idishe kultur" since it became anti-Soviet.."

"There's no need, I already know," I say, releasing Manya from the painful justifications. "You want to say, my dear Moishe, that there is nowhere left for you to be published.."

"Oh, God grant you a longer life.."

I recall to mind some lines entered in his diary by the hero of one of Gitsis' novels, the writer Barash, a weak-willed and indecisive man. "Oh, Adam," he writes, "Why didn't you teach me sin, the kind of sin that would enlighten me? Why did you leave my soul in the darkness and in the power of chaos?"

There is no need here, in the far from chaotic hall in which we have met, to tell Gitsis about the reasons for the ideological chaos that has overcome Jewish literature in America. It is obvious that this question must not be addressed to an abstract Human

the background of a big mob of excited demonstrators. He holds his clenched fist over his head, while in the other hand he is holding a placard inscribed: "6 million Jews—the genocide mustn't happen again!" When Frank Collins, the chief of the nazis, began orating in front of his thugs in Market Park, that the extermination of Jews just for being Jews didn't bother him and he was actually disappointed that so many Jews had been left alive, he was answered in another part of Chicago, in Rogers Park, at a mass meeting held by black leader Jessy Jackson: "We will not allow an antisemitic march by the nazis in Skokki! This is how things stand: either we must unite, or panic and leave the field to the nazis"...

It should be mentioned that these two parks in Chicago represent two social backgrounds. Market Park is not simply a district "for whites only"—it is an overfed, wealthy and chauvinistic quarter. Two "parks", two Chicagos, two worlds. When progressive black leader Jessy Jackson announced "this is how things stand". —he included in this question all the "Jewish questions" which Jew David Goldberg isolated from the struggle for freedom and social justice that is being fought by the American people.

The storm of passions round Skokki has already died down. Today, all's quiet here. I wander round the streets of the district, and perhaps because of the snow covering everything, or perhaps because time has healed the wounds, there is no feeling of a Jewish question here now. On the façade of the modernist synagogue, in which a popular Chicago rabbi delivers the sermons, a streamer has been stretched from window to window with the summons, "Save the Soviet Jews". Jack Kling jokingly suggests that I climb up onto his shoulders and change one word, so that the call will be useful: "Save the Skokki Jews!"

One passer-by, seeing us with our heads back also looks at the streamer and mutters:

"To save us from Jewish troubles in America, they want to save the Jews over there in Russia.."

On the way back home, we do not forget to visit the so called Jewish Community Centre, an institution in which any Jew who cares to call can feel thoroughly at home. For instance, there is a swimming pool which the bathers enter in purely Jewish style, that is, wearing *yermolkas* instead of swimming costumes, and they do not take off their prayer appurtenances—*tsitsit*—which float on the surface like fishing nets when they are in the water...

(It should be mentioned that it was on the *yermolka* front that the Chicago national Jewry recently won a truly historic victory. What happened was as follows. Two orthodox Jews went to court, and the guardians of order—modestly known as marshals in America—ordered them to take off their *yermolkas* in accordance with procedure. This resulted in a special court inquiry, and thanks to a vigorous campaign undertaken by the American Jewish Congress, Federal Judge Herbert L. Wiss—I am giving his full name so that future historians of the Jewish people will accord him his rightful place—Chicago Federal Judge Herbert L. Wiss pronounced a ruling to the effect that *yermolkas* need not be taken off in court.)

Who says they're not concerned with Jewish questions in Chicago?

Of course, the days have long since passed when a Jew in Chicago, after a hard day's work in the hot workshops, went to the Glickman Theatre on Blue Island Avenue or the other Jewish theatre on Maxwell Street and, on returning home and before retiring to bed, looked through one of the three Chicago daily Jewish newspapers, or sometimes all three at once... Ambitions have to be kept in check these days—the Chicago national Jewry has changed. However, you may think what you like, but the strict marshalls of the law completely failed to remove the *yermolkas* from the heads of two orthodox Jews!

If you would like more, here is another historic achievement. There was recently an uproar over a book by Arthur Boltz, a professor at Chicago South Western University; it was about the "false figure of 6 million". (The professor is an electrical engineer by profession, but, as soon can be seen, he does not fight shy of historical scholarship, and in particular he has given a vivid account of how the cunning Jews in the German-occupied countries pretend to be murdered and asphyxiated in the gas chambers when they have, in fact, been alive to this day.) And so this Arthur Boltz published his book not in Chicago, and not in America, but somewhere in England, and may the Devil get his hands on him, this Arthur Boltz... Just so long as the book doesn't come out in Chicago!

22. *Jack Kling's Chicago*

And now, dear reader, let have done with these fossils, nationalist fanatics. Let us just remember that *they* are the ones who shout on all the street corners that we are

The city of Chicago and the whole State of Illinois are in raptures: Daddy's come back home! Incidentally, when his assistants met him at the airport, he asked them if the Chicago institutions were working, and this was the answer he got: "The city that works (as they call Chicago in America) isn't working"...

For my part, I can't understand why the snow has caused so much chaos here. It's friendly snow, really. Do they expect warm streams to babble at their feet in winter? As we travel further away from the airport, I look with delight at the white, clean snowy fields in the places where cars and pedestrians have not yet managed to turn the snow into a filthy mire. When the breeze lifts light eddies of snow into the air, I open the car window a little way to breathe the freshness. Finally, we drive into the city, and I become aware of its good-natured silence and a sort of special ceremoniousness in its mood.

We put up at the Sheraton Hilton Motel. As I enter the bright, spacious room, I say to Jack:

"Well, let's talk about the Jewish question..."

21. The Jewish Question in Chicago

Jewish questions are as absurd in Chicago as in the other big American cities. Do you want a compact Jewish population in a city? Very well, here are all of 275,000 Jews. And if someone needs a national element, then there's an answer to that too: synagogues, eshiboti, kosher shops... What else do you want? European culture? A Jewish newspaper? A theatre? That, I am afraid, they haven't got in Chicago. Please understand that the emigrant generations withdraw into the past, the young ones don't remember their homeland and family tree, so that you needn't bother insisting. On the Jewish street, however, in spite of all this, there is an unimaginable uproar. What is the matter? This is where we come up against the absurd Jewish question.

Close your eyes and imagine that masses of people are busy building a road. Everything needed for the job is available: the people have been split up into groups; some are already working, but a dispute has flared up. Some say that the road should run from here to there, others—from there to here. There are also some who have doubts: where did you get the idea that the road has to lead somewhere? After all, it could go round in a circle. Then the experts come along and say that the most direct route leads downwards, into the bowels of the earth. They all argue. And there is an indescribable racket. Meanwhile, time passes and—Oh God, what's happening? The road and the workers with their shovels, picks, crowbars and machines have all vanished, and only the noise of argument hangs in mid-air—even louder than when the work was in progress.

This is a true picture of how Jewish questions are settled in America, especially in New York, Los Angeles and Chicago, and undoubtedly in all other mighty, ultramodern skyscraper cities of the USA.

They are willing enough here to discuss the life of the Jews *in other countries*. However, as soon as some local Jewish question arises, then all seize on it, put heart and soul into it, and it becomes an object of passions to all without exception, from small to big. It is some time since the word "Skokki" has been mentioned in Chicago.

Skokki is a large district on the outskirts of Chicago and is, as they say, "a Jewish quarter within the city". Of the 70,000 inhabitants, 40,000 are Jews. Approximately 6-7,000 of them arrived with their families as wartime refugees fleeing the death camps—that is, they know from their own experience what nazism is about.

And this is the very district of Chicago that the American neonazi movement has chosen for mass gatherings of its storm troopers!

The fierce struggle that was waged in connection with the fascist march threw vivid light on the "Jewish question". On the one hand, liberals were found in the Establishment who appealed against arousing the beast by counter-demonstrations. One lawyer, a Jew named David Goldberg, even spoke up for the insulted nazis and demanded in court that they should not be deprived of their civil rights. When he was asked if fascists ought to be allowed to march even if they were carrying placards inscribed "Kill the Jews!", he replied, yes, such permission would correspond to the American principle of free speech...

On the other hand, the American people as a whole showed the sane side of its nature in this episode. All the ethnic groups in Skokki, as in Chicago generally, together with the progressive organisations headed by the Communists, "tied the hands" of the hooligans. The "Chicago Sun Times" carried a photograph: a young black standing against

Aron Vergelis

Fifteen Years After

20. Let's Chat About the Jewish Question. . .

In the good old days, it was no problem to spend a day or two on a carriage trip to another town to visit a good friend and find out how he was getting on. Nowadays, this is too much of a luxury—spending valuable time when all you have to do is pick up the telephone and dial another city.

However, I was not so lazy and flew from Moscow to Chicago to visit Jack Kling. If you tell me you've never heard of Jack Kling, I won't believe you. Fifteen years back, when I first visited the city on the shore of Lake Michigan, one of the old inhabitants there put it like this during our conversation: "The whole of Chicago working class knows Jack Kling. . ." Today, his reputation has spread even further: Jack is in charge of the organisation of the American Communist Party in the state of Illinois, whose capital is Chicago. So how am I to believe that you don't know Jack Kling?

Even after fifteen years, it's still a disappointment to me that my meeting with him was interrupted by the "murder of the century". On that rainy morning, sitting in his car, I heard over the radio that John Fitzgerald Kennedy, President of the United States of America, had been shot. I left Chicago shortly afterwards without having been able to visit the Klings in their home.

It was raining that day in Chicago. Today, the city is covered with snow. It has been snowing for three weeks now. The snowdrifts have frozen and been trampled down to make, as it were, a relief map of the locality. No one has been shovelling them out of the way. Another week of this, and it looks as though Chicago will be completely buried in snow. They'll have to send for archaeologists to excavate the city if they are going to ascertain, for historical purposes, what happened here in January and February 1979.

Nothing much has happened. The archaeologists will scrape away the hardened snow and the first object they find deep down will be the 100-storey skyscraper of the John Hancock Centre. To gain access to the entrance without going down through the roof, they will have to dig 332 metres down through the snow and in this way reach the asphalt which, the historians claim, was once a surface for road traffic and pedestrians.

Neither the archaeologists nor you and I will be going inside, since it's easy to lose your way in there, goodness knows! But it won't be too much trouble to excavate a couple of streets, particularly Michigan Avenue and State Street, and, if they have the strength left, the archaeologists will clear a path for us to one of the working-class districts, the one where, in smoky Haymarket Square, the factory owners have raised the only *monument to a policeman* in the world. Yes, a monument in honour of the police! Where? On the very street where the *police* in 1886 *fired on the workers*. On a pedestal, graced with the inscription "In the name of the people I order that there should be quiet", there stands, with his arm raised, a burly husky fellow of steel and copper with bronze whiskers—the embodiment of the "cop", the name for a policeman here in America.

As I ride with Jack Kling and Alex Kolkin from the airport, the figure of a *living* policeman catches my eye on several cross-roads and squares. He stands there confident, reliable, his feet planted wide apart, a revolver right over his belly-button, a helmet down low over his eyes. He is not really as terrible as the little children think; but the police are the police, nevertheless. I notice that one of "my" policemen, as we drive past, wears a small grey canister on a strap; the canister is inscribed with some numbers and, underneath them, the word "riot". It's a tear-gas grenade. It mustn't be forgotten that the burly husky fellow of steel and copper with the bronze whiskers earned himself "immortal memory" by drowning in blood a workers' demonstration in the street where he now stands on a pedestal. . .

The snow falls and falls. There is a piercing wind. Chicago is freezing to death. Hundreds of cars line the streets, as can be guessed from the vague outlines, parked close to the sidewalks and no longer visible under the snow. . . Jack Kling says:

"The Governor of the State of Illinois applied to Washington for snow-clearing funds. He didn't get any, so he decided to go back home. So there he was, flying back, and when he looked through the port-hole, he could see it was still winter in Chicago. So he ordered the pilot to fly on to Florida, so that he could bide his time there. . . So it would have happened, and it wouldn't have been any warmer by the famous lake. But the Chicago press raised hell: What does this mean? He's the governor, and he runs away from the snow. . . And just imagine, he came back safely to work just this morning!

fascist death camp of Sobibor and on the subsequent trials of the war criminals. The novel unmasks the atrocities of fascism and the encouragement of neonazism on the part of the contemporary troubadours of the reaction.

In 1972, "Sovietish Heimland" published "People at War", an autobiographical story by twice Hero of the Soviet Union General-Colonel of the Tank Forces, D. Dragunsky of Moscow. The author has now added two more chapters to the story: "There Were Eleven of Us" and "The Eternal Fire". For the occasion of D. Dragunsky's seventieth birthday, "Sovietish Heimland" is publishing these new chapters.

To mark the sixtieth birthday of the poet M. Mogilevich of Kiev, we present a cycle of his latest poems. Our poetry feature includes a new selection of verse by Avrom Gontar of Moscow.

Our feature *"Publicism"* includes an item by Henrikas Zimanas of Vilnius, a well-known public figure. His article "The Anti-Jewish Ideology and the Politics of Zionism" is concerned with that side of the problem defined in the title which relates to the extremely cunning methods used by the carriers of this pernicious nationalist ideology for the mind-bending of the masses.

In connection with the fascist coup in Uruguay, the editors have been receiving letters from readers asking about the situation in that country. "Uruguay—Kingdom of Terror" is the title given to her article by Patricia Batista, an Uruguayan journalist who fled from the fascist persecution. The article was written specially for "Sovietish Heimland" and is included in our feature *"Information for Our Readers"*.

This is what was told to the writer by Beatrice Weizmann, a prisoner of the military regime:

"I was driven somewhere. Cotton wool was bandaged tightly over my eyes; I could not see anything. A check was hung round my neck. I was told that from that moment I lost my name and became a number.

I could hear people complaining; some screamed heart-rendingly. I learned afterwards that I had been standing near one of the places where the victims were tortured.

Several hours later, I was taken up into a room. My arms were bound with wire. They asked if I intended to talk. I told them I had nothing to talk about. They replied by ordering me to be hoisted up. Leather mittens were put on my hands and my arms were tied behind my back with thick rope and then pulled upwards. I was suspended in mid-air. The pain was dreadful; it was as if my arms were being pulled out. Soon the arms grow numb and the pain spreads all the way down your spine, you can't breathe. In this position I was insulted, abused and beaten.

After four hours, I began to choke. They gave me a drug to clear my bronchials and threw me down on the floor. The screaming and groaning went all around me. After about an hour, they stood me on my feet again: an hour standing, five minutes sitting down, and so on by turns. After ten hours of waiting, they took me up the stairs again. Again they asked me if I was going to talk; I replied that I had nothing to talk about, and they hung me up again..."

Our *criticism* and *bibliography* section contains the following articles: on the work of artist G. Inger, by Maria Chegodayeva of Moscow, and on anti-Soviet "journalism" in the New York magazine "Idishe kultur" by Argentine writer Tsalel Blitz.

The reader will find much of interest about Jewish social and cultural life in the Soviet Union in our other regular features: "Our Comments", "Chronicle of Cultural and Literary Life", "News from Birobijan", "Items of Interest", "From Our Photographic archives", "Lighter Moments", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to Those Learning Yiddish".

In our last number, we concluded the publication of "Fifteen Years After", the travel notes by Aron Vergelis of Moscow. Chapters from this work have been appearing in translation in the résumé since the June issue, 1979. In response to readers' requests, we are publishing three more chapters in translation.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")

No. 3, March 1980

As in the earlier issues of the magazine this year, our March number begins with items dedicated to the 110th anniversary of the birth of Vladimir Ilyich Lenin. "Love for All the People" an article by Ya. Gorelik of Moscow, tells about the living ties between the leader of the Revolution and the masses, about the countless letters written to Lenin by ordinary people. The article ends: "Lenin was the first statesman in history in whom the people had infinite faith and with whom the people were closely bound." In our feature "Fighters of Lenin's Guard", we are publishing an article about V. V. Lipschitz, an old revolutionary and dedicated fighter for Lenin's ideas, and a member of the Party since 1901. The article is by Evgenia Kaminskaya, a scientific worker in the Party Archives for the Regional Committee of the CPSU of the Kherson Region, and by journalist Vera Yakimenko.

Our editorial staff continues introducing the works of progressive overseas Jewish writers to the reader. A documentary story, "Silver Ponds" by American writer David Seltzer, tells how, during the war against fascism, people of good will in the USA felt deeply grateful to the Red Army and to the Soviet people for saving the world from the brown plague. The author of the story was one of those who organised the progressive Jewish organisation "Ambijan", which, after the battle of Stalingrad, took under its wing the orphanages in the Hero City. As a mark of acknowledgement for the attention and help given to them, the Stalingrad children whose parents fell in battle, sent "Ambijan" their drawings and handicraft work which writer David Seltzer has carefully preserved all these years, ignoring the stifling "cold war" atmosphere so prevalent in his home country, America. Our friend's documentary story is full of respect for the Soviet people and calls for the creation of a new climate in the relations between the two great powers—the Soviet Union and the United States.

In the same spirit are the poems by progressive Jewish poets in this issue: Esther Rimer of Buenos Aires, Sam Liptsin of New York, Dora Teitelboim of Paris, Chaim Schwartz of Los Angeles and L. Miller of Paris.

On the occasion of the 90th anniversary of the birth of People's Artist of the USSR S. M. Mikhoels, who made a notable contribution to Soviet theatrical art and art history, we are publishing the text of two speeches made by him on the connection between the art and life: "With What Does the Bird's Flight Begin?" and "The Right to One's Own Approach".

Prose in this issue is represented by "Trial After Sentence", a novel by M. Lev of Moscow, the events of which are based on a mutiny by convicts in the

Итак, в большом зале Пальма-отеля расположились многочисленные друзья, а также колеблющиеся, еще не определившие своей позиции люди, даже такие, которые возражают против наших аргументов, но все они были готовы выслушать то, что будет сказано. Вот сидит Ирвинг Солк, чикагский банкир, участник движения в защиту мира. А это — Гицис, Мойше Гицис, старый еврейский писатель, ему через пару месяцев стукнет 85 лет. В перерыве мы беседуем.

— Маня! — обращается он к жене. — Объясни Вергелису, почему мы вынуждены продолжать печататься в журнале «Идише культур» после того, как он сделался антисоветским...

— Не надо, я и сам знаю, — избавляю я Маню от тяжких оправданий. — Вы хотите сказать, дорогой Мойше, что вам негде больше печататься...

— Ой, пусть бог продлит вам жизнь...

И в памяти у меня высвечиваются строчки, которые занес в свой дневник герой одного из романов Гициса, писатель Бараш — безвольный нерешительный человек. «О, Адам! — пишет в дневнике персонаж. — Почему ты меня не научил греху, да такому, чтобы от него мне стало светлее? Почему ты оставил мою душу в темноте и во власти хаоса?»

Пожалуй, нет надобности здесь, в далеко не хаотичном зале нашей встречи, говорить с Гицисом о причинах идеологического хаоса, охватившего еврейскую литературу в Америке. И без того ясно, что этот вопрос следует задать не абстрактному Человеку — Адаму. Прежде всего необходимо, чтобы малочисленные прогрессивные еврейские писатели, держащие еще перо в руке, пробудились от охватившего их в последние годы сна и со всей ясностью и твердостью водворили снова на её место литературу, удалив от нее, вышвырнув без церемоний самозванцев с пустыми душонками, политических проституток, пытающихся выйти к широкому читателю, если не с литературными произведениями, то с одной лишь антисоветской и антикоммунистической клеветой.

А в зале настроение отличное. Когда я отвечаю на вопросы присутствующих, поднимается молодой негр и, спросив меня о чем-то, ссылается на одно место в моей книге «На еврейской улице», выпущенной несколько лет назад в английском переводе издательством Агентства печати «Новости». Оказывается, что организаторы вечера продавали сегодня книгу у входа в Пальма-отель. Джек Клинг говорит мне:

— Все имевшиеся у нас экземпляры распроданы. Теперь пиши новую книгу...

как-никак строгим маршалам не удалось снять ермолки у двух ортодоксальных евреев!

Если вам этого мало, то можно добавить еще одно историческое достижение. Недавно разгорелся шум вокруг книги профессора чикагского Северо-Западного университета Артура Больца — книги о «ложной цифре 6 миллионов». (По специальности профессор инженер-электрик, но, как вы видите, он не чуждается и исторической науки, в частности, он очень живо изобразил картину того, как хитрые евреи в оккупированных гитлеровцами странах прикинулись убитыми, задушенными в газовых камерах, в то время, как они все живы и поныне). Так вот: этот Артур Больц издал свою книгу не в Чикаго, и не в Америке вообще, а где-то в Англии, и пусть его там возьмет нечистая сила, этого Артура Больца... Лишь бы книга не была издана в Чикаго!

22. Чикаго Джека Клинга

Оставим, дорогой читатель, этих ископаемых — национальных фанатиков. Пожалуй, запомним лишь то, что именно *они* кричат на всех перекрестках, что *мы* не суть настоящие евреи, более того — мы, советские евреи, являемся отступниками, чуть ли не антисемитами.

Вернемся лучше в Чикаго Джека Клинга. Там мы встретим людей со здоровой психикой и высокими устремлениями.

Из рассказов о волнениях в Скоки запомнилась, в числе других, фамилия адвоката Ирвинга Стейнберга. Передавали, что он проявил гражданское мужество, выступив на митинге протеста против затеи фашистов, несмотря на угрозы последних применить против ораторов силу. Понятно, что мне было приятно видеть Ирвинга Стейнберга на председательском месте во время встречи чикагской общественности со мной в Пальма-отеле.

В прекрасном зале популярной гостиницы собрался Чикаго Джека Клинга: не только пожилые трудящиеся люди, которым удалось, как известно, придать сохранившемуся в их среде еврейскому языку идиш постоянную на протяжении многих десятилетий прогрессивно-социальную функциональность, но и немалое количество молодых ребят, евреев по национальности, выражающих ныне свои свободолюбивые мысли преимущественно на языке страны, на английском. Пришли также на вечер, посвященный жизни в Советском Союзе, вместе со своими еврейскими товарищами, многие не-евреи, черные и белые. Организаторы вечера позаботились, чтобы рассказ советского гостя переводился на английский язык, и для меня было приятной неожиданностью то, что появившийся на сцене переводчик оказался Джозефом Элбейном, тем ветераном антигитлеровской войны, который пятнадцать лет назад был моим переводчиком, когда я в день убийства президента Кеннеди дал интервью комментатору чикагской радиостанции «Даблью-Би-Би-Эс» Прайсу.

(В моем дневнике того времени записано: «На одной из улиц нашу машину поджидал ветеран войны Джозеф (Иосиф-Лейб) Элбейн. Он будет на радио моим переводчиком. Элбейн — бывший прогрессивный деятель. Он отошел от движения, но не порвал с ним. Вчера он передал мне рукопись своего стихотворения «Раздумья о тех, кто одурачивает американского еврея». Теперь не до стихов. Мы откладываем разговор на более подходящее время...).

Хелло, Джо! Неужели вы все еще бывший прогрессивный деятель? Пятнадцать лет — достаточный срок, чтобы хорошенько отдохнуть, а теперь не пора ли снова взяться за дело... Да не бойтесь же. Вам сегодня предстоит всего лишь переводить то, что скажет в этом зале ваш старый знакомый, приехавший снова из Москвы. Это не представит вам большого труда, ибо собравшимся в зале чикагцам многое понятно без слов. Хотя...

Джек Клинг шепчет мне на ухо, чтобы я посмотрел направо, в самый дальний угол зала. Там, говорит он, сидят десятка полтора молодчиков из «Джуиш дефенс лиг».

— Откуда ты знаешь?

— Мы знаем в зале всех.

— Почему же вы впустили этих?

— Пускай послушают. Молодчики — тоже люди.

— А что, если начнут буянить?

— Тогда мы поможем им открыть дверь.

И представьте себе: молодчики из «Лиги» постепенно забыли, кто они и с какой целью их сюда прислали. Они сидели и слушали до тех пор, пока не вошла какая-то женщина и вызвала их из зала.

И именно эту окраину Чикаго американский неонацизм выбрал для проведения массового сборища его штурмовиков!

Напряженная борьба, которая велась в связи с фашистской выходкой, бросила яркий свет на «еврейский вопрос». С одной стороны, нашлись в «эстаблишменте» либералы, призывавшие не раздражать зверя контр-демонстрациями. Один адвокат, еврей по национальности, его имя Дэвид Голдбергер, даже заступился за обиженных наци и потребовал в суде, чтобы их не лишали гражданских прав. Когда его спросили, следует ли разрешать фашистам маршировать даже в том случае, если они будут нести плакаты с надписью «Убивайте евреев!», он ответил, что да, такое разрешение соответствовало бы американскому принципу свободы слова...

С другой стороны, американский народ в целом показал в этом эпизоде свой здоровый характер. Все этнические группы в Скоки, как вообще в Чикаго, прогрессивные организации во главе с коммунистами «скрутили руки» хулиганам. В газете «Чикаго Сан-Таймс» появилась фотография: на фоне большого скопления возмущенных демонстрантов стоит молодой негр. Одна рука его поднята над головой и сжата в кулак, в другой руке он держит плакат с надписью: «6 миллионов евреев — геноцид не должен повториться!». Когда атаман нацистов Фрэнк Колинс стал разглагольствовать перед своими молодчиками в Маркет-парке, что уничтожение евреев за то, что они евреи, его не смущает, а наоборот, он огорчен, что столько евреев осталось в живых, — ему в другом месте Чикаго, в Роджерс-парке, ответил на массовом митинге негритянский лидер Джесси Джексон: «Мы не допустим антисемитского похода нацистов в Скоки! Вопрос стоит теперь так: или мы должны соединиться, или впасть в панику и уступить поле нацистам»...

Следует заметить, что два парка в Чикаго воплощают две социальные среды. Маркет-парк — не просто район «только для белых», но, главным образом, пресыщенный, толстосумный, шовинистический район. Два «парка», два Чикаго, два мира. Когда прогрессивный негр Джесси Джексон объявил, что «вопрос стоит теперь так»... — он в этот «вопрос» включил все «еврейские вопросы», которые еврей Дэвид Голдбергер изолировал от борьбы за свободу и социальную справедливость, ведущейся американским народом.

Буря страстей вокруг Скоки теперь уже улеглась. Сегодня здесь спокойно. Я брожу по улицам окраины, и — то ли замело снегом, то ли время залечило раны, — в Скоки совершенно не чувствуется, что существует еврейский вопрос. На фасаде модернистского здания синагоги, в которой проповедником выступает популярный чикагский рабай, протянут от окна к окну транспарант с призывом: «Сэйв совьет джу!» — спасите советских евреев. Джек Клинг в шутку предлагает, чтобы я встал ему на плечи и исправил одно слово, тогда призыв станет полезным: «Сэйв Скоки джу!».

Один из прохожих, видя, как мы стоим, задрав головы, тоже смотрит на транспарант и бормочет:

— Чтобы спастись от еврейских бед у нас, в Америке, предлагают спасать евреев у них в России...

На обратном пути домой мы не обходим стороной так называемый «Джуиш комюнити сентер», заведение, в стенах которого создан для любого входящего заповедный еврейский мир. К примеру, есть здесь бассейн, в котором плавают чисто по-еврейски — в ермолках вместо купальных шапочек, а не снятые с тела молитвенные принадлежности — «цицес» — всплывают во время купания над водой как рыболовные сети...

(Надо заметить, что именно на ермолочном фронте чикагское национальное еврейство одержало в эти дни поистине историческую победу. Дело было вот как. Два ортодоксальных еврея пришли в суд, а блюстители порядка — их в Америке скромно величают «маршалами» — велели им, согласно процедуре, снять ермолки. Впоследствии это вызвало специальное судебное разбирательство, и в результате энергичной кампании, предпринятой Американским еврейским конгрессом, федеральный судья Герберт Л. Вис — я называю его полное имя, чтобы будущие историки еврейского народа уделили ему заслуженное место, — федеральный судья Чикаго Герберт Л. Вис вынес определение о том, что в суде можно ермолки не снимать.)

Кто говорит, что в Чикаго не занимаются еврейскими вопросами!

Конечно, прошли уже те времена, когда еврей в Чикаго после тяжелого рабочего дня в горячих мастерских отправлялся в театр Гликмана на Блю Эйланд авеню или в другой еврейский театр на Мэксвелл стрит, а вернувшись домой, он перед сном заглядывал в одну из трех чикагских ежедневных еврейских газет, а то и во все три сразу... Приходится сегодня сдерживать амбиции — не то уже ныне чикагское национальное еврейство, однако вы можете думать всё что угодно, но

у самого пупа, каска надвинута на брови. Он не такой уж страшный, как думают маленькие дети, однако полиция есть полиция. Вот виднеется у одного из «моих» полицейских, мимо которого я проезжаю, небольшой серый баллончик на ремне, и на баллончике выведены красной краской несколько цифр, и под ними — «riot» (мятеж). Это граната со слезоточивым газом. Нельзя забывать, что *тот здоровый детина* из стали и меди, с бронзовыми усищами заработал себе «вечную память» тем, что утопил в крови демонстрацию на рабочей улице, где стоит на постаменте...

А снег падает и падает. Дует пронизывающий ветер. Чикаго просто замерзает. Вдоль улиц, прижатые к тротуарам и уже невидимые под снегом, угадываются своими слабыми контурами сотни автомобилей. Джек Клинг рассказывает:

«Губернатор штата Иллинойс подался в Вашингтон, чтобы раздобыть деньги для уборки снега. Ну, ему не дали, и он решил вернуться домой. И вот он летит обратно и видит в иллюминатор, что в Чикаго еще зима. Тогда он велит пилоту лететь дальше — во Флориду, чтобы там переждать... Так оно и произошло бы, и у знаменитого озера от этого, конечно, не потеплело бы, но подняли неимоверный шум чикагские газеты: что это значит! Губернатор, а спасается бегством от снега... И представьте — как раз сегодня утром он благополучно вернулся на свою службу! Город Чикаго и весь штат Иллинойс в восторге: отец вернулся! Кстати, когда помощники встречали его в аэропорту, он справлялся у них, работают ли в Чикаго учреждения, и ответ был таков: «Город, который работает (так в Америке называют Чикаго), — не работает»...

Я, со своей стороны, не могу понять, почему снегопад вызвал у американцев такой переполох. В конце концов это симпатичный снежок. А вы чего хотели, чтобы зимой у ваших ног журчали теплые ручейки? Когда мы отъезжаем подальше от аэропорта, я с удовольствием смотрю на белые, чистые снежные поляны в тех местах, где автомобили и пешеходы еще не успели превратить снег в грязное месиво. Когда ветерок поднимает в воздух лёгкие снежные вихри, я приоткрываю в машине окно, чтобы подышать свежестью. Наконец мы въезжаем в город, и мне передается тотчас его добросердечная тишина и какая-то особая торжественность в его настроении.

Мы останавливаемся у мотеля «Шаратон-Хилтон» — здесь будет наше жилье. Войдя в светлую, просторную комнату, я говорю Джеку:

— Ну что ж, давай поговорим о джуиш сабджектс (о еврейском вопросе)...

21. Еврейский вопрос в Чикаго

В Чикаго еврейские вопросы такие же абсурдные, как и в других больших американских городах. Вы хотите, чтобы в городе было компактное еврейское население? Пожалуйста, вот вам целых 275 тысяч евреев. А если кому-либо понадобится национальное содержание, то и на это есть ответ: синагоги, ешиботы, кошерные лавки... Чего еще желаете? Еврейской культуры? Еврейской газеты? Театра? Этого, извините, нет. Поймите же, что эмигрантские поколения отходят в прошлое, молодые же не помнят своего рода и племени, так что перестаньте упрямиться. Однако, увы, на еврейской улице, несмотря на все это, шум стоит неимоверный. В чем дело? И тут-то мы сталкиваемся с абсурдным еврейским вопросом.

Прикройте глаза, и пусть вам покажется, что большая масса людей занята прокладыванием дороги. Все, что для работы необходимо, имеется, люди разбитые на группы, некоторые уже трудятся, но разгорелся спор. Одни говорят, что дорога должна вести отсюда туда, другие — оттуда сюда. Есть и такие, которые вообще сомневаются: откуда вы взяли, что дорога должна куда-нибудь вести? Она ведь может и кружить вокруг себя. Приходят еще знатоки и говорят, что самый прямой путь тот, который ведет вглубь, под землю. И все спорят. И стоит галдеж неимоверный. Между тем, прошло время и — о, боже, что творится? Дорога и землекопы с их лопатами, кирками, ломами и машинами — всё исчезло, и остался висеть в воздухе лишь галдеж, даже более сильный, чем во время работы...

Это и есть картина того, как разрешаются еврейские вопросы в Америке, в частности, в Нью-Йорке, Лос-Анджелесе, Чикаго, и несомненно во всех других могучих, ультрамодерновых, небоскребных городах Соединенных Штатов Америки.

Вообще-то здесь охотно обсуждают жизнь евреев *в других странах*. Однако же, когда все-таки всплывает какой-либо *собственный* еврейский вопрос, то все на него наваливаются всей грудью, вкладывают в него душу, и он становится предметом страстей всех без исключения, от мала до велика. Недавно с уст чикагцев не сходило слово «Скоки».

Скоки — обширный район на окраине Чикаго — представляет собой, как говорят, «еврейское местечко внутри города». Из 70 тысяч жителей 40 тысяч — евреи. Примерно 6—7 тысяч из них прибыли сюда со своими семьями, как беженцы военного времени, спасшись от лагерей смерти, то есть они знают по собственному опыту, что такое нацизм.

В других постоянных рубриках журнала — «Наша реплика», «Хроника культурной и литературной жизни», «Биробиджанские новости», «Это интересно», «Из нашего фотоархива», «Веселые строки», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощ изучающим идиш» — читатели найдут много интересного о еврейской общественной и культурной жизни в Советском Союзе и за рубежом.

В прошлом номере журнала была закончена публикация путевого очерка Арона Вергелиса (Москва) «Пятнадцать лет спустя». Перевод отдельных главок этого очерка включался в резюме, начиная с июньского номера за прошлый год. Идя навстречу просьбам читателей, редакция публикует перевод еще трех главок.

Арон Вергелис

Пятнадцать лет спустя

20. Поговорим о джуиш сабджектс...

В старое доброе время не представляло трудности махнуть денька на два на извозчике в другой город, чтобы навестить доброго знакомого, узнать, как ему живется. Сегодня это слишком большая роскошь — тратить дорогое время, если можно снять трубку и поговорить по иногороднему.

А я, как видите, не поленился и прилетел из Москвы в Чикаго к Джеку Клингу. Если вы скажете, что не знаете, кто такой Джек Клинг, то я вам не поверю. Еще пятнадцать лет назад, когда я впервые посетил город на озере Мичиган, один местный старожил в разговоре со мной выразился так: «Джека Клинга знает весь чикагский рабочий класс»... А на сегодняшний день круг стал еще шире — Джек руководит организацией коммунистической партии Америки в штате Иллинойс, чьей столицей является Чикаго. Так как же вам верить, что вы не знаете Джека Клинга?

Вот уже пятнадцать лет меня не оставляет досада за то, что встреча моя с ним была прервана «убийством века». В то дождливое утро я, сидя в его автомобиле, услышал по радио, что застрелян президент Соединенных Штатов Джон Фицжеральд Кеннеди. Вскоре я покинул Чикаго, не успев даже присесть в доме Клингов к накрытому столу.

В тот день в Чикаго шел дождь. Сегодня город завален снегом. Вот уж третья неделя, как сыплет и сыплет. Сугробы обледенели и утрамбовались, став как бы элементами рельефа местности. Никто не соскребает их лопатой. Пройдет еще неделька другая, и, кажется, Чикаго весь уйдет под снег. Придется привести археологов, чтобы откопать город, если для истории понадобится установить, что в нем произошло в январе — феврале 1979 года.

Если хотите, то ничего особенного не произошло. Археологи соскребут затвердевший снег, и первым предметом, который они достанут с глубины, будет стоэтажный небоскреб «Джон Хэнкок центр». Чтобы добраться до входной двери, а не лезть через крышу, придется откопать в глубину 332 метра снега и таким образом дойти до асфальта, служившего раньше, как утверждают историки, плоскостью для езды и ходьбы.

В «Джон Хэнкок» археологи, а также мы с вами, не войдем, потому что там можно, упаси боже, заблудиться. Зато не представит уже больших хлопот откопать и пару улиц, прежде всего, конечно, Мичиган-авеню, и Стэйт-стрит, и если хватит сил, археологи проложат нам путь к одному из рабочих предместий, к тому самому, где на продымленной улице Хеймаркет-сквер хозяева заводов соорудили единственный во всем мире *памятник полицейскому*. Да, да, памятник в честь *полиции!* И где? На той самой улице, где *полиция* в 1886 году *стреляла в рабочих*. На постаменте, где красуется надпись «От имени народа приказываю, чтобы было спокойно», стоит с поднятой рукой здоровый детина из стали и меди с бронзовыми усицами — воплощение «копа», как в Америке называют полицейских.

Когда я еду вместе с Джеком Клингом и Алексом Колкиным из аэропорта, фигура *живого* полицейского попадается мне на многих перекрестках и площадях. Он стоит уверенно и надежно, широко расставив ноги. Пистолет прижался к животу

ний, посвященных вопросам связи искусства с жизнью («С чего начинается полет птицы», «Право на собственный подход»).

Проза представлена в этом номере романом М. Лева (Москва) «Суд после приговора», события в котором разворачиваются вокруг восстания узников фашистского лагеря смерти Собибор и последующих судебных процессов над военными преступниками. В романе разоблачается как звериная сущность фашизма, так и потворство неонацизму со стороны современных трубадуров реакции.

В 1972 году «Советиш геймланд» опубликовал автобиографическую повесть дважды Героя Советского Союза генерал-полковника танковых войск Д. Драгунского (Москва) — «Люди на войне». В настоящее время автор дополнил повесть двумя новыми главами: «Нас было одиннадцать» и «Вечный огонь». В связи с 70-летием Д. Драгунского «Советиш геймланд» публикует эти новые главы.

Отмечая шестидесятилетие поэта М. Могилевича (Киев), редакция знакомит читателей с циклом его новых стихов. Поэтическая рубрика этого номера включает новую подборку стихов Аврома Гонтаря (Москва).

В разделе *«Публицистика»* выступает общественный деятель Генрикас Зиманас (Вильнюс). Его статья «Антиеврейская сущность идеологии и политики сионизма» посвящена той стороне вынесенного в заголовок вопроса, которая относится к наиболее коварным методам, применяемым носителями тлетворной националистической идеологии для обработки масс.

В связи с фашистским переворотом в Уругвае редакция журнала получает письма читателей, интересующихся положением в этой стране. «Уругвай: королевство террора» — так озаглавила свою статью Патриция Батиста, уругвайская журналистка, бежавшая от фашистских преследований. Статья написана специально для журнала «Советиш геймланд» и помещена в рубрике «Информируем наших читателей».

Вот что рассказала журналистке одна из узниц военного режима — Беатрис Вейцманн:

«Меня привезли в какое-то место. На глаза мне надели тугую повязку с ватой; я ничего не видела. На шею повесили номерок. С этой минуты, — сказали мне, — я теряла имя, становилась номером.

Я слышала жалобы людей; некоторые душераздирающе кричали. Позже я узнала, что стояла около одного из мест пыток.

Через несколько часов меня провели по лестнице вверх, в какую-то комнату. Руки мои были скручены проволокой. Спросили, намереваюсь ли я говорить. Я заявила, что говорить мне не о чем. В ответ приказали меня подвесить. На руки мне натянули кожаные рукавицы, завернули руки за спину, связали толстыми веревками и подтянули вверх. Я повисла в воздухе. Боль была страшной, как будто вырывали руки. Вскоре руки немеют и боль распространяется на весь позвоночник; не хватает дыхания. В таком положении меня оскорбляли, оскверняли и избивали.

Через четыре часа я начала задыхаться; мне дали лекарство, расширяющее бронхи, и бросили на пол, на грязный матрац. Вокруг продолжали раздаваться крики и стоны. Приблизительно через час меня снова поставили на ноги: час стоя, пять минут сидя, час стоя, пять минут сидя, и так поочередно. Через 10 часов ожидания меня снова отвели вверх по лестнице. Снова спросили, собираюсь ли я говорить; я ответила, что говорить мне не о чем, и снова меня подвесили...».

В разделе *критики и библиографии* печатаются статьи Марии Чегодаевой (Москва) — о творчестве художника Г. Ингера, аргентинского писателя Цалела Блица — об антисоветской «публицистике» в нью-йорском журнале «Идише культур».

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 3, март, 1980

Как и предыдущие номера журнала за этот год, мартовский номер открывается материалами, посвященными 110-летию со дня рождения Владимира Ильича Ленина. Из статьи Я. Горелика (Москва) «Всенародная любовь» мы узнаём о живой связи вождя революции с народными массами, о многочисленных письмах, которые простые люди писали Владимиру Ильичу. Статья заканчивается словами: «Ленин был первым в истории государственным деятелем, которому народ безгранично верил, с которым народ был тесно связан». В рубрике «Борцы ленинской гвардии» публикуется очерк о старом революционере, беззаветном борце за ленинские идеи, члене партии с 1901 года В. В. Липшице. Авторы этого материала — научный сотрудник партийного архива при обкоме КПСС Херсонской области Евгения Каминская и журналистка Вера Якименко.

Редакция продолжает знакомить читателей «Советиш геймланд» с произведениями прогрессивных еврейских писателей зарубежных стран. Документальная повесть американского писателя Давида Сельцера «Серебряные пруды» рассказывает, как в годы войны против фашизма люди доброй воли в США были преисполнены глубокой благодарности Красной Армии, советскому народу за спасение мира от коричневой чумы. Автор повести был одним из руководителей прогрессивной еврейской организации «Амбиджан», которая после сталинградских боёв взяла шефство над детскими домами Города-Героя. В знак признательности за оказанные им внимание и помощь дети Сталинграда, чьи родители погибли на полях войны, подарили «Амбиджану» свои рисунки и предметы рукоделия, которые писатель Сельцер бережно хранил много лет, пренебрегая удушливой атмосферой холодной войны, царившей у него на родине, в Соединенных Штатах Америки. Документальная повесть американского друга исполнена уважения к советским людям, призывает к созданию нового климата во взаимоотношениях между великими державами — Советского Союза и Соединенными Штатами.

В таком же духе выдержаны помещенные в этом номере журнала стихи прогрессивных еврейских поэтов: Эстер Ример (Буэнос-Айрес), Сэма Липцина (Нью-Йорк), Доры Тейтельбойм (Париж), Хаима Шварца (Лос-Анджелес), Л. Миллера (Париж).

В связи с 90-летием со дня рождения народного артиста СССР С. М. Михоэлса, внесшего заметный вклад в советское театральное искусство и искусствоведение, публикуется текст двух его выступле-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк

Корректор В. Гершман

Сдано в набор 1.I.1980. Подписано к печати 18.II.1980 г. Формат 70×108$^{1}/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,07). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1862.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1980 г.

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 110-летию со дня рождения В. И. Ленина.
Я. Горелик. Всенародная любовь (по письмам к Ильичу). В. Якименко, Е. Каминская. Боец ленинской гвардии.
Произведения зарубежных писателей. Д. Сельцер (США). Серебряные пруды. Документальная повесть. Стихи Э. Ример (Аргентина), С. Липцина, Х. Шварца (США). Д. Тейтельбойм, Л. Миллер (Франция).
М. Лев. Суд после приговора (роман).
Стихи М. Могилевича, А. Гонтаря.
Публицистика. Г. Зиманас. Антиеврейская сущность идеологии и политики сионизма. П. Батиста. Уругвай: королевство террора.
Памятные литературные даты. С. Михоэлс (к 90-летию), И. Линецкий (к 140-летию), Н. Штиф (к 100-летию).
Литературная критика. Т. Знаменская. Парадоксы в творчестве писателя С. Беллоу.
Наша реплика. Хроника культурной и литературной жизни. Это интересно. Из нашего фотоархива. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. В помощь изучающим идиш.
Резюме на русском и английском языках.

1980
№3